STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00230

R. NAHMAN BRASLAVER

Hillel Zeitlin

Permanent preservation of this book was made possible by
Orrie & Laurel Friedman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר׳ נחמן בראַסלאַווער

דער זעער פון פּאָדאָליע

געזאַמלטע ווערק

פון

הלל צייטלין

●

בוך איינס:

ר׳ נחמן בראַסלאַווער

דער זעער פון פּאָדאָליע

ר׳ נחמן בראַסלאַווער

דער זעער פון פּאָדאָליע

פון
הלל צייטלין

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

REB NAKHMAN BRASLAVER

by

HILLEL ZEITLIN

Copyright 1952, by
AARON ZEITLIN
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street, New York 3, N. Y.

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, Inc., New York, N. Y.



הלל צייטלין

אין 1946 האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די געזאַמלטע ווערק פון הלל צייטלין ז"ל.

דער באַשלוס איז געווען, אַז דאָס ערשטע בוך זאָל זיין די מאָנאָגראַפיע „ר' נחמן בראַסלאַווער" וואָס איז בשעתו געדרוקט געוואָרן, אין המשכים, אין דער וואַרשעווער טאָג־צייטונג „דער מאָמענט". מיר האָבן געוואָלט אַרויסגעבן אַ בוך, וואָס איז נאָך פריער נישט געהאַט דערשינען אין בוך־פאָרם.

האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן די צייטונג „דער מאָמענט".

פוילן איז חרוב. אין אַמעריקע איז די צייטונג נישט געווען בנמצא (הייַנט זייַנען שוין פאַראַן אַ צאָל יאָרגענג אין „ייוואָ"). אין די גרויסע ביבליאָטעקן פון מערערע אייראָפּעאישע לענדער, וואוהין מיר האָבן זיך געהאַט געווענדט, איז די צייטונג נישט געווען. אין איין אָרט איז דער „מאָמענט" יאָ געווען, — אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים. אָבער אין גאַנץ ארץ־ישראל, אונטערן מאַנדאַט, איז נישט געווען קיין פאָטאָסטאַט־מאַשין וואָס זאָל קאָנען קאָפּירן די סעריע. דורך דער צייט איז אויפגעקומען מדינת ישראל, און די ביבליאָטעק אויפן הר הצופים איז אָקופּירט געוואָרן פון די אַראַבער.

עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מע זאָל מוזן אויפגעבן דעם פּלאַן.

האָבן זיך געפונען אין ניו־יאָרק צוויי ייִדן, — אהרן קאַרלין, רעדאַקטאָר פון „די פעדער", און משה אַדאַנער, באַקאַנטער ביכער־זאַמלער, וואָס האָבן גראָד געהאַט אַ צאָל נומערן „מאָמענט" מיט דער סעריע: „ר' נחמן בראַסלאַווער". עטלעכע נומערן האָבן מיר געפונען אין „ייוואָ". די לעצטע ניין קאַפּיטלען, צו קאָמפּלעטירן דאָס בוך, האָבן מיר שפּעטער געקראָגן פון פריינד אין אויסלאַנד. פאַר דער פריינדלעכער הילף דריקן מיר אויס אַלעמען אונדזער אויפריכטיקן דאַנק.

די אַרבעט איבערצוזעצן טייל כתבים, וואָס הלל צייטלין האָט געשריבן וועגן ר' נחמן בראַסלאַווער אויף העברעאיש, ווי אויך נאָכקוקן, איבערקוקן און סדרן דאָס בוך, האָט געטאָן זיין זון אהרן צייטלין.

אַ גרויסן יישר כוח דעם וואַרעמען פאַרערער פון הלל צייטלין, הי"ד, פריינד לואי שאַפּיראָ, פאַר מיטהעלפן אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

פאַרלאַג מתנות

אינהאַלט:

מיין פאָטער —

הלל ציַיטלינס לעבן און שאַפן — אהרן ציַיטלין 11

קאַפּיטל א.

דער זון פון פּייגע דער נביאה 51

קאַפּיטל ב.

צווישן וועלדער 59

קאַפּיטל ג.

דער אָנהייב פון רבישאַפט 64

קאַפּיטל ד.

פאַר־ארץ־ישראלדיקע תורות און השגות 68

קאַפּיטל ה.

נאָך וועגן די פאַר ארץ־ישראלדיקע תורות און השגות 77

קאַפּיטל ו.

די הכנות צו ארץ־ישראל 82

קאַפּיטל ז.

דער אָפּפאָר פון דער היים און דער אָנקום קיין סטאַמבול .. 87

קאַפּיטל ח.

ר׳ מענדל וויטעבסקער, ר׳ אברהם קאַליסקער, דער רב מלאַדי
און — ר׳ נחמנס אויפפירונג 92

קאַפּיטל ט.

פון סטאַמבול קיין חיפה 101

קאַפּיטל י.

ביז טבריה און אין טבריה 106

קאַפּיטל יא.

דערהויבענע איבערלעבונגען אין טבריה 112

קאַפּיטל יב.

די בהלה אין עכו 118

קאַפּיטל יג.

אויף אַ טערקישער קריגס־שיף 122

קאַפּיטל יד.

וויַיטערדיקע איבערלעבונגען אויף דער טערקישער שיף ... 125

קאַפּיטל טו.
די באַפּרייאונג — און אַן אגדה וועגן ר׳ נחמנס געבורט ... 130
קאַפּיטל טז.
וואָס ר׳ נחמן האָט געזוכט און וואָס ער האָט דערגרייכט
מיט זיין נסיעה 142
קאַפּיטל יז.
די ערשטע באַגעגענישן נאָכן צוריקקער 147
קאַפּיטל יח.
צווישן הויכע בערג 152
קאַפּיטל יט.
דער אַלטער לייב און דער יונגער אָדלער 163
קאַפּיטל כ.
רדיפות אויף ר׳ נחמנען 168
קאַפּיטל כא.
שקרים, בלבולים — און דער מקור פון די רדיפות 173
קאַפּיטל כב.
ווי אַזוי דער מאור הגדול און דער מאור הקטן האָבן זיך
געזוכט 184
קאַפּיטל כג.
די לעצטע יאָרן פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער 196
קאַפּיטל כד.
אומאַן, ר׳ נחמנס פטירה און ר׳ נתנס מסירת נפש 208
קאַפּיטל כה.
ר׳ נתן אין ליכט פון זיינע בריוו 215
קאַפּיטל כו.
די סיפורי מעשיות 224
קאַפּיטל כז.
די יסודות פון ר׳ נחמנס וועלט־באַנעם 240
קאַפּיטל כח.
משיח און משיח־ליכט אין ר׳ נחמנס שיטה 248
קאַפּיטל כט.
פון „ליקוטי מוהר״ן״ 278
צווישן בראַסלאַווער חסידים
פון אַ באַזוך אין בערדיטשעוו אין יאָר 1911 295
זוך־צעטל

מ י י ן פ אָ ט ע ר

הלל צייטלינס לעבן און שאַפן

פון

אהרן צייטלין

מיין פאָטער

פון

אהרן צייטלין

אַז מיין פאָטער פלעגט מיט זיינע שנעלע נערוועזע טריט גיין איבער דער גאַס, דער ברויזיקער וואַרשעווער גאַס, פלעגן יידן זיך אָפּשטעלן אין מיטן דעם וואָכעדיקן געלאַף, טייטלען און שעפּטשען איינער צום צווייטן: רב הלל. כאָטש אַלע האָבן אים געקענט, האָבן אַלע געפילט, אַז זיי קענען אים נישט. קיינער איז נישט געווען אַזאַ מפורסם ווי ער און קיינער איז נישט געבליבן אַזאַ נסתר.

געווען צייטן, ווען דאָס יידישע פוילן האָט געלעבט, געאָטעמט, גע־פיבערט מיט זיינס אַן אַרטיקל. געווען צייטן, ווען מיט זיינע רעדעס, מיט דעם עצם קלאַנג פון זיין קול, האָט ער די יידישע יוגנט ממש מיט־געריסן. קיין אָראַטאָר איז ער נישט געווען, אָבער גערעדט האָט ער אַזוי, אַז עס האָט אָפּגעהילכט אין די באַהאַלטנסטע ווינקעלעך פון נשמות. הערן אים רעדן אין יענע צייטן איז געווען אַן איבערלעבונג. ס׳איז געווען אין דער בחינה פון „וינועו אַמות הספים״. אַזוי אָנצינדן האָט געקאָנט נאָר איינער, וואָס איז אַ לעבעדיקער פאַקל פון גייסטיקייט.

כ׳האָב נישט געקענט נאָך אַ מענטש, וואָס די נשמה זאָל אַזוי באַ־הערשן זיין חומר. ווען זיין הויכע פיגור, ברייטפּלייציק און שלאַנק צו־גלייך, האָט זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון דער נשמהס ליידן, האָט ער אויסגעזען ממעמקימדיק. און האָט זיין פיגור, אין מאָמענטן פון עלית־נשמה אָדער פון שטאַרקן אינערלעכן אויפברויז, זיך אויסגעגליכן, זיך געשטעלט אין פולער גרויס, איז עס געווען, ווי אַ שטיק וועלט וואָלט זיך מיט אים אַ הויב געטאָן. די גרויסע אָבותדיקע באָרד, וואָס איר קופּער איז אויף דער עלטער געוואָרן זילבער, האָט געקאָנט זיין תפילה־לעני־דיק, עפּעס ווי פאַרוויינט, און אָט האָט זי אויפגעלויכטן. ווי אין תהילים שטייט: לערב ילין בכי ולבוקר רנה. די שוואַרצע, פון שוואַרצקייט אַזש בלויליכע, ווייכע און לאַנגע האָר פון קאָפּ, וואָס האָבן שפּעטער העל גע־זילבערט מיט דער באָרד צוזאַמען, זענען אָט אַראָפּגעהאַנגען און אָט זיך

ערגעץ געריסן, ווי אין אַ שטורעם. געדיכטע לאַנגע ברעמען האָבן אויס־באַהאַלטן בלויע נסתרדיקע אויגן, האַלב פאַרזשמורעטע מחמת אייביקער קאָנצענטרירונג, און אַמאָל פלעגן זיי אַרויסלאָזן די אויגן פון באַ־העלטעניש — און ס'איז געוואָרן נגלה. האַלב צוגעמאַכט ווי ביים הערן מוזיק, פלעגן זיך די אויגן צייטנווייז אויפהויבן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער טיפעניש האָבן זיי איבערגעלאָזט עפּעס אַן אַנדער קאָליר און צו דיר זענען זיי אַרויסגעשוואומען קינדיש־בלויע. דענסטמאָל פלעגסטו אַנטדעקן, אַז זיי קענען לאַכן, און אַמאָל טאַקע פלעגט דער אויפהויב באַ־גלייט ווערן מיט אַ הייס האַרציק געלעכטער, וואָס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ קינד און עפּעס, וואָס שטורעמט זיך אויס.

זיין „אויסטערלישער און הערלעכער קאָפּ" (ראשו המוזר והנהדר), ווי עס זאָגט, ריידנדיק פון מיין פאָטער, י. ד. בערקאָוויטש (אין זיינע „הראשונים כבני אדם"), האָט דערמאָנט אין אַנדערע דורות. ער איז געווען פאַרטאָן אין אַ ניגון און אין אַ הסתכלות אויך אויפן גאַס, אויך אין ענג־געפּאַקטן וואַרשעווער טראַמוואַי, וואו אַפילו פּאָליאַקן, מענטשן וואָס האָבן אים נישט געקענט, פלעגן זיך אינסטינקטיוו אויפהויבן און אים יראת־הכבודיק אָפּטרעטן דאָס אָרט. זיין תפילהדיק פּנים האָט אַן אויפהער אָפּגעשפּיגלט עפּעס אַנדערש און איז תמיד געבליבן דאָס זעלבע: טרויעריק־פריילעך, יאושדיק־בשורהדיק. זיין האַרץ האָט זיך געבראָכן פון רחמנות איבער אַן אָרעמער פּשעקופּקע (הענדלערין) ביי די האַליעס, און איז צוגלייך געווען פול מיט די אַנונגען פון אַ מקובל וואָס וואַרט אויף משיחס קומען און רעדט אין חלום מיט נשמות פון פאַרצייטן און פון איבער־איבער־מאָרגן.

אַ מענטש, וואָס האָט זייער שטאַרק געהערט צו זיין דור און אין דער זעלבער צייט האָט ער פונקט אַזוי זייער און פונקט אַזוי שטאַרק נישט גע־הערט צו אים; אַ דענקער, וואָס האָט געקענט די נישט־יידישע קולטור אין אירע טיפענישן (דאָסטאָיעווסקי, ניצשע) און איז פון איר אַוועק צו די העכ־סטע שפּיצן פון יידישקייט און האָט מקיים געווען מצוה קלה כחמורה; אַ פי־לאָזאָף, וואָס האָט אין זיך גובר געווען די פילאָזאָפיע; אַ פּאָעט, וואָס האָט אין זיך גובר געווען די פּאָעזיע; אַ גאָר־נישט־פּשוטער, וואָס דער פּשוטער ייד איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן ווי אַן אידעאַל; אַ מענטש, וואָס האָט מיט צענדליקער יאָרן פאַרויס געזאָגט די גרויסע שרפה פון המון־בית־ישראל און האָט דעריבער הויך און דערשראָקן געשריגן, צו דער



הלל צייטלין

שטאַרקער אומצופרידנקייט פון די חשובע פיינשמעקער, וואָס האָבן נישט געוואוסט, אַז דער מענטש זעט דאָס, וואָס זיי זעען נישט, און אַז צוגלייך מיט דעם ווײ־געשריי פאַרמאָגט ער יענעם קול דממה דקה אין זיך, וואָס אליהו האָט געהערט ביי דער הייל פון חורב; אַ סטיליסט, וואָס האָט אויף סטיל אַ האָר נישט אַכטונג געגעבן; אַ מענטש פון שיינ־קייט, וואָס איז פון דער שיינקייט אַוועק, ווען ער האָט געזען, אַז זי פּירט אַ לינקע ליבע מיט דעם פּאָזע־מענטש, מיטן זשאָנגלער, מיטן אויסגעצאַצקעטן ווירטואָז; אַ בעל־תפילה, וואָס האָט געזוכט מיט־דאַוונער — און נישט געפונען; אַ מענטש, וואָס מע האָט אים אַלץ ווינציקער פאַרשטאַנען וואָס פשוטער ער האָט גערעדט, — דאָס אַלץ, און מער ווי דאָס, איז געווען הלל צייטלין.

ער האָט געלעבט אויף אונדזער עולם פון סיון תרל״א (1871), ווען ער איז געבוירן געוואָרן אין חב״דישן שטעטל קאָרמע, מאָהילעווער גו־בערניע, ביז ערב ראש השנה תש״ג (1942). אין יענעם טאָג, בעת אַ נאַ־צישער „יודן־אַקציע״ אין וואַרשע — האָט ער מקדש־השם געווען אין טלית־און־תפילין, מיטן ספר־הזוהר אין האַנט און מיט תפילות אויף די ליפּן.

***

איך שרייב דאָ נישט קיין מעמואַרן וועגן מיין פאָטער און זיין סביבה. איך לאָז עס איבער פאַר דער מאָנאָגראַפיע, וואָס איך האָף אָנצושרייבן. עס איז נאָר אַן אַריינפיר צו אַן אויסגאַבע פון מיין פאָטערס געזאַמלטע שריפטן.

איך וויל פאַרצייכענען ביאָגראַפישע דאַטן און אָנצייכענען דעם וועג פון אַנטוויקלונג. געבוירן, ווי געזאָגט, אין קאָרמע, אַ קליין רייסיש־חב״דיש שטעטל, פול מיט לומדים. דאָס שטעטל ווערט געשילדערט אין מיין פאָטערס „ציון לעירה״ (געדרוקט אין פ. לאַכאָווערס „ערכים״). זיין פאָטער, ס׳הייסט מיין זיידע, ר׳ אהרן־אליעזר (אויף יידיש: אַרליק־לייזער) — אַ למדן מופלג, אַן אָפענער קאָפּ, אַ מענטש מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן קריטיש־אַנאַליטישן חוש. זיין פאָטערס פאָטער, מיין על־טער זיידע, ר׳ יודל, האָט געשמט מיט זיין חכמה און חריפות נישט ווינ־ציקער ווי מיט זיין לומדות. מיין פאָטערס מאַמע — שטערנע־ברכה פון הויז פערשטאַט — אויסערגעוויינלעך פרום, פאַרטיפט אין מוסר ספרים,

„אינגאַנצן חלום, פּאָעזיע און חסידות", ווי מיין פאָטער אַליין באַצייכנט זי אין אַן אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ. איר זיידע און מיין פאָטערס עלטער־זיידע — ר' יוסף דער אַלטער חזן, אַ מקורב פון דעם בעל התניא, פון די פייערדיקע חסידים הראשונים, פון די גאָר ערשטע חב"ד־פאַרשפּרייטער, אַ מענטש, וואָס איז געווען לויטער אמונה און לויטער געזאַנג.

אונדזער שייכות מיט די שקלאָווער צייטלינס איז מיר נישט קלאָר. מיין פאָטער האָט מיר אַמאָל דערציילט וועגן אַ מסורה אין דער משפּחה: געווען אַמאָל אַן אשה צדקנית, האָט זי געהייסן ציטל (דערפון דער פאַמיליע־נאָמען), האָט זי געהאַט צען זין. איינער פון זיי איז געווען ר' יהושע צייטלין פון שקלאָוו, דער שר פון אושציע, דער גאון, דער תלמיד פון שאגת אריה, דער פריינד פון פירשט פּאָטיאָמקין, דער גרויסער מתנגד (אגב איז דער זון זיינער, ר' משה, געוואָרן אַ חבדניק). פון אָט דער מסורה (עס ברענגט זי אויך — אין זיינע זכרונות אין „השלח" — ש"י איש הורוויץ) לאָזט זיך דרינגען, אַז דער פּראָטאָפּלאַסט פון די קאַרמער צייטלינס איז געווען איינער פון ר' יהושעס ברידער. זיכער איז דאָס נישט.

ווען מיין פאָטער איז אַלט געווען עלף יאָר, האָט מען אים שוין גערופן: דער קאַרמער עילוי. דער קאַרמער עילוי האָט, אַ חוץ ש"ס ופוסקים, געלערנט מדרשים, חסידישע ספרים, קבלה־ספרים, מוסר־ספרים, חקירה־ספרים... ס'האָט אויף אים שטאַרק משפּיע געווען דער שטעטלשער רב ר' זלמן, אַ גרויסער חבדניק, דער תלמיד פון דעם גאונישן חב"ד־דענקער ר' יצחק־אייזיק עפּשטיין. מיין פאָטער האָט אויך אַ יאָר צייט געהערט תורה פון דעם רעטשיצער רבין, דעם אייניקל פון „צמח־צדק". חב"ד און די הסתכלות פון חב"ד, דער טיפער חב"דער ניגון, וואָס פאַרבינדט וועלטן — דאָס איז געוואָרן אַ טייל פון זיין גייסטיקן מהות, האָט אויף אים משפּיע געווען און אין אים געלעבט.

ער האָט געהאַט ציטן פון גוואַלדיקער, אַלץ־פאַרצערנדיקער רעליגיעזער התלהבות. ווי אַ בר־מצוה־יינגל האָט ער דורכגעלעבט אַ פּעריאָד פון עקסטאַטישן ביטול־היש, פון לאַנג־דויערדיקער התפּשטות הגשמיות, פון התבּללות...

ער זאָגט וועגן דעם אין אַן אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ: געוויינלעך

דויערט אַן עקסטאַז־צושטאַנד מינוטן אָדער שעהן; איך אָבער האָב זיך דענסטמאָל געפונען אין אַזאַ צושטאַנד טעג און נעכט.

דאָס שטאַרקע רעליגיעזע געפיל איז געווען באַגלייט פון קינדווייז אויף מיט אַ מין געבוירענעם, אָרגאַנישן גלות־השכינה־טרויער. ייִנגל־ווייז האָט ער געקאָנט שעהן־לאַנג אָפּויינען איבערן תהלים און מתפלל זיין — נישט פאַר זיך: פאַר אַלע, וואָס ליידן. שוין דענסטמאָל האָט געלעבט אין אים אַ מין קאַטאַסטראָפע־און־שולד־ געפיל צוזאַמען מיט אַ געפיל פון פערזענלעכער אחריות פאַר אַלעם דעם, וואָס איז אויף דער וועלט „נישט כשורה״, וואָס איז אַן „ענין רע לענות בו״. אין דער דער־מאָנטער אויטאָביאָגראַפישער פאַרצייכענונג ווערט יענער צושטאַנד גע־שילדערט אַזוי: „(ס׳איז געווען) ווי דאָס שוואַכע עלנטע קינד אין ערגעץ אַ רייסיש שטעטל וואָלט מחויב געווען צו העלפן געפייניקטע, צו ראַ־טעווען געראודפטע, צו זעטיקן הונגעריקע, צו באַשיצן היימלאָזע, מחזיר־למוטב צו זיין זינדיקע און צו לערנען פאַרשטאַנד די בלאָנדזשענדיקע״.

אָט דאָס תפילהדיק־תהלימדיקע האָט — צוזאַמען מיט דעם חב״דיש־הסתכלותדיקן — געפּורעמט דעם מענטש, וואָס איז געווען אַזוי נישט ענלעך צו די שרייבער פון זיין דור, אַזוי אַנדערש אַפילו אין יענער תקופה פון זיין לעבן, ווען ער איז געוואָרן אַ שפּינאָזיסט און דערנאָך אַ פּאָזיטיוויסט מיט אמונה אין וויסנשאַפט און „רעאַלע״ ווערטן.

דאָס לומדיש־חב״דישע שטעטל זיינס האָט ער געמוזט פאַרלאָזן, ווען זיין טאַטע האָט פאַרלוירן דעם מעמד־פרנסה און ער, דער זון, האָט אַליין געמוזט זאָרגן פאַר זיין אויסקומעניש. צו זעכצן יאָר שוין ווערט ער אַ וואַנדערנדיקער דאָרפס־מלמד, קנעלט מיט די זינדלעך פון פאַרגרעבטע ישובניקעס, דערקענט דאָס לעבן פון גאָר נאָענט, ליידט דחקות און נויט און זעט אַרום זיך אַ היפש ביסל גייסטיקע שיפלות, טעמפּקייט און גראָב־הויטיקייט. ער דערקענט יענעם חושך פון טעגלעכן לעבן, וואָס איז — ווי ער זאָגט ערגעץ — געגליכן צום „חושך מצרים, שיש בו ממש״. דאָס פאַרשטאַרקט, פון איין זייט, זיין געבוירענעם אומצוטרוי צו ערדישע ווערטן, צו אַלעם דעם, וואָס מענטשן רופן מיט דעם שטאַרק עלאַסטישן שם־הכולל לעבן, און פון דער צווייטער זייט פאַרשאַרפט עס נאָך מער זיין געפיל פאַר מענטשלעכע ליידן. ער באַקענט זיך מיט דער השכלה־לי־טעראַטור, און כאָטש ער וואַרפט אָפּ אפילו דענסטמאָל די משכילישע

אַטאַקעס אויף חסידות און אויף דעם רעליגיעזן יידישן לעבנס-שטייגער בכלל, כאָטש יל"ג, סמאָלענסקין און אַנדערע האָבן אין אים אַ קריטישן לייענער, מיט אייגענע מיינונגען און מחשבות, קומט אין אים פאָר אַן אינערלעכע שפּאַלטונג. ער לעבט דורך אַ קריזיס פון אמונה, פאַרנעמט זיך מיט זעלבסט-בילדונג, הויבט אָן לייענען רוסישע און דייטשישע לי־טעראַטור, און אַן צוגרייטונג, אויטאָדידאַקטיש, איז ער אַ סך זאַכן תופס מיטן בלויזן גמרא-קאָפּ, מיט בלויזער אַטאַוויסטישער חריפות. דער קריזיס פון אמונה פאַרשאַפט אים אומגעהייערע גייסטיקע יסורים. ער מאַכט אים אָבער דורך מיט אַלע פּיטשעווקעס.

דער יונגער אויטאָדידאַקט וואַנדערט פיזיש און אינטעלעקטועל. ער רופט נישט מער תהלימדיק צו גאָט, טוט נישט מער תפילה, אַז ער זאָל דעם ליידנדיקן, זיך טרינקענדיקן מענטש דערלאַנגען אַ האַנט און אים ניסימדיק אַרויסציען פון תהום. דער מענטש דאַרף העלפן זיך אַליין. דאַרויף איז דאָ וויסנשאַפט אויף דער וועלט. אַי, וואָס טוט מען מיט דער מאָראַל? קאָן מען צו מאָראַל קומען דורך וויסנשאַפט? נו, דערויף איז פאַראַן פילאָזאָפיע. דערויף איז פאַראַן שפּינאָזאַ. ער ווערט אַ שפּי־נאָזיסט. אָבער די אינערלעכע יסורים ווערן דורך דעם נישט קלענער.

ער הייבט אָן שרייבן. ער שטעלט צונויף אַן אַנטאָלאָגיע פון געדאַנ־קען איבער דעם מענטש. ער רופט זי: תורת האדם. די אַנטאָלאָגיע, וואָס ער פאָרט מיט איר אין 1896 קיין וואַרשע, ווערט קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט. מיר איז אויסגעקומען נישט איינמאָל אַריינצוקוקן אין דעם געבונדענעם עקזעמפּלאַר פון יענעם יוגנטלעכן, קאַליגראַפיש געשריבענעם ספר, און איך ווייס, וואָס פאַר אַ ים מיט ערודיציע, וויפל באַלעזנקייט און וויפל באַציאונג עס איז געלעגן אין יענער אַרבעט.

די שרייבער, וואָס ער טרעפט בעת זיין ערשטן באַזוך אין וואַרשע, מאַכן אויף אים, דעם יונגן אידעאַליסטישן זוכער, אַ נישט-געהויבענעם איינדרוק. די „אייביקע פראַגן" פייניקן זיי נישט אַ האָר. זיי זענען פּראָ־פעסיאָנאַלן. זיי שרייבן לשם שרייבן. נייו, אַנדערש דאַרף מען שרייבן, אַנדערש! מ'דאַרף נישט קיין ליטעראַטן. מ'דאַרף אמת-זוכער.

ער קערט זיך אום פון וואַרשע אַן אַנטוישטער און אין דער זעלבער צייט אַן אַנטשלאָסענער. נאָך זיין חתונה מיט אסתר קונין, דער טאָכטער פון אברהם קונין פון אוואַראַוויטש, נעמט ער זיך שרייבן זיין פילאָזאָפישן

„הטוב והרע". זומער שרייבט ער אין דעם גרויסן אויבסט־גאָרטן, וואָס רינגלט אַרום דאָס הויז פון זיין שווער, דעם חב"דער חסיד, דעם פּאַרוואַלטער פון די רייכע הייליקמאַנס. ער שרייבט אויך אין שטאָט, אין האָמעל, וואו ער באַזעצט זיך נאָך דער חתונה ווי אַ לערער פון העברעאיש. אין 1899 הויבט אָן „הטוב והרע" צו גיין אין פאָרזעצונגען אין אחד־העמס „השלח". עס איז אַן ערנסטע פילאָזאָפישע אַרבעט, וואָס שאַפט איר מחבר אַ נאָמען אין דער וועלט פון לייענער און שרייבער. די ברייטע ערודיציע; די טיפע קענטשאַפט פון יידישע און נישט יידישע מקורות; דאָס אַריינדרינגען אין דעם אַלטן און נייעם געדאַנק, פון די פאָרצייטיקע גריכן ביז פרידריך ניטשע און פון די תנאים ביז ר' נחמן בראַסלאַווער; דער פּאַראַדאָקס פון אַן אָביעקטיוו־פאָרשערישן טאָן, וואָס טראָגט אין זיך דעם שאַרפן סוביעקטיוויזם פון אַ זוכער — אַלץ האָט עדות געזאָגט וועגן אַ נייער קראַפט, וואָס האָט זיך געוויזן אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור האַרט פאַרן שלוס פון דעם יאָרהונדערט. דאָס פערזענלעך־אומרואיקע האָט זיך כסדר דורכגעבראָכן דורך דעם סטיל, וואָס איז אונטער אחד־העמס רע־דאַקציע געוואָרן כמעט אומפּערזענלעך, און איז וואולקאַניש אויסגעבראָכן אין דעם לעצטן זאַץ, אַ זאַץ, וואָס איז כולל דאָס גאַנצע שפּעטערדיקע לעבנס־פּראָגראַם פון דעם שרייבער. ער לייענט זיך אַזוי: „און ס'איז קיין וועג נישטאָ, קיין אַנטלויף און קיין רעטונג נישטאָ פאַר דיר, בן־אדם, פון גאָר דער נישטיקייט און דער קליינקייט, פון גאָר דעם צער און די יסורים וואָס דו זעסט, סיידן נאָר אין הויכער אידעאַלער ליבע. אויב „אל ארץ יביט והנה צרה וחשכה, מעוף צוקה ואפלה מנודח" (צו דער ערד קוקט ער און זע: צרה און חשכות, אַנגסטיקע טונקלקייט און פינצטערניש אויסגעשפּרייט) בלייבט נאָך איבער פאַר אַ מענטשן אַן אַנדער וועג: ופנה למעלה (ער זאָל זיך ווענדן צו דער הויך)."

שפּעטער, שוין אין דער וואַרשעווער תקופה, דערשיינט „הטוב והרע" אויף יידיש אין אַן אויטאָריזירטער איבערזעצונג אונטערן נאָמען: „דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס ביי יידן און ביי אַנדערע פעלקער" (פאַרלאַג ב. שימין, וואַרשע, 1911).

פון מיין פאָטערס אָנהייב־יאָרן שטאַמט אויך זיין שפּינאָזא־מאָנאָגראַפיע, וואָס איז אין 1900 דערשינען אין וואַרשע, אין א. ל. שאַלקאָוויטשעס „תושיה"־פאַרלאַג. שפּינאָזאס באַהויפּטונגען וועגן יידישקייט ווערן אים „נישט געשאַנ־

קען״, נישט געקוקט אויף דער פאַרהערלעכונג, וואָס מיט איר אָטעמט דאָס קליינע בוך. די אידייע פון יידישער אויסדערוויילטקייט ווערט באַשיצט פון שפּינאָזאָס אַטאַקעס. עס ווערט קריטיקירט זיין פלאַכער ראַציאָנאַליסטישער אויסטייטש פון דעם נביאס נאַטור (זע די כאַראַקטעריסטישע פוס־באַמערקונג וועגן ירמיה הנביא). דער חרם ווערט באַטראַכט פון אַ שטאַנדפּונקט נישט קיין וועלטלעך־משכילישן... דאָס אַלץ דערמאָנט איך, ווייל ס׳איז וויכטיק צו וויסן, אַז פון צו זיין אַ „קאַזיאָנער״ וועלטלעכער משכיל, איז מיין פאָטער ווייט געוועזן אַפילו אין יענע יאָרן פון „שטורעם און דראַנג״. פּונקט אַזוי האָבן דער פּאָזיטיוויזם, דער רעאַליזם און די אמונה אין וויסנשאַפט פון דעם האַמליער פּעריאָד נישט געקאָנט פאַרשטויסן פון זיין האַרץ דעם פּעסימיזם בנוגע אַלדאָס ערדישע, ווי זיי האָבן נישט געקאָנט אַטראָפירן דעם טיפן רעליגיעזן חוש.

אגב, מיט יאָרן שפּעטער אין וואַרשע, ווען ער אַטאַקירט און דע־מאַסקירט די ביבל־קריטיק אין זיין אָפּהאַנדלונג: „ווי דאַרף מען פאַרשטיין די יידישע געשיכטע״, זאָגט ער וועגן שפּינאָזאָן אָפן און שאַרף, אַז דער טאַטע פון די ביבל־קריטיקער הינקעט די קריסטן (אין זיין טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט) און טשעפּעט זיך צו יידישקייט מחמת פּערזענלעכע קריוודעס *).

אין דעם האָמליער פּעריאָד פון זיין לעבן איז מיין פאָטער געוועזן לערער פון העברעאיש אין ראַטנערס גימנאַזיע. ער איז אויך געוועזן געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. „הטוב והרע״ האָט ער געווידמעט דעם, וואָס איז געוואָרן זיין יוגנט־חבר, אַן אָרעמען ישיבה־בחור, וואָס איז געקומען אין דעם „כרך״ האָמעל זיך „בילדן״ און האָט געשריבן העברעאישע דערציי־לונגען — יוסף חיים ברענער. אחד־העם, דער רעדאַקטאָר פון „השלוח״, וואָס „הטוב והרע״ האָט אים „אונטערגעקויפט״ מיט דער ערודיציע און דעם דיסערטאַציע־טאָן, מעקט אויס די ווידמונג. דער שטרענגער פּוריטאַנער פון דער ליטעראַטור איז געוועזן איבערצייגט, אַז היות אַ דעדיקאַציע איז אַ פּערזענלעכער ענין, איז זי ממילא נישט דערלאָזבאַר...

*) אין שפּעטערדיקע יאָרן האָבן די „תושיה״־יורשים, נישט אָנפרעגנדיק ביים מחבר, גענומען און פונסנייַ אַרויסגעגעבן דאָס בוך לויט די אַלטע מאַטריצן. ס׳האָט דעם פאָטער מיינעם שטאַרק געאַרט, הלמאַי מע פאַרשפּרייט אַ בוך, וואָס איז אים פרעמד געוואָרן און וואָס ער האַלט נישט, אַז די יידישע יוגנט דאַרף עס לייענען.

וואָס ברענער איז פאַר אים געווען אין דער יוגנט, אין וואָס פאַר אַ קרייזן ער האָט פאַרקערט אין דעם דעמאָלסטיקן גייסטיק־יורנדיקן האָמעל, ווי אַזוי דאָס יידישע לעבן האָט אין יענע יאָרן אויסגעזען — דאָס אַלץ האָט מיין פאָטער אַליין פאַרביק געשילדערט אין אַ גרעסערער אַרבעט, וואָס ער האָט אויף העברעאיש פאַרעפנטלעכט אין דער „התקופה״ (בענד 15—14, 1922) און אויף יידיש (מיט אַ סך וויכטיקע דערגאַנצונגען) אין ליעסינס „צוקונפט״.

צום דעמאָלסטיקן האָמליער קרייז געהערן אויך א. נ. גנעסין און ז. י. אנכי (זלמן־יצחק אהרנסאָן). באַזונדערס שטאַרק איז די השפעה פון שלום־סענדער באָום, אַ הויכע עטישע פערזענלעכקייט, אַ סטאָאיקער, אַ פילאָזאָף, אַ קריטיקער פון דעם מענטש (קריטיק פון דעם מענטש — „בקורת האדם״ — אַזוי האָט מיין פאָטער אָנגערופן מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער זיין לעצטע אַרבעט וועגן ניטשען, געדרוקט אין דר. גליקסאָנס זאַמלבוך „משואות״, אָדעס, 1919). באָום (ברענער שילדערט אים — אונטערן נאָמען אוריאל דאַווידאָווסקי — אין זיין „מסביב לנקודה״) האָט גאָר יונג געענדיקט זיינע חשבונות מיטן לעבן. אין דעם געמיט פון די צוויי חברים, הלל צייטלין און י״ח ברענער, וואָס שפּעטער האָבן זיי געהערט צו לחלוטין פאַרשיידענע וועלטן, האָט יענער פילאָזאָפישער זעלבסטמאָרד (אַנדערש קאָן מען אים נישט באַצייכענען) אייביק אָפּגעהילכט. ברענער איז פון יענעם זעלבסטמאָרד געלאָפן צום „אף־על־פי־כן״ און האָט געענדיקט מיט אַ מאַרטירער־טויט אין אַ פּרדס, בעת די אַראַבישע אַטאַקעס פון תרפ״א, אַ טויט וואָס איז אין תוך זיינעם אויך געווען נישט מער ווי אַ פאַרמאַסקירטער זעלבסטמאָרד. מיין פאָטער, ווידער, איז פון יענעם זעלבסטמאָרד געגאַנגען צו אַן אַנדער „אף־על־פי־כן״. כאָטש די ערדישע וועלט איז אַ שטיק בלוטיקע פינצטערניש, איז פונדעסטוועגן „מלוא כל הארץ כבודו״ און — „אציעה שאול — הנך״. דער חב״דישער ניגון, וואָס האָט באַגלייט מיין פאָטער איטלעכע מינוט פון זיין לעבן, נישט נאָר דאַן, ווען ער האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן אומגעקערט צום גאָט פון זיינע אָבות, נאָר אויך אין דער פאַרהעלטנישמעסיק קורצער תקופה, ווען ער איז מכלומרשט געווען אַן אַפּיקורס, — יענער ניגון האָט אים געפירט צוריק צום קוואַל פון לעבן, און ווען די דייטשן האָבן אים געשלעפּט צו דער שחיטה צוזאַמען מיט זיינע ברידער, האָט

ער געמאַכט די ברכה פון קידוש השם און האָט דעם טויט מנצח געווען אויף אייביק.

***

אַ שטיקל צייט חלומט ער צוזאַמען מיט ברענערן (דער מדובר איז נאָך אַלץ וועגן דער האַמליער תקופה) מכוח אַן אידעאַל עטיש לעבן, געבויט אויף די פּרינציפּן פון אַרבעט, מכוח אַ פאָרם ערגעץ־וואו — לאָמיר זאָגן, אין אַמעריקע — וואו מ׳זאָל קענען פאַרווירקלעכן אין פּערזענלעכן לעבן יענע יסודות, וואָס אַ טאָלסטאָי פּרעדיקט זיי און רע־אַליזירן רעאַליזירט ער זיי נישט...

ברענער האָט אַ סך יאָרן שפּעטער געוואָלט זען אַ „מעין״ פון יענעם אידעאַל אין דעם ארץ־ישראלדיקן קבוצה־סאָציאַליזם. מיין פאָטער, וואָס איז קיין סאָציאַליסט קיינמאָל נישט געווען און אין מאַרקסן האָט ער קיינמאָל קיין אמונה נישט געהאַט, האָט דערנאָך רעאַליזירט יענעם אידעאַל אין אַ לעבן, וואָס זיין מוסטער איז געווען דער יידישער אדם־המעלה. דערצו איז אים שפּעטער אויסגעקומען צו לעבן אין סאַמע נאָענטסטן טעגלעכן קאָנטאַקט מיט דעם יידישן מאַסן־לעבן דאָרט, וואו די „אוכלוסי־ישראל״ האָבן געברויזט מיט לייד און מיט שאַפן — אין פּוילן. האָט ער סיי געווירקט אויף דעם פּוילישן ייד, סיי באַווירקט געוואָרן פון אים — און זיין גאַנג צום פאָלק, צום גרויסן „המון־בית־ישראל״, איז געוואָרן פול מיט טיפן באַשייד פאַר אים, פול מיט מיין און מיט אינערלעכע רע־זולטאַטן.

אָבער צו יענער יאָרנלאַנגער, אויסערגעוויינלעך אינטימער, זייער קאָנ־קרעטער און שפּערישער נאָענטקייט צום פאָלק איז ער נישט געקומען פאַר 1907, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין האַרץ פון יידיש־פּוילישן פאָלקס־לעבן, אין וואַרשע.

פאַר דעם זענען נאָך געווען אין זיין לעבן אַזעלכע עטאַפּן, ווי ראָסלאַוול, קיעוו און ווילנע.

קיין ראָסלאַוול (סמאָלענסקער גובערניע) האָט אים פאַרבעטן ווי אַ לערער פאַר זיינע קינדער אַ רייכער ייד, אַ חב״דער חסיד מיטן נאָמען גינזבורג. אין ראָסלאַוול זענען, צווישן אַנדערע זאַכן, אָנגעשריבן גע־וואָרן די חסידיש־זינגעוודיקע, ליריש־רעליגיעזע „כוונות ויחודים״ (גע־

דרוקט אין לוח „אחיאסף”, תרס״ג). צו דער טשיקאַווער גינזבורג־משפחה — און צו מיין פאַטערס יונגע תלמידים — האָט דאַן געהערט אויך דער שפּעטערדיקער רוסישער רעוואָלוציאָנער, דערנאָך גרינדער פון פּלמ״ח און העלד פון די נגב־קאַמפן, יצחק שדה. אין זיינע זכרונות („מיין באַקאַנטשאַפט מיט הלל צייטלין און יוסף טרומפּלדאָר”, „גאָלדענע קייט”. העפט 5, תל־אביב, ווינטער 1950) דערציילט ער וועגן מיין פאָטער:

„ווען די עלטערן האָבן זיך דערמאָנט אַז אונדז (איך האָב געהאַט אַ יינגערן ברודער און שטיפברידער מיט שטיפשוועסטער) און איינגעזען, אַז מיר זענען יידן און מע דאַרף אונדז געבן אַ יידישע דערציאונג, האָבן זיי באַשלאָסן נעמען אַ לערער פאַר העברעאיש, תנ״ך און גמרא. דער לערער איז געקומען. דאָס איז געווען אַ ייד העכער פון מיטלוואוקס, אַ דאַרער, אַ בלייכער, מיט אַ גרויסער קופּערנער באָרד, מיט אַ געדיכטער צעפּלאָסענער טשופּרינע און ברענענדיקע אויגן — אַ מאָדנער און טשיקאַווער טיפּ. ווען ער האָט אָנגעהויבן מיט אונדז לערנען, האָט ער גלייך באַהערשט אונדזערע הערצער מיט זיין ליבשאַפט, מיט זיין שכל, מיט זיין ליידנשאַפטלעכן געמיט. דער נאָמען פון דעם לערער איז געווען הלל, און זיין פאַמיליע־נאָמען — צייטלין.

אין אָנהייב האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס וויל פון אונדז אָט דער מענטש. ער האָט אונדז ניט געשטערט אין אונדזערע שפּילן, ניט אָפּגענומען ביי אונדז צו פיל צייט, ניט פאַרלאַנגט קיין פּינקטלעכקייט אין מאַכן די לעקציעס; אָבער בעת ער פלעגט לערנען מיט אונדז אַ קאַפּיטל תנ״ך און פלעגט דערציילן די אגדות, וואָס האָבן אַ שייכות צום ענין, פלעגן מיר צוזאַמען מיט אים זיך פילן ווי אין גן־עדן. מיט פאַרגעניגן האָבן מיר געהערט דעם פשט, אויפגעכאַפּט די רמזים, געלערנט דעם דרש און געזוכט מיט אונדזער גאַנצער נשמה צו פאַרשטיין אויך דעם סוד.

און ווען מיר זענען אַ ביסל צייטיקער געוואָרן, האָבן מיר געהערט פון אים אויך פילאָזאָפישע געדאַנקען (אויף וויפל קינדער אין אונדזער עלטער קענען זיי באַנעמען) וועגן שפּינאָזאַ; בעיקר, האָבן מיר זיך קאָנצענטרירט אויף דער רעליגיעזער מחשבה, וואָס ער האָט פאַרגעשטעלט פאַר אונדז ניט ווי אַ דאָגמע, ווי אַ „כזה

ראה וקדש", נאָר װי אַ כסדרדיקע שטרעבונג צו דערקענטעניש, צו שלימות, צו פֿאָרשונג, צו אמת־זוכונג. דער דאָזיקער מענטש האָט באַװיזן צו דערקלערן אונדז, קינדער, (איך בין געװען זײַן באַ־ליבסטער תּלמיד), אַז װיכטיק איז דער װעג, דאָס גײן, דאָס זוכן, דאָס פֿאָרשן, דאָס דענקען; און אַז דער ענטפֿער, דער ציל, איז שטענדיק װײַט־װײַט, ניט דערגרײכלעך, צו הויך פֿאַר אונדז, אָבער דאָך אײַנגעשלאָסן אין אונדז, מחמת די עצם שטרעבונג צו װיסן, דער גײַסטיקער דאָרשט צו געפֿינען אַ לײזונג — דאָס אַלײן דער־הױבט און דערנעענטערט אונדז צום אין־סוף, צו דעם, װאָס לאָזט זיך ניט דערגרײכן.

איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, צי איך האָב עפּעס געהערט פֿון הלל צײַטלין װעגן ציוניזם, װעגן ארץ־ישׂראל, װי אַ דירעקטן רעאַלן ציל פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. אָבער איך דערמאָן זיך אַ נאַכט, װען איך האָב געזען הלל צײַטלין אין די טיפֿסטע לײַדן פֿאַר זײַן פֿאָלק, געהערט דעם װײגעשרײ פֿון זײַן נשמה. — — —

אין גרױסרוסלאַנד זענען, בכלל, ניט פֿאָרגעקומען קײן ערנסטע אַנטי־ייִדישע אומרוען. איך געדענק ניט מײַנע אײַנדרוקן פֿון קי־שענעװער פּאָגראָם; איך דערמאָן זיך ניט, צי זענען די ידיעות בכלל דערגאַנגען צו מיר; אָבער אײן מאָל — דאָס איז געװען אַ חודש אָדער צװײ נאָכן פּאָגראָם — װען איך האָב צוזאַמען מיט מײַן לערער צײַטלין געװאױנט אױף דאַטשע, אין אַ דאָרפֿיש הײזל, האָט מיך אין מיטן נאַכט אױפֿגעװעקט אַ שטאַרקער דונער. איך האָב געפֿילט, אַז עמעץ שטײט הינטער דעם שמאָלן װענטל. אין שײַן פֿון אַ בליץ האָב איך דערזען מײַן לערער אין אַ לאַנגן װײַסן נאַכטהעמד — זײַן פּנים װײַס װי קאַלך — שטײט אין מיטן חדר, רײַסט זיך די האָר פֿון קאָפּ און שרײַט: רבונו של עולם, װאָס װילסטו פֿון מיר האָבן! איך האָב, קענטיק, זיך אַ ריר געטאָן אין בעט. ער האָט דאָס באַמערקט, איז צוגעגאַנגען צום בעט, אַװעק־געזעצט זיך לעבן מיר און אָנגעהױבן צו דערצײלן װעגן דעם גרױסן אומגליק, װעגן דער גרױסער חרפּה פֿון קישענעװ — פֿון זײַנע אױגן האָבן זיך געגאָסן טרערן.

פֿון די געשפּרעכן, װאָס מײַנע ברידער האָבן בײַ נאַכט געפֿירט

צווישן זיך און מיט הלל צייטלין, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז זיי ריידן וועגן זעלבסטשוץ. די נעכט האָבן טיף זיך איינגעקריצט אין מיין זיכרון און דאָס וואָרט „זעלבסטשוץ״ איז טיף אַריינגעדרונגען אין מיין נשמה.

איך האָב די לענגערע ציטאַטע געבראַכט דערפֿאַר, ווייל פּונקט ווי יענע נאַכטיקע געוויטער־בליצן אויף דער זומער־וואוינונג ביי ראַסלאַוול האָבן אַנטפּלעקט דאָס פֿיזישע געשטאַלט פֿון אַ מענטש, וואָס האָט אין דער פֿינצטער געוויינט צו גאָט, — אַזוי באַלייכטן די ערשט־געבראַכטע שורות דאָס גייסטיקע געשטאַלט זיינס: אַפֿילו אין יענע יאָרן, ווען ער איז, אין פֿלוג, געווען וואָס מע רופֿט אַ וועלטלעכער, האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו זיין דער תהלים־מענטש און דער חסיד.

נישט נאָר דאָס. כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם עפּיזאָד דאָס אַבסאָלוטע אידענטיפֿיצירן זיך מיטן פֿאָלק און זיין גורל („רבונו־של־עולם, וואָס ווילסטו פֿון מיר האָבן!״)... דער קישענעווער פּאָגראָם איז געמאַכט געוואָרן אויף אים אויך. אָט די פֿולע אידענטיפֿיצירונג מיטן פֿאָלק האָט אים באַלד פֿון אָנהויב אויסגעטיילט. ס׳איז בוכשטעבלעך אמת, כאָטש עס קאָן קלינגען ווי ליטעראַרישע מליצה: דעם פֿאָלקס אומגליק איז תמיד געווען זיין פּריוואַט אומגליק, זיין אייגענע, זיין פּערזענלעכע צרה. ס׳איז געווען אידענטיפֿיקאַציע כמעט ביאָלאָגישע.

ער האָט זיך אויך אינטים און לחלוטינדיק אידענטיפֿיצירט מיט אידייען. אידייען זענען פֿאַר אים געווען דורכאויס לעבעדיקע, העכסט פּערזענלעכע זאַכן.

מיין פֿאָטער האָט זייער פֿיל זאַכן געמאַכט פֿאַר זיין אייגענער זאַך: ער איז תמיד געווען דער דירעקטער נוגע־בדבר.

***

נאָך דעם קאַפּיטל ראַסלאַוול קומט אַ קורץ קאַפּיטל קיעוו (1904). אין קיעוו האָט זיך מיין פֿאָטער באַפֿריינדעט מיט דעם באַרימטן רוסיש־יידישן פֿילאָזאָף פֿון דער „באַדנלאָזיקייט״, לעוו שעסטאָוו־שוואַרצמאַן. אין שעסטאָוון האָט ער געפֿילט דאָס זעלבע, וואָס אין באַומען: דעם קריטיקער פֿון וועלטלעכע ווערטן. דאָס איז נאָענט געווען זיין רעליגיעזער נאַטור, וואָס האָט פֿון אין זייט אייביק געבלוטיקט פֿאַרן מענטש, פֿון דער

צווייטער זייט, אָבער, מבטל געווען די ווערטן זיינע אין נאָמען פון ווערטן איבער־און־אויסער־מענטשלעכע. מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער האָט ער אין ברענערס לאָנדאָנער „המעורר" אָפּגעדרוקט וועגן שעסטאָוון אַן עסיי, וואָס הויבט זיך אָן מיט ר' נחמנס ווערטער וועגן זיין תלמיד ר' נתן שטערנהאַרץ: קוקט אים אָן — ער איז דאָך אַ שטיק בלאָטע...

אַ קורצע צייט שפּעטער ווערט מיין פאָטער פאַרבעטן קיין ווילנע ווי אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער העברעאישער טאָג־צייטונג „הזמן". נאָך האָמעל, נאָך ראָסלאַוול, נאָך קיעוו קומט די ווילנער הקדמה צו 35 יאָר פּוילן, 35 יאָר וואַרשע. עס איז דאָס יאָר 1905. ער הויבט אָן מיט שאַרפע אַרטיקלען קעגן די „ציוני ציון". דער געוועזענער דעלעגאַט פון האָמעל צום פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס (זיינע איינדרוקן פון קאָנגרעס האָט ער געשילדערט אין פרישמאַנס „הדור", וואו עס זענען אויך בשעתם פובליקירט געוואָרן זיינע „הרהורים" און „מכתבי אחד הצעירים"), דער הייסער הערצליאַנער, וואָס זוכט באַלדיקע רעטונג פאַרן פאָלק — איי־דענטיפיצירט זיך דענסטמאָל מיט די טעריטאָריאַליסטן, כאָטש אין תוך איז ער מיט זיי לחלוטין קיין „פאַר" נישט. גענוג צו זאָגן, אַז זיין שטורמישן טעריטאָריאַליסטישן „המשבר" (געדרוקט אין איינעם פון די „הזמן"־זאַמלביכער) לאָזט ער אויס מיט אַ הויכן מיסטישן אַקאָרד.

ער איז דאָס ווײ־געשריי פון אַ פאַגראַמירטער וועלט. ער רופט צו אַ נייער יציאת־מצרים. דער, וואָס איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פאָלק, — דעם פאָלק, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט ראַטעווען, — בעת דער קאַטאַסטראָפע פון די היטלער־צייטן, האָט שוין דענסטמאָל פאַראויסגעפילט, פאַראויסגעזען, גערופן און געוואָרנט. ער האָט געזען די פייערדיקע שווערד פון אַ גויאישער וועלט איבער דעם יידישן קאָפּ. קיינער האָט זי נישט געזען אַזוי דערשרעקנדיק קלאָר. פאַר די אייביק בלינדע איז ער, פאַרשטייט זיך, געווען אַ „היסטעריקער".

די „רעוואָלוציאָנערע" שחיטות פון 1905 רופן אַרויס די סעריע „על הזבח", וואָס דונערט אויס דעם יידישן ווייטיק מיט אַ מאַכט, וואָס די זשורנאַליסטיק וויים נישט פון איר, וואָס אפשר נאָר די פּאָעזיע קען זי. די פאַרטיי־לייט אויף דער יידישער גאַס, וואָס האָבן געטריי געהיט די פאַראַגראַפן פון זייערע פּראָגראַמען, האָבן דעם דונער נישט פאַרנומען. קעגן דער מגפה פון פאַרטייען, קעגן די תורות פון די בראָשור־לייט, קעגן דער

שפּלער שפּיל אין ווערטער אין אָנבליק פון אַ פאָלקס טראַגעדיע, קעגן אַלץ, וואָס איז אין יידישן לעבן געווען הויקערדיק און פאַלש, נאָכמאָכעריש און דעגענערירט, איז ער אַרויס אין זיינע צער־און־צאָרנדיקע „קניני הרוח".

אין דער זעלבער צייט ווערט אין די זאַמלביכער „הזמן" געדרוקט די (נישט־פאַרענדיקטע) מאָנאָגראַפיע וועגן פרידריך ניטשע.

אין ניטשען פילט ער, פונקט ווי אין דאָסטאָיעווסקין, אַ גרויסן בעל־יסורים, אַ טראַגישע רעליגיעזע נאַטור, אַ זוכער פון העכערע ווערטן. אָבער שוין דאָ, אין די „ניטשעאַנישע" יאָרן, פאַרזעט ער נישט אין ניטשען די אַלע האַרטקייטן און — כ׳וואָלט געזאָגט — גויאישקייטן, וואָס זענען אים, דעם יידישן זוכער, נישט צום האַרצן. שוין אין „לחשבונו־של־עולם" געפינען מיר אַ טיפזיניקע קריטיק פון די טונקעלע זייטן אין ניטשען צוזאַמען מיט אַ ביז־גאָר שאַרפער קריטיק פון די, וואָס האַלטן זיך פאַר ניטשעאַנער, צי דאָס זענען דייטשישע יונקערס אָדער אַ באַהע־מישער פּאָליאַק ווי פּשיבישעווסקי. דער אמת איז, אַז מיין פאָטער האָט עכט־חסידיש געפּרואווט מעלה זיין ניטשעס ניצוצות. ס׳איז געווען די מעטאָדע פון „תוכו אָכל וקליפתו זרק", — אַ דרך, וואָס ער האָט תמיד, סיי אין אָנהייב, סיי אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן און דענקען, אָנגעווענדט לגבי גרויסע, אָדער סתם מאַרקאַנטע, דערשיינונגען פון דער נישט־יידישער וועלט. אין דעם זין (און נישט נאָר אין דעם זין אַליין) איז ער באַלד פון אָנהייב נישט ענלעך געווען צו פיל פון די מאָדערנע יידן, וואָס אַנשטאָט מעלה צו זיין ניצוצות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ייד, קלאַמערן זיי זיך אָן יעדער גויאישער תורה מיט קנעכטישער בלינדקייט. פונקט אַזוי איז ער שפּעטער, ווען ער איז נישט נאָר אין האַרצן, נאָר אויך אין טאָג־טעגלעכן אויפפיר געווען דער אמתער חסיד, נישט ענלעך געווען צו די, וואָס נעמען בכלל נישט קיין שטעלונג צום וועלט־געדאַנק, וואָס פאַרשליסן די אויגן נישט צו קוקן אויף דער וועלט, כדי אויסצומיידן אַ נסיון.

פונקט ווי ער האָט נישט אויפגעהערט צו לערנען אונדזערע יידישע מקורות, תלמוד און פוסקים, מדרש און קבלה, חסידות און מוסר, מחקר־ימי־ הבינים און וואָס־נישט; פונקט ווי ער האָט — וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער — מקיים געווען דעם „והגית בו יומם ולילה", אַזוי, אַז עס

זענען געווען יאָרן, ווען דאָס שרייבן איז ביי אים געווען נישט מער ווי אַ טפל צום לערנען, — אַזוי האָט ער אויך נישט אויפגעהערט צו שטודירן אַלגעמיינע וועלט־דערשיינונגען, צי דאָס איז געווען פילאָזאָפיע אָדער רעליגיאָלאָגיע, צי אַפילו מאָדערנער אָקולטיזם אָדער טעאָסאָפיע. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט בודק צו זיין גייסטיקע אינהאַלטן פון דער וועלט אין ליכט פון די העכסטע יידישקייט־ווערטן. אין דעם טאָקע איז באַשטאַנען די וויכטיקייט פון דער סינטעזע, וואָס ער האָט דער־גרייכט. דאָס איז געווען זיין באַזונדערער דרך ווי אַ דענקער און ווי אַן אַרויפברענגער פון ניצוצות. ס'איז נישט געווען יענע דילעטאַנטישע מע־טאָדע פון „און דאָס יודענטום״: ניטשע און דאָס יודענטום, איקס־איגרעק און דאָס יודנטום. יידישער אמת איז אים געוואָרן אַ פּראָוו־שטיין פון אמתן. פאַרשטייט זיך, אַז ערשט דאַן, ווען דער יידישער אמת איז אַבסאָלוט קלאָר געוואָרן פאַר אים גופא. אָבער פריער נאָך איז די מעטאָדע געווען מער־וויניקער די זעלבע, וואָרעם דעם יידישן אמת, אויב ער האָט אים נאָך דאַן נישט אינגאַנצן געהאַט אין באַוואוסטזיין, האָט ער סיי־ווי־סיי געטראָגן אין האַרץ.

ריידנדיק וועגן ניטשען און האָבנדיק אין זינען די דעמאָלסטיקע ניטשעאַנער אויף דער יידישער גאַס, איז אחד־העם (אין איינער פון זיינע בעסטע אָפּהאַנדלונגען) אַרויס קעגן דעם, וואָס מען נעמט ביי אונדז אַן פרעמדע תורות ווי זיי שטייען און גייען. מען מאַכט אַפילו קיין פּרואוו נישט צו קאָנפראָנטירן די דאָזיקע תורות מיט דעם וועלט־באַנעם פון אייגענעם פאָלק. אויך דער ניטשעאַניזם — האָט ער געטענהט — ווערט אָנגענומען אימיטאַטאָריש און אָן קריטיק. איז אינטערעסאַנט, אַז מיין פאָטער, וואָס האָט שוין אין „הטוב והרע״ געלעדט ווי אַ ניטשע־פאַרערער, האָט אַזוי פרי ווי אין זיין „לחשבונו של עולם״ (1904) קריטיקירט דעם ניטשעאַניזם פון אַ יידישן שטאַנדפּונקט. און אויב אין זיין פרידריך־ניטשע־מאָנאָגראַפיע (אין די „הזמן״־זאַמלביכער, ווילנע, 1905) איז ער דער עיקר פאַרנומען מיט דער עצם עקספּאָזיציע פון ניטשעס לעבן און שאַפן, האָט ער יאָרן שפּעטער, אין דער שוין דערמאָנטער אַרבעט: „בקורת האדם״ („משואות״, 1919), אונטערגעפירט זיין ענדגילטיקן, ריין יידישן חשבון מיטן ניטשעאַניזם. אין אָט דער אַרבעט ווערט ניטשעס פילאָ־זאָפיע אַנאַליזירט פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ מענטש, וואָס אידענטי־

פּיצירט זיך פולשטענדיק מיט רעליגיעזער יידישקייט. עס ווערט דאָ אָפּ־געוואָרפן די אידייע פון דעם אדם־העליון, ווייל דער עיקר איז — דער אל־עליון. דער מחבר פון „דאָס מענטשלעכע, אַלצומענטשלעכע״ איז שפּע־טער אַריבער צו אַ שאַרפער קריטיק פון די מענטשלעכע ווערטן — און אַט די קריטיק נעמט מיין פאָטער אָן. וואָס איז דער מענטש — במה נחשב הוא? ער וואַרפט אָבער אָפּ איצט די זאַראַטוסטראַ־אידייע. און טאַקע מהאי טעמא... וואָרעם — וואָס איז דען דער איבער־מענטש אַפילו? אַ מענטש. אַ באַשאַפענער. מ׳דאַרף גיין צום באַשאַפער.

דאָ בעט זיך אַ קליינע דיגרעסיע: פון איין זייט האָט מיין פאָטער אַלע זיינע יאָרן געלייגט דעם טראָפּ אויף דעם לעבעדיקן מענטש און זיינע ליידן; פון דער צווייטער זייט האָט ער תמיד געפילט די גאָרע טיפקייט פון דעם נביאס רוף: חדלו לכם מן האדם. מיט דער צייט האָט זיך ביי אים קריסטאַליזירט אַ קלאָרע שטעלונג: מ׳דאַרף אויף דעם לעבעדיקן מענטש קודם־כל רחמנות האָבן און דורך רחמנות קומען צו ליבע, און טאַקע מחמת רחמנות און ליבע צום לעבעדיקן ליידנדיקן מענטש דאַרף מען אים זען אַריבערראַטעווען אין דעם געטלעכן, אַרויסראַטעווען אים פון דעם „מענטשלעכן, אַלצומענטשלעכן״. דאָס איז דער צענטראַלער קנופּ, וואו עס טרעפן זיך מיין פאָטערס אַלע וועגן און שטעגן. דאָ טרעפט זיך זיין מחשבה מיט זיין שירה, זיין צייטונגאַרטיקל מיט זיין מיסטישער איבערלעבונג. דאָ טרעפט זיך דער פּייערדיקער „איש ריב ואיש מדון לכל הארץ״ מיט דעם קול־דממה־דקה־מענטש, מיט דעם פּאָעט פון „הצמאון״ („ספרות״, זאַמלבוך 4, וואַרשע, 1910), דעם דאַוונער פון די „תפילות״ („התקופה״, באַנד 12, 1921), דעם זינגער פון די „געזאַנגען צום אין־סוף״ (וואַרשע, 1930), דעם וויזיאָנער פון „על גבול שני עולמות״, („התקופה״, באַנד 5, 1919), דעם מקובל און קבלה־פאָרשער, דעם חסיד און חסידות־פאָרשער.

דאָ קום איך צו איינער פון די הויפּט־מיספאַרשטענדענישן צווישן אים און זיין דור. אַפילו אָנהענגער און תלמידים*) זעען אַ קאָנפליקט, אַ סתירה צווישן ה. צ. דעם צייטונג־שרייבער, דעם פּובליציסט, און ה. צ.

---

*) זע: ש. ב. אורבאַך, „מגילת חייו״, אין „ספר צייטלין״, ירושלים, תש״ה.

דעם באַזינגער פון „יופי של מעלה" („ספרות", זאַמלבוך איינס, וואַרשע, 1908).

דער אמת איז, אַז איין דירעקטע ליניע פאַרבינדט די כלומרשטע צווייאיקייט. דאָס פריע פאַרקערעוועז זיך צו פובליציסטיק, דאָס ווערן אַ „צופה לבית ישראל" אין משך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט, איז געווען אַן ענין אַן אָרגאַנישער, נישט קיין צופעליקער. ס'איז נישט געווען — ווי די און יענע האָבן מיט אומגעוויטיקער אַפּאָלאָגעטיק געשריבן — אַ פראַגע פון עקאָנאָמישער לית־ברירה, פון געצוואונגענעם „אַרונטערלאָזן זיך צו דער מאַסע". גראָד דער פובליציסט באַלייכט און באַשטעטיקט דעם רעליגיעזן דענקער און פילער, דעם חסיד און דעם מקובל. מיין פאַטערס גייסטיקייט איז פון לכתחילה נישט געווען פון יענעם מין, וואָס מאַכט זיך פון די הימלען אַ ווייכן, עסטעטישן אָדער פילאָזאָפישן קישן אונטער אַ פיין־פאַרקעמטן „דענקערישן" קאָפּ. די וואולגאַריטעט פון די פראָפעסיאָנעלע פיינשמעקער און אָפיציעלע אינטעלעקטואַלן, וואָס זייער פלעבייאישע גייסטיקייט שמעקט מיט ביליקע פאַרפומען פון „העכערקייט" — דאָס האָט מיין פאַטער אָרגאַניש נישט געקאָנט פאַרטראָגן. וואָס עס האָט אים אין די יונגע יאָרן געבונדן מיט די וועלטן פון אַ דאָסטאָיעווסקי אָדער אַ ניטשע, איז געווען — דאָס געפיל פון טראַגעדיע, די באַציאונג צום לעבעדיקן מענטש און זיינע קאָנקרעטע ליידן. ער האָט זיך אַ מינוט אפילו נישט געפּרואווט פאַרשטאָפּן די אויערן מיט אינטעלעקטואַליסטישער וואַטע, כדי נישט צו הערן די ברוטאַלע אויפטרייסלענדיקע געשרייען פון דער ערד — און גאָר באַזונדערס דאָס געשריי פון אַ גאַנצער אומה, וואָס הענגט איבער תהומות. ער האָט תמיד געוואוסט, אַז אויב הויכקייט איז נישט טויטע אַבסטראַקציע און נישט סתם אינטעלעקטואַליסטישער אַנשטעל, מוז גראָד זי, די הויכקייט, מיט באַזונדערער וואַכקייט זיך צוהערן צו די געשרייען פון דער נידער, זיך אָפּרופן אויף די יסורים פון בלוט־און־פליש, טראָגן טרייסטונג און הילף. דער גייסט, — אויב און אויף וויפל ער איז טאַקע דאָס וואָס ער איז, — קאָן נישט זאָגן: וואָס גייט עס מיך אָן? עס מוז אים שוין גאָר, גאָר שטאַרק אָנגיין. כאָטש ניטשע האָט געהערט, אַזוי צו זאָגן, צו זיינע ערשטע אינטעלעקטועלע ליבעס, איז דעם פאָטער מיינעם קיין שום זאַך נישט געווען אַזוי פרעמד ווי דער ניטשעאַנישער „האַלט זי דער טויפל

אונד די סטאַטיסטיק״. דער גייסט מוז כסדר אַרונטערגיין פון די בערג, אויסהערן, היילן, העלפן, דערנאָך ווידער זיך אָננעמען מיט די ריינע באַרג־לופטן און ווידער אַרונטערגיין — ערגעץ אויף די נאַלעווקעס, הערן „מה מליל״, הערן וואָס עס קרעכצט, וואָס עס שרייט, וואָס עס פאַרלאַנגט פון פיבער אַרויס די נאַכט. גראָד די הויכע באַרג־וואָסערן ווילן אַרונטער, ווילן אָנטרינקען, ווילן משפיע זיין (זע די פאָעמע „הצמאון״). פונקט ווי ס׳איז דאָ אַ ירידה־צורך־עליה, אַזוי — קען מען זאָגן — איז אויך פאַראַן אַן עליה צורך ירידה, אַן אויפהויבן זיך כדי אַרונטערצוגיין, כדי צו דער־פרישן דעם טאָל און אים צו זאַפטיקן. אמתע בני־היכלא איגנאָרירן נישט די רעאַליטעט; פאַרקערט, גראָד זיי באַנעמען די צענטראַלע חשיבות אירע פאַר די „עליונים״. גראָד זיי וויסן, אַז אַלע וועלטן וואַרטן אויפן תיקון פון דער אונטן־וועלט. זיי וויסן, אַז „יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה״ איז כביכול אָפּהענגיק פון דעם סאַמע אונטערשטן. צום אין־סוף קאָנסטו אַמאָל מתפלל זיין מיט אַ פּראָסט־פּשוטן צייטונג־מאמר וועגן עפּעס אַ פּשוטן, פּראָזאַאישן, טעגלעכן ענין. דאָס געוויין פון דער אָרעמער עפּל־פאַרקויפערין אויפן גאַס, וואָס פרירט צוזאַמען מיט די נישט־פאַרקויפטע עפּל, און דאָס חצות־געוויין פון דעם מקובל, וואָס פּראַוועט מיט אַלע יחודים תיקון־רחל און תיקון־לאה — אָט די געוויינען טרעפן זיך. מ׳מעג וואַרפן אַ שטאַרקן חשד אויף בני־היכלא, וואָס די ווייטיקן פון דער ערד גרייכן נישט צו זיי. דער פּראָזאַאישסטער פרט, — אַ ברויט־קאַרטע פאַר הונגעריקע יידן אין וואַרשעווער „בית־לחם״, די לאַגע פון אַ יידענע אַ „פּשעקופּקע״ אין די וואַרשעווער האַליעס, — קאָן זיין נישט נאָר ערדיש וויכטיק, נאָר אויך הימליש וויכטיק: וויכטיק ברזא דיחודא, אין דעם סוד פון אחד. שוין אין „מכתבי אחד הצעירים״, געדרוקט אין פּרישמאַנס „הדור״, לייענען מיר די אומגעהייער כאַראַקטעריסטישע ווערטער (אין אַ קריטישער אַנאַליזע פון בערדיטשעווסקיס ווערק און אידייען): „איך געפין נישט, צו מיין באַדויער, אין אַלע קינות און געשרייען בערדי־טשעווסקיס, אַז ער זאָל זיך מצער־זיין מיטן צער פון יעדן שמואל, יעדן חיים און יעדן זלמן ממש; אַז זיין האַרץ זאָל ווייטיקן איבער דער אָרעמ־קייט פון דעם ייד, וואָס זיצט אין די ערי־התחום, אַ מטופל מיט ווייב און קינדער, און ער ווייס גאָרנישט, פון וואַנען ער זאָל באַקומען זיין שטיקל ברויט; אַז זיין האַרץ זאָל ווייטיקן איבער די צרות פון דעם ייד, וואָס

וואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף און געפינט קיין מנוחה נישט; אַז ער זאָל מיטליידן מיט דער יידענע, וואָס לויפט אַרום אַ גאַנצן טאָג ווי אַ פאַרשטויסענע צויג און נאָך אַ גאַנצן טאָג האָרע־וואַניע ברענגט זי אַ טרוקן שטיקל ברויט צו אירע קינדער אין פינצטערן קעלער".

זיך „מצער זיין מיטן צער פון יעדן שמואל, יעדן חיים און יעדן זלמן ממש" — דאָס איז געווען דער פּראָוו־שטיין. דאָס איז געווען דאָס, וואָס הלל צייטלין האָט באַלד פון אָנהויב געפאָדערט פון גייסט און גייסט־מענטש. ער גופא האָט זיך קיין איין רגע פון זיין לעבן אויף דער ערד נישט אויפגעהערט „מצער צו זיין מיטן צער פון יעדן שמואל, יעדן חיים און יעדן זלמן ממש". דערפון — זיין פּובליציסטיק, זיין ברענענדיקער אָרגאַנישער אינטערעס פאַר פּרט און פּרטים, נישט נאָר פאַר אַלגעמיינ־קייטן און סינטעזן. דערפון — זיין פּאָלעמיק, זיין קאַמף, זיין ווערן אַן „איש ריב ואיש מדון". איז עס געווען אין סתירה צום מענטש פון „יופי־של־מעלה"? ניין. נישט קיין סתירה איז עס געווען, נאָר אַ דירעקטער פּועל־יוצא.

אין „הזמן" טרעט מיין פאָטער אַרויס נישט בלויז ווי דער געזעלשאַפט־לעכער קריטיקער מיט דעם ברויזיקן, הייס־חסידישן טעמפּעראַמענט, ווי דער נאַציאָנאַלער וועקער און מאָנער, נאָר פון צייט צו צייט — אויך ווי דער ליטעראַטור־קריטיקער מיט דעם פרישן, אוממיטלבאַרן אָפּרוף. דאָס לעצטע ווערט דאָ דערמאָנט דערפאַר, ווייל ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט געוואָרן קיין פּרוּוו אפילו, קיין אָנהייב שבאָנהייב, זיך אָפּצו־שטעלן אויף הלל צייטלין דעם ליטעראַטור־קריטיקער, דעם, וואָס נאָך אין „מכתבי אחד הצעירים" האָט ער געגעבן איינע פון די כראָנאָלאָגיש ערשטע — און ליטעראַריש וואָגיקסטע — כאַראַקטעריזירונגען פון מ. י. בערדיטשעווסקין און וואָס האָט פון דאַן אָן געשריבן מאַסן ליטעראַטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען, אָפּשאַצונגען, איבערשאַצונגען. זיין קריטיק ציט זיך פון ווילנער „הזמן" דורך דער „התקופה" ביז צום וואַרשעווער וואָכנ־בלאַט „בדרך". מען געפינט זי אין וואַרשעווער „היינט", דערנאָך — במשך פון צענדליקער יאָרן — אין „מאָמענט", אַ חוץ אין פאַרשיידענע אַנדערע, אייגענע און פרעמדע, אויסגאַבעס, בלעטלעך, זאַמלונגען...

מ'קאָן פרעגן: איז ער דען געווען אַ ליטעראַטור־מענטש, ער, וועלכער

האָט זיך אַזוי פרי אָפּגעזאָגט מיטצוגיין מיט אַ דור, וואָס איז אַוועק אויף די וועגן פון שריפט (דעם ספר־באַקעמפער מ. י. בערדיטשעווסקי אַריינ־גערעכנט)? איז דען געווען אַ ליטעראַטור־מענטש דער, וואָס איז באַלד פון אָנהייב געגאַנגען צום לעבעדיקן מענטש און איז דערנאָך אַוועק צום לעבעדיקן גאָט?

דער ענטפער איז אַזאַ: גראָד דערפאַר, וואָס ער איז אין דעם גאַנצן מהות זיינעם נישט געווען דער ליטעראַט לשם ליטעראַטור (קיינער האָט נישט אַזוי ביטער פיינט געהאַט, ווי ער, דאָס, וואָס ער האָט מיט פאַר־אַכטונג גערופן אויף רוסיש: ליטעראַטורשטשינא); גראָד דערפאַר, וואָס אים איז אָנגעגאַנגען נישט דער שרייבער אינעם מענטש, נאָר דער מענטש אינעם שרייבער, נישט די פאַכמעניש־לאַבאָראַטאָרישע קוואַליטעטן, נאָר דער תוך, — גראָד דערפאַר האָט ער געקאָנט, פון זיין אויסער־און־איבער־ליטעראַרישער פּאָזיציע, דערזען שרייבערישע דערשיינונגען פון אַן אייגענעם, פרישן און אַנדערשדיקן שטאַנדפּונקט. צוויי קליינע ביי־שפּילן. שטרענג ליטעראַריש איז ש. אַנסקי — שוין אַריינגערעכנט דעם „דיבוק" — אַ דערשיינונג אַ חנעוודיקע, אָבער אין תוך אַ מיטלמעסיקע. מיין פאָטער, וואָס אַנסקי דער מענטש, אַנסקי דער אַנטוישטער רעוואָ־לוציאָנער, דער זוכער פון אַ וועג צוריק צו זיין פאָלק און גאָט, האָט אים אַ סך מער אינטערעסירט ווי אַנסקי דער שרייבער, האָט אינעם „דיבוק" אויפגעדעקט דאָס מענטשלעך ביאָגראַפישע, דאָס אינטימע — און אומדירעקט איז שוין אויך געהויבן געוואָרן די ריין ליטעראַרישע חשיבות פון אַט דער דראַמאַטישער באַלאַדע. אין זיין אָריגינעלער באַלייכטונג ווערט „דער דיבוק" פאַרוואַנדלט אין דער גייסטיקער אויטאָביאָגראַפיע פון דעם מחבר, אַן אויטאָביאָגראַפיע, וואָס פאַרכאַפּט (זע די אויספירלעכע אַרבעט: „דער לעבנס־וועג פון ש. אַנסקי", אין יובליי־זאַמלבוך פון „מאָמענט", וואַר־שע, 1921; די אַרבעט איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש פון נ. מלצן און איז דערשינען אין אַ באַזונדערער בראָשור, פאַרלאַג „הספר", ירושלים, תרפ"ו).

אַ ליטעראַטור איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן ביאַליקן, אָבער קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דער דאָזיקער — ווי מיין פאָטער האָט אים אָנגערופן — משורר הבהירות („ההד", טבת, תרצ"ג) האָט, אַ חוץ זיינע אָפענע, אַלגעמיין אָנערקענטע מעלות, איין אָרגאַנישן חיסרון: ער האָט

קיין כלי־קיבול נישט פאַר דער מיסטעריע. ער איז אַ ביסל שוין צו־העל. מיין פאָטער איז, אויף וויפיל איך ווייס, סיי דער ערשטער, סיי דער איינ־ציקער, וואָס האָט אויף דעם נישט בלויז אָנגעוויזן (אין אַן אַרבעט זיינער וועגן ביאַליקן, „התקופה״, באַנד 17, 1923), נאָר עס אויך באַוויזן.

***

אין ווילנע האָט מיין פאָטער, פריער בלויז אַ העברעאישער שרייבער, אָנגעהויבן שרייבן אויך אויף יידיש. אין דער יידיש־ליטעראַטור איז ער אַריין מיט זיין „בענקשאַפט נאָך שיינהייט״, פאַרעפנטלעכט אין דעם אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „דאָס יידישע פאָלק״, וואָס איז דענסטמאָל דערשינען אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק גרינבוים.

„בענקשאַפט נאָך שיינהייט״ (1906) איז אויך געווען די בענקשאַפט נאָך פולער אידענטיפיצירונג מיט דער אייגנטלעכער, דער נישט־„וועלט־לעכער״ יידישקייט. פון דעם רעליגיעזן אינהאַלט, וואָס האָט די חסידישע נשמה אָנגעפילט אויך אין די צייטן פון אַזוי גערופענעם פּאָזיטיוויזם, רעאַליזם און גלויבן אין וויסנשאַפטלעכקייט, הויבט זיך איצט אָן אַ גאַנג אויך צו רעליגיעזער פאָרם (דערווייל — „שיינהייט״ בלע״ז)... דער פּראָצעס פון פולער אידענטיפיקאַציע מיט רעליגיעזער יידישקייט ווערט פאַרענדיקט אין וואַרשע.

אין 1907 ווערט מיין פאָטער אַרויסגערופן פון ווילנע, צו רעדאַקטירן אין וואַרשע דאָס „יידישע וואָכנבלאַט״ און מיטצואַרבעטן אין ש. י. יאַצקאַנס „היינט״, אַ טאָג־צייטונג, וואָס איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן מיטן כוח פון מיין פאָטערס פּרעסטיזש, פונקט ווי עס איז שפּעטער, אין 1911, געגרינדעט געוואָרן מיט דעם זעלבן כוח די צווייטע הויפּט־צייטונג פון יידישן פוילן „דער מאָמענט״. דאָ הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל: די צענדליקער יאָרן פון מיין פאָטערס לעבן און שאַפן אין דעם גרעסטן יידישן צענטער אין אייראָפּע. אין „היינט״ שטורעמט ער אויף די געמיטער מיט זיינע „בריוועלעך צו דער יידישער יוגנט״. ס׳דערהערט זיך דאָס מעכטיקע קול פון דעם גייסט־מענטש, וואָס רופט אַ פאָלק צו תשובה. אַזוי האָט מען ביז יענער צייט נישט גערעדט און נישט גערופן, נישט אויף העברע־איש און נישט אויף יידיש.

וואָס איז דער נאַציאָנאַלער ייד? אַ המשך פון דעם משכיל. דאָס מאָל ווערט לחלוטין איבערגעריסן מיט דער השכלה, איבערגעריסן פון אינעווייניק אַרויס. געריפן צו גאָט ווערן נישט נאָר די אָוועקגעגאַנגענע פון אמונה, און די, וואָס גרייטן זיך אַוועקצוגיין. ס'הויבט זיך אָן מיט דער יוגנט, אָבער וואָס ווייטער ווערט אַלץ קלערער, אַז צוריקגערופן ווערט דאָס גאַנצע פאָלק, אויך די פרום־חסידישע יידיש־פוילישע מאַסע. אויך דער פרומער האָט וואָס מתקן צו זיין. דער „קדושת־לוי" האָט געשיקט אַמאָל דעם שמש זיינעם, ער זאָל גיין אין קלויז אַריין, אַ קלאַפּ טאָן אין שטענדער און אויסרופן: יידן, מיר זענען מכריז ומודיע, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. אַזוי האָט מיין פאָטער געשיקט זיך אַליין, דאָס מכריז ומודיע צו זיין דעם גאַנצן פאָלק, אויך די, וואָס האָבן עס פאַרגעסן מחמת זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט...

אין דעם יידישן לעבן אין פוילן ווערט הלל צייטלין אַ באַזונדערע אינסטיטוציע. עס טרעפט, אַז דער פוילישער ייד קאָמבינירט צונויף „צייטונג" מיט „צייטלין" — ס'ווערט איין באַגריף ביי אים. גיט מיר אַ צייטלינג, — זאָגט אַ ייד צום צייטונגס־פאַרקויפער. אַן אויסטערלישער מענטש האָט זיך געוויזן: אַ שרייבער, דאַכט זיך, ווי אַלע, און אין תוך — עפּעס אַ נייער מין חסידישער רבי. וואוהין רופט ער? צו באַנייטער חסידות?

וואַרשעווער ליטעראַטן און משכילים קענען נעבעך נישט „צעקייען" דעם ניי־צוגעקומענעם נישט־ליטעראַרישן ליטעראַט, וואָס אַפּעלירט צום פאָלק איבער זייערע קעפּ און האָט אַזאַ גרויסן, אַזאַ מערקווירדיק גרויסן אָפּהילך אין די הערצער. יונגע שרייבער גרופּירן זיך אַרום אים, ווערן צוגעצויגן פון זיין פערזענלעכקייט; פרישמאַן האַלט אים פאַר אַ זייניקן (ביז צו מיין פאָטערס אַטאַקע אויף זיין, פרישמאַנס, „קיצור פון חומש"). פּרץ פּרוּווט אים מאַכן, אָן דערפאָלג, פאַר אַ סאַטעליט. שפּעטער שרייבט דער אויסטערלישער „האָמאָ נאָוואוס": „פּרצעס הימלען זענען אַ וואָרט, אַ פאַרב, אַ קלאַנג — קיין גאָט איז אין זיי נישטאָ". פּרץ קען עס דעם רעליגיעזן פילאָזאָף, ווי ער רופט מיין פאָטער, קיינמאָל נישט מוחל זיין.

עס גייט נישט דעם נייעם מענטש אין ליטעראַטור, כאָטש ער גיט זיך אויך אָפּ מיט יונגע שרייבער, בעסערט אויס געדולדיק זייערע מאַ־

נוסקריפּטן, איז זיי מדריך, ציט זיי צו צום „יידישן וואָכנבלאַט", וואָס ער רעדאַקטירט, פּונקט ווי ער רעדאַקטירט (צוזאַמען מיט ד. פרישמאַנען) אַ פּאָר ליטעראַרישע זאַמלביכער („ניי־צייט"). גאָר אינגיכן דערפילט מען, אַז ליטעראַטור איז ביי אים ווייט נישט אַזאַ חשובער ענין, כאָטש ער איז אַזאַ גרינדלעכער קענער פון גרויסע ליטעראַטור־דערשיינונגען, אַזאַ בקי אין דאָסטאָיעווסקין, אַזאַ אָריגינעלער מבין אויף געדרוקטס און געשריבנס. פילאָזאָפיש הויך־באַהאַוונט, אַ מעמיק אין דער געדאַנק־ליטעראַטור פון אַלע צייטן, איז אויך פילאָזאָפיע ביי אים נישט דער עיקר. ער האָט אַ געבוירענעם חוש פאַר הומאָר, אָבער אַלץ אין אים איז — דער ערנסט אַליין. ער איז אַ פּובליציסט מיט אַ שאַרפן זין פאַר פאַר יידישער אַקטואַליטעט, פאַר פּרטים און ענינים פון טאָג, פון דער לויפנדיקער מינוט, — און ער איז, ביי זיין גאַנצער היאיקייט, נישט קיין היגער. ער איז אינעווייניק און פונדרויסן. ער איז אַ תושב און — אַ גאַסט, אַ פאַרבייגייער, אַ וואַנדערער פון מרחקים צו מרחקים. אַז מען קומט צו אים אַריין אין דער פרי, זעט מען אים אין טלית־און־תפילין — און מען פילט, אַז מען איז אין דער אַנוועזנהייט פון אַ גייסט, וואָס איז היינטיק און קדמונדיק צוגלייך. ער דאַוונט, לערנט, זינגט מיט גוואַל־דיקער התלהבות. ווען האָט ער צייט צו שרייבן? אַלץ, וואָס ער זאָגט בעל־פּה אָדער בכתב, זעט אויס צו זיין נישט מער ווי אַ שאָטן פון אַ שאָטן פון אינטענסיווע אינערלעכע איבערלעבונגען. ווען ר' נחמנען שרייבט ער ווי אַן אייגענער פון אַן אייגענעם. זיין באָרד איז פון אַ טאַטן, פון אַ זיידן, פון אַן עלטער־זיידן, און צוגלייך איז עס די גליענדיקע באָרד פון עפּעס אַ נייעם סאָרט ייד. אַ צוקונפט־ייד?

דער פּובליציסט קויפט זיך דערוויל איין אַ וועלט מיט שונאים. דער קאַמף איז קעגן ערזאַץ־גלויבנס פון כל־הסאָרטן, קעגן פּאַרטייען און פּאַרטיי־גייסט, קעגן איזמען, וואָס פאַרנעמען דאָס אָרט פון אמונה, קעגן אַלץ, וואָס פירט אַוועק אַן אַ זייט, וואָס פאַרטונקלט דעם עיקר. דער קאַמף איז באַזונדערס שאַרף און טרעפט אין ציל באַזונדערס ווייטיקדיק, ווייל דאָ רעדט אַ מענטש, וואָס האָט גייסטיקע מאַכט, אינערלעכע אויטאָריטעט, קראַפט פון איבערצייגונג, און דערצו אַ מענטש, וואָס קען דעם אַזויגערופענעם מאָדערנעם ייד פון אינעווייניק.

ער ווערט „אומבאַקוועם". קנאה־שנאה זוכט אַ תירוץ פאַר זיך —

און געפינט. זייער פשוט: דער מענטש איז אַ צבועק, אַ היפּאָקריט. כאַטש צוריקגעשמועסט: מה לו לשקר? ליטעראַריש קאָן ער דאָך זיין שטעטל גאַנץ גוט, — נייך, אַ סך בעסער, — באַשטיין, ווען ער גייט דווקא יאָ מיטן משכיליש־וועלטלעכן שטראָם... אָבער קנאה־שנאה פרעגט נישט. אַבי זי האָט אַן אויסרייד. וואָס הייסט עפּעס, — טענהט זי, — ער איז דאָך געווען ווי״מיר אַלע״! פון וואַנען זאָל זי וויסן, אַז אַפילו אין דער קורצער תקופה פון זיין וועלטלעכקייט איז ער קיין מיר־אַלע׳דיקער בשום אופן נישט געווען?

ס׳ווערט אים ענג אין „היינט״, וואו עס ווערן צוזאַמען מיט זיינע אַרטיקלען געדרוקט כלערליי שונדישע ביליקייטן אין אַ גאַסיקן נוסח. אין יענער צייט קומט צו אים צבי פרילוצקי, געוו. רעדאַקטאָר פון „וועג״, צוזאַמען מיט פאַרטרעטער פון אַ גרופּע, וואָס איז פאַראינ־טערעסירט אַרויסצוגעבן אַ נייע טאָג־צייטונג, אַ צייטונג, וואָס וועט — ווי זיי פאַרזיכערן — אויסמיידן „יאַצקאַניזמען״. דער תנאי קודם למעשה, די „קאָנדיציאָ סינע קוואַ נאָן״ איז, אַז מיין פאָטער זאָל צושטיין... אָן אים איז די נייע צייטונג לכתחילה פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל. מיין פאָטער וויל גלויבן, אַז די צייט פאַר אַ העכערן טיפּ צייטונג איז גע־קומען, און ער שטייט צו. דער „מאָמענט״ הויבט־אָן צו דערשיינען (1911). אין אָנהויב איז דער אַלגעמיינער טאָן פון דער צייטונג טאַקע באמת אַן אַנדערער.

דער גרויסער דערפאָלג פון דער נייער טאָג־צייטונג לאָזט נישט רוען דעם רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון „היינט״. ער באַשליסט צו געבן דער קאָנקורענץ־צייטונג אַ טויט־קלאַפּ דורך דעם, וואָס ער וועט אָנהייבן אַ פּערזענלעכע העץ־קאַמפּאַניע קעגן דער פריערדיקער זייל פון זיין „היינט״ און דער איצטיקער זייל פון „מאָמענט״, קעגן הלל צייטלינען. ער נוצט אויס די קנאה־שנאה פון קעגנער און עס הויבט זיך אָן אַ ריי בילבול־אַטאַקעס. וואָס טוען נישט מענטשן פון אַ געוויסן טיפּ, אַבי צו דיסקרעדיטירן די קאָנקורענץ?

עס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט אין אַן עכט־איבסעניש נוסח די טראַ־געדיע פון דעם איינזאַמען „איש־הרוח״, וואָס שטייט איינער אַליין קעגן אַ מאַב.

געזיגט האָט דער אמת. אינסטינקטיוו האָט זיך דאָס פאָלק געשטעלט

קעגן דעם מאָב — אויף דער זייט פון דעם יחיד. די אינטריגע האָט זיך נישט איינגעגעבן. די איבסן־דראַמע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט דעם יחידס נצחון.

***

אין פוילן האָט מיין פאָטער געלעבט 35 יאָר — פון 1907 ביז דעם טאָג פון זיין קידוש־השם, ערב ראש־השנה תש״ג (סעפטעמבער 1942 *).

איך נעם זיך נישט אונטער געגוי צו באַהאַנדלען אָט די פינף און דרייסיק יאָר אין די ראַמען פון דעם איצטיקן אַריינפיר. כ׳וועל נאָר אָנצייכענען די הויפט־עטאַפּן פון דעם וועג, וואָס מיין פאָטער איז דורכ־געגאַנגען במשך פון אָט דער צייט.

אין דער פּאָעמע „הצמאון״ („ספרות״, 1910) איז ער נאָך אַלץ גאָט־זוכעריש. ער באַוואונדערט דעם זקן, וואָס פּערזאָניפיצירט די טראַדיציע, אָבער ער אידענטיפיצירט זיך נישט מיט אים. וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ מער גאָט־געפינעריש. בקיצור וואָלט איך דעם דאָזיקן פּראָצעס סקיצירט אַזוי: תחילת האָט מיין פאָטער געשטעלט אין צענטער פון די וועלט־פּראָבלעמען די פראַגע פון ליידן (און דערפאַר האָט ער אין יענע צייטן אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון דאָסטאָיעווסקי און ניטשע — זיי זענען געווען אין זיינע אויגן די גרויסע ליידנדיקע). שפּעטער האָט ער איינגעזען, אַז אין דער גרויסער מיסטעריע פון ליידן, וואָס ווערט פאַר־קערפּערט אין דער געשיכטע פון ישראל, געפינט זיך דער שליסל צו דער פראַגע פון יסורים און ממילא אויך צו די עיקרדיקע פראַגן פון דער עקזיסטענץ. פּאַרטיפנדיק זיך אין דער רעטעניש פון ישראלס היסטאָרישע ליידן, האָט ער דעם זין פון אָט די ליידן — און פון ליידן בכלל — גע־פונען אין דער גאָט־דערפאַרונג. פון ישראל איז ער געקומען צום גאָט פון ישראל, וואָס איז דער גאָט פון אוניווערס. דערביי איז זיין גלויבן געבליבן דינאַמיש, נישט קיין איינגוויג־מיטל, נישט קיין גייסטיק שלאָף־געטראַנק. מער וועגן דעם לעצטן פונקט — שפּעטער.

אין וואַרשע ליידט מיין פאָטער דערפון, וואָס ווי אַ פּען־מענטש און אַ צייטונג־מענטש קומט אים אויס צו לעבן אין אַ סביבה, וואָס שטימט

---

*) די דאַטע האָב איך באַקומען פון ד״ר הלל זיידמאַן. אַן אַנדער דאַטע איז: אויגוסט 1942.

דורכאויס נישט מיט זיינע אינטימע נייגונגען, מיט זיין רעליגיעזן טעמ־פעראַמענט, מיט זיין שטרעבונג צו אַ נייער רעליגיעז־מאָראַלישער דער־וואַכונג פונעם פאָלק. די צרה איז ביי אים נישט דאָס, וואָס ער איז אַ פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט; פאַרקערט, דאָס אוממיטלבאַרע ווירקן דורכן וואָרט, דאָס שטיין אין לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן פאָלק, דאָס אָפּרופן זיך אויף דעם פאָלקס לויפנדיקע טאָג־טעגלעכע נויטן, דאָס כסדרדיקע אַכטונג־געבן אויף דער צייט, אַז זי זאָל נישט מורד זיין אין דער אייביקייט — דאָס אַלץ אַנטשפּרעכט גראָד דער נייגונג זיינער צו פאַר־בינדן אין איין העכערער גאַנצקייט חיי־עולם און חיי־שעה (זע אויבן). די צרה איז אין דעם, וואָס נייע גייסטיקע דערגרייכונגען, נייע גייסטיקע רייפקייט פאָדערט פאַר זיך אַ נייע אַטמאָספער. צענדליקער יאָרן הערט נישט אויף מיין פאָטער צו זוכן מיטלען ווי אַזוי צו שאַפן אַרום זיך אַ סביבה, — אַ סביבה נישט אין געוויינלעכן זין פון וואָרט, נאָר אין אַ זין אַ הויך־גייסטיקן.

די ערשטע יאָרן איז שליסקע 60 אַ „ליטעראַרישע שטוב" (זע דאָס בוך אונטער דעם דאָזיקן נאָמען, וואָס מיין יינגערער ברודער אלחנן ע"ה האָט פאַרעפנטלעכט אין וואַרשע, 1937; איבערגעדרוקט אין אַרגענטינע, 1948). שליסקע 60 בלייבט ביז צום סוף אַ נאַציאָנאַלער אַדרעס, אַ צענט־ראַל־אַדרעס פאַר יידן פון גאַנץ פוילן, יונגע און נישט־יונגע, פרומע און נישט פרומע, יידן, וואָס קומען נאָך אַן עצה, נאָך אַ גוט וואָרט, נאָך הילף, אָדער סתם כדי זיך דורכצורעדן מיט מיין פאָטער, כדי זיך צו געפינען אַ שטיקל צייט אין זיין מחיצה. עס קומען ליטווישע ישיבה־בחורים זיך מפלפל צו זיין אין לערנען; עס קומען מוסרניקעס; עס קומען רבנים; עס קומען וואַנדער־יידן מיט גאולה־חלומות, מקובלים, וואָס מיין פאָטער האָט ליב זיי אויסצוהערן — שעהנלאַנג; עס קומען אַפילו — פאַליעסער גרים מיט זייער פירעריך, די מוטער ווי זיי רופן זי, אַן איינגעקנייטשטע אַלטע פויערטע, וואָס דערציילט פון אירע זעאונגען. עס קומען פון אַלע עקן פוילן שרייבער־אָנהייבער. עס קומען כלל־טוער און שיינע יידן. עס קומען אָרעמעלייט. עס קומט „כל איש מצוק ומר נפש". נישט איינמאָל טרעפט, אַז מיין פאָטער גיט אַוועק וואָס ער האָט — מתן בסתר — און דערנאָך דערציילט ער, אַז בעת ער איז געפאָרן אין טראַמוויי האָט מען אים, אַפנים, באַגנבעט, צוגענומען אַ וואָך שכירות... עס קומט אַ יידענע

מיט אַ ביטער האַרץ. וועמען דאַרפט איר? כ׳וויל ריידן מיט ר׳ הללן. עס קומט אַ מדינה־שלעפּער. עס קומט אַ יורש־עצר פון אַ רבין, וואָס וויל קיין רבי נישט זיין, מחמת ס׳האָט זיך איינגעניאַדעט אין אים די השכלה און ער קומט צו מיין פאָטער זוכן אַ רפואה צו אינערלעכער געשפּאַלטנקייט. עס קומען פאַרשיידענע „איסטן״, פּאַרטיי־לייט, וואָס זוכן עפּעס מחוץ דעם פּאַרטיי־פּאַראַגראַף. די ערשטע צייטן פלעגן קומען אויף אַ שמועס אַזעלכע פאַרשטייער פון דער קריסטלעך־פּוילישער אינ־טעלעקטועלער וועלט ווי דער אָקולטיסט, דער מאָלער סטאַוורואָוסקי. סטאַוורואָוסקי האָט געהערט צו אַ קרייז פּוילישע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן שטודירט די מיסטיק פון פאַרשיידענע פעלקער און האָבן געפּועלט ביי מיין פאָטער, ער זאָל פאַר זיי געבן אַ פּאָר לעקציעס וועגן קבלה. צווישן די צוהערער האָבן זיך געפונען באַרימטע פּוילישע שריפטשטעלער און קינסטלער. שפּעטער האָט זיך מיין פאָטער פון זיי דערווייטערט. ס׳איז געווען דאַן, ווען עס האָט זיך געשטאַרקט דער אַנטיסעמיטישער „דוואַ־גראַשע״־גייסט. אין זיינע אַרטיקלען: „אַ ייד צו פּאָליאַקן״, וואָס זענען געגאַנגען אין „מאָמענט״ אויך אין פּוילישער איבערזעצונג א. נ. „זשיד דאָ פּאָליאַקוואוו״, האָט מיין פאָטער געפּרוּווט ווירקן אויף די בעסערע פאַרשטייער פון פּוילישן פאָלק, זיי זאָלן איינ־צוימען די כוואַליעס פון שנאה. ס׳האָט נישט געהאָלפן. אגב, האָבן גע־פונען פאַר נויטיק זיך צו טרעפן מיט מיין פאָטער אויך פאַרשטייער פון דער אַסימילירטער פּויליש־יידישער אינטעליגענץ, ווי ד״ר נוסבוים און דער טאַלאַנטירטער אַ־לאַ־היינע־שרייבער לעאָ בעלמאָנט. אומזיסט האָט ער געפּרוּווט אַרויסשלאָגן פון זיי די עבודה זרה זייערע. איך דערצייל דאָס דרך־אגב, כדי צו ווייזן, אַז מיין פאָטער איז געקומען אין באַרירונג מיט אַלע שיכטן, האָט דערקענט פון דער נאָענט אַלע שטראַלן און שאָטנס, אַלע הויכן און נידערס, אַלע וועגן און ביי־וועגן פון יידישן לעבן אין פּוילישן לאַנד. אָבער צום עיקר, צו אַ סביבה אין גייסטיקן זין, איז עס נישט געקומען. איך זאָג: אין גייסטיקן זין, ווייל נישט קיין סוויטע האָט מיין פאָטער געזוכט און אויך נישט דרויסנדיקע חברשאַפט — דאָס צו געפינען וואָלט געווען זייער לייכט — נאָר מיט־שטרעבער, מיט־גייער, מיט־שאַפער. ער האָט נאָכאַנאַנד, יאָרן אויף יאָרן, געפּרוּווט שאַפן גרופּעס יחידים — וואָס האָבן געדאַרפט דורך אייגענעם

תיקון מתקן זיין די סביבה אַרום זיך און שאַפן דעם גאולה־קערן פון ישראל. יעדעס מאָל האָט ער געהאַט פאַר דער אויסגעחלומטער גרופע אַן אַנדער נאָמען — בני־יבנה; בני־היכלא; צום סוף, שוין ערב דער היטלער־אינוואַזיע, מושיעים... לכבוד זיי האָט ער אַרויסגעגעבן זיין „ספרן של יחידים״ (וואַרשע, 1928). יחידים האָבן זיך געיאָוועט, אַלץ וואוילע יונגעלייט, אָבער — ס׳איז געווען נישט דאָס, וואָס מיין פאָטער האָט געמיינט. צו גרויס, צו שטראַלנדיק איז געווען דער חלום. ער איז געווען און געבליבן דער מאָנער און דער מתבודד, די גרויסע איינזאַמע שטים, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן קאָפּ פון שטאַנדן, קלייזלעך, פּאַרטייען. געהערט די שטים האָבן אַלע, אָבער דערהערט האָבן זי — אחד בעיר ושנים במשפחה.

די ליטעראַרישע שטוב אויף שליסקע זעכציק האָט זיך אויסערלעך געביטן מיט די כסדרדיקע בייטונגען פון יידישן לעבן אין פוילן. די ליטעראַטור האָט שוין לאַנג געהאַט איר אייגענעם אַדרעס (טלאָמאַצקע דרייצן), און כאָטש מיין פאָטער האָט ליטעראַטור קיינמאָל נישט איגנאָרירט, האָבן אַלע געוואוסט, אַז נישט נאָר לעבט ער זיך אין ליטעראַטור נישט אויס (ס׳איז דאָך אויך פריער נישט געווען אַנדערש), נאָר אַז בכלל עקזיסטירט נישט פאַר אים דער טאַנץ אַרום טאַלאַנט... עס עקזיסטירן: די תפילה, די וואָרנונג און דער ווילן צו גאולה.*)

צום בעסטן פילט ער זיך צווישן פשוטע פרומע יידן. אַ גרויסער אַנהענגער פונעם בראַסלאַווער (שוין אין זיין ערשטער אַרבעט, אין „הטוב והרע״, שטעלט ער זיך אָפּ אויף ר׳ נחמנס שיטה), אַ גרינטלעכער, ממש אומאויפהערלעכער אַריינקלערער אין אים און אין זיינע תורות, גייט ער אָפט אין שטיבל פון די אומאַנער, טאַנצט מיט די „טויטע״ חסידים (ווי מ׳רופט זיי צווישן די חסידים פון לעבעדיקע רביים) און שמועסט מיט זיי לאַנג און אינטים וועגן דעם רבין, וועגן ר׳ נחמנען. אויב די איצטיקע אויסגאַבע פון מיין פאָטערס געזאַמלטע ווערק**) הייבט זיך

*) די זאַמלונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס מיין פאָטער גיט אַרויס, ברענגען אויך ליטעראַטור, אָבער ליטעראַטור איז דאָרט ווייט נישט דער עיקר.

**) זיי זענען קיינמאָל נישט געזאַמלט געוואָרן נישט אויף יידיש און נישט אויף העברעאיש, אויב נישט צו רעכענען די ריין צופעליקע, טיפּה־מן־הימיקע זאַמלונגען: „שריפטן״, פאַרלאַג וועלט־ביבליאָטעק, וואַרשע 1910 און „כתבים נבחרים״, דריי קליינע בענד, „ביבליותיקה גדולה״ וואַרשע, 1912־1910).

אָן מיט אַ ר׳ נחמן־מאָנאָגראַפיע, איז עס נישט קיין צופאַל. צו דער געשטאַלט און צו דער לערע פון ר׳ נחמנען האָט זיך מיין פאָטער כסדר אומגעקערט. איינער פון די לעצטע קונטרסים זיינע איז געווען: אורו של משיח בתורת הברסלבי, וואָס איז מיט פאַר־קירצונגען אַריין (אין מיין איבערזעצונג) אין דער איצטיקער מאָנאָגראַפיע. וועגן די אינעווייניקסטע שייכותן פון מיין פאָטער צו ר׳ נחמנען און ר׳ נחמנס וועלט האָט אָנגעשריבן אַ טיפזיניקע אַרבעט איינער פון מיין פאָטערס בעסטע תלמידים, דער יונגער רב און שריפטשטעלער (איצט אין ישראל), שמחה־בונם הכהן אורבאַך (זע: רבי הלל צייטלין, משנתו ביהדות וחזונו המשיחי, „התקופה״, טאָפּל־באַנד 33—32, ניו־יאָרק, 1948) — און איך קען נאָר אָפּשיקן צו אָט דער אַרבעט יעדן לייענער, וואָס איז אינטערעסירט צו וויסן, ווי ווייט און ווי טיף אָט די שייכותן גייען.

פון צייט־צו־צייט פאַרט אויך מיין פאָטער צום אָסטראָווצער — אָט די לעצטע קלאַסישע רבי־פיגור, וואָס דאָס פוילישע חסידות האָט אַרויס־געגעבן. ער שמועסט מיט אים (צוו. אַנד. וועגן דעם ענין פון קידוש־השם) און פאַרשרייבט זיינע תורות. צי פאַרשטייט דער אָסטראָווצער הלל צייטלינען? איך ווייס נישט. אָבער הלל צייטלין פאַרשטייט דעם אָסטראָווצער.

אַ פרומער ייד, וואָס היט אָפּ, ווי שוין אויבן געזאָגט, מצווה קלה כחמורה און הערט נישט אויף צו לערנען: אַ מקובל, אַ חסיד און אַליין אַ שטיק רבי, אַ רבי אָן פדיונות, אָן אַ הויף און אָן אַ „טיש״, — איז מיין פאָטער אין דער זעלבער צייט פאָרט אַנדערשדיק, פאָרט נישט „דער זעלבער וואָס אַלע״. זיין יידישקייט איז די דורותדיקע, געוויס, אָבער ער לעבט דאָס רעליגיעזע כסדר איבער פון דאָסניי, ער געפינט גאָט „בכל יום תמיד״, און ער וואַרט אויפן וואונדער פון התגלות מיט אַ כמעט פיזישער דאַרשטיקייט. גאָט איז געפונען, אָבער דער צמאון, דער דאַרשט, האָט נישט אויפגעהערט. פאַרקערט, ער ווערט אַלץ שטאַרקער. אין זיין רעליגיעזיטעט איז ער דינאַמיש, אין זיין גאָט־געפינען איז ער איובדיק אומרואיק (זע די שטעל אין „דממה וקול״, וואַרשע, 1936, וואו ער רעדט וועגן דעם „קו איובי״, דעם איוב־שטריך אין זיין כאַראַקטער).

דער גאַנצער וועג מיין פאָטערס איז דער וועג פון פאַראינערלעכן

אַלץ מער און אַלץ טיפער די אייגענע רעליגיעזע דערפאַרונג *) — און רופן אויך אַנדערע צו אָט דער פאַראינערלעכונג. אָן אַזאַ פאַראינערלעכונג, אָן אַ דינאַמיזירונג פון דעם גלויבן און אָן אַ באַוואוסטזיין פון אַקטיווער וועלט־שליחות האָט ער זיך קיין יידיש לעבן און קיין יידיש פאָלק נישט געקאָנט פאָרשטעלן.

אויב דאָס פאָלק האָט אים אַרויסגעפילט אַפילו ווען עס האָט אים נישט פאַרשטאַנען, האָט אים די אינטעליגענץ זייער אָפט אי נישט פאַר־שטאַנען, אי נישט אַרויסגעפילט אַפילו. מ׳רעדט נישט פון כלערליי אַנפאַלן און זידלערייען, וואָס מ׳האָט דעם פייערדיקן „איש ריב ואיש מדון״ קיינמאָל נישט געזשאַלעוועט. מ׳רעדט וועגן תופס־זיין די עצם דערשיינונג. פאַר אַ דור, וואָס איז אַוועק צו אימיטאַציע פון פאַרטיקע נישט־יידישע מוסטערן, איז ער געווען צו אָריגינעל. און דער עיקר: ער איז געווען די רעליגיעזע נאַטור בה״א הידיעה אין אַ דור, ווען סיי אין דער וועלט פון יידיש, סיי אין דער וועלט פון העברעאיש האָט זיך ברייט צעלייגט דער סעקולערער צווישן־טיפּ.

***

אין דער ליטעראַטור האָט מיין פאָטערס רעליגיעזיטעט זיך אויס־

---

*) די, וואָס זענען נישט תופס דאָס דינאַמישע פון דער רעליגיעזער דערפאַרונג, פאַרשטייען שלעכט מיין פאָטערס רייד וועגן זיין „זינדיקייט״ (למשל, אין „על גבול שני עולמות״, 1919, אין די „תפילות״, 1921, א. ד. גל.). כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז דאָס, וואָס עס שרייבט אין „ספר צייטלין״ (ירושלים, תש״ה) בנימין ליפקין („ירידה צורך עליה״). אַז מען לייענט ביי מיין פאָטער (אין די ערשט־דערמאָנטע כתבים און אַנד.) געוויסע אויסדרוקן און מען נעמט זיי ווערטערלעך, מען מעסט זיי מיט דער געוויינלעכער מאָס — קאָן מען מיינען, מי־יודע וואָס פאַר אַ חטאים עס ווערן דאָ געמיינט. מע פאַרגעסט, אָדער מע ווייס נישט, אַז דאָס, וואָס עס הייסט זינד און שולד ביי דעם בעל מדרגה, ביי דער רעליגיעזער נאַטור בה״א הידיעה, איז פון יענע זאַכן, וואָס דער געוויינלעכער מענטש, דער מאַמין אַפילו, קוקט זיך אויף זיי נישט אום, איז זיי „דש בעקביו״. דווקא וואָס לויטערער אַ מענטש איז, מער פילט ער די מינדסטע פּגימה ווי אַ שווערן חטא, די קלענסטע דיסהאַרמאָניע — ווי אַ ביטערן מכשול אויפן וועג צו גאָט. דער פּאַראַדאָקס (אָדער — אויב איר ווילט — די דיאַלעקטיק) — פון דער רעליגיעזער דערפאַרונג באַשטייט אין דעם, אַז וואָס ריינער עס איז אַ מענטש — מער שולדיק פילט ער זיך, וואָס העכער ער איז — מער פילט ער זיך נידעריק (ביטול היש), וואָס גאַנצער ער איז — מער צע־בראָכן איז ער. ווער עס ווייס נישט דעם דאָזיקן סוד, דער קאָן אין מיין פאָטער — און בכלל אין יעדער עכטער רעליגיעזער דערשיינונג — גאָרנישט פאַרשטיין.

געדריקט אויף צוויי אופנים: אַן אופן אַ פאַרשעריש־טעאָרעטישן און אַן אופן אַן עמאָציאָנעלן. אַוודאי ווייס איך, אַז די גרענעץ איז דאָ אַ קינסטלעכע אין תוך, אָבער איך צייכן זי אָן, כדי עס זאָל לייכטער זיין צו סיסטעמאַטיזירן מיין פאָטערס שאַפן אויף ביידע שפּראַכן.

טעאָרעטיש־פאָרשעריש האָט זיין רעליגיעזיטעט זיך אויסגעדריקט: א) אין אַ קריטיק פון די מאָדערנע פּרואוון פון וועלט־אויסטייטשונג; ב) אין נאָכאַנאַנדיקע פּרואוון צו דערנענטערן צו דער מענטאַליטעט פון דעם מאָדערנעם ייד די רעליגיעז־מיסטישע איבערלעבונג פון איין זייט און יידיש־רעליגיעזע ירושה־ווערטן פון דער צווייטער.

עמאָציאָנעל האָט זיין רעליגיעזיטעט זיך אויסגעדריקט: אין מוסר־וואָרנונגען, אין אַ שולד־געפיל און אַן אַנונג פון נאָענטער קאַטאַסטראָפע (פון די גאָר ערשטע טריט אין דער פּובליציסטיק ביז ערב דער היטלער־אינוואַזיע), אין אַ דאָרשט נאָך אַנטפּלעקונג, אין אַ ווילן צו ניי־חסידות (זע זיין אימאַגינאַטיוון שמועס מיטן בעל־שם־טוב אין „ספרן של יחידים״), אין וויזיעס (זע „על גבול שני עולמות״) און אין אַ דראַנג תפילה צו טאָן סיי אַליין (זע זיינע „תפילות״ אין „התקופה״ און אין קונטרס „געזאַנגען צום אין־סוף״), סיי צוזאַמען מיט אַ גרופּע אויסדערווײלטע אחריות־טרעגער (האַרט ערב די קאַטאַסטראָפע־יאָרן האָט ער זיי גערופן מושיעים, גייסטיקע רעטער). דורך בציבורדיקן תשובה־געבעט פון העכערע יחידים האָט ער געוואָלט ווירקן קאָסמיש (דער איינפלוס פון ר׳ נחמנס לערן וועגן דעם כוח פון תפילה) און אָפּשרייען דעם גזר־דין, וואָס הענגט אין דער לופטן, אויסבעטן אַ פאַרלייכטערונג... ער האָט די לעצטע יאָרן אָפט וועגן דעם געשריבן, גערופן, זיך געבעטן כמעט.

אויף וויפל עס גייט וועגן דער ערשטער זייט פון זיין שאַפן, דער פאָרשעריש־טעאָרעטישער, — דאַרף מען קודם־כל אָנווייזן אויף „בחביון הנשמה״ („נתיבות״, 1913), אַ פילאָזאָפישע אַרבעט (מיט ליריש־עמאָציאָנעלע פאַסאַזשן, ווי ס׳איז דער שטייגער ביים אים), וואו ער האָט געפּרואווט אויפשטעלן די יסודות פאַר אַ ווויסנשאַפט פון רעליגיע, פאַר אַ נייעם סאָרט רעליגיאָלאָגיע. ער נעמט דערביי אין אַכט סיי בערגסאָנס פילאָזאָפיע, סיי דאָס קאַרדינאַלע ווערק פון דעם אַמעריקאַנער דענקער וויליאַם דזשיימס: די פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער רעליגיעזער דערפאַ־

רונג (די וועררייעטי אָוו דהי רעלידזשאַס עקספּיריענס), נאָר ער גייט אַ סך ווייטער פאַר דזשיימסן. ער שעפּט פון זיין אייגענעם נסיון, ווען ער רעכנט דאָרט אויס און סיסטעמאַטיזירט די הויפּט־מאָמענטן פון דער רעליגיעזער איבערלעבונג.

אין „בתהומות הספק והיאוש" („התקופה", בענדער 20 און 21), אַן אַרבעט וועגן לעוו שעסטאָווס פילאָזאָפיע (זיין ערשטע קורצע שעסטאָוו־אַרבעט איז געדרוקט געוועזן, ווי שוין דערמאָנט, אין ברענערס „המעורר"), גיט ער קודם כל אַ קאָנדענסירטע, טיף־גרייכנדיקע אַנאַליזע פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע. ער ווייזט אָן אויף אירע חסרונות און דורכפאַלן — פון קאַנטן דורך דער אידעאַליסטישער מעטאַפיזיק (און דער ביליקער מעטאַפיזיק פון די פאָזיטיוויסטן און היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן) און אויך דורכן ניטשעאַניזם ביזן נעאָ־קאַנטיאַניזם איינגעשלאָסן. ער שטעלט זיך אָפּ אויף שעסטאָוון און טייטשט אַריין אין דעם רוסישן עקזיסטענציאַליסט פון יידישן אָפּשטאַם זיין אייגענע רעליגיעזע פילאָזאָפיע, וואָס פאַרניינט די געוויינלעכע מענטשלעכע ווערטן און פאַרשטעלונגען אין נאָמען פון דעם „אל מסתתר" און בויט אויף דער אַנטפּלעקונג. כדי זוכה צו זיין צו התגלות, מוז אַ מענטש פאַרלירן צוערשט אַלע ערדישע ווערטן זיינע: ער מוז ווערן — דאָס איז דער פאַר־באַדינג — דער כלו־כל־הקצינדיקער פאַרלירער. אַזוי־אַרום ווערט געפונען די סינטעזע צווישן יאוש און אמונה. איוב דערהערט גאָטס שטים פון שטורעם אַרויס.

אין שעסטאָוון האָט מיין פאָטער אַריינגעטייטשט זיך אַליין און דערפאַר איז יענע אַרבעט וויכטיק פאַר די אַלע, וואָס ווילן פאַרשטיין זיין דרך. אגב דערמאָן איך מיך, אַז סוף 1938, ווען ער האָט געלייענט שעסטאָווס נייסט ווערק, האָט ער מיטן צער פון טיפער אַנטוישונג אַ זאָג־געטאָן: כ'האָב אין אים אַ טעות געהאַט; ער גלויבט נישט אין גאָט...

אויך אין ניטשען האָט מיין פאָטער אַריינגעטייטשט זיך גופא. אַפילו דאַן, ווען ער האָט שוין אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן ניטשעס איבער־מענטש־אידייע און האָט בלויז אָנגענומען זיין קריטיק פון דעם מענטש, ווי ער האָט עס אָנגערופן (בקורת האדם), האָט ער געזען אין אים זיך אַליין, זיין אייגענע מענטאַליטעט. ער האָט אין אים אַריינגעטייטשט זיין אייגנס

אין יענער צייט, ווען ער האָט זיך אָפּגעקערט פון די ערדישע קרי־טעריעס, כדי אַזוי־אַרום זיך צו דערנענטערן צום התגלותדיקן. אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס סיי אין ניטשען, סיי אין שעסטאָוון האָט מיין פאָטער אַריינגעטייטשט שטיקער פון זיין אייגענעם איך, האָבן זיינע אַרבעטן וועגן זיי אַ ווערט נישט בלויז אַ סוביעקטיוון, נאָר אויך אַ אָביעקטיוו פילאָזאָפישן.

דער טעאָרעטיש־פאָרשערישער אַספּעקט פון מיין פאָטערס רעליגיעזער שאַפונג שעפּט זיך נישט אויס מיט אָט די קאָנפראָנטאַציעס, וואָלט איך געזאָגט, וואָס ער האָט דורכגעפירט צווישן זיין אייגענעם געדאַנק און דעם וועלט־געדאַנק. דאָ קומט אויך אַריין, ווי שוין פריער באַמערקט, די אַרבעט איבערן סיסטעמאַטיזירן און באַלייכטן די גייסטיקע ירושה פון די יידישע דורות. אויף יידיש נעמט עס אַרום די סאַמע פאַרשידנסטע ווערק, פון דעם „אלף־בית פון יידנטום" (וואַרשע, 1922) דורך „חסידות" (וואַרשע, 1922), דורך מאַסן נישט־געזאַמלטע עסייען, פאַרשונגען, מאָנאָ־גראַפיעס גאַנצע — ביז אַזאַ אַריינבליק אין חב"ד (געבויט, אגב, אויף אומבאַקאַנטע חבדישע מאַנוסקריפּטן) ווי דאָס ספרל „שמועסן איבער דער חבדישער וועלט־באַנעמונג" (וואַרשע, 1938); אויף העברעאיש: פון „רבי נחמן מברסלב" (פאַרלאַג „ספרות", וואַרשע, 1910) דורך „החסידות לשיטותיה וזרמיה" (פאַרלאַג „ספרות", 1910; אַ קורצע, אָבער גרינדלעכע טעאָרעטישע אַרבעט וועגן די יסודות פון חסידישן וועלט־באַנעם), דורך אַזעלכע פאַרשונגען ווי: „קדמות המסתורין בישראל" („התקופה", בענדער 6, 7 און 9, 21 — 1920) ביז דעם פריער דערמאָנטן העפט: „אורו של משיח בתורת הברסלבי" (1936), אַ חוץ פאַרשידענע פאַרשונגען און עסייען, וואָס ווערן דאָ נישט דערמאָנט און וואָס זענען צעוואָרפן איבער כלערליי פעריאָדישע אויסגאַבעס.

צו די רעליגיעזע ווערק פון אַ מער עמאָציאָנעלן כאַראַקטער גע־הערן, אַ חוץ ווערק שוין־דערמאָנטע און אַזעלכע, וואָס זענען צו צאָל־רייך אויף דערמאָנט צו ווערן, אויך די רוף־און־וועק־אַרטיקלען אין זיינע קליינע פעריאָדישע אויסגאַבעס, ווי: הלל צייטלינס בלעטלעך, דער אַלף, סנה, די תיבה, מיין וואָרט; און אויך די העפטן פון וואָרנונג־און־חשבון־הנפש, ווי: „וואָס דאַרף ישראל טאָן אין היינטיקע צייטן פון חבלי משיח?"; די רייד פון ישעיהו בן־אמוץ, וואָס ער האָט אַמאָל

געזאָגט און וואָס ער וואָלט היינט געזאָגט, וכו׳. אויף העברעאיש גע־הערן צו דער דאָזיקער רובריק, אַ חוץ דערמאָנטע און נאָכמער נישט־דערמאָנטע זאַכן, אויך אַזעלכע קונטרסים, ווי „דבר לעמים״ (1928) „דממה וקול״ (אַ חשבון־הנפש פון פערציק יאָר ליטעראַרישע אַרבעט, מיט אַ מאָטאָ: „ארבעים שנה אקוט בדור״), דער שוין דערמאָנטער „ספרן של יחידים״, א. ד. גל.

באַזונדערס וואָלט איך דאָ געוואָלט דערמאָנען די עסיי: „צי האָבן מיר אויסגעפּירט אונדזער שליחות? (אַ בלעטל פון אונדזער נאַציאָנאַלן ווידוי)״, וואָס איז געווען געדרוקט אין פּאַריזער „אויפן שיידוועג״ (אַפּריל, 1939). דאָרט ווערן מיט באַזונדערער קלאָרקייט אַרויסגעבראַכט מיין פאָטערס אידייען וועגן דער אוניווערסאַלער שליחות פון יידישן פאָלק, וועגן דעם פאַרראַט פון אָט דער שליחות (אויפן פּאָן פון אַ פאַרגלייך צווישן דעם יידישן גורל און דעם גורל פון יונה הנביא) און וועגן די מיסטישע אַספּעקטן פון די געשיכטלעכע געשעענישן אין זייער שייכות מיט ישראל און מיט דער ענדגילטיקער גאולה.

***

אין 1936 האָט מיין פאָטער געשריבן אין זיין חשבון־הנפשדיקן „דממה וקול״ (איך ברענג עס דאָ אין יידישער איבערזעצונג): „איך בין דער איינזאַמסטער צווישן די קינדער פון דעם דור — איינזאַם און פרעמד — פרעמד צווישן אַזויפיל נאָענטע. פרעמד, וואָרעם איך בין איצט אפשר דער איינציקער צווישן די מענטשן פונעם דור, וואָס האָט זיך דער־וואָרבן — נאָך אַ יאָרנלאַנגגן וואַנדערן און בלאָנדזשען אויף די וועגן פון לעבן און געדאַנק און נאָך גרויזאַמע נשמה־פּיינען און שלאָפלאָזע נעכט — יענעם גלויבן, וואָס רופט זיך פּרימיטיוו און וואָס איז דער אמת אַליין, די אמונה פון די קדמוני־קדמונים, די אמונה פון די אור־אָבות, די אמונה, וואָס זאָגט, אַז מען קאָן ממתיק־זיין אַ סך שלעכטסן אויף דער וועלט דורך אַבסאָלוטער, ריינער און פולער תשובה, ווי די תשובה פון אַנשי־נינוה, און דורך שותפותדיק־פאַראייניקטן געבעט פון מענטשן״.

אָט די „פּרימיטיווע״ אמונה, וואָס איז — לויט מיין פאָטערס באַ־צייכנונג — דער ריינער אמת, — זי איז עס געווען די לעצטע סינטעטישע

דערגרייכונג פֿון זיין גייסט. אין ליכט פֿון אָט דער אמונה האָט ער גע־קוקט אויף דער וועלט בכלל און אויף דער יידישער וועלט בפרט. אין ליכט פֿון אָט דער אמונה האָט ער געדופֿן, נישט אויפֿגעהערט צו רופֿן, צו לייטערונג און געבעט.

איך געדענק ווי האַרציק ער פֿלעגט זינגען: „ולמה תמותו, בני ישראל" [ער איז בכלל געווען אַ גרויסער מנגן, האָט ביים תפֿילה טאָן מחדש געווען כלערליי ניגונים*) און האָט אַן אַ ניגון — באַזונדערס אַ חב"ד־ניגון — נישט געשריבן אַפֿילו דעם וואָכעדיקסטן צייטונג־אַר־טיקל].

ולמה תמותו, בני ישראל? — אָט אַזוי האָט ער אויך אין זיין שרייבן נישט אויפֿגעהערט צו פֿרעגן. ער האָט געוואָלט, יידן זאָלן זיך אויפֿהויבן אַזוי, אַז צוזאַמען מיט זיי זאָל זיך אויפֿהויבן די וועלט — און ממילא וואָלט געוואָרן אויס יידן־טראַגעדיע און אויס וועלט־אומגליק.

אין זיינע נישט־איינמאָל דערמאָנטע טאָג־בוך־פֿאַרצייכענונגען „על גבול שני עולמות" דערציילט ער, צוו. אנד. זאַכן, וועגן אַ קידוש השם־חלום וואָס ער האָט געהאַט (אין די צייטן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה). אַ שיף מיט יידן גייט אונטער און אויפֿן קעגנאיבערדיקן ברעג, וואָס צו אים האָט די שיף זיך געוואָלט דערשלאָגן, זאָגט אַ ייד ברכות... אַז די שיף מיט יידן זינקט, דערהערט זיך אַ ברכה זיינע: אשר קדשנו במצותיו וצונו על קידוש השם... און פֿון די וואַסערן הערט זיך די זעלבע קידוש־השם־ברכה, ווי אַן עכאָ און ווי אַן ענטפֿער...

אַ סך יאָרן שפּעטער האָט דער מענטש, וואָס האָט געזען יענעם חלום, אַליין מקדש־השם־געווען אויף דער אונטערגייענדיקער שיף.

ס'זענען פֿאַראַן צווישן יענע פֿאַרצייכענונגען אויך גאולה־זעאונגען. פֿאַראַן, למשל, אַ חלום וועגן בליענדיקע יידישע שטעט פֿון דער צוקונפֿט, וועגן שטעט פֿון אַ יידישער מדינה, וואָס אין חלום גייט ער איבער זיי אַ דער־פֿרייטער און אַ פֿאַרגאַפֿטער**).

---

*) זע וועגן דעם מיין העברעאישע פּאָעמע: אָבי (שירים ופואמות, מוסד ביאַליק, ירושלים, תש"י, ע' 263).

**) איך וויל דאָ, אגב, פֿאַרצייכענען, אַז אין 1919 האָט ער געדרוקט אין „מאָ־מענט" די נישט־פֿאַרענדיקטע ציון־אוטאָפּיע: „די מדינה ישראל אין יאָר 2000". שוין דעמאָלט — מדינת ישראל!

פאַראַן נאָך אַנדערע וואונדערלעכע זאַכן אין יענע פאַרצייכענונגען (למשל, דער חלום וועגן דעם נצי"ב מוואָלאָזשין). ענדיקן וויל איך דעם דאָזיקן אַריינפיר צו זיינע געזאַמלטע ווערק מיט אַ חלום, וואָס ווערט דאָרט געבראַכט און וואָס איז סימבאָליש פאַר זיין גאַנץ לעבן און שאַפן.

מיין פאָטער האָט אָפט געזען אין חלום, ווי ער הויבט זיך פּלוצלינג אויף און נעמט פליען. ער הויבט זיך, ער פליט און עס וואונדערט אים, פאַרוואָס מענטשן טוען נישט דאָס זעלבע וואָס ער. דער גוף איז פליי־עוודיק און זיי ווייסן עס נישט. האָט ער איינמאָל אַזאַ חלום, זעט, ווי ער הויבט זיך, הויבט זיך און נעמט גיין איבער די אויבערשטע לופט־שיכטן. שטייט אונטן אַ מענטש און טענהט: עס מוז זיין אין דעם אַ שיטה אַזאַ, אַ מעטאָדע... אָן אַ מעטאָדע, הייסט עס, איז נישט שייך. טענהט ער צו אים, צו יענעם מענטשן, פון דער לופטן: נישטאָ קיין שום שיטה אין דעם. ס'איז נישט קיין מעטאָדע — ס'איז אַ וואונ־דער...

מיין פאָטער האָט געוואָלט, דער חומר זאָל אָנהויבן פליען. ער אַליין איז נישט איינמאָל געפלויגן, געוויזן אַביישפּיל. אָבער אונטן זענען מענטשן געשטאַנען און געטענהט, אַז דאָ מוז מן־הסתם זיין עפּעס אַ פאָרטעל, אַ שפּיצל אַזאַ, אַ „מעטאָדע". זיי האָבן נישט געוואָלט זיך אויפהויבן, איז ער געפלויגן איינער אַליין — הויך און איינזאַם. וואוהין, צו וועמען איז ער געפלויגן? צום ישראל פון דער צוקונפט. צום פאָלק פון באחרית־הימים.

ר׳ נחמן בראַסלאַווער

דער זעער פון פּאָדאָליע

קאַפּיטל א.

דער זון פון פייגע דער נביאה

א יינגל אַן עובד־השם. — ירושה־ליכט און אייגן ליכט. — פייגע די נביאה און אירע ברידער. — תהלים, זוהר און תחינות אויף עברי־טייטש. — התבודדות הינטער אַ ווענטל. — נסתרדיקע גענג. — אויפן קבר פון דעם עלטער־זיידן דעם בעש״ט. — די מלחמה קעגן תאוות און קעגן דער הויפט־תאוה. — „דו ביסט פייער און איך בין פלייש — און איך בין שטאַרקער פון דיר״. — מע דאַרף זיין אַן עקשן אין עבודת־הבורא.

אַזוי ווי די פּאַרדאַרטע, אויסגעשרפּעטע ערד לעכצט נאָך רעגן, אַזוי האָט דאָס האַרץ פונעם קליינעם נחמן געלעכצט נאָך השם יתברך. אויסער־לעך — אַ קינד ווי אַלע קינדער. געטאַנצט, געשטיפט, געקוילערט זיך אין זאַמד, געשפּילט אין יאַגעלעך, אין באַהעלטעניש. אינערלעך — אַ פלאַם פייער, אַ נאָגעניש, אַ באַגערונג נאָכן קוואַל פון אַלע לעבנס, אַ בענקעניש, וואָס האָט דעם קליינעם קיין רו נישט געגעבן, אים אַרויסגעיאָגט פון דער קינדער־מחנה אין רעכטן מיטן פון דער קינדערשער זאָרגלאָזיקייט.

געהאָדעוועט אין אַ סביבה פון לויטער גוט־יידישקייט, פון קאָנ־צענטרירטער, פאַרשאַרפטער יראת שמים, פון עליות, מדרגות און איי־ביקער שטרעבונג ווערט צו זיין די גרויסע זיידעס — רבי ישראל בעל שם טוב און רבי נחמן האָראָדענקער, האָט דער קליינער נחמן, איינזאַפּנ־דיק אין זיך דעם צער השכינה און די באַהאַלטנסטע כסופין (האַרץ־גלוסטונגען) פון די אַרומיקע, געוואָלט זיי איבערשטייגן אין דעם אַלעמען, געזוכט אַן אייגענעם וועג צום אויבערשטן, געוואָלט דורך אייגענער האַרע־וואָניע צוקומען צו אַ נקודה, וואָס אפילו זיינע עלטערן און זיינע הייליקע פעטערס זענען צו איר נישט צוגעקומען.

ער איז געבוירן געוואָרן שבת הגדול פון יאָר תקל״ב אין מעזשיבוזש.

זיין פאָטער רבי שמחה איז געווען איינער פון די שאַרפע למדנים און חסידים פון זיין צייט. באַוואוסט איז געווען זיין מוטער פייגע, אַ טאָכ־טער פון דער באַרימטער האָדעל (אָדער: אָדעל), וואָס איז געווען די טאָכ־טער, די תלמידה און דער גוטער מלאך פון דעם בעל־שם. פייגע איז געווען די שוועסטער פון די צוויי צדיקים, באַלייכטער, דערקלערער און פאַרשפרייטער פון חסידות: ר׳ ברוך מעזשיבוזשער (דער, וואָס האָט געפירט זיין רבישאַפט ביד רמה און האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם איינציקן אמתן יורש פון בעש״ט; זיינע ווערטלעך זענען געזאַמלט אינם ספרל „בוצינא דנהורא״) און ר׳ אפרים (רבי און רב אין סודילקאָוו, מחבר פונעם מערקוויר־דיק־ליכטיקן ספר „דגל מחנה אפרים״). אָט די צוויי זיילן פון חסידות פלעגן רופן זייער שוועסטער: פייגע די נביאה. זיי האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ הייליקער, פאַר אַ פרוי, וואָס באַזיצט רוח הקודש. לויט דער מסורה פון די בראַסלאַווער חסידים, איז זי געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער נשמה פון איר זיידן — דעם בעש״ט — און האָט דורך אים באַקומען הויכע השגות און פאַראויסזעאונגען וועגן אַלע אירע נאָענטע, איבערהויפּט איר זון, נחמן, וואָס דאַרף אויסטרעטן אַ וועג צום מלך המשיח.

דער קליינער נחמן האָט זיך נישט באַנוגנט מיטן ירושה־ליכט, וואָס האָט פאַר אים געשיינט פון יעדן ווינקעלע. ער האָט, שוין קינדווייז, ווי געזאָגט, געזוכט זיין אייגן ליכט.

דאָס קינד האָט באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון דער וועלטס תענוגים. וואָס טוט מען אָבער מיטן עסן? לעבן אָן עסן קאָן מען נישט, און ווען מען עסט, האָט מען דאָך ממילא הנאה, צי מען וויל, צי מען וויל נישט. איז דאָס קינד געפאַלן אויף אַ „שכל״: עסן — און שלינגען גאַנצע שטיקער נישט צעקייטערהייט, כדי נישט צו פילן קיין טעם. ער האָט זיך אַזוי אויפ־געפירט, ווען ער איז אַלט געווען סך־הכל זעקס יאָר. דער זעקס־יאָריקער אָסקעט האָט אָבער שנעל געמוזט אויפגעבן אָט די ערשטע פרישות זיינע.

דאָס לערנען אין חדר איז אים זייער שווער אָנגעקומען. אַנשטאָט צו קאָנצענטרירן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפן לימוד, האָט ער גאָר געהאַלטן אין איין אויסמאָלן אין געדאַנק און פאַרשטעלן פאַר זיך דעם שם הויה, כדי מקיים צו זיין „שויתי ד׳ לנגדי תמיד״.

דער מלמד איז אויף אים בייז געווען. דער קליינער נחמן האָט אָבער דעם רבין מפייס געווען מיט זיין געדולד און התמדה. שפּעטער, ווען

ער האָט שוין געלערנט גמרא, האָט ער זיין גמרא־מלמד מפייס געווען דער־מיט, וואָס ער פלעגט, איבער דעם שכר־למוד, וואָס די עלטערן האָבן געצאָלט, אים געבן אויך אַ באַזונדערן טאָג־טעגלעכן אָפּצאָל פון זיין טאַשן־געלט, כדי דער רבי זאָל מיט אים וואָס מער גמרא לערנען.

אויך שפּעטער, ווען ער האָט געלערנט פאַר־זיך, איז אים דאָס לערנען שווער אָנגעקומען. ער עפנט אַ ספר, קוקט, מאַטערט זיך און פאַרשטייט נישט דעם פּשט. ער גייט אָבער נישט אַוועק פונם ספר, ביז ער דערגרייכט נישט דאָס זייניקע. ער וויינט, ער בעט רחמים פון השם יתברך. ער שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות, נעמט אַרום יעדן ענין, באַטראַכט אים פון אַלע זייטן, שטעלט זיך אָפּ אויף יעדער שורה, אויף יעדן וואָרט, אויף יעדן אות, אויף יעדן תג, אויף יעדער נקודה, ביז אַלץ ווערט פאַר אים ליכטיק און קלאָר.

נחמן לאָזט נישט דורך קיין איינציקן ספר פון די, וואָס געפינען זיך אין מעזשיבוזש, אַז ער זאָל אים נישט דורכלערנען פון טאָוול ביז טאָוול.

ער לערנט תנ״ך, ש״ס, פּוסקים, עין יעקב, מדרשים, זוהר, תקונים, כתבי האר״י, אַנדערע קבלה ספרים, מוסר־ספרים און (כאָטש זיינע תלמידים דערציילן פון דעם נישט) אויך אַלערליי חקירה־ספרים, ספרים פון תכונה (אַסטראָנאָמיע), נאַטור־וויסנשאַפט, רפואה, הכלל, אַלערליי וויסנשאַפטלעכע ספרים, וואָס מען האָט דאַן געקאָנט באַקומען אויף לשון קודש.

***

פּונקט ווי דער יונגער נחמן איז געווען איבערגעשאַרפט און איבער־געשפּיצט סיי אין לערנען, סיי אין יראת־שמים, אַזוי האָט ער זיך געריסן דווקא צו גרויס פּשטות אין השגות פון דער תורה און אין עבודת השם. אין דער זעלבער צייט, וואָס ער האָט געלערנט דעם „עץ־חיים" און דעם „פּרי עץ חיים" און איז געשטיגן אין די העכסטע עולמות, האָט ער דורכ־געלערנט אַלערליי מעגלעכע מוסר־ספרימלעך, וואָס האָבן זיך געפונען ביי זיין פאָטער אין הויז. אין דער צייט, וואָס ער איז געווען אַריינגעטאָן אין די פאַרוויקלטסטע, טיפסטע קבלה־כוונות בעתן דאַוונען, פלעגט ער אויך זאָגן, ווי יעדער פראָסטער פּרומער ייד, יעדע בקשה און יעדע תחינה, וואָס ער האָט געפונען אין די גראָבע סדורים. ער האָט אַפילו נישט פאַרפעלט קיין איין תחינה אין עברי־טייטש.

דער תהלים איז געווען זיין אייביקער באַגלייטער. מיטן תהלימל פלעגט ער זיך קיינמאָל נישט שיידן.

אויסער די פּאַרטיקע תפילות, פלעגט ער אויסגיסן טאָג־טעגלעך דאָס האַרץ פאַר גאָט אויך מיט אייגענע ווערטער, מיט אייגענע תפילות. אויס־רעדן זיך פאַר השם יתברך פלעגט ער נאָר אויף יידיש, אויף דיין מאַמע־לשון. ער פלעגט זיך צוליב דעם באַהאַלטן ערגעץ־וואו אויף אַ בוידעם אָדער גאָר הינטער דער שטאָט, אין פעלד, אין וואַלד, אין אַ הייל.

קינדוויז איז זיין התבודדות־אָרט געווען אונטערן דאַך פון זיין פאָטערס הויז, הינטער אַ דיך, פון צווייגלעך געפלאָכטן ווענטל, וואו ס׳איז געהאַלטן געוואָרן היי און שטרוי.

אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן אין עבודת־השם, האָט ער געטאָן אין דער שטיל, „הצנע לכת", פאַרבאָרגן פון לייטישע אויגן. פאַר לייטן איז ער גראָד געווען אַ פריילעך, שטיפעריש, כמעט לייכטזיניק יינגל. אַזוי אַז ווען ער איז בר־מצוה געוואָרן, האָט זיין הייליקער פעטער, דער „דגל מחנה אפרים", געפונען פאַר נויטיק צו זאָגן אים מוסר אויף דעם פסוק: „אני היום ילידתיך". ס׳איז שוין צייט — האָט דער פעטער געזאָגט — אַוועק־צוואַרפן די קינדישע שטיפערייען און ווערן אַ שטיקל לייט...

באַהאַלטן פון אַלעמען פלעגט זיך נחמן אַריינגנבענען אין שול אַריין דורך אַ פענצטער און דאָרט אַריינוואַרפן מטבעות אין צדקה־פושקע, זאָגנ־דיק דעם „לשם יחוד" פון „שערי ציון" פאַר יעדער אַריינגעוואָרפענער מטבע. ער פלעגט מתחילה אויסבייטן די גרויסע מטבעות אויף קליינע, כדי וואָס מער מטבעות אַריינצוואַרפן אין דער צדקה־פושקע און אַזוי־אַרום זאָגן וואָס מער „יהי רצונס".

אין דער יוגנט האָט ער אויך זייער פיל געפאַסט. געווען צייטן, ווען ער האָט געפאַסט משבת לשבת, ד. ה. אַ גאַנצע וואָך אויסער שבת. כאָטש ער איז געווען פון געבוירן אָן אַ שוואַכער און אַ פאַראיידלטער, האָט ער אַמאָל אין משך פון איין יאָר געפאַסט משבת לשבת אַכצן מאָל.

אין די שפּעטע אָוונט־שעהן פלעגט ער קומען אויפן קבר פון זיין עלטער־זיידן, דעם בעל־שם־טוב. פון דאָרט פלעגט ער לויפן זיך טובל זיין אין אַן אָפענער קאַלטער מקווה, סיי זומער, סיי ווינטער אין די גרעס־טע פרעסט. ווען מען פלעגט אים זען אַמאָל אָפּווישן זיך און קעמען דעם קאָפּ נאָך דער קאַלטער ווינטער־מקווה, פלעגט ער זאָגן, אַז ער האָט

אַט ערשט געוואַשן דעם קאָפּ ערגעץ־וואו אויף דער גאַס. מען האָט זיך שטאַרק געחידושט: וואָס איז עס פאַר אַ וואַשן דעם קאָפּ ערגעץ־וואו אויף דער גאַס און דערצו אין אַ פּראַסטיקער נאַכט? נאָר גיי פרעג קשיות אויף אַ שטיפער...

ער האָט אויף זיך גענומען בייצוקומען אין זיך אַדער, נאָך מער, צו ברעכן, אויסרייסן און אויסראָטן פון זיך יעדע תאווה. ער האָט נישט געפירט קיין קאַמף מיט אַלע תאוות אויף אַמאָל. סוף כל סוף וועלן זיי אים באַהערשן און נישט ער זיי. וואָס־דען האָט ער געטאָן? — ער פלעגט פירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף מיט אַן איינציקער תאווה. ווען ער פלעגט פירן אַ קאַמף מיט איין באַשטימטער תאווה, פלעגט ער אַלע איבעריקע תאוות אָפּלאָזן. דאָס האָט געהייסן: איך גיב דיר נאָך, יצר־הרע, אַלע תאוות, נאָר אויף דער איין־און־איינציקער תאווה מוזסטו מוותר זיין. פאַרפאַלן. איך גיב דיר נאָך אַזוי פיל, מוזסטו מיר כאָטש עפּעס נאָכגעבן... פלעגט ער אַזוי לאַנג בייקומען אין זיך, איבערברעכן און אויסרייסן פון זיך יענע תאווה, ביז ער פלעגט זיך דערפילן אינגאַנצן פריי פון איר. דערנאָך פלעגט ער זיך נעמען צו אַ צווייטער תאווה. ווידער נאָכגעבן אַנדערע תאוות און צעברעכן יענע צווייטע תאווה. אַזוי די דריטע, אַזוי די פערטע, אַזוי כסדר.

אויף דעם זעלבן אופן וואָס ער האָט אין זיך באַזיגט תאוות, האָט ער אויך באַזיגט אין זיך מדות רעות. אַמשווערסטן איז אים אָנגעקומען צו באַזיגן די מידה פון כעס. ער איז געווען פון נאַטור אַ כעסן און ס'האָט אים פיל מי געקאָסט, ביז ער האָט זיך אינערלעך אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז קיין זאַך אין דער וועלט זאָל אים נישט אַריינברענגען אין צאָרן. דאָך, — גיבן־צו זיינע תלמידים, — ערשט זייענדיק אין ארץ־ישראל האָט ער זוכה־געווען צוצוקומען צום פולן היפך פון דעם, צום טוב גמור, אַזוי, אַז קיין זאַך אין דער וועלט זאָל אים נישט אַריינברענגען אין דער מינדסטער קפידה.

שווערע, ביטערע יסורים האָט ער געהאַט ביים באַזיגן, צעברעכן און אויסרייסן די אַלגעמיינע תאווה, ווי ער רופט זי, די תאווה איבער אַלע תאוות, — די געשלעכטס־תאווה. אַ יונגער, מיט אַ פלאַם־פייערדיקן טעמפּעראַמענט, מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטער פאַנטאַזיע, מיט אַ פּנים, וואָס מוז יעדע פרוי באַצויבערן, איז אים אויסגעקומען בייצושטיין שווע־

רע נסיונות ביים אָפּהיטן די „קדושת הברית״. ער איז אָבער אַלע נסיונות בייגעשטאַנען, אַזוי ווייט, אַז ער האָט שפּעטער געקאָנט זאָגן וועגן זיך: „אין מיינע אויגן זענען מאַן און פרוי גלייך״, ד״ה, קיין פרוי דערוועקט נישט אין אים קיין געשלעכטלעכן חשק. ער האָט אויך געקאָנט דאַן זאָגן: „די געשלעכטס־תאווה איז גאָר קיין תאווה נישט, יעדן בר־דעת דאַרף עקלען פון איר״. און אויך: „ווער עס קען אַנאַטאָמיע, ווייסט, ווי עקלדיק אָט די תאווה איז״. און אויך: „איך האָב קיין מורא נישט — נישט פאַר קיין פרוי און נישט פאַר קיין מלאך״. דאָס הייסט: דער, וואָס האָט נאָך נישט דערגרייכט צו קדושה אינם געשלעכטלעכן לעבן, דאַרף מורא האָבן פאַר אַ מלאך, ווייל דער מלאך איז הייליקער פון אים. דער, וואָס האָט אָבער יאָ דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין „קדושת הברית״, האָט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אַ מלאך, ווייל ער קאָן צו יעדן מלאך זאָגן דאָס, וואָס רבי עמרם חסידא האָט געזאָגט צום יצר הרע, ווען יענער האָט באַוויזן זיך פאַר אים ווי אַ פייער־זייל: „זע! דו ביסט פייער און איך בין פלייש און איך בין שטאַרקער פון דיר״...

רבי נחמן איז אַזוי פעסט און זיכער געווען אין דעם, אַז קיין יצר הרע אין דער וועלט וועט אים נישט באַזיגן, אַז ער פלעגט נישט אַנט־לויפן פאַר געפערלעכע נסיונות אינם געשלעכטלעכן לעבן. ער פלעגט גאָר מתפלל זיין, אַז גאָט זאָל אים צושיקן נסיונות, כדי ער זאָל זיי קענען בייקומען. און ער פלעגט זיי טאַקע בייקומען.

אַ טייל צדיקים פון זיין דור האָבן געהאַט אויף אים שטאַרקע תרעומות דערפאַר און אַנדערע האָבן אפילו שטאַרק געקריגט אויף אים צוליב דעם, דערמאָנענדיק דערביי די תפלה, וואָס יעדער ייד איז יעדן טאָג מתפלל: „אַל תביאני לידי נסיון״ (זאָלסט מיך צו קיין נסיון נישט ברענגען). רבי נחמן האָט אָבער געענטפערט: „איך האָב קיין מורא נישט פאַר קיין שום נסיון אין דער וועלט. ווען איך דען משוגע ווערן און טאָן עפּעס קעגן דעם רצון פון השם יתברך?״

און ביי דעם אַלעמען, ביי דעם גאַנצן זכות אבות, ביי דער גאַנצער השגחה איבער זיך פון דעם בעש״טס אייניקלעך און פון זיין מוטער פייגע די נביאה, ביי דער איינגעבוירענער קדושה, ביי דער אומגלויבלעכער התמדה, ביי דער איבערמענטשלעכער אַרבעט איבער זיך און פרישות פון יעדער

מינדסטער תאווה, האָט ער געהאַפּט נאָר אויף דעם ריינעם חסד פון השם יתברך און נישט אויפגעהערט צו בעטן טאָג־טעגלעך, אַז נאָר ער, דער רבונו של עולם, זאָל מיט זיין גרויס חסד אים נישט לאָזן פאַלן אין שאול תחתיה.

ווייל כאָטש ער האָט געטאָן אין עבודת הבורא אַלץ, וואָס איז נאָר אינעם כוח פון אַ מענטשן צו טאָן און נאָך פיל מער, ווי עס איז אינעם כוח פון אַ מענטשן, האָט זיך אים אָפּט געדאַכט, אַז „מען קוקט אויף אים נישט און מען הערט אים נישט און מען דערווייטערט אים פון עבודת ד׳ מיט אַלערליי הרחקות, ווי מען זאָל אים גאַרנישט קענען און גאָר־נישט וויסן״.

איינס האָט אים געראַטעוועט: זיין איבערמענטשלעכע התחזקות, זיין פעלדזן־פעסטער גלויבן, אַז „קיין יאוש איז גאַרנישט פאַראַן״, אַז קיין מענטש, אפילו דער שפל שבשפלים, טאָר זיך אין קיין פאַל נישט מיאש זיין, ווייל „אפילו אין שאול תחתית קאָן מען זיך דערנענטערן צו השם יתברך״. קיין מינדסטער קער, קיין מינדסטער ריר פון תשובה, בפרט נאָך קיין אמתער זיפץ און קיין אמתע טרער, גייען נישט פאַרלאָרן. מוז זיך דער מענטש מיט געוואַלד אַריינרייסן אין די טויערן פון תשובה, כאָטש עס דאַכט זיך אים, אַז מען פאַרשטויסט און מען פאַריאָגט אים פון דאָרט. אַלע הרחקות, אַלע אָפּשטויסונגען, אַלע מניעות אין דער וועלט קומען מן השמים, כדי דער חשק פונעם מענטשן צו תשובה זאָל זיך נאָך מער צעפלאַקערן, כדי זיין ווילן צום גוטן זאָל נאָך פעסטער געשמידט ווערן, כדי זיין געדאַנק זאָל נאָך מער גערייניקט און געלייטערט ווערן.

רבי נחמן האָט געוואוסט, אַפילו בעת ער איז נאָך גאָר יונג געווען, אַז אַ מענטש באַדאַרף זיין אַ גרויסער עקשן אין עבודת ד׳. ער טאָר נישט פאַרלאָזן זיין אויסגעאַרבעטע פּאָזיציע אין יראת שמים, מעג מען אין אים שיסן מיט קוילן. „אם רוח המושל יעלה עליך — מקומך אל תנח״. דו טו דאָס דייניקע און לאָז דיך פון קיין שום מניעות אין דער וועלט נישט שטערן. פאַלסטו איין מאָל — הויב זיך אויף און גיי ווידער דיין וועג, פאַלסטו אַ צווייט מאָל — טו ווידער דאָסזעלבע, — שטאַרק זיך און הויב־אָן צו גיין אין דיין עבודה, גלייך ווי דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט אָנ־געהויבן.

דאָס איז דער עיקר און עבודת ד׳: מען דאַרף שטענדיק זיין

אַן אָנהויבער. מען דאַרף אָנהויבן פון דאָס ניי, גלייך ווי מען איז אָט ערשט געבוירן געוואָרן, ערשט די אויגן געעפנט, ערשט דערקענט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס באַלעבט אַלעמען, שפּייזט אַלעמען און איז מדריך אַלעמען מיט ליבשאַפט און מיט רחמנות. דאָס איז דער פּשט פון דעם, וואָס רבי נחמן פלעגט שטענדיק זאָגן: „אַלט טאָר מען נישט זיין!" דאָס הייסט, אַז אַ מענטש דאַרף זיך פילן ווי איינער, וואָס זיין האַרץ איז אָט ערשט געעפנט געוואָרן פאַרן סוד פון די וועלטן און ער לערנט ערשט דעם אַלף־בית פון דער עבודה.

קאַפּיטל ב.

צווישן וועלדער

מעדוועדיווקע און איר געגנט. — ס׳איז גוט פרום צו זיין צווישן וועלדער און פעלדער. — די תפארת, וואָס הילט־איין די וועלטן. — אַלע גראָזן שיקן שטאַפּעטן צום צדיק. — גאָטס קול איבער די וואַסערן. — געהיימע פּיש. — די פיש שווימען אַליין צו צו ר׳ נחמנען. — אַ מענטש פון יענער־וועלט. — נשמות, וואָס בעטן תיקון. — עולם־הזה־אַנשטעל. — חטאות נעורים. — ר׳ שמעון, דער געטרייער תלמיד און חבר.

ווען נחמן איז געוואָרן בר־מצווה, האָבן זיינע עלטערן געטאָן מיט אים אַ שידוך פונעם שטעטל מעדוועדיווקע (נישט וויט פון מעזשיבוזש). זיין שווער ר׳ אפרים איז געווען אַ ייד אַ למדן, אַ ירא שמים, אַ גרויסער מיוחס און אַ גרויסער נגיד. ר׳ אפרים האָט דאַן, בעת ער האָט גענומען רבי נחמנען פאַר אַן איידעם, נישט געוואוינט אינעם שטעטל גופא, נאָר אינעם דאָרף אוסאַטין (צי: הוסאַטין) און אין אַנדערע דערפער לעבן מעדוועדיווקע. אין די פעלדער און וועלדער פון אַרום הוסאַטין און אַנדערע דערבייאיקע דערפער, וואָס ר׳ אפרים האָט געהאַלטן אין אַרענדע, איז דערוועקט געוואָרן דער דיכטערישער כּוח אין רבי נחמנען.

ר׳ שמעון ב״ר בער, דער יוגנט־פריינט און ערשטער תלמיד פון רבי נחמנען, דערציילט, אַז איין מאָל, ווען רבי נחמן האָט שוין געוואוינט אין גרויסע שטעט און איז שטאַרק באַרימט געוואָרן, האָט ער, אַרומפאָרנדיק מיט אים, ר׳ שמעונען, אין דער סביבה פון הוסאַטין און אַנדערע דערפער פון מעדוועדיווקער געגנט, געטייטלט אויף די אַרומיקע פעלדער און וועלדער מיט גרויס בענקשאַפט: „ווי גוט איז מיר דאָ געווען! אויף יעדן טראָט האָב איך דאָך געפילט דעם טעם פון גן־עדן!״

„אט דאָ, אויף די וועגן, — האָט ער צוגעגעבן, — פלעג איך אומ־גיין אין התבודדות — וואָס טויג מיר היינטיקער פרסום?״

ר׳ נחמן האָט אויך דערציילט אַמאָל: „ווען איך בין יונג געווען און פלעג האָבן התבודדות אין אַ וואַלד אָדער אויף אַ פעלד, פלעג איך זען פאַר זיך, ביים אומקערן זיך פון דאָרט, אַ נייע וועלט. די פריערדיקע וועלט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן און איר אָרט האָט פאַרנומען אַ וועלט, וואָס האָט גאָר אַן אַנדער פנים געהאַט״.

דאָ, אין די פעלדער און וועלדער, האָט ר׳ נחמן דערהערט דאָס געזאַנג פון יעדן גרעזל, פון יעדן פויגל. אַלץ האָט גערעדט צו אים פון בלי און וואוקס און שטייגן אין דער הויך, פונעם אויבערשטנס חסד, פון זיין גאָב און געשאַנק, פון זונען אינעם ווייטן רוים און די קלענסטע פליגעלעך אויף דער ערד. אַלץ האָט גערעדט צו אים פון דער תפארת, וואָס הילט־אַרום די וועלטן; פון דער געטלעכער רויז — דער שכינה.

צווישןביימער און גראָזן, צווישן בערג און טאָלן, האָט זיך ר׳ נחמן געפילט, ווי צווישן די נאָענטסטע ברידער און פריינט. ער האָט מיט זיי צוזאַמען געדאַוונט; מיט זיי צוזאַמען אָפּגעגעבן אַ שבח והודיה צו השם יתברך. ער האָט אַמאָל וועגן אָט די פריינט זיינע געזאָגט: „עס איז גוט פרום צו זיין צווישן זיי...״

נישט נאָר דאָס געזאַנג פון ביימער און גראָזן האָט ער געהערט, נאָר אויך דעם געדאַנק זייערן האָט ער פאַרנומען. „פון אַלע ברואים אין דער וועלט, פון אַלע ביימער אין וואַלד און אַלע גראָזן אין פעלד איז דאָ צו לערנען עצות און דרכים ווי אַזוי צו דינען השי״ת״, — האָט ער געזאָגט.

„אַלע גראָזן שיקן שטאַפּעטן צום צדיק; אַלע גראָזן בענקען נאָכן צדיק, גלוסטן צו אים, ווילן נכלל ווערן אין זיין תפלה — כל גיא ודשא לו נכספים״...

„ווינטער — האָט ער געזאָגט — איז די ערד בבחינת עיבור: זי טראָגט אין זיך אַ גרויסן סוד; זומער ווערט דער סוד אַנטפּלעקט״.

ווען ר׳ נחמן איז געווען ביי זיינע עלטערן אין מעזשיבוזש, האָט ער זיך געמוזט פיל מאָל באַנוגענען מיט התבודדות אונטערן דאַך פונעם

פּאַטערס הויז, אינעם ווינקל פאַר היי און שטרוי. דאָ אָבער, אין די דערפער פון מעדוועדיווקער געגנט, האָט ער געהאַט פאַר זיך פעלדער און וועלדער, וואו ער האָט זיך געקאָנט צוזאַמענגיסן מיט דער נאַטור און מיט איר פאַטער, דעם אייביקן שעפער, וויפיל זיין נשמה האָט גע־גלוסט; ער האָט געקאָנט פריינטלעך דורכשמועסן זיך מיט יעדן בלימעלע, געקאָנט גאָטס שטים פאַרנעמען נישט נאָר פון ספרים, נאָר אויך פונעם גרויסן „ספר ד'" — זון און שטערן, ערד און ערד־קינדער.

בעת זיין קינדהייט אין מעזשיבוזש האָבן מיר אים געזען זיך רייסן מיט אַלע כוחות אין דער הויך, מיינענדיק דערביי (צייטנווייז), אַז זיינע איבערמענטשלעכע עבודות, תפילות און בקשות גייען קיינעם נישט אָן, מען הערט אים נישט און מען זעט אים נישט און, אדרבא, מען איז אים נאָך מרחיק און מדחה. דאָ, אין דער פרייער, ריינער וועלט, האָט ער דערשפּירט, אַז ער איז נאָענט צו גאָט און אַז גאָט איז אַזוי נאָענט צו אים, אַז יעדע בקשה זיינע קאָן לייכט דערפילט ווערן.

ער האָט פונעם אויבערשטן — ווי ער האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערציילט זיין תלמיד רבי נתנען — פאַרלאַנגט אַ פּאָר זאַכן, וואָס זאָלן אים דינען ווי אַ צייכן, אַז דער אויבערשטער הערט צו זיין תפילה, און זאָלן פאַרשטאַרקן אין אים די אמונה.

די וועלדער, וואו ר' נחמן פלעגט אַרומגיין, פאַרזונקען אין מחשבות און אין דבקות, האָט אַרומגעקרייזט אַ טייך. ר' נחמן פלעגט אָפט צו־גיין צום טייך, נעמען דאָס ערשטע בעסטע שיפל און זיך שעות־ווייז שיפן איבערן שטילן, זון־באַגאָסענעם וואַסער. אין דער הייליקער שטיל־קייט אַרום פלעגט ער הערן נאָר דעם „קול ד' על המים". אין אַט דעם טייך פלעגט ער אויך אָפּריכטן זיינע מקואות און פון דעם טייך האָט ער געוואָלט באַקומען „דגים" אויף שבת. דער ענין פיש אויף שבת איז אַ מיסטישער: „דג" איז דער צדיק; „דג" איז — משיח. אין „דגים" זיינען דאָ גלגולים פון נשמות, וואָס בעטן תיקון.

געוואָלט האָט ר' נחמן האָבן אַט די געהיימע דגים גלייך פון טייך. קאָן ער אָבער ווערן מיט אַמאָל אַ פישער? וואו נעמט מען די נעץ און אַנדערע מכשירים? האָט ער געבעטן, אַז די פיש זאָלן פון מיטן טיפן טייך אַליין צושווימען צום ברעג, גלייך צו אים אין האַנט אַריין. זיינען זיי צוגעשוואומען.

נאָך אַ מופת:

ער האָט געבעטן, עס זאָל אים געוויזן ווערן אַ מענטש, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן. און זען זאָל ער אים נישט, ווי מען זאָגט עס, מיט די אויגן פון גייסט, נאָר טאַקע מיט געוויינלעכע מענטשלעכע אויגן. אויך אַט די בקשה זיינע איז דערפילט געוואָרן. ווען דער מת האָט זיך באַוויזן צום רבין — דערציילט זיין תלמיד — איז ער געפאַלן חלשות. דאָס איז געווען איבער דעם, וואָס דער מת איז בחייו געווען אַ גרויסער רשע.

„שפּעטער — גיט צו דער תלמיד — פלעגן טויזנטער, טויזנטער נשמות פון מתים קומען צום רבין בעטן אַ תיקון (ווי עס איז אַלעמען ידוע, איז ער געווען דער אמתער בעל־השדה) און ער האָט פאַר זיי נישט געהאַט דעם מינדסטן פּחד".

אין מעזשיבוזש האָט ר׳ נחמן געאַרבעט איבער זיך, איבער זיין אייגענער שלמות. אין מעדוועדיווקע האָט ער שוין געפילט זיך אַזוי פעסט, אַז ער האָט זיך גענומען מתקן זיין אַנדערע, מדריך זיין די יוגנט, ראַטעווען זי פון „הבלי התאוות".

אָנגעהויבן האָט ער עס נאָך אין דעם טאָג פון זיין חופּה. אַליין אַ יינגל פון דרייצן יאָר, אויסערלעך פאַרשטיפט, פאַרשפּילט און, ווי דער תלמיד זיינער דריקט זיך אָפּט אויס — „פאַרשייט", האָט ער זיך לייכט צונויפגערעדט מיט אַנדערע בחורימלעך פון זיין עלטער, זיך פאַר זיי פאַרשטעלט ווי אַ יינגל, וואָס וויל געניסן פון עולם הזה און לעבן אַ גוטן טאָג. האָבן זיי זיך פאַר אים פאַרטרויט אין אַלע זייערע „חטאות נעורים" און ער האָט אַזוי אַרום זיך דערוואוסט פון זיי, אַז זיי זיינען אַלע „פּגומים און בעלי עבירה". ווען ער איז אָבער צוגעקומען מיט זיין עולם־הזה־אַנשטעל צום פריער דערמאָנטן שמעון ב״ר דוב, האָט אים יענער געענטפערט: „איך וויל פון די אַלע זאַכן נישט וויסן. איך וויל גיין אין דעם וועג פון תמימות". דערויף האָט אים ר׳ נחמן געענטפערט: „ווי איך זע, וועלן מיר זיין גרויסע גוטע פריינט". פון אָט דעם שמעון איז עס שפּעטער אַרויסגעקומען ר׳ שמעון, אָט דער ר׳ שמעון, וואָס איז אין אַלע זיינע מחשבות, דבורים און מעשים מקושר געווען אָן ר׳ נחמנען; וואָס האָט נאָר אין אים געלעבט און מיט אים געאָטעמט; וואָס איז צו יעדער רגע גרייט געווען אָפּצוגעבן זיין אייגן לעבן צוליב דעם מינדסטן

וואונטש פון רבין; וואָס האָט באַגלייט און באַדינט ר׳ נחמנען אויף זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל און האָט מיטגעמאַכט און מיטגעלעבט מיט אים אַלע דעמאָלסטיקע רייזע־געפאַרן (ר׳ נחמן איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל אין רעכטן פייער פון פראַנצויזישע מלחמות אויפן מזרח). ביזן לעצטן אָטעם זיינעם האָט ר׳ שמעון נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיין רבין און ער איז אויך געשטאָרבן בעת ער איז געפאָרן אין אַ וויכטיקער שליחות פון ר׳ נחמנען.

קאַפּיטל ג.

דער אָנהייב פון רבישאַפט

ר' נחמן ווערט רבי. — די סכנה פון פירסום. — אַ באַגער זיך צו לאָזן איבער דער וועלט ווי אַ בעטלער. — דאָס געפיל פון שליחות. — דאָס אויסטרעטן אַ וועג אין מדבר. — „איך בענק נאָך די וועגן, וואָס איר זייט אויף זיי גע־פאָרן". — ר' נחמנס שם פאַרשפרייט זיך איבער פאָדאָליע. — דער איידעם ווערט פאַרפאַלן. — תהלים־געוויין אין אַ הייל. — די חתונה אין מאָהילעוו.

מיט דער צייט, ווען דאָס אויסערלעך־ייִנגלשע אין נחמנען איז אינ־גאַנצן איינגעשטילט געוואָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אָפּן אַרויסשיילן פון אים דער עילוי און דער צדיק, זענען צו אים צוגעשטאַנען נאָך יונגע־לייט, וואָס האָבן אינעם יונגן מענטשן, וואָס פאַרהילכט די נעכט מיט זיין תהלים־זאָגן, מיט אַרויסגעזונגענע תפילות און אַרויסגעוויינטע בקשות, דערזען זייער רבין, יועץ און וועגווייזער.

אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין חתונה, ווען ער האָט געגעסן קעסט ביי שווער און שוויגער, האָט ר' נחמן בשום אופן נישט געוואָלט אָנציען אויף זיך דעם לבוש פון רבישקייט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז געווען איינגעטונקט אין יחוס פון צדיקים און וואונדער־מענטשן און איז אַליין אויך (ס'ווערט גערעדט וועגן דער צייט, ווען מען האָט שוין אָנ־געהויבן צו דערקענען זיין העכערן מהות) געווען אַ שטיק וואונדער־מענטש. שפּעטער, ווען ער איז אַראָפּ פון שווער און שוויגערס קעסט, האָט ער פאַרמאָגט זיין נדן־אייגנס דריי הונדערט רענדלעך, האָט ער מער גאָר נישט געטאָן, ווי געדאַווענט און געלערנט. די רענדלעך האָבן זיך אויסגע־לאָזט און ר' נחמן מיט זיין פאַמיליע האָבן געהונגערט. איינמאָל, ווען דער הונגער איז אים שטאַרק באַפאַלן, איז ער אַרויס, ווי זיין שטייגער איז געווען, מתפלל צו זיין אין פעלד. אַרומבלאָנקענדיק אויף די פעלדער, האָט ער דערזען פאַר זיך גרויפּן, איינגעוויקלט אין אַ פאַטשיילע.. ער האָט גענומען די גרויפּן מיט דער פאַטשיילע און עס געבראַכט אַהיים, פול

מיט שמחה און שבח והודיה צום אייבערשטן, וואָס האָט אים מזמין־געווען זיין שפּייז, ווען ער האָט זיך אַמשטאַרקסטן געגויטיקט אין איר. וואָס טוט מען אָבער ווייטער? נישט אַלעמאָל געשעען דאָך נסים, און די נשמה מוז מען דאָך ווי־עס־איז האַלטן אין גוף, און ווייב און קינדער בעטן עסן. האָט ער, באין ברירה, געמוזט אָנהייבן טראַכטן וועגן רבישאַפט...

מתחילה האָט ער שטאַרק געקעמפט קעגן אַזאַ מעגלעכקייט. ער האָט פיינט געהאַט רבישן פּרסום. ער האָט אַזוי ווייט פיינט געהאַט אַזאַ פּרסום, אַז ער האָט גאַנץ ערנסט געטראַכט אַמאָל צו פאַרלאָזן הכל באשר לכל, אַוועקלאָזן זיך איבער דער וועלט און אַרומגיין איבער די הייזער, נישט באַוואוסט פון קיינעם און נישט באַמערקט פון קיינעם.

איינמאָל האָט ר׳ נחמן אַזוי דערציילט וועגן זיין סברא איבערצולאָזן אַלץ מיט אַנאַנדער און ווערן אַן איינפאַכער בעטלער: „איך האָב געוואָלט לאָזן זיך איבער די הייזער און אויסלאַכן זיך פון גאַר דער וועלט״...

דער פּלאַן פון לאָזן זיך איבער דער וועלט איז אָבער צו־שווער געווען פאַר אַזאַ הויך־מיוחסדיקן, גייסטיק־גרויסן, פיזיש־שוואַכן און איידל־דערצויגענעם מענטשן, ווי עס איז געווען ר׳ נחמן. דערצו האָט דאָך ר׳ נחמן געשפּירט מיט אַלע זיינע חושים, אַז ער האָט אַ גרויסע שליחות צו דערפילן; אַז ער האָט וואָס צו זאָגן לייטן און וואָס צו לערנען זיי; אַז ער טראָגט אין זיך אַ גרויסע ברכה פאַר נאָענטע און ווייטע און גאָר ווייטע, און נישט נאָר פאַר זיין דור, נאָר אויך פאַר קומענדיקע דורות; אַז כאָטש דער פּרסום פון רבישאַפט איז פאַרבונדן מיט גרויסע גייסטיקע סכנות, זיינען אָבער דאָ צייטן, ווען מען דאַרף יאָ אָננעמען רבישאַפט.

ר׳ נחמן האָט דעריבער איינגעשטימט צו דער בקשה פון ישובניקעס ביי מעדוועדיווקע, אַז ער זאָל זיך באַזעצן אין שטעטל אויף שטענדיק, מיט אַ „מעמד״ אַ רענדל אַ וואָך.

דעם ביישפּיל פון די נאָענטע ישובניקעס האָבן נאָכגעטאָן די ווייטע ישובניקעס און דעם ביישפּיל פון די ווייטע ישובניקעס האָבן נאָכגעטאָן די שטעטל־לייט פון מעדוועדיעווקע און פון אַנדערע שטעטלעך. אַזוי, אַז מען האָט אָנגעהויבן פאָרן צו אים פון צוואַנציק מייל אַרום.

פון פאַרשיידענע שפּעטערדיקע געשפּרעכן זיינע, איז צו זען, אַז ער האָט געהאַט פיל אויסצוזעצן קעגן דער קליינקעפּלדיקייט און שלימזל־דיקייט פון אַ טייל חסידים זיינע. דערפאַר האָט ער שטאַרק ליב געהאַט

דעם דערמאָנטן ר׳ שמעונען. ער האָט אים אַזוי וויט ליב געהאַט, אַז ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מין שותף אין דער עבודה, פאַר אַ דירעקטן מיטהעלפער, מיטקעמפער און מיטבויער. דאָס איז קענטיק פון ווייטער־דיקן שמועס זײַנעם:

„פון מיין נגלה (פונעם אויסערלעכן אויסזען) באַדאַרפט איר זיך נישט צו לערנען, ווייל כאָטש איר זעט מיך על פי רוב פאַראומערט („שרוי בעצבות״), באַדאַרפט איר תמיד פריילעך זיין. קאָנט איר דען אין אַלע זאַכן גלייכן זיך צו מיר? דערביי בין איך אויך, אין תוך גענומען, פריילעך, איך מוז אָבער מאַכן אַ וועג דאָרט, וואו ס׳איז געווען וויסטעניש און מדבר און מוז אויסהאַקן אַלץ, וואָס שטערט אויסצוטרעטן דעם וועג. איך מוז אויסהאַקן ביימער, וואָס וואַקסן פון טויזנטער יאָרן, האַקן און ווידער האַקן, ביז דער וועג וועט אויסגעטראָטן ווערן פאַר פיל, אַזוי, אַז זיי זאָלן קאָנען גיין אויף אים. איבער אָט דער אַרבעט בין איך במעט ווי תמיד פאַרזאָרגט״. רעדנדיק וועגן אָט דער אַרבעט, האָט ער צוגעגעבן, אַז אויך ר׳ שמעון האָט אַ שייכות צו דער וועג־אָפּרוימונג...

צו אַנדערע צוויי חסידים, ר׳ יהודה און ר׳ שמואל אייזיק פונעם שטעטל דאַשעוו, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַזעצן ביי מעדוועדיווקע, כדי צו זיין וואָס נעענטער צו זייער רבין, האָט ער, ר׳ נחמן, אַזוי געזאָגט:
„איך בענק זייער נאָך די וועגן, וואָס איר זענט אויף זיי געפאָרן צו מיר, ווייל פון יעדן טראָט פון אייער נסיעה איז באַשאַפן געוואָרן אַ מלאך״.

דער שם פון ר׳ נחמנען וואָלט אָבער דאָך נישט געגאַנגען ווייטער פון די פאָדאָליער שטעטלעך. איין געשעעניש האָט אַריבערגעטראָגן ר׳ נחמנס שם איבער די גרענעצן פון פאָדאָליע. ס׳איז אַזוי געווען:

דער שווער און די שוויגער ר׳ נחמנס פלעגן אים אָפּגעבן גרויס כבוד, כאָטש פיל פון זיינע דרכים זיינען זיי פרעמד געווען. אַ יונגער־מאַן אַ למדן, אַן אור־אייניקל פון בעש״ט, לויפט גאָר אַרום איבער די דערפער און עס טרעפט, אַז ער ווערט פאַרפאַלן אויף טעג. מען זוכט אים און מען ווייסט נישט, וואו ער איז אַהינגעקומען. מען פאַקט אים אַמאָל ערגעץ וואו אין אַ הייל, זאָגנדיק תהלים מיט אַזעלכע בכיות וויללות, אַז אַפילו אַ שטיינערן האַרץ ווערט צעפּלאַצט. צו וואָס דאַרף ער עס אַלץ? קאָן ער נישט זיצן און לערנען גמרא ביי זיך אין חדר, ווי עס טוען אַלע שיינע איידעמס אויף קעסט?

ר׳ נחמנס שווער, אַ רייכער ישוב־מאַן, האָט געהאַט זיינע אייגענע פערד. פלעגט ר׳ נחמן איינשפּאַנען אַ פּאָר פערד און אַוועקפאָרן אין פעלד אַריין. דאָס האָט געהייסן, אַז דער יונגער איידעם וויל זיך אַביסל דורכ־פאָרן. פלעגט אָבער ר׳ נחמן, אַריינפאָרנדיק אין וואַלד, צובינדן די פערד צו אַ בוים און אַליין פלעגט ער אַוועק טיף אין וואַלד אַריין פּראַווען התבודדות. פלעגט טרעפן אַמאָל, אַז ער פלעגט, דערוויטערנדיק זיך אַלץ טיפער אין וואַלד, פאַרגעסן אינגאַנצן אין די צוגעבונדענע פערד. די פערד פלעגן זיך אָפּרייסן פונעם בוים און צוריקקערן אַהיים אָן דעם פאָרער. ווען ר׳ נחמנס ווייב, שווער און שוויגער פלעגן עס זען, פלעגט אויף זיי אָנפאַלן אַן אימה: ווער ווייסט, וואָס מיט נחמנען האָט געטראָפן? פלעגט מען זיך אַוועקלאָזן זוכן. פלעגט צייטנווייז געדויערן שעהן ביז מען פלעגט אים געפינען, אַ דורכגענעצטן פון רעגן אָדער אַ האַלב גע־פרוירענעם.

עס פלעגט אויך געשען, אַז ר׳ נחמן, פאַרזונקען אין איבערוועלטלעכע געדאַנקען, תפלות און געזאַנגען, פלעגט, אַרומבלאָנקענדיק איבער די פעל־דער און וועלדער, צוקומען צו אַ טייך. דערזען פאַר זיך אַ שיפל, פלעגט ער זיך אַריינזעצן און זיך לאָזן שווימען וואוהין די אויגן טראָגן...

די אַלע געגנג פלעגן באַאומרואיקן ר׳ נחמנס שווער און שוויגער. די ליבשאַפט און דער דרך־ארץ צו אים, ווי אויך די געטריישאַפט צו דער טאָכטער, האָבן אָבער סוף כל סוף איבערגעוואויגן.

די שוויגער איז געשטאָרבן און ר׳ אפרים, דער שווער, האָט גע־נומען אַ צווייט ווייב. בעת דער חתונה האָט ר׳ נחמן, דער יונגער רבי, געמאַכט רעדן פון זיך.

די צווייטע פרוי ר׳ אפרימס האָט געשטאַמט, קענטיק, פון גרויס יחוס און ר׳ נחמן אַליין האָט זי אויסגעשדכנט פאַר זיין שווער. די חתונה פון ר׳ אפרים מיט אַט דער מיוחסת איז פאַרגעקומען און מאַהילעוו. אויף דער חתונה זיינען געווען רביים און גאונים פון גאַנץ פוילן, ר׳ נחמן בתוכם. דאָרט, אויף דער חתונה, האָט ר׳ נחמן געזאָגט תורה. גאונים און צדיקים זיינען שטאַרק נתפעל געוואָרן. אייניקע פון זיי האָבן באַ־מערקט, אַז אַזאַ תורה האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט געהערט אויף זייער לעבן. דאָס האָט ר׳ נחמנס נאָמען אַריבערגעטראָגן וויט, וויט איבער די גרענעצן פון פּאָדאָליע און דער יונגער רבי איז געוואָרן אַ מפורסם.

קאַפּיטל ד.

פאַר־ארץ־ישראלדיקע תורות און השגות

ביז ארץ־ישראל און נאָך ארץ־ישראל. — דער ספר המידות. — פאַרוואָס ער הייסט אויך: ספר האלף־בית. — צוויי אַלף־ביתן. — ווי אַזוי דער ספר־המידות איז פאַרפאַסט געוואָרן. — ר׳ נחמנס יוגנט־תורות און יוגנט־השגות. — אַנאַליזע פון מענטשלעכע אייגנשאַפטן. — ווען ס׳איז נישטאָ קיין ליבשאַפט צווישן מענטשן — ווערן זיי רכילות־טרייבער. — שקר קומט דורך דעם, וואָס מען האָט מורא פאַר מענטשן. — ניבול־פה און חניפה. — משיח וועט קומען, ווען ס׳וועט קיין גאווה נישט זיין. — עצבות און שמחה. — פיר שטערונגען אויפן וועג צו שלמות: פרנסה, שונאים, קרענק, עשירות.

ר׳ נחמנס לעבן, זיין ווירקן און שאַפן, דאַרף איינגעטיילט ווערן אין צוויי תקופות: א) ביז ארץ־ישראל, ב) נאָך ארץ־ישראל. נישט דער איבערגאַנג פון די יוגנט־יאָרן אין די יאָרן פון פיזישער און גייסטיקער רייפקייט און נישט דער איבערגאַנג פון אַ גאולה־זוכנדיקן וואַלד־מענטש אין אַן אָנפירער פון אַן עדה חסידים און אַ מפורסם אין פוילן און רייסן, — נישט אָט די איבערגאַנגען האָבן מיטן שורש אומגעאַנדערשט דאָס גאַנצע אינערלעכע לעבן פון רבי נחמנען, נאָר זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל און אַלץ, וואָס איז מיט אָט דער נסיעה געווען פאַרבונדן.

מיר מוזן דעריבער, איידער מיר גייען צו צו דער באַשרייבונג פון דער נסיעה, וואָס ר׳ נחמנס תלמידים רופן־אָן מיטן הויכן נאָמען „מסעות הים״, אָט די נסיעה, וואָס האָט געמאַכט פון רבי נחמנען אַ משיח־אַנזאָגער, באַטראַכטן דעם געדאַנקען־גאַנג פון ר׳ נחמנען איידער ער האָט ביי זיך באַשלאָסן צו מאַכן זיין ווייטע, און אין אַ סך פּרטים, געפערלעכע רייזע. מיר וועלן דאָ זען, אַז די קערנער פון יענעם מעכטיקן און ברייט־פאַרצווייגטן אַצילות־בוים, וואָס מיר זעען אין „ליקוטי מוהר״ן״ און „ספורי־מעשיות״, זיינען שוין געווען איינעם פאַר־ארץ־ישראלדיקן רבי

נחמנען. מיר וועלן דאָן זען יענע נשמה־איבערלעבונגען, וואָס האָבן גע־טריבן ר׳ נחמנען צו דערפילן זיין שליחות; פאַרוואָס ער האָט געמוזט פאַרלאָזן אַלץ און אַלעמען, לאָזן זיך אין מרחקים און זוכן אין חלל פון די עולמות זיין פאַרהוילענע נקודה, און, איבערהויפּט, וואָס אייגנטלעך ארץ־ישראל איז געווען פאַר דעם גרעסטן גאולה־טרוימער צווישן די ערשטע חסידישע רביים.

די צוויי הויפּט־ווערק ר׳ נחמנס, זיין „לקוטי מוהר״ן״ און „ספורי־מעשיות״, גיבן אונדז נישט קיין באַגריף וועגן זיינע פאַר־ארץ־ישראלדיקע תורות און השגות, ווייל אַלע תורות, וואָס זענען דאָ אינעם „לקוטי מוהר״ן״, אויסער אַ צוויי־דריי פון זיי, זענען געזאָגט געוואָרן נאָכן צוריקקער פון ארץ־ישראל און די „ספורי־מעשיות״ זיינען דערציילט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן פון ר׳ נחמנס ערדישן לעבן. פאַראַן אָבער איין ספר פון ר׳ נחמנען, וואָס גיט אונדז יאָ אַ השגה פונעם יונגן, נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעקרישטאַליזירטן, איבער־ערדישן טרוימער און זוכער. עס איז דער „ספר המידות״. דער ספר איז איבערגעגעבן געוואָרן פון ר׳ נחמנען צו זיינע תלמידים אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן; דער גרעס־טער טייל פון דעם ספר איז אָבער געשריבן געוואָרן ווען ער איז נאָך יונג געווען, און ממילא אויך איידער ער האָט געמאַכט זיין ארץ־ישראל נסיעה.

דער „ספר המידות״ הייסט אויך „ספר הא״ב״, ווייל ער איז געשריבן אין דער פאָרם פון קורצע סענטענצן לויטן אַלף־בית.

עס זענען דאָ אין אים אייגנטלעך צוויי אַלף־ביתן. דער ערשטער אַלף־בית איז, צום גרעסטן טייל, פון ר׳ נחמנען געצייכנט געוואָרן בעת ער האָט אין זיינע יוגנט־יאָרן געלערנט תנ״ך, ש״ס און פּוסקים, מדרשים, מוסר־ספרים, קבלה וכו׳. ער פלעגט דאָן אַרויסנעמען פון אַ גאַנצער סוגיא, צי פון אַ גרויסער, לאַנגער אגדה, צי פון אַ לאַנגן מוסר־שמועס, צי פון אַ טיפן, שטאַרק־פאַרוויקלטן ענין פון קבלה — איין קורצן, בולט און שאַרף פאָרמולירטן, זאַץ, וואָס דאַרף אים, ר׳ נחמנען גופא, דינען וועג־וויזעריש. ווען עס האָבן זיך אַזוי־אַרום אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל זאַצן אַזעלכע, האָט זיי ר׳ נחמן מסדר־געווען לויטן אַלף־בית און פון דעם איז אַנטשטאַנען דער הויפּט־יסוד פונעם ערשטן אַלף־בית אינעם „ספר המדות״. איך זאָג: דער הויפּט־יסוד, און

זאָג נישט: דער גאַנצער ערשטער אַלף־בית, ווייל אַ טייל פונעם ערשטן אַלף־בית איז, לויט זיין צו־גרויסער ענלעכקייט צו „לקוטי מוהר״ן", געשריבן געוואָרן פון ר׳ נחמנען אין די נאָך־ארץ־ישראלדיקע יאָרן פון זיין לעבן. דער גרעסטער טייל פון אָט דעם אַלף־בית איז אָבער, ווי שוין געזאָגט, געשריבן געוואָרן אין די יוגנט־יאָרן.

דער צווייטער אַלף־בית, וואָס איז געדרוקט אינעם „ספר המדות" מיט פעטיט־אותיות, כדי אונטערצושיידן אים פונעם ערשטן אַלף־בית, איז פאַרפאַסט געוואָרן פון ר׳ נחמנען נישט אויפן גרונד פון תנ״ך, ש״ס, מדרשים וכו׳, נאָר אויפן גרונט פון השגות, וואָס זיינען (לויטן אויסדרוק פון זיין תלמיד ר׳ נתן) „העכער פונעם מענטשלעכן שכל און פאַרהוילן פון יעדן אויג" („גבהו משכל אנושי ונעלמו מעיני כל"), און זיי שטיצן זיך נאָר אויף אַ וואָסער־עס־איז פסוק, צי אַ מאמר פון חז״ל.

פונעם צווייטן אַלף־בית אינעם „ספר המדות" קאָנען מיר, דעריבער, גאַרנישט אַרויסנעמען מכח דעם, וואָס עס גייט אונדז דאָ אָן: — ר׳ נחמנס יוגנט־תורות און יוגנט־השגות; פונעם ערשטן אַלף־בית קאָנען מיר אָבער פיל שעפּן, כדי ריכטיק צו דערקענען ר׳ נחמנס גייסטיקן פּרצוף אין זיינע יונגע יאָרן.

לאָמיר אויסהערן, וואָס ער זאָגט, אַ שטייגער, וועגן אמת:

„ווער עס וויל זיך באַהעפטן אין השי״ת אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען גיין אין געדאַנק פון היכל צו היכל, דאַרף זיך היטן, אַז ער זאָל אַפילו בטעות קיין פאַלש וואָרט פון מויל נישט אַרויסלאָזן" (אות „אמת").

„פון דעם, וואָס דער ליגנער אָטעמט, שאַפט זיך דער יצר־הרע; ווען משיח וועט קומען, וועט קיין יצר־הרע נישט זיין, ווייל קיין ליגנערס וועלן נישט זיין" (דאָרט).

„מען קאָן דערקענען אַ מענטשן דורך זיינע משרתים, צי ער האָט ליב שקר. וואָרום עס איז אָפּהענגיק איינס פונעם צווייטן: אַמאָל פאַלן די משרתים אַריין אין עבירות דורך דעם, וואָס זייער בעל־הבית איז אַ ליגנער, און אַמאָל ווערט דער בעל־הבית אַ ליגנער דורך נישט־קיין־אָרנטלעכע משרתים" (דאָרט).

„בעסער זאָל אַ מענטש שטאַרבן, איידער ער זאָל לעבן און מענטשן זאָלן אים האַלטן פאַר אַ ליגנער" (דאָרט).

„שקר קומט דורך דעם, וואָס מען האָט מורא פאַר מענטשן" (דאָרט).

„דער, וואָס האָט נישט קיין בטחון, ווערט אַ ליגנער, און, פאַרקערט, ווער עס זאָגט ליגן, פאַרלירט דעם בטחון" (דאָרט).

אָדער נעמט, אַ שטייגער, אהבה:

„ווען ס'איז נישטאָ קיין ליבשאַפט צווישן מענטשן, ווערן זיי רכילות־טרייבער, דורך רכילות קומען זיי צו ליצנות, און פון ליצנות — צום שקר" (אות „אהבה").

„ווער עס טוט מיט מסירת־נפש תפילה פאַר ישראל, האָבן אים אַלע ליב" (דאָרט).

„ווען דו וועסט מחזק־זיין אַ מענטשן אין עבודת ד', וועט ער דיך ליב באַקומען" (דאָרט).

און אָט זיינען ביישפּילן פון געדאַנקען וועגן אַנדערע מדות:

„עס איז בעסער בטל צו זיין פון תורה, איידער מבייש צו זיין אַ יידן" (אות „בושה").

„דו ווערסט מבויש, כדי דו זאָלסט טאָן תשובה אַפילו אויף אַזעלכע עבירהלעך, וואָס דו טרעטסט זיי מיט דער פּיאַטע (וואָס דו באַמערקסט זיי קוים)".

„ווען דו הערסט פון עמעצן אַ ליגן, זאָלסטו זיך נישט איילן מבייש צו זיין אים, נאָר דו זאָלסט אים געבן צו פאַרשטיין מיטן וואונק, אַז ער האָט נישט אמת געזאָגט" (דאָרט).

„משיח וועט ערשט דאַן קומען, ווען עס וועט שוין מער קיין גאוה נישט זיין" (אות „גאוה").

„דורך גאוה ווערן האַרץ און אויגן פאַרשלאָסן אַזוי פעסט, אַז זיי קאָנען שוין מער נישט זען די וואונדער פון השם יתברך, וואָס דורך זיי קומט מען צו יראה" (דאָרט).

עכט־ר'־נחמנישע שאַרפקייט און עקסטרעמיטעט זעט מען אין אָט דעם מאמר זיינעם וועגן דער גאוה פון טייל רבנים:

„מען מעג מבייש זיין רבנים, וואָס דינגען־אָפּ זייער רבנות צוליב גאוה; זיי זיינען ווערט, מען זאָל זיי מבזה זיין און גרינגשעצן; מען דאַרף פאַר זיי נישט אויפשטיין און מען דאַרף זיי נישט רופן רבי. דער טלית, וואָס אַזאַ רב טראָגט אויף זיך, איז ווי אַ זאָטל פון אַ חמור" (אות בושה, סימן א').

און ווידער וועגן גאוות:

„מען שרעקט דעם מענטשן אין חלומות, כדי אויסצורייסן פון אים אַן

איינגעזונקענע גאווה, אַ גאווה, וואָס ער אַליין ווייס פון איר נישט" (אות גאווה).

„ווען דו ביסט עובר אַן עבירה, אַפילו אומגערן, איז אַ סימן, אַז דו ביסט אַ בעל־גאווה און דו האַלטסט זיך פאַר אַ צדיק. מיט דער עבירה באַווייזט מען דיר, אַז דו ביסט גאָר קיין צדיק נישט" (דאָרט).

„אַן אָרעמאַן, וואָס איז ביי זיך געפאַלן, כאָטש ער גיט קיין צדקה נישט, איז בעסער פון אַ גביר אַ בעל־גאווה, וואָס גיט יאָ צדקה" (דאָרט).

און אָט וואָס ר' נחמן זאָגט וועגן גנבה און גזילה:

„ווען איינער דערלויבט זיך צו באַגזלנען דעם צווייטן, איז ער שוין פעאיק אויף יעדן פאַרברעכן" (אות גזילה).

„אַ שטאָט, וואָס פאַרמאָגט גנבים, באַווייזט, אַז איר רב נעמט שוחד" (דאָרט).

וועגן אַנדערע מידות:

„דורך חניפה קומט מען צו ניבול פה און פאַרקערט" (אות חניפה).

„דער, וואָס האָט בטחון אויף מענטשן, קומט צו חניפה" (דאָרט).

„אַ נס ווערט געטאָן נאָר דעם, וואָס איז זיך מוסר נפש אויף קידוש השם" (אות ישועה).

„דורך בטחון וועסטו זוכה זיין צו באַנעמען, אַז דו קאָנסט געהאָלפן ווערן נאָר דורך השם יתברך און נישט דורך מענטשן" (דאָרט).

„ווען מען וויל איינעם מדחה זיין פון עבודת ד', גיט מען אים כבוד און דערמיט פאַריאָגט מען אים פון איר" (אות כבוד).

„ווער עס היט זיך פון כעס, האָבן זיינע שונאים נישט קיין שליטה איבער אים" (אות כעס).

„כעס קומט דורך דעם, וואָס מען האָט נישט קיין ריכטיקע התבודדות" (דאָרט). דאָס הייסט: דורך דעם, וואָס מען איז נישט אָפּגעשלאָסן און אָפּגע־זונדערט אין געוויסע צייטן פון טאָג און מען מאַכט נישט קיין ריכטיקן חשבון הנפש מיט זיך, האָט מען נישט קיין געזעצטן, קלאָרן דעת און מען קומט דע־ריבער אַריין אין כעס פון יעדער קלייניקייט.

„ווען דו ווילסט אַ זאַך לעבעדיק מאַכן מיט דיין וואָרט, זאָלסטו נישט אָפּשטעלן זיך אויף פסוקים, וואָס רעדן פון בייזע ענינים, נאָר אויף פסוקים, וואָס רעדן פון ישועות" (אות לימוד).

„וועגן דעם מענטשן, וואָס גייט נאָך נאָך די תאוות פון זיין האַרצן, קאָנסטו אין יעדן פסוק געפינען עפּעס אַ שאַנד־וואָרט פאַר אים" (דאָרט).

„עס איז לייכטער צו פאַרשטיין אַ וואַסער־עס־איז ענין, ווען מען איז אויף אַ באַרג, אָדער אויף אַן אַנדער הויכן אָרט" (דאָרט).

„ווער עס האָט פיינט שקר, ווי אַן אומווירדיקייט, יענער וועט האָבן חשק צום לערנען" (דאָרט).

„ווער עס גייט אַוועק פון תורה, ווערט אַ חבר צום שטן" (דאָרט).

„ווען איינער רעדט לשון הרע, זאָגט הקדוש ברוך הוא צום שר של גיהנום: לאָמיר זיך ביידע נעמען פאַר אים. איך פון אויבן, און דו — פון אונטן" (אות לשון הרע).

„ווען איינער פאַרפאָלגט דעם צווייטן, ברענגט דער אויבערשטער אויפן פאַרפאָלגער אַן אומגליק, כדי ער זאָל פאַרגעסן אָן יענעם"... (אות מריבה).

„ווער עס באַהערשט זיין אייגענעם דיבור, וועט אים קיין מענטש נישט קאָנען בייקומען" (דאָרט).

„ווען איינער האָט אויף זיך אַ סך שונאים, קען די שנאה נישט זיין קיין באַרעכטיקטע, וואָרעם עס איז אוממעגלעך, אַז אַזוי פיל שונאים זאָלן באַהאַנדלען זייער קעגנער אָרענטלעך" (דאָרט).

„אין אַלע בעלי־מחלוקת זיינען דאָ ניצוצות פון דתן ואבירם" (דאָרט).

„אַן אָרעמאַן איז צעטומלט ווי אַ שיכור" (אות ממון).

„ווער עס טוט זיינע מעשים איילנדיק און אָן ישוב־הדעת, ווערט ער אַ בעל חוב" (דאָרט).

„ווען איינער נעמט־אָפּ ביים צווייטן פרנסה, איז גלייך ווי ער הרגעט אים" (דאָרט).

„אויף דער עלטער פאַלט אַמאָל דער מענטש אַראָפּ פון זיין מדריגה" (אות נפילה).

„ווען איינער פאַלט אַראָפּ פון זיין יראה, איז אַ סימן, אַז זיין יראה איז פון אָנהויב אָן נישט געווען קיין ריינע" (דאָרט).

„ווער עס רעדט ניבול פה, איז אַ סימן, אַז זיין האַרץ טראַכט געמיינהייטן" (אות ניבול פה).

„עצבות איז אַ פאַרגעפיל פון אַן אָנקומענדיקער קרענק" (אות עצבות).

„דורך עצבות איז דער אויבערשטער נישט מיטן מענטשן" (דאָרט).

„עצבות קומט דורך כעס" (דאָרט).

„ווער עס האָט אין זיך נישט קיין עצבות און ער איז שטענדיק פריילעך, איז אַ סימן, אַז ער וועט דערהויבן ווערן" (דאָרט).

„ווער עס גייט צופיל נאָך נאָך זיין צער, גייט דער צער נאָך אים נאָך" (דאָרט).

„ווער עס איז אין תפיסה, איז אַ סימן, אַז אויך זיין נשמה למעלה איז אין תפיסה" (אות „פדיון שבויים").

„ווען דו טוסט אַ מצווה, באַדאַרפסטו זען, זי זאָל דיר נישט אָנקומען בחינם, נאָר דו זאָלסט פאַר איר גוט באַצאָלן" (אות צדקה; אַגב, איז דער געצייכנטער מראה מקום דאָרט אַ צו־וויטער און פרעמדער, ווייל באמת איז עס אַ מפורשער מאמר אין זוהר, פרשת תרומה).

„ווען עס וועט אַ סוף נעמען צו קנאה, וועט פאַרקומען קיבוץ גליות" (אות קנאה).

„אַז אַ מענטש טוט אַ מצווה מיט שמחה, איז אַ סימן, אַז זיין האַרץ איז גאַנץ מיט גאָט" (אות שמחה).

„דורך שמחה ווערט אויפגעעפנט דאָס האַרץ און עס ווערט פאַרשטאַרקט די קראַפט פון שכל" (דאָרט).

„דורך צדקה מיטן גאַנצן האַרצן קומט מען צו שמחה" (דאָרט).

„שמחה של מצווה איז אַ פעסטונג פאַר אַ מענטשן" (דאָרט).

„ווען דו זעסט, אַז אַ רשע הויבט פלוצלונג אָן צו לאַכן, מעגסטו זיכער זיין, אַז ס'איז אים דאַן איינגעפאַלן עפעס אַן עצה, ווי אַזוי צו באַגיין אַן עבירה".

„דורך שמחה ווערט גרעסער די תפיסה פון מוח" (דאָרט).

„ווען עס באַפאַלט אַ מאָל אַ מענטשן אַ גרויסע שמחה, איז אַ סימן, אַז עס וועט אים דערגרייכן חסד און ישועה" (דאָרט).

„ירושלים וועט געבויט ווערן נאָר דורך שלום" (אות שלום).

„אַז עס איז נישטאָ קיין שלום, קאָנען די תפילות נישט אָנגענומען ווערן".

„ווען די שרים של מעלה קריגן זיך אַרום, ווערן פון דעם געבוירן קריגערייען צווישן פעלקער און צווישן חכמים" (דאָרט).

„ווער ס'איז אַליין נאַקעט און הויל פון מעשים טובים, קאָן נישט אָפּשיידן אַנדערע פון זייער רשעות" (אות תשובה).

„ווען דו האָסט פאַר זיך צוויי מצוות מקיים צו זיין (און דו קאָנסט זיי נישט מקיים זיין ביידע מיט אַמאָל), זאָלסטו זיך נעמען צו דער מצווה, אין וועלכער עס איז דאָ מער צוואַנג פאַרן יצר הרע" (דאָרט).

„ווער עס טוט תשובה מיטן גאַנצן האַרצן, גיט אים דער אויבערשטער אַ האַרץ צו דערקענען אים" (דאָרט).

„פּרנסה און שונאים און קרענק און איבעריקע עשירות שטערן דעם מענטשן צוצוקומען צו שלימות און צום תכלית" (דאָרט).

„אַ מענטש דאַרף זיך אַליין שטראָפן יעדן פרימאָרגן" (דאָרט).

„איין טאָג, וואָס עמעצער אַרבעט־אָפּ אין עבודת הבורא, ווען ער איז נאָך יונג, האָט אַ גרעסערן ווערט פון זיין עבודות אויף דער עלטער אין משך פון פיל יאָרן" (דאָרט).

„ערשט דאַן קאָן מען רעכט וויסן וועגן עמעצנס פולער אויפריכטיקייט אין דער עבודה, ווען ער פאַרלאַנגט קיין פּרסום נישט" (דאָרט).

„ווען עמעצער קאָן נישט מבטל זיין דעם יצר הרע זיינעם דורך אַריינ־ציען אים אין בית־המדרש*), מוז ער וויסן, אַז ער איז נאָך זינדיק ווי געווען" (דאָרט).

„ווען איינער גייט אַריין אין עבודה, זאָגט צו אים דער אויבערשטער: איך ווייס, אַז דו ווילסט מיר דינען, — וואו האָב איך אָבער די בטיחות, אַז דו וועסט מיך מאָרגן נישט פאַרלאָזן? ווי אַזוי זאָל איך דיך מקרב זיין בלויז צוליבן היינטיקן ווילן דיינעם? ווי אַזוי זאָל איך דיר אַנטפּלעקן געהיימע זאַכן? טו־זשע דעריבער אַזוי: קודם כל האָב מיך ליב און זיי מקיים מיינע מצוות, כאָטש דו ווייסט נישט דעם שכל פון יעדער מצווה. דיין פּשוט, אָן שום חכמות, דין אַזוי אַ היפּש ביסל צייט, ערשט דאַן וועל איך דיר גלויבן און וועל דיר אַנטפּלעקן דעם טעם און דעם שכל פון יעדער זאַך און וועל דיך מקרב זיין מיט אַלערליי מעגלעכסטע התקרבותן, וואָרעם די לאַנגע צייט, וואָס דו האָסט מיר געדינט, איז פאַר מיר אַ בטיחות, אַז דו וועסט מיך נישט פאַר־לאָזן" (דאָרט).

אין דעם, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט, ווי אין נאָך פיל ענלעכס אינעם ערשטן אַלף־בית פונעם „ספר המידות", איז צו זען די קאָנטורן פון דער געשטאַלט, וועלכע וועט זיך ערשט שפּעטער, אין די נאָך ארץ־ישראלדיקע תורות, סיפּורים און שמועסן, באַווייזן אין איר פולער פּראַכט און הער־לעכקייט.

נאָך שאַרפער און בולטער זעט מען אַרויס דעם צוקונפטיקן ר'

*) אָנגעוואונקען אויפן מאמר: „אם פגע בך מנוול זה — משכהו לבית המדרש".

נחמנען אין די אותיות „אמונה״, „תפילה״ און „צדיק״ (אינעם „ספר המידות״), אין איין אָקולטיסטיש־פילאָזאָפישער רשימה זיינער וועגן „אנחה״ (זיפץ), וואָס איז געשריבן געוואָרן, ווען ער איז נאָך זייער יונג געווען, און פון אייניקע פאַר־ארץ־ישראלדיקע געשפּרעכן זיינע מיט חסידים, — ווי מיר וועלן עס זען גענויער אין קומענדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל ה.

נאָך וועגן די פאַר-ארץ-ישראלדיקע תורות און השגות

צוויי הונדערט און ניין מאמרים אין דעם אות „צדיק". — דער צדיק איז דער צלם־אלקים פונעם דור. — דער צדיק און דאָס גערעַנגל, וואָס קומט אין אים פאָר. — די קריגערייען אויפן צדיק און דאָס אויפהויבן די מחשבות זרות. — אַ מחשבה זרה פון אַ הויכער מדרגה. — די כוחות, וואָס שטרעבן צו צו־ברעכן דעם צדיק. — פאַרזיכטיקייט אין קאַמף קעגן די בייזע כוחות. — נישט דער וועג פון באַוויַיז, נאָר דער וועג פון גלויבן. — דאָס שטילשווייגן, וואָס ענטפערט און פאַרענטפערט.

אין דער צייט, וואָס וועגן זייער אַ סך ערנסטע און וויכטיקע ענינים באַנוגנט זיך ר' נחמן אין זיין „ספר המידות" מיטן פאַרצייכענען אַ דרייסיק־פערציק מאמרים און, העכסטנס, הונדערט, צי אַביסל איבער הונדערט, פאַרצייכנט ער אין אות „צדיק" גאַנצע צוויי הונדערט און ניין מאמרים. מען זעט דאָ קלאָר אַרויס דעם צוקונפטיקן ר' נחמנען, וואָס הויבט־אויף דעם צדיק איבער אַלץ אין דער וועלט, און האַלט, אַז קיין מענטשלעכע טאַט קאָן נישט גערעכט זיין און קיין נשמה קאָן קיין תיקון נישט האָבן אָן דעם צדיק האמת.

איך וועל דאָ ברענגען פונעם אות „צדיק" אייניקע שטעלן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער בולטקייט און שאַרפקייט און קלינגען אין די אויערן פון אַ סתם־יידן, נישט קיין חסיד, זייער פאַראַדאָקסאַל:

„דער צדיק קאָן אַרויסטראָגן אַ פּסק מיט זיין דיבור, ווען עס קומט גן־עדן, און וועמען — גיהנום".

„עס לוינט צו פּטרן פיל צייט, כדי צו זיין כאָטש איין שעה נאָענט צום צדיק".

„די רייד פון צדיקים־חכמים זיינען טייערער פון דברי־תורה און דברי

נביאים און מען דאַרף זיי הערן און פאָלגן, כאָטש זיי ווייזן דיר נישט קיין שום מופת״.

„פאַראַן תלמידים, וואָס עקזיסטירן נאָר דורכן זכות פונעם צדיק און ווען ער ווערט נסתלק, ווערן זיי אויך צוגענומען אָדער זיי ווערן געשטראָפט״.

„עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ מענטש שטאַרבט פאַר זיין צייט דורך דעם, וואָס דער צדיק האָט אויף אים תרעומות געהאַט״.

„אַפילו דורך אַ לייכטן דיבור פונעם צדיק ווערט אויפגעעפנט אַ גרויס ליכט, דורך וועלכן מענטשן קאָנען לייכט באַגרייפן הויכע חכמות״.

„דער צדיק איז דער צלם אלוקים פונעם דור״.

„דער צדיק טראָגט אויף זיך די, וואָס טראָגן אים, ווען עס קומט אויף זיי אַ צרה״.

„אַמאָל איז מען גוזר אין הימל, אַז ס׳זאָלן אויסשטאַרבן אַזוי פיל און אַזוי פיל מענטשן, און ווען צווישן אָט די, וואָס אויף זיי איז חל דער גזר, איז דאָ איינער, וואָס דער צדיק האָט אים ליב, האָט דער צדיק די קראַפט אַפצוראַטעווען אים דורך זיין תפילה און אָפגעבן אַן אַנדערן אויף זיין אָרט״.

„דער צדיק האָט אַ כוח אָפצונעמען ביי איינעם און אָפגעבן אַ צווייטן״.

„דער צדיק לערנט דעם אויבערשטן דורך זיין תורה, ווי אַזוי ער זאָל זיך מיט אונדז נוהג זיין״.

„ווען מען ליבט אַ צדיק, איז גלייך, ווי מען ליבט דעם אויבערשטן״.

„אַ שטאָט, וואָס פאָלגט דעם צדיק, ווייסט נישט פון קיין מלחמה, פון קיין מהומה און פון קיין בייזן אַנזאָג״.

„דאָס אָנקומען פון משיחן איז אָפּהענגיק פון דער התקרבות צו צדיקים״.

„ווען דער צדיק ווערט נסתלק, בלייבן אַלע מענטשן פון דער וועלט ווי טמאים אין די אויגן פונעם אויבערשטן און אַפילו די גאַנצע צדקות פון דער וועלט ווערט נמאס אין דעם אויבערשטנס אויגן״.

„ווער עס ברענגט אַ מתנה דעם צדיק, טוט מיט אים דער אויבערשטער פאַרבאַרגענע זאַכן״.

„דורך דעם, וואָס מען פאַלט אין געבעט אויף די קברים פון צדיקים, באַקומט מען טובות פונעם אויבערשטן, כאָטש מען איז עס נישט ווערט״.

„ווען איינער דערציילט מעשיות פון צדיקים, טוט מיט אים דער אויבערשטער חסד״.

„ווער ס'איז מהנה דעם צדיק פון זיינע גיטער, איז גלייך, ווי ער איז מהנה אַלע יידן, און ער ווערט דורך דעם ניצול פון טויט".

„ווער עס דערציילט מעשׂיות פון צדיקים, דערמאָנט מען אים אַלע זיינע גוטע מעשׂים".

„וואו דער צדיק טוט אַ טראַט מיטן פוס, איז ער יענעם אָרט קונה".

„עס איז אַ מענטשן שווער צו באַקומען אַ וואָסער־עס־איז ישועה, ווען אין זיין שטאָט איז דאָ אַ צדיק און דער מענטש גייט צו אים נישט בעטן, אַז ער זאָל אויף אים מתפלל זיין".

„עס טרעפט אַמאָל, אַז איינער איז שטאַרק מקורב צום צדיק און פילט אין זיך דאָך נישט קיין יראת־שמים, זאָל ער זשע וויסן, אַז ווען ער וואָלט נישט זיין קיין מקורב צום צדיק, וואָלט ער גאָר נישט ווערט געווען צו לעבן אויף דער וועלט".

„דורך דער פּרנסה, וואָס מען איז מפרנס דעם צדיק, ווערן פאַרגעבן אַלע זינד, אַ שטייגער, ווי כהנים אוכלים והבעלים מתכפרים (די כהנים עסן דעם קרבן און די, וואָס האָבן געבראַכט דעם קרבן, האָבן אַ כפרה דורך דעם)".

געוויס זיינען אין די און ענלעכע עקסטרעמיטעטן פון „ספר המידות" וועגן דעם צדיק, פאַראַן ווערטלעך, וואָס געהערן צום שפּעטערדיקן, נאָך־ארץ־ישׂראלדיקן, ר' נחמנען; אַ היפּשער טייל פון זיי געהערט אָבער צום פריער־דיקן ר' נחמן. דאָס באַווייזט אונדז, אַז ווען ער איז נאָך געזעסן אין זיין קליין שטעטל מעדוועדיעווקע, אַרומגערינגלט פון די ערשטע חסידים, אַרומ־בלאָנקענדיק אין די פעלדער, אָנשפּיצנדיק זיין אינערלעכע שמיעה צו הערן קולות מן השמים און זיין אינערלעכע ראיה אויף צו זען זאַכן, וואָס אַנדערע זעען נישט, האָט ער אויף זיך געקוקט, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס איז דער צענטער פונעם יידישן קדושה־לעבן, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס טראָגט אויף זיך די אחריות פאַר כל־ישׂראל, און כל־ישׂראל מוז זיך דעריבער צוהערן צו זיין וואָרט און פאָלגן עס. איין פאַר־ארץ־ישׂראלדיקע תורה, וואָס איז דאָ אין „לקוטי מוהר"ן", סימן צ"ו (אויף דעם פּסוק: „זומם רשע לצדיק") שילדערט אונדז דעם אינעווייניקסטן געראַנגל פונעם צדיק, וואָס דאַרף אויפהויבן די „מחשבות זרות" פון אַרום לויט דער מדרגה, אין וועלכער ער, דער צדיק, געפינט זיך אין דער אָדער יענער צייט. אַמאָל קומט אָבער אַריין צום צדיק אַ „מחשבה זרה" פון אַזאַ הויכער מדרגה, וואָס ער איז נאָך גאָרנישט דער־

וואַקסן מתקן צו זיין און אויפהויבן זי. פון וואַנען קומט צו אים יענע „מחשבה זרה״? — פון די קריגערייען אויף אַ צדיק *). וואָס־זשע טוט מיט איר דער צדיק, ווי באַלד ער איז נישט בכוח אויפצוהויבן זי? — קאָן ער זי נישט אויפהויבן, קאָן ער אָבער יענע קריגערייען אויפן צדיק מבטל־זיין מיט זיין שטאַרקן ווילן, בלויז מיט דעם, וואָס ער וויל יענע הויכע מחשבה, וואָס איז נידעריק געפאַלן, מתקן זיין און מעלה זיין...

אין דער רשימה, וואָס רבי נחמן האָט געשריבן אין זיינע יונגע יאָרן וועגן „אנחה״, פאַרנעמט ער זיך אויך מיטן פּראָבלעם פון צדיק און די גרויסע גייסטיקע כוחות, וואָס שטרעבן צו צעברעכן אים, אויב ער וועט זיי נישט צעברעכן. מיט חכמה און מיט פאַרזיכטיקייט דאַרף דער צדיק פירן אָט דעם קאַמף, נישט איבערצוטרייבן די מאָס און נישט אַרויסצורופן קעגן זיך בייזע כוחות, ווען ער, דער צדיק, באַזיצט נאָך נישט קיין פולע קראַפט צו באַצווינגען זיי און, מכל שכן, אויסרוימען זיי. די דערמאָנטע רשימה איז זייער אַ פאַרוויקלטע און אַ טיפע און זי קאָן באַגריפן ווערן, ווי עס געהער צו זיין, ערשט נאָך פאַרשידענע הקדמות פון כתבי האר״י און פון שפּעטערדיקע תורות ר׳ נחמנס.

דעם צוקונפטיקן ר׳ נחמן זעט מען אויך שאַרף, ווי שוין אויבן באַמערקט, אין די אותיות „אמונה״ און „תפילה״ פונעם „ספר המידות״.

„מען דאַרף, — זאָגט ר׳ נחמן אין אות „אמונה״, — צוקומען צו השם יתברך דורכן וועג פון גלויבן און נישט דורכן וועג פון באַווייז („דרך מופת״).

„דורך ענווה וועסטו צוקומען צו אמונה״.

„דורך אמונה ווערט דער מענטש ליב צום אויבערשטן ווי אַ פרוי צו איר מאַן״.

„ווער עס גרייט נישט צו זיין האַרץ, קאָן צום גלויבן נישט צוקומען״.

„ווען עס פאַלט דיר איין אַ וואָסער־עס־איז קשיא אויף השם יתברך, זאָלסטו שטילשווייגן, און דורך אָט דעם שטילשווייגן וועלן דיינע אייגענע געדאַנקען ענטפערן דיר אַ תירוץ אויף דיין קשיא״.

„ווען מען זידלט דיך און דו שוויגסט, וועסטו זוכה זיין צו באַקומען אַ

---

*) ווייל די קריגערייען אויף אַ צדיק ווערן פיל מאָל פאַרדעקט מיטן מאַנטל פון תורה און הויכע געדאַנקען.

תירוץ אויף דיין קשיא און וועסט אַזוי־אַרום צוקומען צו אַ רוח בינה".

„די זינד פון אַ מענטשן ברענגען אַריין כפירה אין זיין האַרצן".

„ווען איינער פאַלט אַראָפּ פון אמונה, דאַרף ער וויינען".

און אין אות „תפילה":

„אַ מענטש דאַרף גלוסטן און שטרעבן צום אַלגעמיינעם גוטס, כאָטש אים גופא וועט אַרויסקומען אַ רעה פון דעם".

„ווען איינער בעט וועגן זיך, זאָל ער נישט פאַרלאַנגען צופיל; ווען איינער בעט אָבער וועגן תורה און יראת שמים, זאָל ער וואָס מער פאַרלאַנגען".

„זאָלסט נישט מתפלל זיין אין אַ הויז, וואָס אַ בעל־מחלוקת האָט עס אויפגעבויט".

„אויף אַלע זאַכן אין דער וועלט, סיי אויף אַ גרויסער, סיי אויף אַ קליינער זאַך, זאָלסטו מתפלל זיין".

„דורך דעם וואָס דער מענטש גלוסט צו השם יתברך ביינאַכט, איז אים לייכט מתפלל צו זיין אין דער פרי".

„דורך תיקון חצות דערמאָנט מען דעם אויבערשטן אַלע טובות, וואָס ער האָט מבטיח געווען יידן".

„דער, וואָס איז מלמד זכות אויף יידן, דערוועקט דורך דעם אַ ישועה, און אַט די ישועה קומט דורך אים".

„ווער עס איז נישט מתפלל אויף יידישע צרות, ווערט ער אָנגערופן זינדיקער".

„דער אויבערשטער אַליין בעט דעם מענטשן, ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין".

„דורך שמחה וועט דיין תפילה אַריינקומען גלייך אין קעניגס היכל".

„ווער ס'איז מתפלל מיט קראַפט, הערט דער אויבערשטער זיין תפילה".

„ווען איינער האָט נישט אין זיך קיין אמונה, ווערט זיין תפילה נישט געהערט".

„פאַרן דאַווענען באַדאַרף מען זיך גייסטיק פאַרבינדן מיטן אויבערשטן און דערנאָך וועלן די דיבורי־התפילה אַליין אַרויסקומען פון מויל".

קאַפּיטל ו.

די הכנות צו ארץ־ישראל*)

ר׳ נחמן הייסט שפּאַנען פערד־און־וואָגן און לאָזט זיך אין אַ ווייטער נסיעה. — אין דערפל וואָלכאָוויץ. — אין מעזשיבוזש. — ער וויל נישט גיין אויפן בעש״טס קבר. — „ווען דער בעש״ט דאַרף מיך, זאָל ער צו מיר קומען״. — די זעאונג פון פייגע דער נביאה. — ר׳ נחמנס זעאונג. — זיין באַגלייטער ר׳ שמעון ווערט פלוצלונג קראַנק. — די נסיעה קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. — די באַציאונג פונעם בעש״ט צו די פראַנקיסטן. — „מען מוז באַזייטיקן די קליפּת־כנען, איידער מען קומט־אָן קיין ארץ־ישראל״. — ר׳ נחמנס באַציאונג צו פריידענקער און זינדיקע.

אין איין סוף ווינטער־טאָג פון יאָר תקנ״ח האָט ר׳ נחמן אַ זאָג־געטאָן אין דער היים: „איך האָב אַ נסיעה צו פאָרן״. — וואוהין איז די נסיעה? איך ווייס נאָך אַליין נישט, וואוהין איך האָב צו פאָרן. — ווי לאַנג וועט די נסיעה געדויערן? — מעגלעך אַ וואָך, מעגלעך צוויי, מעגלעך אַ חודש, מעגלעך אַ פערטל יאָר, מעגלעך אַ האַלב יאָר אָדער אַ גאַנץ יאָר.

ר׳ שמעון, דער געטרייער פריינט, תלמיד און דינער פון ר׳ נחמנען, האָט מתחילה געלאַכט. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז דעם רבינס אַ שפּאַס. ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז דער רבי מיינט ערנסט, האָט ער צוגעגרייט פערד־און־וואָגן און אַלץ, וואָס מען דאַרף צום פאָרן, און מען האָט זיך גע־לאָזט אין וועג אריין. ר׳ נחמן האָט געהייסן, מען זאָל פאָרן דורכן דערפל וואָלכאָוויץ. דאָרט האָט מען מיטגענומען נאָך אַ פאָרער. דערנאָך האָט ר׳ נחמן געהייסן פאָרן קיין מעזשיבוזש. קומענדיק קיין מעזשיבוזש, איז מען פאַרפאָרן צו ר׳ נחמנס עלטערן. די עלטערן — דער למדן און חסיד ר׳ שמחה

---

*) מיר וועלן דאָ אין אַ ריי קאַפּיטלען, סטיליזירט לויט דער בראַסלאַווער מסורה, איבערגעבן די עפּישע געשיכטע פון ר׳ נחמנס ארץ־ישראל־נסיעה, כדי שפּעטער זי אויסצוטייטשן, זיך אָפּשטעלן אויף איר העכערן זין און אויף איר צענטראַלער באַ־דייטונג פאַר ר׳ נחמנס אַנטוויקלונג.

און די מוטער, פייגע די נביאה — האָבן זיך זייער געפרייט מיט זייער זון, וועלכן זיי האָבן אַ היפּשע צייט נישט געזען. נאָך דער ערשטער חדווה און ערשטן באַגריסן זיך רופט זיך אָן ר׳ נחמנס מוטער צו אים: „זון מיינער! ווען וועסטו גיין צו דיין עלטער־זיידן דעם בעש״ט, זכרונו לברכה?״ — „אויב דער עלטער־זיידע וויל זיך מיט מיר זען, — ענטפערט איר ר׳ נחמן, — זאָל ער קומען צו מיר״.

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. מען האָט זיך געלייגט שלאָפן. אין דער פרי שטעלט זיך די מוטער ביים בעט פון זון און זאָגט: „דיין עלטער־זיידע איז דאָך ביי דיר יאָ געוועזן; ווען־זשע וועסטו צו אים גיין אויפן קבר?״ דערויף האָט ר׳ נחמן געענטפערט: „איצט וועל איך ביי אים אויפן קבר נישט זיין; ווען איך וועל מיך אומקערן פון מיין נסיעה, וועל איך זיין ביי אים״.

איידער מען איז צוגעקומען צו מעזשיבוזש, איז ר׳ שמעון שטאַרק קראַנק געוואָרן. ר׳ נחמן איז געגאַנגען צו זיין חבר און תלמיד געוואויר ווערן, וואָס ער מאַכט. „ווייסט? — רופט זיך אָן ר׳ נחמן צו אים, — איך מוז שוין אָפּ־פאָרן פון דאַנען״. „ניין, רבי, — האָט אים ר׳ שמעון געענטפערט, — איך וועל אייך נישט לאָזן אָפּפאָרן, וואו איר וועט מיר נישט מבטיח זיין אויף אייער הייליק וואָרט, אַז איר וועט מיך, ביים צוריקקומען, דערוויסן פריש און געזונט״. האָט אים ר׳ נחמן פאַרזיכערט, אַז אַזוי וועט זיין. פרעגט אים ר׳ שמעון ווייטער: — איר האָט דאָך ביים אָפּפאָרן פון דער היים געזאָגט, אַז די נסיעה אייערע קאָן געדויערן אַ וואָך און צוויי, און אַ חודש און אַ פערטל יאָר און אַ האַלב יאָר און אַ גאַנץ יאָר אויך. ווען־זשע וועלן מיר זיך פאָרט זען? — ווען איך בין אָפּגעפאָרן פון דער היים, — האָט אים ר׳ נחמן געענטפערט, — האָב איך נאָך נישט געוואוסט, וואוהין איך פאָר און ווי לאַנג אַזאַ נסיעה וועט דויערן; היינט ווייס איך קלאָר: איך פאָר איצט קיין קאַמענעץ (קאַמענעץ־פּאָדאָלסק) און מיין אויפהאַלטן־זיך דאָרט וועט לאַנג נישט דויערן. דער בעש״ט האָט זיך צו מיר דאָ באַוויזן און מיר געהייסן פאָרן קיין קאַמענעץ..

געפאָרן איז ר׳ נחמן קיין קאַמענעץ נישט מעשה גוטער ייד מיט זיין שמש, נאָר מעשה סוחר, מיט זיינס אַ משרת. אין קאַמענעץ האָבן דאַן, לויט דער פאַרזיכערונג פון ר׳ נחמנס נאָכפאָלגער, קיין יידן נישט געטאָרט וואוינען און אַפילו איבערנעכטיקן דאָרט איז זיי נישט דערלויבט געווען. פלעגן זיי אַ גאַנצן טאָג האַנדלען און וואַנדלען אין קאַמענעץ און נעכטיקן פלעגן זיי

אין די דירות, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט הינטער דער שטאָט. ר׳ נחמן מיט זיין משרת זיינען אַריינגעקומען אין שטאָט בייטאָג. ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, האָט ר׳ נחמן געהייסן זיין משרת פאַרלאָזן די שטאָט און אַליין איז ער געבליבן דאָרט נעכטיקן. צו מאָרגנס איז דער משרת געקומען אין שטאָט און האָט דאָרט אָנגעטראָפן זיין רבין. דער רבי איז געגאַנגען מיטן משרת אין פאַרשידענע הייזער — אונטער אַזאַ אָדער אַן אַנדער אויסרייד. אַזוי־אַרום זיינען זיי געווען אין פיל הייזער דאָרטיקע. וואָס ער האָט געטאָן אין יענע הייזער און וואָס ער האָט בכלל געטאָן אין קאַמענעץ — ווייסט קיינער נישט.

דער עולם האָט זיך וועגן דעם געשפּאָרט: טייל האָבן געזאָגט, אַז ער איז געפאָרן קיין קאַמענעץ, כדי צו געפינען די כתבים, וואָס דער בעש״ט האָט דאָרט באַהאַלטן אין אַ שטיין. טייל האָבן אויסגעזוכט אַנדערע טעמים. ר׳ נחמן האָט זיך פון די אַלע טעמים אויסגעלאַכט און וועגן די כתבים פונעם בעש״ט האָט ער געזאָגט, אַז ער דאַרף זיי נישט, און ווען ער וואָלט זיי יאָ געדאַרפט, וואָלט מען זיי אים געבראַכט אַהיים...

איינס איז קלאָר: ר׳ נחמנס נסיעה קיין קאַמענעץ האָט אַ דירעקטע שייכות מיט זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל. ר׳ נחמן אַליין האָט עס אויסגעדריקט אין איין קורצן און שאַרפן זאַץ: „ווער עס ווייסט, פאַרוואָס ארץ ישראל איז פריער געווען אין די הענט פון כנען און דערנאָך אין יידישע הענט, יענער ווייסט אויך, פאַרוואָס איך בין פריער געווען אין קאַמענעץ, און דערנאָך — אין ארץ־ישראל״...

פאַרוואָס אָבער גראָד קאַמענעץ? און ווי אַזוי האָט ער גענעכטיקט דאָרט, ווען קיין יידן איז דאָרט נישט דערלויבט געווען צו נעכטיקן? און ווי בינדט זיך די זעאונג, דער אָנזאָג: „פאָר קיין קאַמענעץ״ — מיט דער ארץ־ישראל־נסיעה?

די וואַרשיינלעכסטע השערה איז די, אַז ר׳ נחמן, וואָס האָט זיך ס׳גאַנצע לעבן פאַרנומען מיט מחזיר בתשובה זיין אַלערליי זינדיקע, איז געפאָרן קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק מחזיר בתשובה צו זיין אייניקע פראַנקיסטן, וואָס האָבן געוואוינט ווי קריסטן אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק (דער צענטער פון דער פראַנקיסטישער באַוועגונג).

דאָס שטימט מיט די ווערטער פונעם בעש״ט, ווען די פראַנקיסטן האָבן זיך געשמדט: „די שכינה קלאָגט און וויינט: כל זמן דער קראַנקער אבר

איז נאָך באַהאַלטן צום גוף, איז דאָ אַ האָפענונג; ווען ער ווערט אָבער אָפּגע־שניטן פון גוף, איז יעדע האָפענונג פאַרלוירן״.

דער שמד פון אַ טייל פראַנקיסטן איז נישט געווען קיין פולשטענדיקער: זיי, יענע פראַנקיסטן, האָבן ווי די דאָנמעה׳ס (באַהאַלטענע שבתאים) אין טערקיי געפירט אַ טאָפּל־לעבן. אַזוי ווי די דאָנמעה׳ס זיינען אויסערלעך גע־ווען מוסולמענער מיט אַלע פּיטשעווקעס און אין אמתן האָבן זיי געגלויבט אין זייערע ספעציעל שבתאישע דאָגמען און אָפּגעהיט פיל יידישע מצוות און מנהגים, — אַזוי זיינען אויך יענע פראַנקיסטן געווען אויסערלעך פול־שטענדיקע קריסטן און אינערלעך זיינען זיי טריי געבליבן די אַלטע שבתאיש־פראַנקיסטישע לערן און אפשר אָפּגעהיט אויך אייניקע יידישע מנהגים און געבאָטן.

ר׳ נחמן, וועלכער פלעגט — ווי עס איז שוין פריער דערציילט געוואָרן — קיינמאָל נישט אַנטלויפן פון נסיונות, נאָר ער פלעגט נאָך אַריינלאָזן זיך אין נסיונות מיט דער זיכערקייט, אַז ער וועט קיינמאָל און אין קיין פאַל נישט טאָן עפּעס קעגן דעם ווילן פון השם יתברך, כאָטש ס׳וועט אים אויסקומען צו ליידן דערביי די גרעסטע ענויים; וואָס האָט געשטרעבט צו דער גאולה פון גאָר דער וועלט דורך דער גאולה פון ישראל; וואָס האָט געשטרעבט צו ווערן נישט נאָר דער גואל פון לעבעדיקע, נאָר אויך דער גואל פון טויטע, דער גואל פון נשמות, וואָס וואַנדערן אַרום אין וועלטן פון תהו אָן אַ תיקון; ער, וואָס האָט זיך געריסן צו ארץ־ישראל מיט דער האָפענונג צו באַקומען דאָרט די ליכטיקסטע השגה, יענע השגה, וואָס מוז מיט זיך ברענגען ביאת המשיח — ער האָט געפונען פאַר נויטיק, איידער ער פאָרט איינצונעמען גייסטיק ארץ־ישראל, מכניע צו זיין די האַרבסטע קליפּה און די טיפסטע טומאה, וואָס האָט דאַן געהערשט אין פּאָדאָליע: דעם פראַנקיזם. אַזוי ווי קאַמענעץ־פּאָ־דאָלסק איז געווען די פעסטונג פון אָט דער טומאה, האָט ער געפּרואווט איינצונעמען די פעסטונג דורך מחזיר בתשובה זיין די חשובערע צווישן די פראַנקיסטן. דאָס האָט געהייסן: איידער מען גייט בויען ארץ ישראל, מוז מען איינצונעמען כנען...

אַ שליסל צו אָט דעם ענין גיט אויך די אויפפירונג פון ר׳ נחמנען אין די לעצטע יאָרן פון זיין ערדיש לעבן, זיין שטענדיק פאַרברענגען אין אומאַן און שמועסן מיט די, וואָס ער האָט אָנגערופן „קלי עולם״. אָנשטאָט צו אַנטלויפן פון פריידענקער, מדחה־זיין זיי, ווי אַלע אַנדערע רבים האָבן

געטאָן, מיט בײדע הענט, נישט אַרײַנלאָזן זיך אין לאַנגע װיכּוחים מיט זײ, װי ס'שטײט, אַז מיט אַ „מין ישראל" טאָר מען קײן װיכּוחים נישט פירן, װײל „כּל שכּן דפקר טפי" (ער װעט פון דעם נאָך מער אַפּיקורס װערן), פּלעגט ר' נחמן דװקא לאַנג שמועסן מיט יענע „קלי עולם", זיך אַרײַנלאָזן אין לאַנגע װיכּוחים מיט זײ, גלױבנדיק, אַז ער װעט סוף כּל סוף אױפבלאָזן אין זײ פונקען פון גלױבן, בושה פאַרן מלך פון אַלע װעלטן, תּשובה אױף זינד און חרטה.

אַפילו װעגן גרױסע רשעים פלעגט ר' נחמן זאָגן:

„די גרױסע רשעים, װאָס קומען אַרײַן צום צדיק האמת, שױן פון דעם אַלײן, װאָס זײ זײַנען זיך אַביסל מכניע פאַר אים און קומען אָפּצוגעבן אים כּבוד, פון דעם אַלײן װערט ערגעץ־װאו אַ גרױסער תּיקון, װאָרעם לױט דער גרױסקײט פון זײער רשעות װערט אַפילו פון זײער קלענס־טער הכנעה זײער אַ גרױסער תּיקון. יידן זאָגן עטלעכע מאָל אין טאָג: „כּי גדול ד' מכּל האלוקים" און עס װערט פון דעם גאָר נישט אַזאַ גרױסער רעש. און װען יתרו איז געקומען און געזאָגט: „עתּה ידעתּי כּי גדול ד'", איז — װי דער זוהר זאָגט — טײַער געװאָרן און געהױבן געװאָרן דער נאָמען פון קודשא בריך הוא סײ אױבן, סײ אונטן. דװקא דורך דעם, װאָס אײנער קומט פון אַזאַ װײַטעניש, פון די עמקי הקליפּות, און איז זיך מכניע פאַר דער קדושה, װערט דערהױבן און געגרױסט זײַן הײליקער נאָמען".

און אַמאָל האָט ר' נחמן געזאָגט װעגן די „קלי עולם", װאָס קומען אַרײַן צו אים:

„אַז אײנער פון זײ טוט זיך אַ בױג — בױגן זיך די הימלען"...

קאַפּיטל ז.

דער אַפּפאַר פון דער היים און דער אָנקום קיין סטאַמבול

ר׳ נחמן פאַרלאָזט די בני־בית. — „דער מיעוט מוז גיין נאָכן רוב״. — פון ניקאָלאַיעוו קיין אַדעס. — ער שרייבט תורה אויף דער שיף קיין סטאַמבול. — דער שטורעם אויפן ים און דער גייסט פון דעם וואָלכאָוויצער יונגנמאַן. — אויף אַן אכסניא אין דער טערקישער הויפּט־שטאָט. — יידן, וואָס קערן זיך זיך אום פון ארץ־ישראל. — דער חשד אויף ר׳ נחמנען.

ערב פסח תקנ״ח איז ר׳ נחמן אַרויס פון מקוה און האָט געזאָגט צו איינעם, וואָס האָט אים באַגלייט: „היינטיגס יאָר וועל איך געוויס זיין אינעם הייליקן לאַנד״. פסח האָט ער געזאָגט תורה אויפן פסוק: „ושבילך במים רבים ועקבותיך לא נודעו״ (דיין שטעג גייט דורך פיל וואַסערן און דיינע טריט זענען נישט קענטיק) און ער האָט געפרעגט אַ ווידעראַנאַנד פונעם אָנהייב פסוק אויפן סוף פסוק: ווען עס איז אָנצווזען אַ שטעג אין די פיל וואַסערן — ווי אַזוי זענען קיין טריט נישט קענטיק? ער האָט דערויף געענטפערט וואָס ער האָט געענטפערט, און דער קורצער אינהאַלט פון דער גאַנצער תורה איז געווען, אַז ער, ר׳ נחמן, פאָרט ווי אַמשנעלסטן קיין ארץ־ישראל.

ווען זיין ווייב האָט עס דערהערט, האָט זי געשיקט אַ טאָכטער פרעגן אים: „אויף וועמען וועסטו אונדז איבערלאָזן? ווער וועט אונדז מפרנס זיין?״ האָט ער אַזוי געענטפערט:

— דו וועסט פאָרן צו דיין מחותן, דיין עלטערע שוועסטער וועט זיין אַן אַם ביי עמעצן, דיין קלענערע שוועסטער וועט זיין ביי איינעם, וואָס וועט זי צונעמען פון רחמנות־וועגן, און דיין מוטער וועט זיין אַ דינסט,

אַ קעכין. אַלצדינג, וואָס איך האָב אין שטוב, וועל איך פאַרקויפן אויף הוצאות הדרך.

ווען די בני־בית האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ער האָט אויף אַלע בכיות און יללות געענטפערט נאָר איינס: „עס קאָן אַנדערש נישט זיין. די גרעסטע העלפט מיינע איז שוין דאָרט — און דער מיעוט מוז גיין נאָכן רוב״...

ער האָט אויך געזאָגט: „איך ווייס, אַז איך וועל האָבן עכובים און מניעות גאָר אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך, נאָר כל זמן די נשמה איז אין מיר, כל זמן עס וועט אין מיר זיין אַ לעבעדיקער אָטעם, וועל איך מיך מוסר נפש זיין און פאָרן קיין ארץ־ישראל און זאָל גאָט טאָן, וואָס אים וועט וואויל געפעלן״.

און ער האָט אויך געזאָגט: „אויף יעדן טראָט קיין ארץ־ישראל וועל איך האָבן מסירת נפש״.

דערנאָך האָט ער געזאָגט אַזוי:

„איך וויל פאָרן תיכף, ווי עס זאָל זיך נישט מאַכן, אַפילו אָן געלט. וויל עמעצער אויף מיר רחמנות האָבן, זאָל ער מיר עפּעס געבן אויף הוצאות״.

די חסידים האָבן זיך באַלד אַ לאָז־געטאָן אין די אַרומיקע שטעטלעך און האָבן אויף דער גיך צוזאַמענגענומען אַביסל געלט, ער זאָל כאָטש האָבן מיט וואָס אָפּצופאָרן פון דער היים. די נסיעה איז געווען אין גרויס איילעניש און זיי האָבן געזען, אַז מען קאָן אים שוין לענגער נישט פאַרהאַלטן.

ח״י אייר פון יאָר תקנ״ח איז ר׳ נחמן אָפּגעפאָרן פון מעדוויעדיווקע קיין ניקאָלאַיעוו אין דער באַגלייטונג פון איינעם פון זיינע חסידים, וואָס האָט איינגעשטימט מיטצומאַכן מיט אים די לאַנגע, ווייטע, געפאַרפולע נסיעה *). אין ניקאָלאַיעוו האָבן זיי געטראָפן אַ שיף, וואָס האָט געפירט

---

*) מען דאַרף געדענקען, אַז די נסיעה פון פוילן־רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל מיט קרוב הונדערט און פופציק יאָר צוריק איז געווען פאַרבונדן מיט געוואַלדיקע שוועריקייטן, בפרט, אַז ס׳איז אויסגעפאַלן גראָד אין רעכטן פייער פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות אויפן מזרח. ווער איז געווען דער מענטש, וואָס האָט זיך געלאָזט מיט ר׳ נחמנען אין ווייטן וועג, האָט מיט אים מיטגעמאַכט אַלע געפאַרן און נסיונות און אויסגעשטאַנען אַלערליי מעגלעכסטע קאַפּריזן פונעם גאונישן משיח־זוכער? ר׳ נחמנס נאָכפאָלגער, אין זייערע כתבים, שווייגן וועגן דעם. די בעל־פּה־קוואַלן שווייגן אויך

ווייץ קיין אָדעס. פון אָדעס זענען זיי אָפּגעפאָרן מיט אַ שיף קיין סטאַמבול. פריער פלעגן משולחים און אַנדערע, וואָס פאָרן פון פוילן און רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל, מורא האָבן צו פאָרן דורך אָדעס, ווייל זיי האָבן גע־האַלטן, אַז דער ים איז דאָרט אומרואיק. פלעגן זיי פאָרן דורך גאַלאַץ, כאָטש ס'איז פיל ווייטער געווען, ווי דורך אָדעס, און ס'איז גראָד שווער געווען אויסצומיידן סכנות אויף יענעם וועג. ר׳ נחמן האָט זיך נישט צו־געהערט צו די רייד פון דער וועלט און איז געפאָרן פון ניקאָלאַיעוו קיין סטאַמבול דווקא דורך אָדעס.

ווען זיי זענען אָפּגעפאָרן פון אָדעס, זענען מענטשן געקומען צום ים־ברעג געזעגענען זיך מיט זיי, ווער אויף פורן און ווער צו־פוס. מען האָט זיי אַרויסבאַגלייט מיט גרויס פּאַראַד.

איידער ר׳ נחמן האָט זיך געזעצט אויף דער שיף, האָט ער געהייסן זיין מענטשן קויפן פּאַפּיר און טינט. באַלד ווי זיי זענען אַרויף אויף דער שיף, האָט ר׳ נחמן אָנגעהויבן שרייבן תורה. דעם מענטשן האָט ער פאַרזאָגט, ער זאָל נישט אַריינקוקן אין דעם, וואָס ער שרייבט. ער האָט אַפילו געפאָ־דערט, יענער זאָל אים מבטיח־זיין אויף זיין הן צדק, אַז ער וועט אין די כתבים נישט אַריינקוקן. ערשט, ווען דער מענטש האָט אים די הבטחה געגעבן, האָט ער אים פאַרטרויט דעם שליסל פון זיין כתבים־קעסטל.

דעם ערשטן טאָג פון זייער פאָרן אויף דער שיף קיין סטאַמבול, האָט זיך דער שוואַרצער ים צערוגזט. אַ גרויסער שטורעם האָט געהויבן די כוואַליעס: זיי זענען אַזש אין שיף אַריינגעשפּרונגען.

אין דער גאַנצער צייט פון ר׳ נחמנס נסיעה קיין סטאַמבול האָט גע־בליצט און געדונערט. די בליצן, די דונערן און די שטורמדיקע כוואַליעס האָבן אויף אַלעמען אין שיף אָנגעוואָרפן גרויס פּחד.

אין מיטן רוח־סערה — דערציילט די בראַסלאַווער אגדה — האָט ר׳ נחמן דערזען פאַר זיך אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס איז נישט לאַנג געשטאָרבן. ר׳ נחמן האָט דאָן אַזוי געזאָגט צו זיין באַגלייטער: „האָסט געזען? דער יונגערמאַן פון וואָלכאָוויץ איז דאָך געקומען אַהער נאָך אַ תיקון״ *.

וועגן דעם. לויט אַלע סימנים איז אָט דער מענטש געווען נישט קיין אַנדערער, ווי ר׳ נחמנס יוגנט־חבר און ערשטער תלמיד — ר׳ שמעון.

*) די אגדה וועגן דעם וואָלכאָוויצער יונגנמאַן באַשטעטיקט מיין השערה, אַז ר׳

ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין סטאַמבול נאָך אַ שווערער פיר־טאָגיקער רייזע, האָבן זיי זיך אָנידערגעזעצט ביים פּאָרט. זיי האָבן נישט געקענט קיין וואָרט טערקיש און צו קיין יידן האָבן זיי זיך אויך נישט געקאָנט ווענדן, מחמת זיי האָבן נישט געקאָנט מבחין זיין לויט דער הלבשה צווישן אַ יידן און אַ טערק. ענדלעך האָבן זיי דערזען אַ יידן, וואָס האָט פאַר־שטאַנען זייער שפּראַך. דער ייד האָט זיי געפירט אויף אַ סטאַנציע אין דעם קוואַרטאַל גאַלאַטע.

ווען זיי זענען אַריין אַהין, האָט ר׳ נחמן געזאָגט, אַז די סטאַנציע געֿ־פעלט אים נישט. האָט אים דער פאַרמיטלער געזאָגט: „אפשר ווילט איר זיין אין האַרץ פון קרוין־שטאָט סטאַמבול, דאָרט, וואו עס וואוינט דער תוגר אַליין? קיין שום פּאָרל טאָר דאָרט נישט וואוינען, בלויז זכרים אַליין מעגן דאָרט וואוינען". „יאָ, — האָט ר׳ נחמן געענטפערט, — אָט דאָס געפעלט מיר טאַקע!" זענען זיי אַוועק אין צענטער פון סטאַמבול, צו זוכן דאָרט אַ נייע דירה. אויפן וועג האָט דער פאַרמיטלער דער־ציילט, אַז דאָרט זענען איצט דאָ צוויי שדרי"ם פון ארץ־ישראל, און מיט זיי — רוסיש־פּוילישע יידן, וואָס קערן זיך אום פון ארץ־ישראל קיין חוץ לארץ.

„אָט אַהין פירט מיך" — האָט ר׳ נחמן געזאָגט צום פאַרמיטלער. און צו זיין מענטשן האָט ער געזאָגט: „איך בין דיך שטרענג מזהיר, דו זאָלסט בשום אופן נישט אויסזאָגן פאַר לייט ווער איך בין, וויפיל זיי זאָלן צו דיר נישט צושטיין".

ווען ר׳ נחמן איז אָנגעקומען מיט זיין מענטשן אויף דער נייער אכסניא, האָט איינער פון די צוויי, וואָס זענען צוריקגעפאָרן פון ארץ־ישראל, דערקענט ר׳ נחמנס מענטשן. האָט ער אים געפרעגט: „וואָס טוסטו דאָ?" האָט ר׳ נחמנס מענטש געענטפערט: „איך פאָר מיט דעם יונגנמאַן קיין ארץ־ישראל". — „ווער איז דער יונגערמאַן?" — דער יונגערמאַן האָט אַ בילעט פון דעם עסטרייכער קאָרדאָן. — האָט ער עפּעס בריוו מיט זיך? — ניין! ער האָט מיט זיך קיין שום בריוו נישט. — צו

נחמנס באַגלייטער און באַדינער איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי זיין בעסטער חבר און פריינט — ר׳ שמעון. זאָל זיך דער לייענער דערמאָנען אַז ר׳ שמעון האָט זיך געלאָזט מיט ר׳ נחמנען אין וועג קיין קאַמעניץ און בעת יענער נסיעה האָבן זיי מיט־גענומען אַ יונגנמאַן פונעם דערפל וואָלכאָוויץ. (זע פריערדיקן קאַפּיטל).

וואָס פאָרט דער יונגערמאַן קיין ארץ־ישראל? — איך ווייס נישט. — מיר קענען דיך אַפּילו פאַר אַן ערלעכן מאַן פון שטענדיק אָן — האָבן די צו־ריקגעפאָרענע געזאָגט צו ר׳ נחמנס מענטש — אַצינד אָבער ווייזט אויס, אַז דו נאַרסט־אָפּ. מיר ווייסן נישט, צי דו ביזט נאָך אַזוי ערלעך ווי געווען. נאָכדעם האָבן זיי אים ווידער געפרעגט: „האָסטו געפרעגט דיין רבין, ר׳ נחמן פון מעדוועדיווקע, צי דו זאָלסט פאָרן מיטן יונגנמאַן?״ — יאָ, — האָט דער מענטש געענטפערט. די צוריקפאָרער זענען צוגע־שטאַנען צו ר׳ נחמנס מענטש מיט זייערע פראַגן נישט אויס הוילער נייגעריקייט, נאָר ווייל זיי האָבן חושד געווען, אַז דער יונגערמאַן, וואָס זעט אויס ווי אַ רבי, פאָרט קיין ארץ־ישראל אָנצומאַכן דאָרט קריגערייען. פונוואַנען האָט זיך אַזאַ חשד גענומען?

דאָס וועלן מיר באַלד הערן. ס׳איז אַ געשיכטע אין אַ געשיכטע.

קאַפּיטל ח.

ר' מענדל וויטעבסקער, ר' אברהם קאַליסקער, דער רב מלאַדי און — ר' נחמנס אויפפירונג

ר' מענדל וויטעבסקער, דער מופלא צווישן די תלמידים פון דעם מעזעריטשער מגיד. — ר' אברהם קאַליסקער און ר' שניאור־זלמן, דער גרינדער פון חב"ד. — ר' מענדל וויטעבסקער פאָרט קיין ארץ־ישראל. — ר' שניאור זלמן ווערט איינציקער רבי אין רייסן. — ר' אברהם קאַליסקער אַלס „מרא דארץ ישראל" פון חסידישן כולל. — די געלדער פאַר ארץ־ישראל און דער אופן פון זייער פאַרטיילונג. — אומצופרידנקייט און מחלוקת. — איין צד האַלט מיט ר' שניאור־זלמנען, אַ צווייטער צד האַלט מיט ר' אברהם קאַליסקער. — דער חשד, אַז ר' נחמן פאָרט קריגן אויף ר' אברהמען. — די צוריקפאָרנדיקע חסידים קאָנען נישט דערגייין ווער ער איז. — היינט אַזוי, מאָרגן אַנדערש. — די שפּיל אין מעשי קטנות. — ר' זאב־וואָלף פון טשארנאָ־אוסטראָ.

ר' נחמנס נסיעה קיין ארץ־ישראל איז אויסגעפאַלן אין אַ תקופה פון רביאישע נסיעות אינעם הייליקן לאַנד. דעם אָנהויב האָט געמאַכט ר' מענדל וויטעבסקער, אַ תלמיד־חבר פונעם מעזעריטשער מגיד, אַ פאָר־גייער פון חב"ד. אויף ר' מענדל וויטעבסקער האָבן אַלע תלמידים פונעם מעזעריטשער מגיד, אַפילו די עלטסטע און גרעסטע, געקוקט נישט ווי אויף זייער גלייכן, אַ חבר צוגלייך מיט אַלע פון דער הייליקער חבריא, נאָר ווי אויף אַ מופלא צווישן זיי אַלעמען; ווי אויף איינעם, וואָס איז נאָכן מגיד דער גרעסטער. ר' מענדל האָט זיך טאַקע באמת אויסגעצייכנט, אַפילו צווישן די ערשטע גרויסע רביים, נישט נאָר מיט זיין גאונות און זיין צדקות, נאָר אויך און איבערהויפּט מיט זיין געוואַלדיקער עמקות אין חסידות, מיט זיין טיף־פילאָזאָפישער אויפפאַסונג פון די גרונד־יסודות פון קבלה. דער גאון און צדיק און אין דערזעלבער צייט מערקווירדיקער דענקער, דער גרינדער פון חב"ד, ר' שניאור זלמן (הרב מלאַדי), איז געווען אי חבר, אי תלמיד פון ר' מענדל וויטעבסקער: חבר — ווייל זיי זענען

ביידע געווען תלמידים פונעם מעזעריטשער מגיד; תלמיד — ווייל נאָכן אָפּזיין אַ לאַנגע צייט ביים מעזעריטשער און נאָכן בלייבן אַ געוויסע צייט — נאָך דעם מגידס פּטירה — ביי זיין זון ר׳ אברהם המלאך, איז ר׳ שניאור זלמן געפאָרן אַ לענגערע צייט צו ר׳ מענדל וויטעבסקער.

ר׳ מענדלס שיטה אין חסידות איז איבערגענומען געוואָרן דורך זיינע הויפּט־תלמידים, וואָס זענען, אין אַ געוויסן זין, געווען אויך זיינע חברים: ר׳ ברוך קאָסאָווער, ר׳ אברהם קאַליסקער און ר׳ זלמן לאָזשניער (איידער ר׳ זלמן האָט זיך באַזעצט אין לאַדי האָט ער געוואוינט אינעם שטעטל לאָזשניע — מאָהילעווער גוב.). ר׳ ברוך קאָסאָווער האָט, אַזוי צו זאָגן, ראַציאָנאַליזירט די קבלה, און דאָס חסידות מקרב געווען צום שכל, אַזוי אַז ער האָט אַלע עולמות עליונים, שמות און ספירות צוגעפירט צו געטלעכע „שכליים" (אינטעליגענצן). ר׳ אברהם קאַליסקער האָט ר׳ מענדלס חסידות באַהאַרצט און פאַרדבקהט ביז צו אַזאַ מדרגה, אַז זיינע חסידים פלעגן פון גרויס התפעלות טאַנצן אין די גאַסן.

ר׳ זלמן לאָזשניער האָט פון זיין רבינס תורה געשאַפן אַ גראַנדיעזע מיסטיש־פילאָזאָפישע שיטה, וואָס פאַראייניקט תמימותדיקן גלויבן מיט שאַרפן פאָרשן און זוכן; פלאַם־פייערדיקע דביקות מיט רואיקער באַטראַכטונג; ברייטן סינטעז מיט פּרטיותדיקן אַנאַליז; טיפע אינטואיציע מיט סיסטעמאַטיש־לאָגישן אויפבוי; טיפענישן פון קבלה מיט קלאָרקייטן פון רמב״מישער חקירה; פאַטאָס פון נבואה, ליריזם פון אגדה, ברייטקייט פון דרוש, פרומקייט פון מוסר. דאָס אַלץ האָט ר׳ שניאור זלמן פאַראייניקט אין איין הערלעכן בנין, וואָס הייסט: חב״ד (חכמה, בינה, דעת).

ווען ר׳ מענדל וויטעבסקער איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָבן אים זיינע חסידים געשריבן: „אויף וועמען האָסטו אונדז געלאָזט?" האָט ער געענטפערט אין אַ בריוו: „עס איז דאָ מיט אייך דער געליבטסטער פון מיין נשמה, ר׳ שניאור זלמן. איר קאָנט זיך אויף אים פאַרלאָזן אין אַלע ענינים פון הימל און ערד, פונקט ווי אויף מיר". פון דאַן־אָן איז ר׳ שניאור זלמן געוואָרן דער איינציקער רבי אין רייסן (ווייסרוסלאַנד).

ר׳ שניאור זלמן האָט געפירט זיין רבישאַפט מיט שטאַרקסטער ליבשאַפט נישט נאָר צו זיינע חסידים, נאָר אויך צו אַלע יידן; מיט באַזונדערער הכנעה פאַר יעדן איינציקן, און, אין דער זעלבער צייט, מיט אַ באַזונדער שטרענגקייט און רוח־גבורה — דאָרט, וואו מען האָט באַדאַרפט. ער

האָט איינגעפירט זיין אייגענעם נוסח אין דאַוונען, שטרענג אָרגאַניזירט זיינע חסידישע מנינים, קאָנטראָלירט אַלע מעשים פון זיינע חסידים און, פאַר־בינדנדיק זיך מיט זיי גייסטיק, אַרויסגעהאָלפן זיי אין יעדער עת־צרה, סיי אין רוחניות, סיי אין גשמיות. איינפירנדיק אָרדענונג אין אַלץ און אין אַלעמען, האָט ער אויך געוואָלט איינפירן אָרדענונג אינעם זאַמלען געלדער פאַר די עניי ארץ־ישראל. די פריערדיקע אָרדענונג, וואָס האָט נישט גע־וואוסט פון קיין חשבון און פון קיין סיסטעמאַטישער חלוקה צווישן די נויטבאַדערפטיקע אין ארץ־ישראל, איז אים שטאַרק נישט געפעלן געווען. אין וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען זיין נייע אָרדענונג ביים זאַמלען און צעטיילן די ארץ־ישראל־געלטער — איז איצט שווער צו וויסן. איינס וויסן מיר, אַז זיין חבר און נאָענטער פריינד, ר׳ אברהם קאַליסקער, וואָס איז דאַן געזעסן אין ארץ־ישראל און איז געווען פאַררעכנט אַלס ממלא־מקום פון ר׳ מענדל וויטעבסקער, זיך געהאַלטן פאַרן איינציקן „מרא דארץ־ישראל״ פון חסידישן כולל, איז פון ר׳ שניאור זלמנס אַריינמישן זיך אין ארץ־ישראל־ענינים געווען שטאַרק נישט צופרידן. די אומצופרידנקייט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפענער מחלוקה. אַ טייל גוטע־יידן זענען געשטאַנען אויף ר׳ שניאור זלמנס צד, אַ טייל — אויף ר׳ אברהם קאַליסקערס צד. ווייזט־אויס, אַז ר׳ אברהם קאַליסקער האָט אויף זיך געהאַט מחלוקת, אויסער מצד די חסידי חב״ד, אויך מצד די גאַליציאַנער רביים, וואָס זענען עפּעס אויך נישט צופרידן געווען מיט ר׳ אברהם קאַליסקערס הנהגה.

די צוריקגעפאָרענע פון ארץ־ישראל, — ווי עס ווייזט־אויס, הייסע חסידים פון ר׳ אברהם קאַליסקער, — זעענדיק, אַז ס׳פאָרט אַ יונגער רבי קיין ארץ־ישראל און זיין משרת זאָגט נישט אויס, ווער ער איז, האָבן חושד געווען, אַז דער יונגער רבי פאָרט פאַרשטאַרקן די מחלוקה אויף ר׳ אברהם קאַליסקער. מתחילה האָבן זיי, מסתמא, געמיינט, אַז ער איז אַ געשיקטער פון ר׳ שניאור זלמנען; שפּעטער, ווען דער משרת האָט זיי געזאָגט, אַז דער רבי זיינער פאָרט מיט אַ דערלויבעניש פון עסטרייך, האָבן זיי אָנגעהויבן חושד זיין, אַז ער איז געשיקט געוואָרן פון גאַליציאַנער רביים צו פירן זייער קאַמף קעגן ר׳ אברהמען.

ווען די צוריקפאָרנדיקע האָבן דערזען, אַז זיי קאָנען פונעם משרת קיין טאָלק נישט דערגיין וועגן זיין רבין, האָבן זיי זיך געווענדט צום

רבין גופא. ער האָט זיי מדחה געווען מיט פאַרשיידענע אויסריידן און פאַרשיידענע איינפאַלן. אויף אַלע זייערע פראַגן וועגן זיין נאָמען, אָפּשטאַמונג, משפחה, וכדומה, פלעגט ער זיי ענטפערן נעבעכטיקע טעג. פלעגן זיי אים וועלן כאַפּן אויף אַ ווענטקע, הינטן־אַרום. פלעגט ער זיי ענטפערן אַזוי, אַז זיי פלעגן מבולבל ווערן. איינמאָל, למשל, האָבן זיי אים געפרעגט, צי ער איז אַ כהן. האָט ער געענטפערט: יאָ. אויף צו־מאָרגנס האָבן זיי אים אַ פרעג־געטאָן: איר זענט אַ ישראל? האָט ער ווידער געענטפערט: יאָ. פרעגן זיי אים: נעכטן זענט איר געווען אַ כהן און היינט זענט איר שוין אַ ישראל? ענטפערט ער זיי: „כהן איז די מידה פון חסד; ישראל איז אַן אַנדער מידה, און איך האָב אין זיך, ברוך־השם, ביידע מידות". דערזען, אַז זיי קאָנען פון אים נישט אַרויסבאַקומען קיין קלאָרן ענטפער, האָבן זיי אים געזאָגט: „איצט זעען מיר, אַז איר פאָרט קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט אָנצומאַכן מחלוקת"...

איינמאָל אין אַ שמועס, ווען די מענטשן זענען צו ר׳ נחמנען שטאַרק צוגעשטאַנען וועגן דעם צוועק פון זיין רייזע, האָט ער צו זיי געזאָגט בזה הלשון:

„וואָס זאָל איך אייך זאָגן וועגן דער כוונה פון מיין נסיעה קיין ארץ־ישראל? עס איז אפילו לבא לפומא לא גליא (דאָס האַרץ אַנטפּלעקט נישט אַפילו דעם אייגענעם מויל). אָבער — „מה טוב ומה נעים שבת אַחים גם יחד". מיר קאָנען דאָך גוט פאַרברענגען צוזאַמען, אַפילו ווען איינער ווייסט נישט דעם צווייטנס כוונות. האָבן זיי אים געענטפערט: ווען איר וועט אונדז מגלה־זיין די כוונה פון אייער נסיעה, וועט איר פון אונדז געוויס האָבן אַ טובה. „ניין! — האָט ער זיי געזאָגט — פון אייך וועל איך קיין שום טובה נישט מקבל־זיין. איר פון מיר קאָנט יאָ מקבל טובה זיין". — איר רעדט עפּעס, האָבן זיי צו אים געזאָגט, ווי איר וואָלט געווען זיין פון די מפורסמים, ווי, אַ שטייגער, ר׳ ברוך, ר׳ נחמן, צי ר׳ שלום *). איר זענט דאָך געוויס נישט קיין איינער פון זיי, נאָר איר פאָרט קריגן אויפן צדיק ר׳ אברהמען.

*) איך שרייב עס לויט די ספורים פון „חיי הר"נ". מען קאָן אָבער צווייפלען אין דער פּינקטלעכקייט פון אָט דעם שמועס, ווייל צו יענער צייט, ווען ר׳ נחמן איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, איז נאָך ר׳ שלום, דער זון פון ר׳ אברהם המלאך, נישט אַזוי מפורסם געווען.

ווען די לייט האָבן ביי זיך פעסט באַשלאָסן, אַז דער יונגער רבי פאַרט קיין ארץ־ישראל נישט אַנדערש, ווי אויף צו פאַרפירן אַ מחלוקת קעגן ר׳ אברהם קאַליסקער, האָבן זיי אים פון טאָג צו טאָג מבֿזה געווען מיט אַלערליי מעגלעכסטע בזיונות, נישט פאַרלירנדיק דערביי די האָפנונג צו דערגיין סוף־כל־סוף, ווער ער איז.

איינמאָל האָט זיך זיי פון זיינע רייד אויסגעדאַכט, אַז ער איז אַ זון פונעם קאָמאַרנער מגיד, מיט וועמען פאַרשיידענע רביים האָבן דאַן געפירט אַ שטאַרקע מחלוקה *). מיט אַמאָל האָט ער אָנגעהויבן רעדן שלעכטס אויפן קאָמאַרנער, האָבן זיי אויף אים אָנגעשריען: „ער איז דאָך דיין טאַטע״! איינמאָל האָבן זיי אים פלוצלונג אַ רוף־געטאָן: „ישעיה״, ווייל דעם קאָמאַרנערס זון האָט געהייסן ישעיה. איז ער צוגעקומען צו זיי. הייסט עס דאָך, אַז ער איז טאַקע דעם קאָמאַרנערס זון. דערווייל האָבן זיי אָנגעהויבן שמועסן, אַז זיי פירן אַ מתנה פונעם קאָמאַרנער צו זיין זון, האָט ער זיי אָנגעהויבן בעטן: „ווייזט מיר די מתנה״... הייסט עס, אַז ער איז יאָ דעם קאָמאַרנערס זון. מיטאַמאָל האָט ער ווידער אָנגעהויבן שטאַרק צו רעדן אויפן קאָמאַרנער. הייסט עס, אַז ער איז נישט קיין זון. האָבן זיי אים אָנגעהויבן שטאַרק מבֿזה צו זיין: „פאַרוואָס זאָגסטו היינט, אַז דו הייסט אַזוי און מאָרגן זאָגסטו, אַז דו הייסט אַנדערש? האָט מען דיך אין דיין שטאָט אויך גערופן אַלע טאָג מיט אַן אַנדער נאָמען?״ — „יעדער נאָמען, האָט זיי דערויף ר׳ נחמן געענטפערט, איז לויט דער מידה און דער ספירה, וואו דער מענטש האָט אַן אחיזה. איך האָב אָבער, ברוך השם, אַן אחיזה אין אַלע מידות און ספירות״.

ווען עס איז געקומען צו שבת, האָט ר׳ נחמן געוואָלט עסן מיט זיי צוזאַמען די שבת־סעודות, ווייל ער האָט נישט געהאַט ביי זיך קיין שוחט און זיי האָבן יאָ געהאַט מיט זיך אַ שוחט. זיי האָבן אָבער בלויז ר׳ נחמנס מענטש גענומען צו זיך אויף שבת, ר׳ נחמנען — נישט. פרייטיק־צו־נאַכטס איז ר׳ נחמן אַריינגעקומען צו זיי, האָבן זיי זיך מיט אים געקריגט און געוואָלט אַרויסשטופן. ר׳ נחמן האָט זיך נישט געלאָזט און עס איז צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ קריגעריי. אויף מאָרגן האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע. ר׳ נחמן האָט געמוזט אָפּקומען מיט אַ מילכיקן שבת.

*) אויך אין דעם פּרט קאָן מען צווייפלען, ווייל עס שטימט נישט כראָנאָלאָגיש.

ער האָט אַלץ געטאָן צו דערוועקן קעגן זיך כעס און שנאה מצד די צוריקגעקערטע פון ארץ־ישראל. אויסער דעם, וואָס ער האָט זיי נישט אויס־געזאָגט, ווער ער איז און וואָס ער איז; אויסער דעם, וואָס ער האָט נישט אַרויסגענומען פון זייערע הערצער דעם חשד, אַז ער פאָרט קיין ארץ־ישראל צו פירן דאָרט מחלוקת; אויסער דעם, וואָס ער האָט געענטפערט אויף אַלע זייערע פראַגן קאַפּויר, — פלעגט ער זיי נאָך אויפוועקן, ווען זיי זענען געשלאָפן, פלעגט זיך מיט זיי רייצן אויף אַלע אופנים, האָט זיך געלייגט אויפן בעט באַרוועס און אָן דעם גאַרטל, ווען יענע זענען געקומען ערב שבת פון מרחץ, אויסגעצוואָגענע, אויפגערוימטע נשמה־יתרהדיקע, און האָט בכלל אַרויסגעוויזן אי איבערגעטריבענע גדלות, אי מעשי־קטנות.

צייטנווייז האָט ר׳ נחמן געוואָלט מפצה־זיין די צוריקגעפאָרענע חסידים פאַרן אָנטאָן זיי עגמת־נפש. ער האָט זיי געפּרואווט געבן צו פאַר־שטיין, אַז מען קאָן צו אים נישט צופּאַסן די מאָס, וואָס מען פּאַסט־צו צו אַנדערע מענטשן, אַז מען מוז אים דעריבער אָפּלאָזן מיט שאלות און קשיות און מען מוז אים אויך מוחל־זיין קאַפּריזן. ער האָט געפּרואווט פיל מאָל אַנבינדן מיט זיי אַ פריינדלעכן שמועס און האָט געהייסן זיין מענטש זיי מכבד־זיין. ס׳האָט זיך אָבער נישט געקלעפּט. זיי האָבן אויף ר׳ נחמנען געקוקט מיט חשד און שנאה און האָבן זיך אַפילו געווענדט צו אַ יידישן מעקלער פון שיפן אין סטאַמבול, וואָס האָט אַליין געשטאַמט פון פוילן (זיין פרוי איז געווען אַ ספרדית און זיין שוויגער איז שטאַרק אַנגעזען געווען ביי די טערקן), אַז ער, דער מעקלער, זאָל נישט לאָזן דעם יונגן רבין פאָרן קיין ארץ־ישראל, ווייל ער וועט דאָרט אָנמאַכן מחלוקת און וועט ברענגען צו אַ גירוש פון די דאָרטיקע יידן. זיי האָבן אים מבטיח געווען אַ שכר מן השמים, אויב ער וועט דעם יונגן רבין טאָן עפּעס אַ רעה...

איידער ר׳ נחמנס קעגנער זענען אָפּגעפאָרן פון סטאַמבול אַהיים האָט זיי ר׳ נחמן געוואָלט מיטגעבן אַ בריוו צו זיין פאַמיליע און חסידים. די מענטשן האָבן פון אים קיין בריוו נישט געוואָלט נעמען. פון ר׳ נחמנס משרת האָבן זיי יאָ גענומען אַ בריוו אַהיים. האָט ר׳ נחמן אַריינגעלייגט זיין בריוו אינעם בריוו פון זיין משרת. ווען די מענטשן האָבן באַקומען דעם בריוו, האָבן זיי אים געוואָלט עפענען, כדי געוואויר צו ווערן סוף־כל־סוף, ווער עס איז דער רבי מיט דעם משונהדיקן אויפפיר.

זיי האָבן אָבער ערגעץ־וואו אַריינגעלייגט דעם בריוו און האָבן אים נישט געקאָנט געפינען. ערשט ביים אָנקומען קיין וואָלאָכיי האָבן זיי דעם בריוו געפונען און אויפגעעפנט. ווען זיי האָבן דערזען, ווער עס איז אונטערן בריוו געחתמעט: נחמן פון מעדוועדיווקע, האָבן זיי זיך שטאַרק פאַר־וואונדערט און אַ גרויסע אימה איז זיי באַפאַלן.

נאָכדעם, ווי די צוויי מענטשן זענען אָפּגעפאָרן פון סטאַמבול, איז געקומען דער דערמאָנטער שיף־מעקלער צו ר׳ נחמנען, און, באַווייזנדיק אים פאַרשיידענע בריוו, וואו רביים בעטן אים, אַז ער זאָל טובות־טאָן מיט זיי און מיט זייערע חסידים, האָט ער אַזוי געזאָגט: „ווער איר מיר ערלעך זאָגן, ווער און וואָס איר זענט, וועט איר פון מיר האָבן גרויסע טובות; טאָמער נישט, האָב איך בכח אָנצוטאָן אייך די גרעסטע נגישות, אַפילו אַריינצוזעצן אייך אין תפיסה״.

באין ברירה האָט ר׳ נחמן געמוזט אויסזאָגן, אַז ער איז אַן אור־אייניקל פונעם בעש״ט און פון רבי נחמן האָראָדענקער און אַז ער פאָרט נישט קיין ארץ־ישראל אויף צו פירן קעגן וועמען עס איז אַ מחלוקת, נאָר צוליבן באַהעפטן זיך מיט דער קדושה פון לאַנד.

דער שיף־מעקלער האָט עס אַלץ אויסגעהערט און איז אַוועק. צו־מאָרגנס איז ער געקומען צו ר׳ נחמנען און געזאָגט: „איך דאַנק אייך זייער, וואָס איר האָט מיר געזאָגט דעם ריינעם אמת, ווייל ווען איר זאָגט מיר נישט דעם אמת, וואָלט איך אייך אַריינגעזעצט אין תפיסה און וואָלט דער־מיט פאַרזינדיקט מיינעביידע וועלטן, אי די וועלט, אי יענע וועלט. איצט בין איך גרייט צו באַדינען אייך מיט וואָס איך וועל נאָר קאָנען, סיי מיט דינגען אַ שיף, סיי מיט אַלץ, וואָס איר וועט פון מיר פאַרלאַנגען״.

צומאָרגנס איז דער שיף־מעקלער ווידער געקומען און האָט דערציילט, אַז ס׳איז אָנגעקומען קיין סטאַמבול אַ נייע שיף מיט רוסיש־פוילישע יידן.

מיט יענער שיף איז אָנגעקומען קיין סטאַמבול אויך איינער פון די דעמאָלס־באַקאַנטע רביים, ר׳ זאב וואָלף פון טשאַרנע־אוסטראַ. ווען ר׳ זאב וואָלף האָט זיך דערוואוסט, אַז ר׳ נחמן איז דאָ אין סטאַמבול (ר׳ נחמנס מענטש האָט אים דערציילט וועגן דעם), האָט ער געשיקט בעטן ר׳ נחמנען, אַז ער זאָל זיך באַזעצן מיט אים אויף איין סטאַנציע. ר׳ נחמן האָט זיך

אָבער דערפון אָפגעזאָגט, כדי ער זאָל, אויף דער אַלטער סטאַנציע, קאָנען טאָן זיינע „מעשי־קטנות״...

די „מעשי־קטנות״ זענען באַשטאַנען אין דעם: ער פלעגט אַרומגיין באָרוועס, אָן אַ גאַרטל און אָן אַן אויבערשטן הוט; האָט זיך אַנגעטאָן אין אונטערשלאַק פון אַ בגד, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט, און איז אַזוי אַרומגעלאָפן אויף די גאַסן, ווי אַ פאַרשטיפט חדר־יינגל; האָט אַרום זיך צונויפגענומען אַ מחנה יינגלעך און האָט מיט זיי געשפּילט אין מלחמות: איינער איז געווען אַ טערק, דער צווייטער אַ פראַנצויז, א. א. וו.

אין דעם הויף, וואו ר׳ נחמן האָט געוואוינט, איז דערווייל אויסגע־בראָכן אַן עפּידעמיע. איז ר׳ נחמן געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן זיין אַלטע סטאַנציע און באַזעצן זיך אין דער סטאַנציע פונעם רבין ר׳ זאב וואָלף.

ר׳ זאב וואָלף האָט אויפגענומען ר׳ נחמנען מיט גרויס כבוד. ער האָט פון זיינעטוועגן געמאַכט אַ גרויסע סעודה. ר׳ נחמן האָט אָבער געטאָן אַ סך זאַכן קעגן ר׳ זאבס רצון.

ווען ר׳ זאב וואָלף האָט זיך געשטעלט שבת אין דער פרי דאַוונען ביים עמוד, האָט זיך ר׳ נחמן געזעצט עסן, ווייל ער האָט שוין פריער אָפּגע־דאַוונט. ווען ר׳ זאב וואָלף האָט זיך געזעצט צו שלוש־סעודות, האָט ר׳ נחמן אַרויסגעשיקט זיין מענטשן, ער זאָל אַ קוק־טאָן צי ס׳זענען שוין דאָ שטערן, ווייל ער וויל דאַוונען מעריב. נאָכן אָפּדאַוונען מעריב האָט ר׳ נחמן אָפּגעמאַכט הבדלה, אויסגעטאָן דעם אויבערשטן מאַנטל, אַראָפּגע־נומען פון זיך דעם גאַרטל, פאַררייכערט אַ ליולקע און אין אַזאַ הילוך אַריינגעקומען צו ר׳ זאבן, ווען יענער איז נאָך געווען פאַרטאָן אין דביקות מיטן „רעוא דרעוין״ און האָט געשמועסט מיט די „בני היכלא דכסיפין למחזי זיו דזעיר אנפין״...

ר׳ זאב וואָלף האָט אים אָבער קיין בייז וואָרט נישט געזאָגט. אדרבה, ער האָט אָפּגעדאַוונט מעריב און אָפּגעמאַכט הבדלה און האָט זיך צערעדט מיט ר׳ נחמנען מיט גרויס ליבשאַפט. דער שמועס האט זיך געצויגן כמעט אַ גאַנצע נאַכט.

צו וואָס האָט ר׳ נחמנען געטויגט אויפצורייצן קעגן זיך מענטשן, טאָן צו־להכעיס אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן אים ליב געהאַט, פראַווען יינגלשע שטיק, שפּילן אין מלחמות, וכדומה, — דאָס וועט פאַרשטענדלעך ווערן

ערשט שפּעטער, נאָך דעם ווי ס׳וועט פֿאַרענדיקט ווערן די שילדערונג פֿון ר׳ נחמנס „מסעות הים״. איך האָב פֿאַר אייך אַ מערקווירדיקע אגדה, וואָס איז באַקאַנט נאָר צו יחידי־סגולה און איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן בעל־פּה. ס׳איז אַן אגדה וועגן דער געבורט פֿון ר׳ נחמנען, וועגן זיינע עלטער־זיידעס, דעם בעל־שם און ר׳ נחמן האָראָדענקער, און וועגן ר׳ נחמנס משיחישער שליחות.

קאַפּיטל ט.

פון סטאַמבול קיין חיפה

אַ שד״ר פון ירושלים. — „איך מוז באַלד אָפּפאָרן, ווייל איניגיכן ווער איך נסתלק״. — סטאַמבולער יידן דינגען אַ שיף און לאָזן וויסן: ווער ס׳וויל פאָרן, זאָל פאָרן. — אַ שטורעם. — אַלע שרייען, ר׳ נחמן שווייגט. — די האַטינער רביצין. — כאַטש שטאַרב פון דאָרשט אויפן מיטן ים. — ווידער אַ שטורעם. — אָנגעקומען קיין יפו. — דאָס אָרט, וואו מ׳האָט יונה הנביא אַריינגעוואָרפן אין ים. — הר הכרמל אַנטקעגן אליהו־הנביאס הייל. — דער ערשטער באַריר מיט דער הייליקער ערד.

צוליב די פראַנצויזישע מלחמות אויפן מזרח, איבערהויפט דער מלחמה מיט טערקיי, האָט די יידישע קהילה אין סטאַמבול נישט געלאָזט קיין יידן אַרויספאָרן פון שטאָט און זיך לאָזן אויפן ים.

ר׳ נחמן האָט אויף דעם נישט געקוקט. אים האָבן סכנות נישט אָפּ־געשראָקן. זיין מענטש האָט ער אָבער נישט געוואָלט אַריינברענגען אין אַ סכנה און ער האָט דעריבער געזאָגט צו אים אַזוי: „איך וויל מיך מפקיר־זיין! דיין לעבן אָבער וויל איך נישט מפקיר־זיין. ווילסטו — נאַ דיר געלט אויף הוצאות און פאָר אַהיים לשלום. איך מוז פאָרן. איך וויל אָפּפאָרן, נישט באַמערקט פון די סטאַמבולער יידן״. האָט דער מענטש געענטפערט: „באשר תלך, אלך — דאָרט, וואו איר וועט גיין, וועל אויך איך גיין. אם למות, אם לחיים״.

אין יענער צייט איז אין סטאַמבול געזעסן אַ שד״ר פון ירושלים. די ארץ־ישראל־שדרי״ם פון אַמאָליקע צייטן זענען געווען, על פי רוב, פון די שענסטע יידן אין הייליקן לאַנד. גענוג צו דערמאָנען דעם גרויסן גאון און מקובל, זאַמלער און פאָרשער — ר׳ חיים יוסף־דוד אזולאי. אַזעלכע שטייגער מענטשן פלעגט ארץ־ישראל אַרויסשיקן קיין חוץ־לארץ צו זאַמלען געלט פאַר די „יושבים לפני ד׳״. דער שד״ר, וואָס האָט זיך

געפונען אין סטאַמבול בעת ר׳ נחמנס זיין דאָרט, איז געווען אַ וואונדער־מענטש. ער האָט געהאַט בדעה צו פאַרברענגען אין סטאַמבול אַ גאַנץ יאָר, נאָר פּלוצלונג האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די דאָרטיקע יידן: „איך מוז באַלד אָפּפאָרן, ווייל אין די נאָענטסטע טעג ווער איך נסתלק פון דער וועלט. ס׳איז שוין אָנגעצייכנט דאָס אָרט פון מיין קבורה. האָט קיין מורא נישט פאַרן פראַנצויז און זאָרגט נישט פאַר די יידן, וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל, וואָרעם עס וועט זיי, מיט גאָטס הילף, קיין שלעכטס נישט געשען״.

ווען סטאַמבולער יידן האָבן דאָס דערהערט, זענען זיי געגאַנגען, גע־דונגען אַ גרויסע שיף און אויסגערופן: ווער עס וויל פאָרן, זאָל פאָרן! זענען אַרויף אויף דער שיף מענער און פרויען, סיי פון ספרדים, סיי פון אַשכנזים, און בתוכם — ר׳ נחמן מיט זיין מענטש. ר׳ נחמן האָט זיך באַ־קאַנט מיטן שד״ר פון ירושלים און האָט מיט אים אָפּגערעדט, אַז ער וועט אים, ר׳ נחמנען, מיטנעמען קיין ירושלים, ווייל ער וויל נישט זיין נישט אין צפת, נישט אין טבריה.

ווי די שיף האָט זיך געלאָזט איבערן ים, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם. די שיף איז געשליידערט געוואָרן אַרויף און אַראָפּ — „יעלו שמים, ירדו תהומות״. די סכנה איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיינעם פון די פאָרער האָט זיך ניט געגלויבט, אַז ער וועט לעבן בלייבן. שרייט מען צום אויבערשטן, און מען איז זיך מתודה פאַרן טויט. עס איז ווי יום־כיפור. מען זאָגט סליחות און אַנדערע תפילות ותחנונים. אייך ר׳ נחמן איז געזעסן און געשוויגן. ווען מען האָט אים געזאָגט: פאַרוואָס שוויגט איר אין אַזאַ עת צרה? — האָט ער גאָרנישט געענטפערט. ווען דעם האַטינער רבס ווייב, אַ יידענע אַ מלומדת, וואָס האָט, ווי אַלע, געשריען און געוויינט, האָט אויך געהאַט טענות צו ר׳ נחמנען הלמאַי ער שוויגט, האָט ער געענטפערט האַלב אין שפּאַס:

„הלואי וואָלט איר אויך געשוויגן, וואָלט פאַר אייך בעסער געווען. אָט פּרואווט נאָר שווייגן, וועט דער ים אויך אַנטשוויגן ווערן״...

די מענטשן האָבן אויפגעהערט שרייען. עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. דער שטורעם האָט אויפגעהערט און די ים־כוואַליעס זענען שטום גע־וואָרן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז די שיף געבליבן אָן וואַסער צום טרינקען. עס איז געבליבן נאָר איין כלי מיט וואַסער, זענען אין איר ווערעם ארומ־געקראָכן. דאָס וואַסער האָט מען צעטיילט צווישן די מענטשן אויף דער שיף, פאַר יעדן מענטשן אַן אָקע וואַסער. אַ נייע סכנה — נאָך גרעסער פאַר דער פריערדיקער. מענטשן האָבן דעם דורשט נישט געקאָנט אַריבער־טראָגן. האָבן אַלע, מענער און פרויען, מתפלל געווען. דערנאָך איז אויס־געבראָכן אַ נייער שטורעם. נאָך צוויי מעת לעת איז די שיף אָנגעקומען צום פּאָרט פון יפו.

ר׳ נחמן האָט געוואָלט אַראָפּ אין יפו, כדי צו פאָרן פון דאָרט מיטן שד״ר קיין ירושלים. די טערקן האָבן אים אָבער ניט געלאָזט אַראָפּגיין, ווייל זיי האָבן אים חושד געווען, — איבער זיין פרעמדער הלבשה און אי־בער דעם, וואָס ער האָט זיך מיט זיי ניט געקאָנט צעגויפריידן, — אַז ער איז אַ פראַנצויזישער אויסקוקער. איז ר׳ נחמן געבליבן אויף דער שיף.

געווען איז עס צוויי טעג פאַר ראש השנה פון יאָר תקנ״ט. ר׳ נחמן איז אויסגעצאַנגען פון בענקשאַפט אַראָפּצוגיין וואָס שנעלער אויף דער היי־ליקער ערד און דער קאַפּיטאַן האָט זיך גאַנץ געמיטלעך גענומען פאַר־אַנקערן די שיף, כדי אָפּרוען דאָ עטלעכע טעג. די כוואַליעס האָבן אָבער דווקא געוואָלט איבערקערן די שיף. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין עצות ותחבולות. דער קאַפּיטאַן האָט זיך פאַרוואונדערט: פאַרוואָס קאָן די שיף ניט איינשטיין? האָבן אים די ספרדישע חכמים, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער שיף, געזאָגט: „מיר האָבן בקבלה איש מפי איש, אַז דאָ איז דאָס אָרט, וואו מען האָט אַריינגעוואָרפן דעם נביא יונה בן אמתי״...

אַזוי ווי די שיף האָט זיך געראַנגלט אַ גאַנצע נאַכט מיט די ווילדע כוואַליעס און האָט דאָך ניט געקאָנט איינשטיין, איז זי געצוואונגען געווען אָפּצופאָרן פונעם אומהיימלעכן אָרט.

אין דער נאַכט פון זכור־ברית איז די שיף אָנגעקומען קיין חיפה. די אָנגעקומענע יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים הר הכרמל אַנטקעגן דער מערת אליהו. פאַרטאָג האָבן אַלע געזאָגט סליחות. נאָכדעם האָבן זיי אָפּגעדאַוונט שחרית און נאָכן דאַווענען זענען זיי אַלע, מענער, פרויען און קינדער, אַוועק אין שטאָט אַריין.

„דאָן — דערציילן ר׳ נחמנס תלמידים — איז אונדזער הייליקער רבי

צוגעקומען צום אָרט, צו וועלכן ער האָט געגלוסט און געגאַרט מיט אַזאַ געוואַלדיקער תשוקה און וואָס צוליב אים האָט ער טויזנטער מאָל אין קאָן געשטעלט זיין לעבן. די גרויסקייט פון דער שמחה, וואָס ער האָט גע־האַט אין דער רגע, ווען ער איז צוגעקומען צו דער הייליקער ערד און האָט געשטעלט אויף איר זיין פוס, קאָן גאָר קיין מוח ניט משיג זיין. ווען אַלע טייכן וואָלטן געוועזט זיין טינט וואָלט מען ניט געקאָנט באַ־שרייבן אפילו אַ חלק פון דעם, דען באַלד אויף דער שטעל האָט דער רבי משיג געווען וואָס ער האָט משיג געווען, און ער האָט געזאָגט, אַז תיכף ווי ער איז אָפּגעפאָרן פיר איילן אין ארץ־ישראל האָט ער שוין געפועלט אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט צו פועלן".

נאָך האַלבן טאָג איז דער גאַנצער עולם געגאַנגען אין מקוה. דער־נאָך — אין שול אַריין. אין שול האָט דער עולם זיך פאַרזאַמט ביזן אָוונט.

אין אָוונט, ווען ר׳ נחמן איז געקומען אויף זיין סטאַנציע, איז ער געווען פריילעך אָן אַן שיעור. ער האָט אַלע וויילע געזאָגט צו זיין מענטשן: וואויל איז דיר, וואָס דו האָסט זוכה געווען צו זיין דאָ מיט מיר! דער־נאָך האָט ער אים געהייסן פאַרלייענען און מזכיר זיין פאַר אים די נעמען פון אַלע מקורבים, וואָס האָבן מיטגעגעבן אַ צעטל פון זייערע נעמען מתפלל צו זיין פאַר זיי ביים אָנקומען אינעם הייליקן לאַנד.

מיט גרויס שמחה האָבן זיי אָפּגעגעסן די נאַכט־סעודה פון ראש השנה. מיט אַ פריילעך געמיט האָבן זיי פאַרבראַכט ביז שלאָפן גיין. אין דער פרי זענען זיי אַוועק אין שול. ביים צוריקקומען איז ר׳ נחמנען באַפאַלן אַ גרויסע זאָרג. זיין האַרץ איז ביז גאָר צעבראָכן געוואָרן. פון גרויס האַרצווייטיק האָט ער מיט קיין מענטשן קיין וואָרט נישט אויס־גערעדט.

תיכף נאָך ראש השנה האָט ר׳ נחמן געוואָלט אומקערן זיך אַהיים, נאָר דער מענטש, וואָס איז מיט אים געפאָרן און האָט געוואָלט — ווי ר׳ נחמנס תלמידים דערציילן — „אָנזעטיקן זיינע אויגן מיט די הייליקע מקומות פון ארץ־ישראל", איז געקומען צו ר׳ נחמנען און אים דערציילט, אַז ס׳איז דאָ אַ שיירא, וואָס מען קאָן מיט איר פאָרן קיין טבריה. „נו, — רופט זיך אָפּ ר׳ נחמן, — אַז דו האָסט חשק צו פאָרן קיין טבריה, טאָ דינג אייזלען". גייט דער מענטש, דינגט אייזלען און גיט די אייגנטימער

פון די אייזלען אַן אַדרויף. ווען ר׳ נחמן דערוויסט זיך אָבער פון דעם, זאָגט ער: „גיי און נעם אַפּ דעם אַדרויף. ווען זיי ניט וועלן אומקערן, זאָל ער פאַרפאַלן ווערן. איך פאָר ניט קיין טבריה״.

אין אַ צוויי דריי שעה אַרום איז ר׳ נחמנס מענטש שטאַרק קראַנק געוואָרן, האָט ער געדאַנקט דעם אויבערשטן פאַר דעם, וואָס דער רבי האָט אים ניט געלאָזט פאָרן מיט דער שיירא...

קאַפּיטל י.

ביז טבריה און אין טבריה

סוכות אין חיפה. — אַ יונגער טערק זעצט זיך אָן אויף ר׳ נחמנען. — ליב־שאַפט, געשרייען און כלי־זיין. — איז עס געווען דער סמך־מם ? — „פון דעם טערקס ליבשאַפט האָב איך מער יסורים ווי פון זיין בייזקייט״. — דער גאַנג צו אליהו הנביאס הייל. — ר׳ נחמן איז טרויעריק. — נאָך שמחת־תורה זאָגט ער, אַז ער האָט אַלץ געפועלט. — ער וויל פאָרן צוריק. — זיין באַגלייטער וויל זען די ערי־הקודש. — מע פאָרט קיין טבריה. — ביי ר׳ אברהם קאַליסקער. — פאַרוואָס ר׳ אברהם קאַליסקער האָט נישט געבענטשט ר׳ נחמנען. — „ווי זאָלן מיר זיך נישט שעמען פאַר די קינדער פון דעם בעש״ט ? — ר׳ נחמן אין טבריה. — דער טבריהער מסור. — ער הייסט דעם מסור תשובה טאָן. — דער מסור טוט תשובה, קריגט חרטה אויף דער תשובה, פאַרלירט אָבער דעם כוח פון שלעכטס.

ווען די יידן פון טבריה און צפת האָבן דערהערט, אַז ר׳ נחמן איז אין חיפה, האָבן זיי געשיקט מענטשן, פאַרזעצן מיט בריוו פון די גדולי הצדיקים, צו בעטן אים, ער זאָל קומען קיין טבריה אויף סוכות. ר׳ נחמן האָט די בקשה ניט אָנגענומען. מיט אתרוגים האָט ער זיך באַזאָרגט דורכן אָרטיקן חכם, וואָס האָט אים פאַר צוואַנציק פּאַראַס געבראַכט פון אַ טערקס גאָרטן דריי אתרוגים מובחרים און מהודרים.

אין יענער צייט איז מיט ר׳ נחמנען געשען — ווערליק זיינע תלמידים דערציילן — זייער אַ משונהדיקע פּאַסירונג. אַ יונגער טערק האָט זיך צו ר׳ נחמנען צוגעזעצט און צו אים גערעדט. ר׳ נחמן האָט ניט געוואוסט וואָס ער רעדט צו אים. אַזוי איז געווען אין דער פרי, אַזוי אויף דער נאַכט. אַזוי איז געווען ביי יעדער סעודה. אַלעמאָל האָט ער גערעדט צו ר׳ נחמנען מיט גרויס ליבשאַפט, נאָר איינמאָל איז ער צו אים אַריינגעקו־מען, אָנגעגורט מיט כלי־זיין, און מיט גרויס רוגזה האָט ער געשריען

און געשריען. ר׳ נחמן האָט אים גאָר נישט געענטפערט, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער וויל פון אים האָבן.

ווען דער טערק איז אַוועק, האָט אַ פּרוי פון וואַלאַכיי, וואָס האָט געקענט טערקיש, געזאָגט צו ר׳ נחמנען: „אַנטלויפט וואָס שנעלער, וואָרעם דער טערק האָט געשריען, אַז ער וויל מיט אייך פּעכטן״. איז ר׳ נחמן אַנטלאָפן צום רבין ר׳ זאב פון טשאַרנאָ־אָסטרא, מיט וועלכן ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן אין סטאַמבול. ר׳ זאב האָט אים באַהאַלטן אין חדרי־חדרים. דער טערק איז געקומען צולויפן צו ר׳ זאבן: „וואו איז דער מענטש, וואָס איז אַהער אַנטלאָפן? איך האָב אים זייער ליב. איך וויל אים אָפּגעבן מיינע אייזלען, איך וויל אים אויך געבן מיין פערד, און ער וועט קאָנען פאָרן צוזאַמען מיט דער שיירא, וואָס גייט אָפּ קיין טבריה. ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר מיר״.

ר׳ נחמן האָט זיך צוריקגעקערט אויף זיין אכסניא. דער טערק איז ווידער געקומען. דאָס מאָל האָט ער שוין גאָר נישט גערעדט, נאָר גע־שוויגן, געשמייכלט און אַרויסגעוויזן צו ר׳ נחמנען גרויס ליבשאַפט.

האָט ר׳ נחמן געזאָגט:

„פונעם טערקס ליבשאַפט האָב איך נאָך גרעסערע יסורים איידער פון זיין בייזקייט״. ווער איז ער געווען, דער טערק? דער סמך־מם?

חול המועד סוכות איז דער גאַנצער עולם געגאַנגען צו מערת אליהו הנביא. ר׳ נחמן איז אויך געגאַנגען. אַלע האָבן זיך דאָרט שטאַרק משמח געווען און זייער פיל געטאַנצט, ר׳ נחמן אָבער איז געזעסן מיט גרויס הכנעה און מיט אַ צעבראָכן האַרץ. האָט ר׳ זאב וואָלף פון טשאַרנאָ־אָסטראָ געזאָגט צו ר׳ נחמנס מענטש: „פאַרוואָס איז ר׳ נחמן אַזוי אור־מעטיק פון ראש השנה אָן ביז איצט? גאָט ווייסט, צי וועט פון דעם אַרויסקומען עפּעס גוטס״.

שמחת־תורה האָט דער עולם געמאַכט הקפות מיט שמחה און טענץ, ווי עס פירט זיך ביי יידן, בפרט נאָך ביי חסידים. ר׳ נחמן איז אָבער ניט געגאַנגען מיט קיין הקפה, נאָר איז געזעסן מיט הכנעה און מיט אַן איינ־געבויגענעם קאָפּ. נאָך שמחת־תורה האָט ער געזאָגט צו זיין מענטש: „איך האָב, ברוך השם, געפועלט אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט, על צד היותר טוב. איך האָב מיך אָבער אָפּגעהאַלטן צוליב חיבת ארץ־ישראל. איצט וויל איך פאָרן אַהיים, קיין חוץ־לארץ. גיי־זשע און דינג אַ שיף

קיין סטאַמבול״. דער מענטש האָט אין קיין פאַל ניט געוואָלט פאָרן אַהיים: ער מוז גאָר אָן אַ תירוץ זיין אין טבריה און אין אַנדערע הייליקע שטעט. „אויב אַזוי, — האָט ר׳ נחמן געענטפערט, — טאָ גיי און דינג איינלען צו פאָרן אַהין״. דער מענטש האָט אַזוי געטאָן. אוּנטער צו זענען זיי אָנגעקומען קיין טבריה. אַ גאַנצע נאַכט זענען די יידן פון טבריה, אָנ־געטאָן אין בגדי שבת, געגאַנגען צו ר׳ נחמנען אויף קבלת־פנים, איינער גייט אַריין, דער צווייטער גייט אַרויס. ער האָט איבער די געסט ניט גע־קאָנט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

צוערשט איז ער פאַרפאָרן צו זיינס אַ קרוב, אָן אייניקל פון ר׳ נחמן האָראָדענקער. דער עולם האָט אָבער געזאָגט, אַז מען מוז אויפזוכן פאַר אים אַ שענערע און אַ גרעסערע דירה, ער זאָל האָבן הרחבת הדעת. אַזאַ דירה איז געווען ביי ר׳ צבי הארקער, אַ שטאַרקער אָנהענגער און מיט־העלפער פון ר׳ אברהם קאַליסקער. ווען ר׳ נחמן איז אַריין אין דער נייער דירה, האָט ר׳ אברהם קאַליסקער געשיקט אים זאָגן, אַז ער, דער קאַליס־קער, וואָלט גערן געקומען מקבל פנים זיין ר׳ נחמנען, נאָר עס איז ביי אים היינט אַ יום הקזה, איז ער זייער אָפּגעשוואַכט און קאָן ניט קומען. האָט ר׳ נחמן געענטפערט: „ס׳מאַכט ניט אויס. איך האָב סיי־ווי־סיי גע־וואָלט גיין צום קאַליסקער״. אַזוי איז געווען. ר׳ נחמן איז געגאַנגען צו ר׳ אברהם קאַליסקער. דער קאַליסקער האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און מיט באַזונדערס גרויסער ליבשאַפט און אים געבעטן, אַז ער זאָל ביי אים זיין אין זיין אכסניא. ר׳ נחמן האָט געענטפערט, אַז אין אכסניא ביי אים זיין קאָן ער נישט, אָבער אַ שבת קאָן ער ביי אים יאָ האַלטן. שבת פון פרשת נח האָט ר׳ נחמן געהאַלטן ביים קאַליסקער. פרייטיק צו נאַכטס האָט ר׳ נחמן אָנגעבויגן זיין קאָפּ, אַז דער קאַליסקער זאָל אים בענטשן. ר׳ אברהם איז אָפּגעשפּרונגען אויף אַהינטער ד׳ אמות מיט גרויס שרעק און האָט זיך פונאַנדערגערעדט מיט אַזאַ התלהבות, אַז מען האָט גאָרנישט געקאָנט אויפנעמען, וואָס ער האָט גערעדט. מען האָט נאָר געהערט דעם סוף פון זיינע רייד: „ווי אַזוי זאָלן מיר זיך ניט שעמען פאַר די קינדער פון דעם בעש״ט ז״ל?״ ר׳ נחמנס מענטש האָט ער יאָ געבענטשט, ווען יענער האָט אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ.

בעת דער סעודה פון דיביידע צדיקים איז גרויס געווען די שמחה. דער קאַליסקער האָט געבעטן ר׳ נחמנען, ער זאָל זאָגן תורה. ר׳ נחמן

האָט קיין תורה ניט געוואָלט זאָגן. האָט דער קאַליסקער געמוזט אַליין זאָגן. אַזוי איז געווען פּרייטיק־צו־נאַכט, אַזוי איז געווען שבת אין דער פרי און אַזוי איז אויך געווען צו שלוש סעודות.

ר׳ אברהם האָט געזאָגט תורה מיט גרויס התלהבות. איבער דעם, וואָס די דיבורים האָבן אַרויסגעשטראָמט פון ר׳ אברהמס מויל מיט אַ געוואַלדיקער היציקייט און שנעלקייט, האָבן זיי די צוהערער ניט געקאָנט תופס זיין.

אין טבריה האָט ר׳ נחמן ביי איין געלעגנהייט אַרויסגעוויזן די קראַפט פון זיין גייסטיקער השפעה.

עס איז אַזוי געווען:

אין ארץ־ישראל איז דאַן געווען אַ מסור. ער פלעגט צושטעלן דעם טערקישן פּאַשאַ אין ארץ־ישראל ידיעות פון יעדן סכום, וואָס פלעגט צוגעשיקט ווערן פון חוץ לארץ לטובת די ארץ־ישראלדיקע אַרעמעלייט. דער פּאַשאַ פלעגט שוין טאָן דאָס זייניגע, אַז דאָס גאַנצע צוגעשיקטע געלט זאָל אַריינפאַלן אין זיינע הענט. די אַרעמעלייט פלעגן פון הונגער אויסגיין און דער מסור פלעגט באַקומען שיין באַצאָלט פון דעם פּאַשאַ.

איינמאָל האָט מען דורך זיינע מסירות אַריינגעוואָרפן די שענסטע מענטשן פון טבריה אין אַ פינצטערער גרוב. נאָכדעם ווי די מענטשן זענען געפּייניקט געוואָרן אין גרוב גאַנצע ניין וואָכן, זענען די ספרדים פון טבריה געפאָרן צום פּאַשאַ און אים געגעבן פיל געלט, ער זאָל פריי לאָזן די געפּייניקטע. ווען די געפּייניקטע זענען אַרויס פון גרוב, האָט מען געכאַפּט דעם מסור און אים גענומען ווערגן. דער מסור האָט זיך גע־מאַכט געשטאָרבן. די נקמה־נעמער האָבן אים אָפּגעלאָזט. ווען זיי זענען אַוועק, איז דער מסור אויפגעשטאַנען פריש און געזונט און האָט גלייך איבערגעגעבן דעם פּאַשאַ אַלץ, וואָס איז מיט אים געשען. דער פּאַשאַ האָט אים געמאַכט פאַר אַ פּקיד איבער טבריה און אים דערלויבט צו טאָן מיט די טבריהער יידן אַלץ, וואָס זיין האַרץ גלוסט. דער מסור איז אַריין אין טבריה מיט גרויס פּאַראַד, באַגלייט פון טערקישע סאָלדאַטן. ווען דער מסור איז אַריין אין שטאָט מיט אַזאַ פּאָמפּע, זענען אַלע דערוואַקסענע מע־נער אַנטלאָפן. געבליבן זענען נאָר פרויען און קינדער. פון יעדן הויז האָבן זיך געהערט בכיות און יללות. ווער ווייסט, וואָס דער מסור וועט דאָ אָפּטאָן? ר׳ נחמן האָט אויך געפּרואווט אַנטלויפן; ער האָט זיך אָבער

געמוזט אומקערן צוליב זיין שוואַכקייט. דער מסור האָט זיך מכניע געווען פאַר ר׳ נחמנען, אָנגעבנדיק זיך אַלס פרומער, ערלעכער ייד, וואָס זוכט אַ וועג אין עבודת הבורא. האָט זיך ר׳ נחמן געמאַכט גלויבן אין זיין פרומקייט און ערלעכער ידישקייט און האָט אים געזאָגט: „אַזוי ווי איר זענט, ברוך השם, אַ שררה, פּאַסט פאַר אייך צו זיין אַן עניו, צו זאָרגן פאַר יידן און מתפלל זיין אויף צרות ישראל״.

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן? — האָט דער מסור געפרעגט.

— געוויינט זיך צו זאָגן תהלים בכוונה.

דער מסור האָט געפאָלגט.

ביסלעכווייז איז דער מסור אַריינגעצויגן געוואָרן אין פרומקייט. ער האָט אָנגעהויבן אָפט אַריינקומען צו ר׳ נחמנען און שמועסן מיט אים אין חסידות. ר׳ נחמנען איז ניט געגאַנגען אינעם מסורס אויסערלעכער פרומקייט, נאָר אין ברעכן זיין האָפערדיק געמיט און צווינגען אים אָוועק־צוּוואַרפן זיינע מעשים רעים. איינמאָל, בעת אַזאַ מין שמועס אין חסידות, האָט ר׳ נחמן צו אים אַזוי געזאָגט: „איך וועל נאָר דעמאָלט וויסן, אַז איר האָט שוין ניט מער קיין גאוה, ווען איר וועט זאָגן תהלים פאַר מיינע יונגעלייט אין די אויגן מיט גרויס געוויין״.

דער מסור האָט אויך דאָס מאָל געפאָלגט. ער האָט געזאָגט תהלים און אַזוי געוויינט ביים תהלים־זאָגן, אַז די טרערן זענען אים גערונען איבער די באַקן.

פון אויפרודערונג און אויפטרייסלונג איז דער מסור קראַנק געוואָרן.

ווען דער מסור האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַרן צו ר׳ נחמנען און אַרויס־ווייזן פאַר אים זיינע כשר־פּיסלעך, האָט ר׳ נחמן געהייסן אויסרופן אין שטאָט, אַז אַלע אַנטלאָפענע זאָלן זיך צוריקקערן. שפּעטער, ווען דער מסור האָט געהאַלטן אין איין תשובה־פּראַווען פאַר ר׳ נחמנען, זענען די שטאָט־לייט געווויס רואיק געזעסן און אַ פשיטא שוין נאָך זיין יאָמערן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

און דאָך — זענען מוסיף ר׳ נחמנס תלמידים — האָט ער, דער מסור, געשטעלט שומרים ביי די טויערן פון שטאָט, זיי זאָלן אַכטונג געבן צי קומען ניט אָן משולחים מיט געלט פון חוץ־לארץ.

איינמאָל, בעת ר׳ נחמנס אויפהאַלטן זיך אין טבריה, איז טאַקע אָנ־געקומען געלט פון חוץ־לארץ, נאָר דער מסור האָט פון דעם ניט געוואוסט.

ר׳ נחמנס מענטש איז געפֿאָרן קיין חיפה, אָפּגענומען דאָס געלט בײַ די משולחים און עס איבערגעגעבן זײַן רבין. ר׳ נחמן פֿון זײַן זײַט האָט געגעבן די שטאָט־לײַט דאָס געלט און זיי האָבן זיך דערמיט צעטיילט.

אַז דער מסור איז געזונט געוואָרן און איז געוואָר געוואָרן פֿון דעם פּעטן מסירה־ביסן, וואָס איז פֿון אים אָפּגענומען געוואָרן, האָט ער שטאַרק חרטה געקראָגן אויף זײַן תשובה און האָט געהאַלטן אין איין דראָען דער קהילה פֿון טבריה, אַז ער וועט זיך נאָך מיט איר אָפּרעכענען ווען ער וועט אויפשטיין בשלום פֿון זײַן קראַנקען־בעט.

די זוימען פֿון תשובה, וואָס ר׳ נחמן האָט פֿאַרפֿלאַנצט אין דעם מסורס האַרץ, האָבן אָבער געטאָן אין דער שטיל דאָס זייעריקע. ער האָט פֿאַר־לוירן זײַן גאַנצן פֿריערדיקן קוראַזש. ער איז שוין פֿון קראַנקן־בעט נישט אויפגעשטאַנען, און ר׳ נחמן האָט עס געהאַלטן פֿאַר זײַן פֿאַרדינסט, וואָס דורך אים איז טבריה ניצול געוואָרן פֿון אַ פּגע־רע און וואָס עס איז אים געראָטן „אָנצושטעקן" מיט תשובה אַ פֿינצטערע נשמה.

קאַפּיטל יא.

דערהויבענע איבערלעבונגען אין טבריה

אויפן קבר פון דעם זיידן ר׳ נחמן האָראָדענקער. — ביי דער הייל פון ר׳ שמעון בר יוחאי. — שמחה ביי דער הייל פון הלל און עצבות אויפן קבר פון שמאי. — ר׳ נחמן מאַכט שלום צווישן ר׳ יעקב־שמשון פון שעפּעטאָווקע און ר׳ אברהם קאַליסקער. — מוחין דגדלות. — דער ארץ־ישראלדיקער גדול וויל דערגיין ר׳ נחמנס סודות. — בלוט פון האַלדז. — ר׳ משה וויטעבסקער איז זיך משדך מיט ר׳ נחמנען. — וואו געפינט זיך די רש״י? — אין טבריה ברעכט אויס אַ מגפה. — ר׳ נחמן הענגט אויף דער שפּיץ מויער. — ער טוט תפילה און ווערט ניצול.

אין טבריה איז ר׳ נחמן געווען אויפן קבר פון זיין זיידן רבי נחמן האָראָדענקער. וועגן זיינע איבערלעבונגען אויף יענעם קבר גיבן זיינע תלמידים גאָרנישט איבער. ר׳ נחמן האָט, אַפּנים, געהאַלטן יענע איבערלעבונגען פאַר צו געוואַלדיק, ער זאָל וועגן זיי שמועסן מיט אַנדערע. דערנאָך האָט ער מיט זיינע לייט געדונגען אייזלען און מען האָט זיך געלאָזט איבער די מערות פון צדיקים. ווען מען איז צוגעקומען צו דער מערה פון רבי שמעון בן יוחאי, האָט ר׳ נחמן געהייסן זיינע לייט לערנען זוהר; ער אַליין האָט דאָרט קיין זוהר נישט געלערנט, נאָר ער איז אַרומגעגאַנגען אין גרויס חדוה און איז אַלע ווילע צוגעגאַנגען צו זיין מענטשן מיט די ווערטער: „וואויל איז דיר, וואָס דו האָסט זוכה געווען צו דעם!״

אויף דער נאַכט איז ער אַרומגעגאַנגען פון אָרט צו אָרט. ער האָט אַלעמען געהייסן זאָגן זוהר; אַליין האָט ער גאַנצע נעכט געזונגען אַ ניגון און איז געווען פריילעך ביז אין טאָג אַריין.

ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָט ער אָנגעטאָן טלית און תפילין און געדאַוונט שעהנלאַנג.

פון מערת רבי שמעון בן יוחאי זענען זיי געפאָרן צו מערת הלל. דאָרט האָט ר׳ נחמן געזאָגט די קאַפּיטלעך ל״ג און ל״ד פון תהלים און זיך דערשפּירט געהויבן־פריילעך. אויף שמאיס קבר איז אים באַפאַלן אַ שווערע עצבות. פאַרוואָס? — דאָס האָט אים אַליין אויך מתחילה גע־וואונדערט. שפּעטער האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אויף דעם יאָ אַ תירוץ, נאָר זאָגן האָט ער אים נישט געזאָגט*). פאָרנדיק פון מערה צו מערה איז מען אַרויף אויף אַ שפּיץ באַרג. פון דאָרט האָט מען געזען די מערה פון רבי כרוספדאי. מען האָט אָבער מיט די אייזלען נישט גע־קאָנט צוקומען אַהין, איז מען געגאַנגען צו־פוס. ר׳ נחמן איז געגאַנגען כמעט אויף אַלע פיר ביז ער איז צוגעקומען צו דער מערה. נאָכן זוימען זיך דאָרט אַ שטיקל צייט, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צו דער מערה פון ינוקא, וואו ס׳איז געוואַקסן אַ גרויסער בוים. אין אָט דער מערה פלעגט מען מורא האָבן אַריינצוגיין, ווייל מען האָט געגלויבט, אַז אַ שלאַנג רינגלט זי אַרום. ר׳ נחמן האָט זיך פון דעם נישט געלאָזט אָפּשרעקן. ס׳איז דאָרט קיין שלאַנג נישט געווען. פון דאַן אָן — דערציילט די בראַסלאַווער מסורה — גייען אַלע אַהין אַריין אָן פחד.

נאָכן באַזוכן אַנדערע מערות, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט קיין טבריה. בעת ר׳ נחמנס צוריקקערן זיך קיין טבריה איז אים באַשערט געווען אי־בערצולעבן אַ שמחה. עס איז דאַן אָנגעקומען קיין טבריה דער תלמיד פון ר׳ פנחס קאָריצער — ר׳ יעקב שמשון פון שעפּעטאָווקע. ר׳ יעקב שמשון האָט געהערט צו די יחידי־יחידים צווישן די אַמאָליקע רביים, וואָס זענען געווען פאַרהייליקט נישט נאָר פון חסידים, נאָר אויך און איבער־הויפּט פון די גרעסטע רביים, רביים, וואָס יעדער איינציקער פון זיי האָט געהאַט זיין באַזונדערן דרך און האָט זעלטן־ווען אָנערקענט אַנדערע דרכים. נאָר אייניקע, די יחידי־יחידים, ווי למשל, די ברידער ר׳ אלימלך לי־זענסקער און ר׳ זושא, דער רבי פון לובלין (דער לאַנצוטער, דער חוזה), דער בערדיטשעווער רב (רבי לוי יצחק), זענען פון אַלע רביים גלייך אָנערקענט געוואָרן אַלס עמודי עולם. אַ גאַנץ באַזונדער אָרט האָט דאָ פאַרנומען ר׳ פנחס קאָריצער. ער איז ביי חסידים געווען העכער פון

---

*) איך שרייב עס לויט דער מסורה און אין סטיל פון די בראַסלאַווער חסידים. באמת איז ר׳ נחמנס עצבות אויפן קבר פון שמאי אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע זאַך. ר׳ נחמנען האָט געצויגן צום חסד פון הלל און נישט צו דער קפדנות און דין פון שמאי.

יעדן רום. צו אים האָט מען זיך באַצויגן ווי צו אַ ראשון. ער שטייט אינעם אַלט־רביאישן ראַנג כמעט אויף דעמזעלבן אָרט, וואָס דער בעש״ט. דער רום פון ר׳ פּנחס קאָריצער איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף זיין תלמיד — ר׳ יעקב שמשון. עס איז דעריבער געווען אַ באַזונדערס גרויסע פרייד פאַר ר׳ נחמנען, ווען דער שעפּעטאָווקער האָט ביים אָנקומען קיין טבריה שטאַרק געפרייט זיך מיט אים, האָט לכבוד אים געמאַכט אַ סעודה און מיט אים אַ לאַנגע צייט געשמועסט ביחידות.

ר׳ נחמנען איז, אגב, געלונגען צו מאַכן שלום צווישן דער שעפּעטאָווקער און ר׳ אברהם קאַליסקער. דער שעפּעטאָווקער האָט, ווי עס ווייזט אויס, פריער אָנגעהערט צום צד, וואָס האָט געקריגט אויפן קאַליסקער, האָט אים ר׳ נחמן איצט איבערגענומען אויף ר׳ אברהמס צד.

ביזן אָנקומען קיין ארץ־ישראל האָט ר׳ נחמן געמוזט אַריינפאַלן פון צייט צו צייט אין „מוחין דקטנות״; אין ארץ־ישראל גופא האָט ער זיך אָבער געהאַלטן אין „מוחין דגדלות״. ארץ־ישראל איז דאָך, ווי ער האָט אַמאָל באַמערקט, „גדלות דגדלות״ — ווי אַזוי־זשע קאָן מען זיך דאָ האַלטן ביי „קטנות״? אין געוויסע פאַלן פלעגט אָבער ר׳ נחמן אויך אין ארץ־ישראל נישט וועלן אַרויסווייזן זיין גדלות; ער האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן, אַז ס׳האָט נישט געשלאָגן די שעה פון פולן אַרויסווייזן־זיך און פולן אַרויסזאָגן זיך.

עס ווערט דעריבער דערציילט, אַז איינער פון די גדולי ארץ־ישראל, וואָס איז קלאָר געווען אויסטערליניק כמעט אין גאַנץ ש״ס און איז אויך באַוואוסט געווען אַלס גרויסער מקובל, איז אַמאָל געקומען צו ר׳ נחמנען און געבעטן, אַז אַלע זיינע, ר׳ נחמנס לייט, זאָלן אַרויסגיין, ווייל ער האָט מיט אים צו ריידן עפּעס גאָר באַזונדערס. ר׳ נחמנס מקורבים זענען אַרויס פון שטוב; געבליבן איז נאָר ר׳ נחמנס מענטש, אָן וועלכן ער איז זעלטן־ווען געבליבן. האָט דער גדול געזאָגט: געוויס זענט איר דאָך נישט געקומען קיין ארץ־ישראל, ווי אַלע פּראָסטע יידן, כדי דורכגיין דאָ ד׳ אמות און קונה זיין דורך דעם עולם הבא. איר זענט דאָך געוויס געקומען אַהער, כדי משיג צו זיין אַ גרויסע השגה אין עבודת הבורא. וואָלט איך זייער געוואָלט וויסן אין וואָס פאַר אַ נקודה פון די נקודות ארץ־ישראל זענט איר אַריינגעקומען און וואָס האָט איר בעיקר

געוואָלט פועל זיין אין עבודת השם, ווייל איך וויל דינען השי״ת מיט מיין גאַנצן גוף און מיט מיין נפש, רוח ונשמה.

— איך בעט אייך זייער, — האָט אים ר׳ נחמן געענטפערט, — איר זאָלט מיך מיט דעם ענין נישט מצער זיין, ווארעם ס׳איז גאָר נישט אַזוי גרינג מגלה צו זיין צוליב וואָס איך בין אַהער געקומען און וואָס איך וויל דאָ פועל־זיין. איך בין אפשר געבונדן אויך מיט אַ שבועה נישט מגלה צו זיין אַזעלכע ענינים.

איז דער גדול צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער, ר׳ נחמן, זאָל כאָטש מגלה זיין פאַר אים עפּעס פון זיינע חדושי תורה.

— גלויבט מיר, — האָט דער גדול מוסיף געווען — אַז אין מיינע כוונות איז נישטאָ די מינדסטע פניה. איך וויל נאָר הערן תורה פון אַ פה קדוש. אפשר וועט מיין האַרץ פון ס׳ציי נתעורר ווערן צו עבודת הבורא. און אפשר וועל איך זוכה זיין צוצוקומען דורכדעם צו אייער נקודת ארץ־ישראל.

אַז ר׳ נחמן האָט דאָס דערהערט, האָט אַ געטלעך פייער אָנגעצונדן זיין פנים. זיינע האָר האָבן זיך אים געשטעלט קאַפּויר און, כדי צו פילן זיך לייכטער, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דאָס אויבערשטע היטל פון קאָפּ.

און ער האָט אַזוי געזאָגט צום גדול:

— ווייסט איר דעם סוד פון כוונת התפילין?

דער גדול האָט אים געזאָגט אייניקע כוונות, וואָס ער האָט געוואוסט.

— ניין! נישט די זענען די אמתע כוונות פון תפילין! און ווען איר ווייסט נישט די כוונות התפילין, קאָנט איר אויך נישט וויסן די כוונות פון ארבע רוחות ארץ־ישראל. איצט וועל איך אייך מגלה־זיין אַ רמז פון דעם...

ווי ר׳ נחמן האָט אָנגעהויבן מגלה צו זיין די כוונות — איז ממשיך די בראָסלאָווער מסורה — האָט זיך אים אַ גאָס־געטאָן בלוט פון האַלדז.

— איר זעט, — רופט ער זיך אָן צום גדול, — אַז מען דערלאָזט נישט מן השמים, איך זאָל אייך עפּעס מגלה זיין.

דער גדול איז שטאַרק דערשראָקן געוואָרן און האָט געבעטן פון ר׳ נחמנען, ער זאָל אים מוחל זיין דעם צער, וואָס ער האָט אים פאַרשאַפט.

ר׳ נחמן האָט אים מוחל געווען און דער גדול האָט שוין מער נישט באַ־אומרואיקט ר׳ נחמנען מיט השגות און נקודות...

ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין ענינים פון נגלה, האָט ר׳ נחמן זיך יאָ געלאָזט אָנטפּלעקן פאַרן דערמאָנטן גדול און אַנדערע גדולים. געשען איז עס אינעם הויז פון ר׳ משה וויטעבסקער. ר׳ משה איז געווען אַ גרויסער חסיד, אַ גביר און אַ יחסן — אַ זון פון ר׳ מענדל וויטעבסקער. ווען ר׳ נחמן איז אָנגעקומען קיין טבריה, האָט ר׳ משה געשיקט אַ שדכן, אַז ער זאָל זאָגן ר׳ נחמנען, דאָס ער, ר׳ משה, וויל זיך מיט אים משדך זיין. ר׳ נחמן האָט דערויף געענטפערט: ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ שידוך? מסתמא איז באַשערט, אַז מיין טאָכטער זאָל וואוינען אין ארץ־ישראל.

דער שדכן איז באַלד אַוועק און האָט אָנגעזאָגט ר׳ משהן די בשורה, אַז ר׳ נחמן איז מרוצה אויפן שידוך. האָט זיך ר׳ משה שטאַרק דער־פרייט און באַלד געמאַכט אַ סעודה, וואָס ער האָט אויף איר פאַרבעטן דעם מחותן, ר׳ נחמנען, און אַלע גדולים פון טבריה. ווי דער שטייגער, האָט מען זיך שטאַרק משמח געווען מיט דער סעודה של מצוה, און מען האָט דערביי געזאָגט דברי־תורה. דער ראש המדברים אויף דער סעודה איז געווען דער דערמאָנטער גדול, דער, וואָס האָט געוואָלט דערגיין ביי ר׳ נחמנען די „נקודה" און די „השגה". מען האָט זיך ברייט צעשמועסט און מען איז אַרויפגעקומען אויף אַ רש״י. קיינער האָט אָבער נישט געוואוסט, וואו די רש״י געפינט זיך, כאָטש יעדער איינציקער פון די שמועסער האָט נישט לאַנג געמאַכט אַ סיום אויף ש״ס. ר׳ נחמן, וואָס האָט די גאַנצע צייט קיין אָנטייל נישט גענומען אינעם שמועס, האָט, זעענדיק די פאַר־לעגנהייט פון די למדנים, גלייך אָפּגערופן זיך: די רש״י געפינט זיך אין מסכת זבחים אויף דעם און יענעם דף, אין אָנהויב פונעם עמוד. ס׳איז אַלעמען ליכטיק געוואָרן אין די אויגן און די שמחה האָט זיך געצויגן ביז טאָג.

דאָס אויפהאַלטן זיך אין טבריה האָט ר׳ נחמנען פאַרשאַפט פיל נחת־רוח און ער וואָלט, קענטיק, גערן פאַרבליבן דאָרט אַ לענגערע צייט. איז אָבער אויסגעבראָכן אַ מגפה אין שטאָט. ר׳ נחמן האָט אויסגעביטן זיין אכסניא אויף אַ צווייטער. די מגפה איז אַהין אויך צוגעקומען. די טויערן פון שטאָט זענען געווען פאַרשלאָסן — אין יוצא ואין בא. ווי אַזוי אַנט־

לויפט מען? איז ער געלאָפן דורך אַ הייל און איז צוגעקומען צו דער שטאָט־מויער. ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דער מויער, כדי ער זאָל פון איר קאָנען אַראָפּגידערן אויסער דער שטאָט. ווען ער איז אָבער אַרויף אויפן שפּיץ מויער, האָט ער דערזען וואַסער אונטער זיך. איז ער אַזוי געבליבן הענגען מיט זיינע הענט און פיס איבער דער מויער. הענגט ער אויף אַ האָר, נעמט ער זיך פאַר זיין אַלטער אומנות — ער שרייט צו השם יתברך. ווערט ער געראַטעוועט פון דער סכנה און קומט־אָן קיין צפת.

קאַפּיטל יב.

די בהלה אין עכו

אַ ידיעה, אַז די פראַנצויזן קומען. — אַ שליח קיין עכו צו דינגען אַן איטאַליענישע שיף. — די שיף קאָן ר׳ נחמנען נישט אויפנעמען. — אַ פאַרשטערטער שבת. — עכו ווערט אָפּגעשלאָסן. — פּיקוח־נפש דוחה שבת. — קריגס־שיפן פון ענגלאַנד. — נישטאָ קיין צידה־לדרך. — אַ באַפעל פון פּאַשאַ. — די גרויסע מהומה. — וואו איז אַהינגעקומען ר׳ נחמן? — דער שליח געפינט אים אויף אַ שיף. — פון אַ קליינער שיף אויף אַ גרויסער.

אין צפת זענען ר׳ נחמן מיט זיין מענטשן געזעסן ביז ס׳איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די פראַנצויזן קומען קיין עכו. ר׳ נחמן האָט געשיקט אַ שליח מיוחד קיין עכו, ער זאָל דינגען פאַר אים מיט זיין מענטשן אַן איטאַליענישע שיף פון רענאַזי, ווייל די רענאַזיער שיפן זענען דאַן געווען נייטראַל און ווען זיי פלעגן אַרויסהענגען זייער פאַן, פלעגט זיי קיין צד נישט טשעפּען. דער שליח האָט זיין שליחות דערפילט.

אַז ר׳ אברהם קאַליסקער האָט דערהערט, אַז ר׳ נחמן פאַרט־אָפּ אַהיים, האָט ער אים מיטגעגעבן אַ בריוו צו זיין כולל אין חוץ־לארץ. פונעם שעפּעטאָוועקער האָט ער אָבער נישט באַוויזן צו נעמען קיין בריוו אַהיים, מחמת ער האָט זייער שטאַרק זיך געאיילט. אין דער נאַכט פון ערב שבת פּרשת זכור (תקנ״ט) זענען זיי אָפּגעפאָרן פון צפת. זיי זענען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט און אויך דעם גאַנצן פרייטיקדיקן טאָג ביז דריי שעה פאַר קבלת שבת. זיי זענען גלייך צוגעקומען צום ברעג פון עכו. ווען זייער פאַרמיטלער איז אָבער אָנגעקומען און האָט געפאָדערט, מען זאָל פאַר זיינע מענטשן געבן די באַשטימטע ערטער אויף דער נייטראַלער שיף, האָט מען געענטפערט, אַז די שיף איז שוין איבערפולט און קאָן מער קיינעם נישט אויפנעמען. מיט אַ טרויעריק געמיט האָבן ר׳ נחמן מיט זיין מענטשן געמוזט אָפּטרעטן אין שטאָט און שבת האַלטן ביי אַ גביר,

אַ חסיד פון ר׳ אברהם קאַליסקער, צו וועלכן זיי האָבן געהאַט אַ בריוו פון ר׳ אברהמען.

דעם שבת האָבן זיי איבערגעלעבט אין גרויס פּחד, ווייל בערך פופצן טויזנט טערקישע זעלנער האָבן זיך אַריינגעקליבן אין שטאָט און פאַר־שלאָסן אירע מויערן אַרום און אַרום.

שבת אין דער פרי ביים דאַוונען איז דער פאַרמיטלער געקומען צו זיי און געזאָגט, אַז קיין רענאַזיער שיף קאָן מען שוין נישט קריגן; אַ טערקישע שיף קאָן מען יאָ קריגן. די נסיעה מיט אַ טערקישער שיף איז פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר, ווייל אַזאַ שיף קאָן צו יעדער צייט גענומען ווערן אין פלען דורכן שונא; דאָס פאַרבלייבן אין עכו איז אָבער פאַרבונדן מיט אַ נאָך גרעסערער געפאַר, ווייל אין אַ צוויי־דריי טעג וועט דאָ פאָרקומען אַ שלאַכט. ער בעט דעריבער ר׳ נחמנען, ער זאָל אים מתיר־מאַכן צו דינגען אַ שיף אום שבת, ווייל פּקוח נפש איז דוחה־שבת.

ר׳ נחמן האָט מסכים געווען. דער פאַרמיטלער איז געגאַנגען, אָנגע־דונגען אַ שיף און געגעבן אַ רענדל אַן אַדערויף. דערווייל זענען אָנגע־קומען קריגס־שיפן פון ענגלאַנד. די אימה אין שטאָט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. אַן ענגשאַפט, אַ דריקעניש, אַ דוחק אויף לעבנס־מיטל און הונגער־געפאַר.

די בעלי־בתים פון ר׳ נחמנס אכסניא האָבן געבראַכן די הענט. ר׳ נחמן מיט זיין מענטשן האָבן איבערגעלעבט די זעלבע בהלה; זיי האָבן זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ס׳איז שוין געדונגען געוואָרן אַ שיף. אמת, ביים אָפּפאָרן פון אָדעס קיין ארץ־ישראל האָבן זיי געהאַט כל־טוב און איצט פאָרן זיי בחוסר כל. ווער קאָן אָבער טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן אין אַ מהומה־צייט ?

זונטיק אין דער פרי האָט ר׳ נחמן געשיקט זיין מענטשן מיטן דאָל־מעטשער איינצוקויפן אין מאַרק צידה לדרך. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקאָנט קריגן. דער מענטש איז געקומען אַהיים מיט ליידיקע הענט. פון גרויס עגמת־נפש האָט ער איינגעדרימלט.

בשעת דער מענטש איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט אים ר׳ נחמן נישט באַמערקט, מחמת ער איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און האָט געהאַלטן אין מיטן דאַוונען.

ווי ר׳ נחמן שטייט אַזוי אין טלית ותפילין, אויסגעטאָן פון דער וועלט, און דער מענטש זיינער ליגט אין אַ ווינקל איינגעדרימלט פון גרויס עגמת־נפש — קומט אָן אַ באַפעל פונעם פּאַשאַ: ווער עס קאָן נישט באַנוצן זיך מיט געווער, זאָל אַנטלויפן פון שטאָט דורכן ים (קיין אַנדער וועג איז נישט געווען צום לויפן) אין משך פון צוויי שעה. ווער עס וועט איבער־בלייבן אין שטאָט נאָך די צוויי שעה, וועט געקוילעט ווערן, ווייל אין שטאָט איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַזוי פיל מענטשן.

די שטאָט־לייט פון עכו, סיי די שטענדיקע איינוואוינער, סיי די אָנגע־קומענע און אַנטלאָפענע, האָבן פאַרלוירן די קעפּ פון אַזאַ פינצטערער גזירה. ר׳ נחמן האָט אויך פון גרויס אימה פאַרלאָזט אַלץ מיט אַנאַנדער און, פאַרגעסנדיק פון שרעק און איילעניש אָן זיין מענטשן, געלאָזט זיך לויפן צום ים.

פון גרויס רעש און מהומה אין אַלע הייזער און הויפן האָט זיך אויך ר׳ נחמנס מענטש אויפגעכאַפּט. דערזעט ער הענט־ברעכעניש און דער־הערט ביטערע יללה־קולות פון קליין און גרויס, יונג און אַלט.

— אַנטלויפט וואָס גיכער — זאָגט צו אים די ווירטין פונעם הויז, וואו ער מיט זיין רבין זענען איינגעשטאַנען, — לויפט! שנעלער! אַ רחמנות אויף אייערע יונגע יאָרן.

— וואו איז דער רבי?

— ער איז, דאַכט זיך, געלאָפן צום ים.

דער מענטש האָט געוואָלט נעמען מיט זיך ר׳ נחמנס קאַסטן מיט זיינע כתבים און חפצים, ווייל ר׳ נחמן האָט, אַנטלויפנדיק, אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר, ער האָט אָבער נישט געקאָנט שלעפּן אַזאַ גרויסע משא. דער אויבערשטער האָט אים צוגעשיקט אַ ספרדישן יידן, וועלכער איז אויך געלאָפן צום ים, און יענער האָט אים מיטגעהאָלפן טראָגן די שווערע משא.

ר׳ נחמנס מענטש מיטן ספרדי לויפן מיט אַלע כוחות צום ים; זיי קאָנען אָבער די שטאָט נישט דורכגיין, מחמת אַלע לויפן אין גרויס מהומה, וואַרפן זיך ווי משוגע, שטעכן איינע די צווייטע מיט מעסערס. דער־ווייל האָבן זיך איינינקע טערקן אַרויפגעשטעלט אויפן שפּיץ מויער, אָנ־צוזאָגן דעם עולם אַ גוטע בשורה, וואָס מ׳האָט אָט ערשט דערהאַלטן. דער

עולם האָט זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער מויער הערן די בשורה און אַזוי־אַרום איז פריי געוואָרן אַ וועג אין שטאָט. אַז דער מענטש איז צוגעקומען צום ים, האָט ער אַ לאַנגע צייט אַרומגעזוכט ר׳ נחמנען ביז ער האָט אים געפונען זיצנדיק אויף אַ שיף. האָבן זיי זיך — נאָך אַ שטאַרקן פרייען זיך איינער מיטן צווייטן — געזעצט אין אַ קליינער שיף און אויף איר זענען זיי צוגעפאָרן צו אַ גרויסער שיף, וואָס האָט געדאַרפט אָפּפאָרן קיין חיפה.

קאַפּיטל יג.

אויף אַ טערקישער קריגס-שיף

הארמאַטן און טערקישע זעלנער. — וואָס זאָלן זיי טאָן מיט דער ביקס? — אַ געהיימנישפולער מענטש. — ער רעדט רוסיש אויף דער טערקישער קריגס־שיף. — ר׳ נחמן און זיין באַגלייטער קריגן חן ביים קוכער און באַקומען צו איין שאָל שוואַרצע קאַווע. — זיי ליגן אָפּגעשלאָסן אין דער קאַבינע, הערן ווי דער ים שטורעמט און וואַרטן אויף אַ נס. — וואו זענען מיר? — דער שטורעם טרייבט די שיף אויף צוריק.

ווען אונדזערע נוסעים זענען אַריין אין שיף, האָבן זיי זיך שטאַרק פאַרוואונדערט: זיי האָבן אָנגעדונגען פאַר זיך פּלעצער אויף אַ סוחרישער שיף און דאָ האָבן זיי גאָר דערזען פאַר זיך אַ שיף, וואָס איז איבערפולט מיט האַרמאַטן און מיט טערקישע זעלנער.

מסתמא, האָבן זיי זיך געטראַכט, מוזן אויך סוחרישע שיפן זיין באַוואָפנט בעת זיי לאָזן זיך אין וועג אַריין אין מלחמה־צייט.

זיי האָבן אַ טעות געהאַט. ר׳ נחמן האָט, לויפנדיק צום ים אין גרויס בהלה, נישט געפונען די סוחרישע שיף, וואָס מען האָט פאַר אים אָנגעדונגען, און ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ קריגס־שיף...

באַלד ווי ר׳ נחמן מיט זיין מענטשן זענען אַרויף אויף דער שיף, האָט מען זיי געגעבן אַ באַזונדער חדר און דערביי האָט מען זיי דערלאַנגט אַן אָנגעלאָדענע ביקס. וואָס זאָלן זיי טאָן מיט דער ביקס? זיי האָבן נישט געקאָנט עמעצן פרעגן וועגן דעם, ווייל זיי האָבן נישט געקענט קיין טערקיש.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען פאַרהאַקט די טיר פון זייער חדר. אין אַ פאַר שעה אַרום האָט עמעצער געעפנט די טיר פון חדר און געזאָגט אויף רוסיש: וואָס זיצט איר דאָ? דאָ איז דאָך אַ קריגס־שיף,

איר קאָנט דאָך דאָ אומקומען. איר זעט דאָך, אַז די שיף איז פול מיט כלי־זיין.

האָבן זיי אָנגעכאַפּט דעם געהיימנישפולן מענטש פאַר זיין בגד און אים געבעטן, ער זאָל זיך משתדל זיין ביים קאַפּיטאַן, אַז מען זאָל זיי אַראָפּלאָזן אויפן ברעג.

— איר מוזט מיר געבן, האָט דער מענטש געזאָגט, כך־וכך טאָלערס פאַרן קאַפּיטאַן, וועל איך פּרואוון רעדן מיט אים.

ר׳ נחמנס מענטש האָט אויפגעעפנט דעם קאַסטן, אַרויסצונעמען געלט פון דאָרט. ווי ער עסקט זיך אַזוי ביים קאַסטן, איז דער מענטש נעלם געוואָרן. האָבן זיי געמיינט, אַז דער מענטש האָט דערווייל איבערגעגעבן זייער בקשה דעם קאַפּיטאַן, זענען זיי צוגעקומען צום קאַפּיטאַן מיט געלט. ער האָט אָבער, ניט פאַרשטייענדיק זייער שפּראַך, ניט געוואוסט וואָס זיי ווילן פון אים האָבן, האָט ער זיי גוט אויסגעזידלט און זיי האָבן זיך אומגעקערט אין גרויסע צרות צוריק אין זייער קאַיוטע. „ווער עס איז געווען דער מענטש, — שרייבן ר׳ נחמנס תלמידים, — וואָס האָט צו זיי אויף אַ טערקישער קריגס־שיף גערעט אויף רוסיש און זיי מגלה געווען, אַז זיי זענען אין גרויס סכנה — ווייס מען עד היום נישט״.

אין דער פרי האָבן די נוסעים אונדזערע ווידער געוואָלט גיין צום קאַפּיטאַן, פאַלן אים צו די פיס און בעטן, ער זאָל זיי אַראָפּלאָזן אויפן ברעג. האָבן זיי דערזען, אַז מען האָט אָפּגעאַנקערט די שיף. זייער פחד איז לאָין ערך פאַרשטאַרקט געוואָרן. זיי זענען צווישן ווילד־פרעמדע זעלנער, פּרא־אדמס, אויף אַ קריגס־שיף, וואָס קאָן יעדע ווילע פונעם שונא צעשאָסן ווערן און דאָ פּייניקט זיי נאָך דער הונגער, ווייל, אַנט־לויפנדיק פון עכו, האָבן זיי ניט באַוויזן צו נעמען קיין שפּייז מיט זיך און אויף דער שיף האָבן זיי ניט געקאָנט קריגן אַפילו וואַסער צום טרינקען. אַ שטיקל הילף אין דער צרה האָט זיי דער אויבערשטער צוגעשיקט — דערציילט די בראַסלאַווער מסורה — דורך דעם, וואָס זיי האָבן באַקומען חן ביי איין טערק, אַ קוכער ביים קאַפּיטאַן, וועלכער האָט זיי געגעבן צו שאָל שוואַרצע קאַווע יעדן איינעם, יעדן אין דער פרי און יעדן פאַר־נאַכט.

גאַנצע טעג און נעכט זענען זיי געלעגן פאַרשלאָסן אין זייער חדר. זיי האָבן נאָר געהערט, אַז דער שטורעם יאָגט די שיף. ווען די שיף איז

ענדלעך צוגעקומען צו אַ ברעג, זענען זיי אַרויס פון זייער חדר זען, וואו זיי זענען אין דער וועלט.

דעם ברעג פון סטאַמבול האָבן זיי גוט געקענט, האָבן זיי דערזען, אַז דער ברעג, צו וועלכן זיי זענען צוגעשוואומען, איז נישט סטאַמבול. האָבן זיי געפרעגט זייער באַקאַנטן טערק: וואו זענען מיר? האָט ער זיי געענטפערט: אין אַדאַל. איז זיי באַפאַלן ווידער אַ גרויסע אימה, ווייל זיי האָבן געהערט זאָגן, אַז די מענטשן פון אַדאַל זענען מקריב יעדן יידן פאַר אַ קרבן, ווען ער פאַלט אַריין אין זייערע הענט. וואָס האָבן זיי זיך געקאַנט העלפן? דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן געקאָנט טאָן, איז געווען: ווידער אַרייַנצוגיין אין זייער חדר אויף דער שיף און פאַרשליסן זיך. מער זענען זיי שוין נישט אַרויס, כאָטש די שיף איז דאָרטן געשטאַנען גאַנצע דריי טעג. די שיף וואָלט נאָך אפשר לענגער געשטאַנען דאָרט, איז אָבער פלוצלינג אויסגעבראָכן אַזאַ מוראדיקער שטורעם, אַז ער האָט אָפּגעריסן די שטריק פונעם אַנקער, האָט דעם אַנקער אויפן אָרט איבערגעלאָזט און די שיף אַוועקגעטראָגן אין מרחקים אַריין. אַ גאַנצע נאָכט איז די שיף אַרומגעשלידערט געוואָרן ביי דעם געוואַלד־שרייען פון די טערקן. אין דער פרי איז דער שטורעם געוואָרן איינגעשטילט, און די טערקן האָבן זיך דערפרייט. זייער פרייד איז אָבער געווען אַן אומזיסטע, ווייל דער שטורעם־ווינט האָט נישט געטריבן די שיף פאָראויס, נאָר געבראַכט זי צוריק, אַ טאָג ווייט פון עכו...

קאַפּיטל יד.

ווייטערדיקע איבערלעבונגען אויף דער טערקישער שיף

אויפן שטורעמס באַראַט. — די שיף האַלט ביים אונטערגיין. — דער פּחד פון ר׳ נחמנס באַגלייטער. — וואָס ר׳ נחמן הייסט אים טאָן. — ר׳ נחמן איז זיך גרייט צו באַנוצן מיט זכות־אָבות, כאָטש געוויינלעך טוט ער דאָס נישט. — אַ געפערלעכער וואָלקן, וואָס ווערט באַשאָסן מיט האַרמאַטן. — די ישועה. — ווי פּראַוועט מען פּסח צווישן טערקן? — באַקסער פאַר אַ טאָלער. — קריגס־געפאַנגענע. — ווער מען זיי פאַרקויפן פאַר קנעכט? — אַ ביישפּיל פון די אָבות. — דער אָנקום קיין ראָדאָס.

דער שטורעם האָט ווידער געטראָגען די שיף אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. ער האָט זי געשליידערט טעג און נעכט נאָכאַנאַנד. די שיף־לייט האָבן זיך מיטן צעבושעוועטן שטורעם קיין עצה נישט געקאָנט געבן. טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגן די שיף־דינער אויסשעפּן דאָס וואַסער. דאָס פלעגט געוויינלעך געדויערן אַ פערטל שעה. איינמאָל איז דאָס וואַסער אין שיף געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט עס געמוזט אויסשעפּן פון האַלבן טאָג ביז אין אָוונט אַריין. דאָס וואַסער האָט אָנגעפילט אויך דעם חדר פון ר׳ נחמן מיט זיין מענטשן, אַזוי אַז זיי האָבן געמוזט זייער חדר פאַר־לאָזן און אַרויף אויף אַ העכערן אָרט, וואו דאָס וואַסער איז נאָך נישט צוגעקומען. זיי האָבן געמוזט אויסזוכן פאַר זיך נישט נאָר אַ הויך, נאָר אויך אַ באַהאַלטן אָרט, די טערקן זאָלן זיי נישט באַמערקן.

דער שטורעם האָט אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. דאָס וואַסער האָט שוין אָנגעפילט די גאַנצע שיף. וואָס ווייטער, אַלץ מעכטיקער איז געוואָרן דער שטורעם. די כוואַליעס האָבן זיך צום הימל געטראָגן און האָבן אויסגעזען, ווי הויכע בערג און טיפע טאָלן.

ווען עס איז אַריבער די שרעקלעכע שטורעם־נאַכט, האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו זיין מענטשן: איך האָב גרויס חולשת הלב. איך בין אין גרויס סכנה.

האָט אים דער מענטש באַרואיקט: איר האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן. עס איז אַלץ, ווי עס דאַרף צו זיין.

דער מענטש איז אַליין אויך געווען פול מיט פחד: ער איז צוגע־גאַנגען צום אָרט, וואו מען שעפּט־אויס דאָס וואַסער, און האָט דערזען, אַז איבערן וואַסער גייען שוין כוואַליעס, ווי אין טייכן.

די שיף איז פריער געווען אָנגעלאָדן מיט משא. האָבן די טערקן די משא אַרויסגעוואָרפן, כדי די שיף זאָל נישט דערטרונקען ווערן צוליב איר שווערקייט. די שיף איז אָבער געבליבן אָנגעלאָדן פונעם וואַסער און דאָס אָנגעלאָפענע וואַסער האָט געוואויגן פיל מער, ווי די פריערדיקע משא. האָט מען געמוזט שטיין און אויסשעפן דאָס וואַסער אָן אויפהער. מען האָט זיך אָבער קיין עצה נישט געקאָנט געבן מיט די כסדר אָנקו־מענדיקע, כסדר אָנפלייצנדיקע שטראָמען, אַזוי אַז די שיף האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין. ווען ר׳ נחמנס מענטש האָט עס דערזען, איז ער אַריין אין חדר און האָט פון גרויס פחד קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. ר׳ נחמן האָט צו אים געזאָגט: וואָס הייסט עפּעס? האָסט דאָך אַלץ גע־זאָגט: ס׳שאָדט נישט! ס׳שאָדט נישט! וואָס־זשע האָסטו זיך איצט אַזוי דערשראָקן? „איצט איז גאָר עפּעס אַנדערש, — האָט דער מענטש גע־ענטפערט, — איצט איז גאָר קיין סברא נישטאָ, מען זאָל קאָנען גערא־טעוועט ווערן בדרך הטבע, דאָס וואַסער פאַרגרעסערט זיך אָן אויפהער, און קיינער קאָן עס נישט אויסשעפן. די דינער זענען אינגאַנצן אויסגע־שלאָגן פון די כוחות, ווייל זיי האָבן קרוב אַ מעת־לעת נישט געגעסן, נישט געטרונקען און נישט צוגעמאַכט אַן אויג״.

דערווייל האָט זיך ר׳ נחמנס מענטש דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך נישט געדאַוונט. רופט זיך ר׳ נחמן אָן צו אים: דו באַדאַרפסט איצט נישט דאַוונען. זיי נאָר מקבל אויף זיך עול מלכות שמים אינם ערשטן פּסוק פון קריאת־שמע און זאָג־אָפּ די ערשטע דריי ברכות און די לעצטע דריי ברכות פון שמונה־עשרה. דערנאָך מאַכט ער צו אים: נעם ס׳געלט, וואָס מיר פאַרמאָגן, ביז דער לעצטער פּרוטה, און צעטייל עס איז צוויי חלקים: איין חלק בינד־אָן אָן זיך, און דעם צווייטן — אָן מיר. וואָס איז דען, —

פרעגט אים דער מענטש, — די פיש פון ים וועלן אונדז דען נישט קאָנען אויפעסן אָן געלט?...

— „טו, ווי מען הייסט דיר, — האָט ר׳ נחמן געענטפערט, — די בני ישראל זענען געווען אין ים און זענען נישט דערטרונקען געוואָרן, און מיר זענען דאָך דערוויל אויף דער שיף״.

האָט דער מענטש געטאָן דאָס, וואָס ר׳ נחמן האָט געהייסן; דערביי האָט ער, לויטן באַפעל פון ר׳ נחמן, זיך אָנגעטאָן און אַרומגעבונדן דעם טולעפ זיינעם. ר׳ נחמן אַליין האָט אויך אַזוי געטאָן. זיי האָבן ביידע אויסגעזען, ווי מענטשן, וואָס זענען גרייט צו גיין אין וועג אַריין.

דאָ האָט זיך דער מענטש אָנגערופן צו ר׳ נחמנען: „איך קאָן איצט נישט מתפלל זיין אַפילו די תפילה פון אנשי כנסת הגדולה. איר קאָנט דאָך אָבער יאָ מתפלל זיין, אי פאַרן כלל, אי פאַרן פרט. פאַרוואָס זענט איר נישט מתפלל אין אַזאַ עת־צרה?״

— מחמת איך בין איצט אין מוחין דקטנות, — האָט ר׳ נחמן געענטפערט, — בין איך דערוויטערט פון השם־יתברך. איך האָב אָבער אַן עצה: דער אויבערשטער ווייסט דעם אמת, אַז איך האָב מיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט זכות־אָבות. איצט אָבער, ווען די סכנה איז אַזוי גרויס, וויל איך בעטן, ער זאָל מיר העלפן אין דעם זכות פון מיין זיידן ר׳ ישראל בעל שם טוב און אין דעם זכות פון מיין באָבע האָדל און אין דעם זכות פון מיין זיידן, ר׳ נחמן האָראָדענקער.

ווי זיי שטייען אַזוי צווישן שרעק און האָפנונג, דערזעען זיי פון וויטנס, אַז אַ וואָלקן רוקט זיך צו צו דער שיף. זייער פחד איז גרעסער געוואָרן, ווייל זיי האָבן געגלויבט (ווי מען האָט אַמאָל זיך פאַרגעשטעלט), אַז דער וואָלקן נידערט־אַראָפּ צו שעפּן וואַסער פון ים און דאָן, ווען אַ שיף קומט־צו צו יענעם אָרט, וואו דער וואָלקן ווערט פאַראייניקט מיטן ים, ווערט זי דערטרונקען. אין אַ רואיקער צייט פלעגט מען זיך נוהג־זיין צו באַשיסן אַזאַ געפערלעכן וואָלקן מיט האַרמאַטן. איצט איז מען אָבער פאַרנומען געווען מיטן אויסשעפּן וואַסער פון שיף און מען האָט קיין צייט און קיין קאָפּ נישט געהאַט צום וואָלקן... דער שטורעם האָט אָבער אַזוי שטאַרק געיאָגט די שיף, אַז זי איז אויך דעם געפערלעכן אָרט דורכגעלאָפן בשלום. אין דער זעלבער צייט האָט דער אויבערשטער, דערציילן ר׳ נחמנס תלמידים, אויפגעעפנט די אויגן פון די שיפס־לייט

און זיי האָבן אויסגעפונען דאָס לאָך, פון וואַנען דאָס וואַסער פלעגט אַרייג־שטראָמען. זיי האָבן געשאָכטן אַ באָק, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך, און מיט זיין פעל פאַרריכט די שיף.

דער ים האָט זיך באַרואיקט. די שיף איז געראַטעוועט געוואָרן פון דער סכנה. ר׳ נחמן האָט מיט גרויס שמחה געזאָגט דעם קאַפּיטל „הודו לה׳״, וואָס מען זאָגט פרייטיק צו מנחה. דער רעטונגס־טאָג איז גראָד אויסגעפאַלן פרייטיק.

איין צרה האָט זיי אויך איצט שטאַרק געפייניקט. עס קומט־אָן דער פסח. ווי וועלן זיי פראַווען פסח אויף דער שיף? אין די וואָכן־טעג פלעגן זיי באַקומען פונעם קוכער, אויסער די שאַלן שוואַרצע קאַווע, אויך ווע־רעמדיקע סוכאַרעס, וואָס זיי פלעגן ביי אים אויסבעטלען מיט רחמים ותחנונים. וואָס טוט מען אָבער פסח, ווען מען וועט די סוכאַרעס נישט טאָרן עסן? זאָל מען די גאַנצע אַכט טעג פאַסטן?

די שיף איז דערווייל צוגעקומען צו אַ שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג פון שטיינער אין מיטן ים. די טערקן האָבן דאָרט גע־קויפט פיל פרוכט און האָבן ר׳ נחמנען פאַרקויפט באָקסער פאַר איין טאַלער. לעת־עתה, האָט ר׳ נחמן געזאָגט, איז דאָס אויך גוט. מען קאָן אָפּלעבן די אַכט טעג פסח מיט באָקסער אַליין. דער אויבערשטער זאָל אונדז מזכה־זיין מקיים צו זיין אויך די מצווה פון אַכילת מצה און ארבע כוסות.

אָבער דער עיקר: וואוהין פירט מען זיי? וואָס וויל מען פון זיי האָבן?

פאָרן פאָרן זיי אויף אַ קריגס־שיף, וואָס וועט נישט פירן קיין מענטשן בחינם. געזען האָבן זיי, אַז מען לאָזט פון זיי קיין אויג נישט אַראָפּ, — מסתמא פירט מען זיי אַלס געפאַנגענע. ווער־זשע וועט זיי אויסלייזן? צי וועט מען זיי נישט פאַרקויפן, חלילה, פאַר קנעכט? און וועט דאָס געשען — וואָס וועט זיין מיט יידישקייט? מען קאָן דאָך זיי פאַרפירן און פאַרקויפן אין אַן אָרט, וואו קיין יידן זענען נישטאָ, און מען וועט קיין שום מצוות מעשיות נישט קאָנען מקיים־זיין. פאַרטראַכטנדיק זיך איבער דעם אַלעמען, איז ר׳ נחמן דורכגעלויכטן געוואָרן פון אַ נייער השגה: אויב מען וועט אים פאַרקויפן, חלילה, פאַר אַ קנעכט, וועט ער דינען השם יתברך אויך אָן מצוות מעשיות. אַ שטייגער, ווי יעקב האָט

(לויטן אר"י) מקיים־געווען די מצווה פון תפילין ביי די „מקלות אשר פצל ברהטים" און ווי די אבות האָבן בכלל מקיים געווען פיל מצוות דורכן פאַראייניקן זיך מיט די עולמות העליונים. ווען מען קאָן מקיים־זיין די מצוות־מעשיות, מוז מען זיי מקיים־זיין און מען טאָר זיך נישט באַנוגענען מיט בלויז הויכע כוונות; ווען ער וועט אָבער זיין אַן אָנוס און וועט די מצוות נישט קאָנען מקיים־זיין, וועט ער דאָך זיין עבודת ד׳ נישט אויפ־געבן: וואָס ער וועט פאַרפעלן אין גוף, וועט ער משלים־זיין אין נשמה.

די שיף איז זיך דערווייל געגאַנגען איר וועג און איז אָנגעקומען אין דער נאַכט פון ערב־פסח קיין ראָדאָס.

קאַפּיטל טו.

די באַפרייאונג — און אַן אגדה וועגן ר׳ נחמנס געבורט

די ראָדאָסער יידישע קהילה. — דער חכם פון דער ראָדאָסער קהילה און ר׳ נחמנס באַגלייטער. — ר׳ צבי האַרקער. — געהויבענע יציאת־מצרים־שטימונג. — פדיון־שבויים. — דער קאַפּיטאַן שטאַמט פון די „חמשה סרני פלשתים“. — מען לאָזט זיי אַרויס פאַר צוויי הונדערט טאָלער. — אַ נייע צרה: די טערקן נעמען זיי אַן פאַר שפּיאָנען. — זיי טוען זיך איבער. — דער קיטרוג. — ר׳ נחמן וויל די צוויי הונדערט טאָלער צוריקגעבן דער שטאָט. — מיט דער שיף קיין סטאַמבול. — אַ בריוו צו די קהילות. — די עפּידעמיע אויף דער שיף. — באַקשיש. — פון סטאַמבול קיין גאַלאַץ. — תפיסה און קאַראַנטינען, יסורים און נסיונות. — צוריק אַהיים. — וואָס איז עס געווען פאַר אַ נסיעה? — אַן אגדה וועגן ר׳ נחמנס געבורט. — ר׳ נחמן האָראָדענקערס זיווג. — ר׳ ישראל מת. — ר׳ נחמן, דער „צדיק חי“.

אין ראָדאָס איז אין ר׳ נחמנס צייטן געווען אַ גרויסע יידישע קהילה. ר׳ נחמן מיט זיין מענטש האָבן זיך שטאַרק דערפרייט: זיי וועלן קאָנען קויפן דאָ מצות אויף פסח און ויין אויף ארבע כוסות. וועט מען זיי אָבער פריילאָזן? זענען זיי דען נישט אין געפענקעניש ביי די טערקן?

אין דער פרי האָט זיך דער קאַפּיטאַן, און מיט אים נאָך אייניקע טערקן, געגרייט אָפּצופאָרן אויף אַ קליין שיפל אין שטאָט אַריין. אונדזערע פאָרער האָבן זיך אויפן וואונק דורכגעשמועסט מיטן קאַפּיטאַן: גיב אונדז ברויט צום עסן", און ער האָט זיי אויף דעם זעלבן שטום־לשון געענטפערט: איר זענט צווישן אייגענע דאָ, קאָנט איר קויפן ברויט וויפיל איר ווילט; איינער פון אייך קאָן מיט מיר צופאָרן אין שטאָט. ר׳ נחמנס מענטש האָט זיך אַריינגעזעצט אינם קאַפּיטאַנס שיפל און איז צו־געפאָרן אין שטאָט. אָנגעקומען, האָט דער קאַפּיטאַן באַשטימט איינעם פון

זיינע טערקן, נאָכצוגיין נאָכן ייד און אַכטונג געבן, ער זאָל נישט אַנטלויפן.

דער מענטש איז צוגעגאַנגען צום חכם פון דער קהילה און האָט אים דערציילט אַלץ, וואָס מיט זיין רבין און מיט אים איז געשען. דער חכם האָט געוואָלט הערן וואָס מער נייעס און דאָס איבעריקע איז אים נישט אַזוי שטאַרק אָנגעגאַנגען. דעם מענטש איז אָבער נישט געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן, ער זאָל זיך אָוועקזעצן דערציילן טשיקאַווע מעשיות, האָט ער גע־וואָלט געזעגענען זיך מיטן חכם, איינקויפן מצות און ווייַן און זיך אומ־קערן. בתוך כך האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט: בשעת ער איז געווען מיט זיין רבין אין טבריה, האָט ער געהערט פון ר׳ צבי האַרקער, אַז זיין פרוי איז אַ גרויסע מיוחסת און אַז זי האָט אין ראַדאָס אַ ברודער, וואָס איז אַ גרויסער חכם און אַ צדיק. האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן איינעם אַ גרויסן מענטשן, וואָס האָט אַ שוועסטער אין טבריה. אַזוי־אַרום איז ער געוואָרן געוואויר ווער עס איז ר׳ צביס שוואָגער און וואו ער וואוינט. ווען ער איז אַריינגעקומען צו ר׳ צביס שוואָגער אין הויז און האָט אָנגעהויבן לייענען פאַר אים אַ לאַנגע מגילה פון אַלץ, וואָס עס האָט מיט זיין רבין און מיט אים פּאַסירט, האָט אים יענער איבערגעריסן מיט די ווערטער: „די אַלע מעשיות וועסטו דערציילן צום סדר. דער־ווייל זיי וויסן, אַז אייער קאַפּיטאַן האָבן מיר פאַרהאַלטן מיט זיין שיף. ער וועט אייך פון שיף אַרויסלאָזן, נישט מער, עס וועט קאָסטן געלט״.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די עלטערן פונעם חכם הקהלה זענען געווען דערביי בשעת ר׳ נחמנס מענטש האָט דערציילט דעם חכם וועגן זיינע איבערלעבונגען און וועגן דער סכנה, אין וועלכער זיין רבי און ער געפינען זיך, און אַט די עלטערן פונעם חכם האָבן אַלץ איבערגעגעבן דעם שוואָגער פון ר׳ צבי האַרקער נאָך איידער ר׳ נחמנס מענטש איז צו אים געקומען. דער שוואָגער, וואָס איז געווען זייער חשוב אין שטאָט, האָט שוין באַוויזן צו איבעררײדן מיטן קאַפּיטאַן און געוואויר ווערן פון אים, וואָס ער וויל.

און דער גואל פון די געפאַנגענע האָט מוסיף געווען:

— איר ווייסט אַליין נישט אין וואָס פאַר אַ סכנה איר זייט געווען. אייער קאַפּיטאַן איז אַ גזלן און ער רימט זיך, אַז ער שטאַמט פון די „חמשה סרני פלשתים״...

נאָך די אַלע רייד, וואָס האָבן אויפגעהויבן דעם אויסגעפּייניקטן און

אַנגעשראָקענעם שבוי ביזן זיבעטן הימל, האָט צו אים זיין גואל גע־זאָגט:

— איצט קום מיט מיר צום רופא. מען וועט דיך אָפּשערן און אָרומ־וואַשן.

ערשט נאָכדעם, ווי מען האָט דעם געפאַנגענעם אָפּגעשוירן און אָרומ־געוואַשן און אים דערלאַנגט אַ שאָל קאַווע, האָט דער שוואָגער פון ר׳ צבי האָרקער געפרעגט:

— ווער איז דיין רבי?

— האָט איר געהערט פון ר׳ ישראל בעל שם טוב? — האָט דער מענטש געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— יאָ. מיר האָבן דאָ די ספרים פון הרב מפולנאה (דער גרעסטער תלמיד פונעם בעש״ט).

— זייט־זשע וויסן, אַז מיין רבי איז אַן אייניקל פון ר׳ ישראל בעל שם טוב און אויך אַן אייניקל פון ר׳ נחמן האָראָדענקער און אַליין איז ער אויך אַ גרויסער מאַן, ווי איר וועט באַלד זען.

— ס׳איז אַ גרויסע מצוה אויסצולייזן פראָסטע מענטשן, בפרט נאָך אַן אדם גדול, וואָס קומט־אַרויס פון אַזוינע הייליקע עלטערן, — האָט זיך דער ייד אָנגערופן. ער, מיט ר׳ נחמנס מענטש און נאָך אייניקע יידן, האָבן געוואָלט וואָס שנעלער צופאָרן צו דער שיף, וואו ר׳ נחמן האָט זיך געפונען. ווען זיי זענען אָבער אַרויס פון שטוב, איז אויסגעבראָכן אַ שלעגעריי צווישן די טערקן און אייניקע פון זיי זענען אין געשלעג גע־הרגעט געוואָרן. דער חכם מיט זיינע מענטשן, ווי אויך דער מענטש פון ר׳ נחמן, האָבן, אויס מורא פאַרן צעיושעטן המון, זיך אומגעקערט אין טויער פונעם חכמס הויז. זיי זענען אַזוי געשטאַנען אין טויער עטלעכע שעה, וואַרטנדיק ביז ס׳וועט אין גאַס רואיק ווערן. דערווייל איז שפּעט געוואָרן און דער חכם מיט זיינע מענטשן האָבן מורא געהאַט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין.

ווען דער חכם האָט באַמערקט אַ שאָטן פון זאָרג אויפן פּנים פון ר׳ נחמנס מענטש, האָט ער אים געזאָגט:

— איך קאָן איצט נישט צופאָרן צו דיין רבין, ווייל ס׳איז שפּעט. איך גיב דיר אָבער מיין גאַנצן עולם־הבא אין משכון, אַז איך וועל מיך מיען מיט אַלע כוחות אייך אויסצולייזן. דו דאַרפסט וויסן, אַז איך בין

אַ מענטש, וואָס איז עוסק כל ימיו אין תורה ועבודה, טאָ זאָל דאָס אַלץ פאַרלוירן גיין, אויב איך וועל נישט מקיים זיין דאָס, וואָס איך האָב צו־געזאָגט. נאָדיר מצות, סיי מצה שמורה, סיי אַנדערע מצות, וויין מן המובחר, ירקות און אַנדערע צרכי הסדר, און לויף וואָס שנעלער צו דיין רבין.

דער מענטש איז צוגעפאָרן צו דער גרויסער שיף, וואָס איז געווען ווייט פון שטאָט. ר׳ נחמן האָט אויסגעקוקט די אויגן אויף זיין מענטשס צוריקקער. ווען ער האָט דעם מענטשן דערזען, איז ער אים אַנטקעגנ־געלאָפן מיט גרויס פרייד און האָט געזאָגט:

— אַ דאַנק דעם אויבערשטן פאַר דעם, וואָס איך זע דיך פאַר מיר אַ לעבעדיקן. איך האָב די גאַנצע צייט געטראַכט: ווער ווייסט, וואָס מיט דיר טוט זיך? צי האָט מען דיך, חלילה, נישט דערטרונקען אין ים און מיך וועט מען אויך דערטרינקען. און איצט — „ברוך ד׳ הנותן ליעף כוח”, דען איך האָב קיין כוח נישט געהאַט אַריבערצוטראָגן די יסורים.

דער סדר אויפן שיף איז אָפּגעריכט געוואָרן אין אַ צושטאַנד פון גדלות דמוחין. דער מענטש האָט זיין רבין דערציילט אַלץ, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט און מען האָט דערין געזען אַ שטיק יציאת מצרים, אַן איבער־גאַנג משעבוד לגאולה.

צומאָרגנס אין דער פרי איז געקומען אַ באַפעל, מען זאָל צופירן די שיף צו דער שטאָט און זי דאָרט פאַראַנקערן. די צווייטע נאַכט פסח האָבן אונדזערע נוסעים אויך פאַרבראַכט אויף דער שיף, און אין דער פרי, דעם צווייטן טאָג פסח, איז ר׳ נחמנס מענטש געגאַנגען אין שטאָט אַריין דאַוונען. ביים אַרויסגיין פון בית־הכנסת האָט אים דער חכם (ר׳ צבי האַרקערס מחותן) פאַרבעטן צו זיך אַהיים אויף דער יום־טוב־סעודה. ביים עסן האָט דער חכם געזאָגט תורה, אייגענע און נישט־אייגענע, און אויך דאָס, וואָס ער האָט געהערט אינעם נאָמען פון רוסיש־פּוילישע צדיקים. ער האָט אויך געבעטן דעם מענטש, ער זאָל אים איבערזאָגן עפּעס פון ר׳ נחמנס תורות. דער מענטש האָט נאָכגעזאָגט ר׳ נחמנס אַ תורה און דער חכם איז פון איר שטאַרק נתפעל געוואָרן. נאָך דער סעודה האָט זיך ר׳ נחמנס מענטש צוריקגעקערט צו דער שיף, און מיט אים — דעם חכמס אַ באַדינער, וואָס האָט געטראָגן מאכלים פאַר ר׳ נחמנען. ר׳ נחמנען האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז זיין מענטש איז געקומען אַ פאַר־

טרויערטער און אַ מרה־שחורהדיקער. „וואָס קאָן דאָס זיין? — האָט ר׳ נחמן געטראַכט — ווער ווייסט, וואָס ס׳איז דאָ געשען? ס׳איז מיט אונדז אפשר ווידער נישט גוט״... אין דער אמתן האָט דער מענטש געהאַט אַן אָנגע־ברוגזט פּנים, מחמת דער חכם האָט אים געניט צו־פיל צו טרינקען. ר׳ נחמן האָט אים עפּעס געפרעגט און ער האָט גאָר נישט געענטפערט, נאָר האָט זיך גלייך געלייגט שלאָפן. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך דער מענטש אויפגעכאַפּט מיט אַ געלעכטער: איר ווייסט גאַרנישט, וואָס דאָ איז געשען. מען האָט מיך געצוואונגען צו טרינקען און מען האָט מיך איבערגעוואָלט אַנגעשיכורט...

ערשט דאַן האָט ר׳ נחמן געפּראַוועט זיין יום־טוב־טיש.

דעם ערשטן טאָג חול־המועד האָט דער חכם געהייסן ר׳ נחמנס מענטשן, ער זאָל אומבאַמערקטערהייט אַרויסטראָגן פון שיף דאָס געלט, וואָס זיין רבי און ער האָבן ביי זיך, און עס אַריבערטראָגן אין שטאָט אַריין. דערנאָך איז דער חכם מיט צוויי שטאָט־גבירים געקומען צום קאַפּיטאַן און געזאָגט:

— גיב אונדז די צוויי יידישע נפשות, וואָס דו האָסט ביי זיך.

— וואָס גייען זיי איך אָן? זיי זענען מיינע און איך קאָן טאָן מיט זיי, וואָס איך וויל. איך האָב זיי שוין פיל מאָל געקאָנט דערטרינקען אָדער פאַר קנעכט פאַרקויפן. אין דער צייט פון זייער פאָרן מיט אונדז זיינען אָבער מיט אונדזער שיף און מיט אונדז אַלעמען געשען גרויסע וואונדער. עפּעס מוז שטעקן אין דעם! לאָז איך זיי דעריבער אַרויס פריי. איר דאַרפט נאָר געבן פאַר מיינע דינער צוויי הונדערט טאָלער.

דער קאַפּיטאַן האָט באַקומען די צוויי הונדערט טאָלער און ר׳ נחמן מיט זיין מענטשן זענען אַרויס — ממות לחיים.

זיי זענען ביידע אַנגעקומען אין שטאָט — ערשט נאָדיר אַ פרישע צרה. די טערקן האָבן זיי אָנגענומען פאַר שפּיאָנען. באין ברירה האָט מען זיי געמוזט איבערטאָן אין די אָרטיקע בגדים. דער מענטש האָט גע־לאַכט; ר׳ נחמן האָט זיך אָבער שטאַרק געבייזערט: ווייסטו דען, וואָס פאַר אַ קטרוג ס׳איז אויף אונדז דאָ אינעם עולם העליון? דערביי האָט ער זיין מענטשן געזאָגט, ווי עס גיט איבער די בראַסלאַווער מסורה, „אַ דבר נפלא, וואָס ער האָט נישט געוואָלט מגלה זיין״. די חכמים פון ראָדאָס האָבן ר׳ נחמנען אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד, אָנערקענט אים אַלס

„חידוש גדול״. דערנאָך איז ר׳ נחמן אַליין אַריין אין גרויס שמחה און האָט געזאָגט: „געלויבט איז השם יתברך, וואָס ער האָט אונדז מזכה־געווען מיט אַזאַ גרויסער הצלה״. ר׳ נחמן האָט געוואָלט אָפּגעבן דער שטאָט די צוויי הונדערט טאַלער, וואָס דער חכם מיט די צוויי גבירים האָבן פּאַר אים און זיין מענטשן געגעבן דעם שיפס־קאַפּיטאַן; די שטאָט־לייט האָבן אָבער דאָס געלט נישט געוואָלט נעמען. באַלד נאָך יום־טוב האָט מען פאַר ר׳ נחמנען מיט זיין מענטשן אַנגעדונגען אַ שיף, וואָס גייט קיין סטאַמבול, און מען האָט זיי מיטגעגעבן אַ בריוו צו אַלע קהלות אויפן וועג, טאָמער וועט מיט זיי ווידער געשען עפּעס אַן אומגליק. אויף דער שיף זענען געווען פיל גריכן און צווישן זיי איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע. אַ שטאַרקער שטורעם האָט אָבער די שיף געטראָגן, אַזוי, אַז זי איז אויפן דריטן טאָג אָנגעקומען קיין סטאַמבול. אין סטאַמבול זענען זיי געזעסן צען טעג און האָבן דאָרט געהאַט פרישע יסורים, וויל בעת זיי זענען אָפּגעפאָרן פון סטאַמבול קיין ארץ־ישראל, האָבן זיי דאָרט נישט באַוויזן זייערע פּאַס־פּאָרטן. האָט מען זיי איצט נישט געוואָלט אָפּלאָזן, ביז זיי וועלן נישט באַקומען נייע פּאַספּאָרטן פאַר גרויסע געלטער. וואו נעמט מען אַזאַ מטמון מיט געלט? האָט זיך דער אויבערשטער דערבאַרעמט און זיי צוגעשיקט אַ שתדלן, וואָס האָט אַרויסבאַקומען פון אַ טערקישן שר פאַר אַ קליינעם באַקשיש אַן אַרויספאַר־שיין. פון סטאַמבול זענען זיי אָפּגעפאָרן קיין גאַלאַץ. ביי איין פּאָרט־שטאָט האָט מען זיי אַריינגעזעצט אין טורמע און זיי האָבן באַצאָלט אויסקויף־געלט צו פיר רענדלעך. אויף שבועות זענען זיי אָנגעקומען קיין גאַלאַץ און פון גאַלאַץ זענען זיי אָפּגעפאָרן קיין יאַסי. אין יאַסי און אויפן וועג פון יאַסי ביז זייער אָנקומען אַהיים האָבן זיי זיך זייער פיל אָנגעליטן פון די קאַראַנטינען, מחמת עס האָט דאַן אומעטום געבושעוועט די מגפה.

נאָך אַ סך יסורים און נסיונות זענען זיי ענדלעך געקומען אַהיים געזונט און פריילעך און באַגייט מיט גרויסע השגות.

האָבן מיר אייך דערציילט די מסעות הים... און איצט פרעגט זיך: וואָס באַהאַלט זיך הינטער דעם אַלעמען? וואָס איז עס געווען פאַר אַ נסיעה?

***

איך גיי דאָ דערציילן די אגדה, וואָס איך האָב געהערט פון בראַסלאַווער חסידים. זי וועט אונדז — מיט אַ קאַפּיטל ווייטער — העלפן צו באַנעמען דעם זין פון ר׳ נחמנס ארץ־ישראל־נסיעה.

אין די ספרים פון די בראַסלאַווער (צי אומאַנער) חסידים ווערט וועגן דעם גאָרנישט דערציילט. אין די טיפע חצותן ווערט אָבער איבערגעגעבן מפה לאוזן פון עלטערע צו יינגערע חברים אַזאַ אגדה: *)

כידוע, איז דער בעל שם זכרונו לברכה געפאָרן קיין ארץ־ישראל און האָט געמוזט זיך אומקערן פון וועג, ווייל ס׳איז נאָך דעמאָלט געווען — לא איכשר דרא... דער בעל־דבר האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט: ס׳טייטש! וואו איז די מדת־הדין?... יידן האָבן כך וכך געטאָן... יידן האָבן געזינדיקט... און אָט פאָרט דער ישראל בן אליעזר אראָפּצוברענגען משיחן...

דער קטרוג איז געווען — מורא־מוראים. דער בעל־שם האָט זיך גע־ראַנגלט מיט אַלע כוחות און נישט געקאָנט פועל־זיין. האָט דער בעל־שם געוואָלט עולה־זיין אין די עולמות עליונים, האָט זיך דער קטרוג פאַרשפּרייט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן איבער אַלע הימלען און האָט דעם בעל־שמס תפילה נישט צוגעלאָזט... האָט ער געוואָלט פועל־זיין דורך יחודים, האָט מען ביי אים אַלע מדרגות צוגענומען...

שטייט אַמאָל אויף דער בעל־שם אין אַ חצות, נעמט לערנען, כדרכו, עפנט אויף אַ ספר און פאַרשטייט קיין וואָרט נישט... נעמט ער אַן אַנדער ספר, — ער האָט אַלץ פאַרגעסן, ווי ער וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געלערנט.

הייבט־אָן דער בעל־שם צו וויינען: האָב איך שוין טאַקע אַלץ פאַרגעסן? געדענק איך שוין אפילו נישט דעם אלף־בית? הייבט ער אָן צו חזרן אַן אויפהער: אַלף, בית, גימל, דלת, הא; אלף, בית, גימל, דלת, הא, מיט אַזאַ מרירות און באותה שעה אויך מיט אַזאַ אהבה ותשוקה צו השם יתברך, אַז אַלע שערי שמים זענען פאַר אים געעפנט געוואָרן און אַלע זיינע הויכע מדרגות זענען אים צוריקגעקערט געוואָרן. דערביי איז

*) די ספורים וועגן דעם קטרוג אויפן בעש״ט בעת זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל זענען דאָ אין ספרים. אין ליכט פון דער אגדה, וואָס איך גיב דאָ איבער מפי השמועה און וואָס איז נאָך ביז איצט, ווי וויית מיר איז באַקאַנט, קיינמאָל נישט געדרוקט געווען, באַקומען זיי גאָר אַן אַנדער פנים.

אים אָבער געזאָגט געוואָרן בפירוש: פאַר אַהיים! נאָך נישט געקומען די צייט...

דער בעל־שם האָט זיך פונדעסטוועגן נישט אונטערגעגעבן. ער האָט געוואָלט צעברעכן אַלע מויערן און מיט כוח קומען קיין ארץ־ישראל. האָט ער איינמאָל דערהערט אַ קול מן השמים: ישראל בן אליעזר האָט אָנגעוואוירן זיין חלק עולם הבא... איז דער בעל־שם פון דעם אויך נישט נתפעל געוואָרן: מילא, וועט ער דינען נאָר מאהבה... אָן שום האָפנונג אויף שכר... וועט עס דאָך טאַקע זיין דער אמתער לשמה... מה בכך, אַז מען האָט נישט קיין עולם הבא? „איך דאַרף נישט דיין עולם הזה, איך דאַרף נישט דיין עולם הבא, איך דאַרף נאָר דיך אַליין״...

דער קטרוג האָט זיך אָבער געשטאַרקט אָן אַ שיעור, ווען דער בעל־שם האָט זיך געזעצט אויף דער שיף אָפּצופאָרן פון סטאַמבול, צוזאַמען מיט זיין טאָכטער, וואָס האָט מיט אים מיטגעמאַכט אַלע זיינע עליות און תיקונים. דער קטרוג איז אַזוי שטאַרק געווען, אַז דער בעל־שם האָט דערהערט אַ קול מן השמים:

— איינס פון די ביידע: אָדער וואַרף אַריין אַלע דיינע כתבים אין ים אָדער וואַרף אַריין אין די טיפע וואַסערן דיין טאָכטער האָדעל.

— וואַרף מיך אין ים אַריין, — האָט האָדעל געענטפערט, — אַבי דיינע כתבים זאָלן בלייבן גאַנץ...

ווי האָדעל האָט זיך געגרייט אַריינצושפּרינגען אין תהום, רופט זי זיך פּלוצלונג אָן צו׳ם טאַטן אירן, דעם בעש״ט:

— וואַרט! עס איז מיר אַ ליכט אויפגעגאַנגען... עס איז מיר בזה הרגע אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז פון מיר וועט אַרויסקומען איינער, וואָס וועט מגלה זיין גרעסערע אורות ווי די, וואָס זענען דאָ אין דיינע כתבים...

דערווייל איז, בעתן זיין פונעם בעל־שם אין סטאַמבול, געשען אָטוואָס:

עס איז געקומען צו אים איינע אַ דאָרטיקע, אַ יונגע און אַ רייכע, און האָט פאַר אים דערציילט איר ביטער האַרץ:

— הייליקער רבי! איך האָב צו אייך אַ גרויסע טענה. מיט אַ צייט צוריק איז דאָ דורכגעפאָרן אייערס אַ תלמיד, אַ פּוילישער ייד, ר׳ נחמן הייסט ער, פון האָראָדענקאַ. ער איז שוין דאַן געווען אַ זקן. ווי איך האָב נאָר דערזען דעם הייליקן ייד, האָב איך צוגעשיקט צו אים שדכנים,

כאָטש ער איז אַזוי אַלט און איך בין נאָך אַזוי יונג... דער היי־ליקער ייד האָט אָנגענומען מיין געבעט און מיר האָבן חופּה־געשטעלט למזל טוב. מיין שמחה איז אָבער געווען אַ קורצע. באַלד נאָך דער חופּה איז ער נעלם געוואָרן און איך בין געבליבן אַ וויסטע עגונה...

האָב איך צו אייך אַ טענה, רבי. ער איז דאָך אייער תּלמיד, — ווי קומט עס, אייער תּלמיד זאָל טאָן אַזאַ זאַך? דערבאַרעמט זיך איבער מיר! העלפט מיר...

ווען דער בעל־שם האָט עס דערהערט, האָט ער מיט דעם כּוח פון השבעות זיך דערוואוסט וואו זיין תּלמיד געפינט זיך. ער האָט דורך התקשרות פון זיין נפש־רוח־ונשמה מיטן נפש־רוח־ונשמה פון זיין תּלמיד געצוואונגען אים צו פאַרלאָזן אויף אַ צייט ארץ־ישראל און אָנצוקומען קיין סטאַמבול.

ווען ר׳ נחמן האָראָדענקער איז אָנגעקומען צו זיין רבין, צום בעל־שם, רופט זיך דער בעל־שם אָן:

— וואָס פאַר אַ מעשים האָסטו עס אָפּגעטאָן דאָ אין סטאַמבול? האָסט חופּה געשטעלט מיט אַן אשה און זי איבערגעלאָזט אַן עגונה?

— איך האָב חופּה געשטעלט מיט דער פרוי, — האָט ר׳ נחמן האָראָדענ־קער דערציילט, — ווייל איך האָב אויף איר געזען אַרומשוועבן אַן אור של משיח... בשעת החופּה איז מיר אָבער נתגלה געוואָרן, אַז באַלד ווי זי וועט געבוירן פון מיר אַ קינד, וועט זי פון דער וועלט אַוועק... האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן: פאַרוואָס זאָל אַזאַ יונגער בוים געבראָכן ווערן? האָב איך געזאָגט צו זיך: איך וועל פון דאַנען נעלם ווערן און זאָל די פרוי מאריך־ימים זיין.

— ניין, — האָט דער בעל־שם געענטפערט, — איך בין אויף דיר גוזר, אַז דו זאָלסט וואוינען מיט דער אשה, וואָס דו האָסט מקדש געווען כּדת משה וישראל, און „בהדי כּבשי דרחמנא למה לך״ (וואָס האָסטו זיך צו מישן אין די סודות פונעם אויבערשטן?).

איז רבי נחמן האָראָדענקער געגאַנגען צו זיין באַשערטער און האָט איר אַלץ דערציילט.

— איך האָב געוואָלט, — האָט ער געזאָגט, — דיך ראַטעווען... איך האָב חס געווען אויף דיינע יונגע יאָרן... איצט טו ווי דו ווילסט. דו

מוזט אָבער וויסן פאַראויס, אַז באַלד ווי דו וועסט דאָס קינד געבוירן, וועסטו נפטר ווערן.

— גוט, — האָט די אשה געענטפערט, — איך בין אַלץ מקבל באהבה, אַבי דורך מיר זאָל דער אור פון משיח אויף דער וועלט אַרויסשיינען.

ווען עס זענען פאַרביי די ירחי העבור און עס איז געקומען די שעת הלידה, האָט די יונגע פרוי געוויינט.

— רבונו של עולם! אויב ס'איז שוין באַשערט, אַז דורך מיר זאָל אָנקומען אַזאַ אור אויף דער וועלט; זיי מיך כאָטש מזכה, איך זאָל קאָנען דאָס קינד מיינס אָנקוקן. לאָמיך לעבן כאָטש איין חודש נאָך זיין גע־בוירן ווערן!

ווען ר׳ נחמן האָראָדענקער האָט עס דערהערט, איז ער פאַרציטערט געוואָרן: אַ־וואַ! אַ־וואַ! די אשה האָט דאָך מיט איר געוויין אַלע מחיצות צעבראָכן. ווען זי וואָלט איצט געבעטן אויף לעבן, וואָלט עס איר גע־געבן געוואָרן. עס איז אַן עת־רצון געוועזן. די עת־רצון איז אַריבער און ס'וועט איר נישט געגעבן ווערן מער ווי דאָס, וואָס זי האָט געבעטן.

כך הוה. די פרוי האָט געבוירן אַ בן־זכר. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן שמחה. אין אַ חודש אַרום איז זי נפטר געוואָרן.

***

ווען דער בעל־שם האָט געהאַלטן ביים אָפּפאָרן, האָט ער זיך אָפּגערופן צו ר׳ נחמן האָראָדענקער:

— פאָר אַהיים קיין ארץ־ישראל. איך קער מיך אום קיין חוץ לארץ. מען איז מן השמים מעכב. דיין קינד גיב איבער אין מיינע הענט. איך וועל עס מגדל זיין. דו ביסט אַלט, און דאָס קינד מוז האָבן גרויס השגחה. דערביי האָב איך צו דיר אַ בקשה. מיין האָדעל, ווייס איך, וועט ברענגען אויף דער וועלט אַ טאָכטער, וויל איך, דו זאָלסט זיך מיט מיר משדך זיין...

— איר זענט — האָט ר׳ נחמן האָראָדענקער געענטפערט — רבי ומורי. זענט איר ביי מיר געוויס זייער חשוב. מיין יחוס לאָזט מיך אָבער נישט זיך משדך צו זיין מיט אייך...

— פאַרוואָס?

— ווייל איך קום־אַרויס פון בצלאל בן אורי, בן חור, למטה יהודה.

— און איך, — האָט דער בעל־שם געענטפערט, — קום אַרויס פון מלכות בית־דוד!

— נו, אויב אַזוי, קאָנען מיר זיך משדך זיין, — האָט זיך ר׳ נחמן צעשטראַלט.

אַזוי־אַרום איז דער שידוך געשלאָסן געוואָרן. ר׳ נחמן האָראָדענקער איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל; דער בעל שם מיט האָדלען זענען אָפּ־געפאָרן אַהיים, מיטנעמענדיק מיט זיך ר׳ נחמנס קינד.

ווען האָדעלס טאָכטער, פייגע, איז גרעסער געוואָרן, האָט מען זי אויס־געגעבן פאַר שמחהן, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין בעל־שמס הויז און אין אויסגעוואָקסן אַ גרויסער חסיד און אַ גרויסער למדן.

דער זיווג איז עולה יפה געווען. עס האָבן זיך אָבער ביי זיי נישט גע־האַלטן קיין קינדער. דערווייל איז דער בעל־שם נסתלק געוואָרן. אין אַ צייט אַרום איז ער געקומען צו חלום זיין טאָכטער האָדעל. האָדעל האָט זיך פאַר אים שטאַרק געקלאָגט: פאַר אַלעמען ביסטו פועל ישועות און ביי מיין טאָכטער פייגען קומען אום די קינדער אײנס נאָכן צווייטן.

— ווייַן נישט, — האָט דער בעל־שם זי געטרייסט, — עס וועט ביי פייגן געבוירן ווערן אַ זון, זאָלסטו אים אַ נאָמען געבן נאָך מיר — ישראל. נאָך אַט דעם ישראל וועט ביי פייגען געבוירן ווערן אַ זון, וואָס וועט באַ־לויכטן די וועלט...

פייגע האָט אין אַ צייט אַרום געבוירן אַ זון. אויף זיין ברית האָט דער מוהל אויסגערופן: „ויקרא שמו בישראל״... האָט די באָבע האָדעל געענטפערט: ישראל. ווען פייגע, די מוטער פונעם קינד, האָט עס דער־הערט, איז זי אין חלשות געפאַלן, ווייל אין מעזשיבוזש (וואו דער בעל־שם מיט זיין משפחה האָט געוואוינט) האָבן אַלע געוואוסט, אַז קינדער, וואָס מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן ישראל, נאָכן בעל־שם, זענען אַלע אויס־געשטאָרבן. מען האָט אָבער גאָר נישט געקאָנט מאַכן. די באָבע האָדעל האָט געזאָגט: ישראל, ישראל און טאַקע נאָר ישראל. ווען אין טאָג פון שלישי למילה איז דאָס קינד ישראל אָפּגעשטאָרבן *), איז פייגע

---

*) די אגדה וועגן ר׳ ישראל איז פאַרצייכנט געוואָרן אויך דורך א. רעכטמאַן אינעם „לוח אחיעבר״ קובץ שני, ניו־יאָרק, תרפ״א. צוזאַמען מיטן אויבנגעבראַכטן באַקומט זי אָבער אַ גאַנץ אַנדער זין.

געקומען מיט גרויסע בכיות ויללות צו האַדלען, איר מוטער: וואָס האָסטו מיר געטאָן? איבער דיר איז מיין קינד געשטאָרבן...

די באָבע האַדעל האָט גענומען דאָס טויטע קינד, עס אָוועקגעלייגט אויפן בעל־שמס קבר און געזאָגט:

— איך וויל פון קיין זאַך נישט וויסן. האָסט מיר מבטיח געווען פאַר מיין טאָכטער פייגע אַ בן של קיימא, און אַט האָסטו אים פאַר זיך אַ טויטן.

איז אַריבער אַ טאָג, צוויי, דריי, מען האָט שוין אָנגעהייבן פאַרגעסן. מיט אַמאָל — דער קברן קומט צו לויפן אין שטאָט:

— שוין אַ פאָר נעכט, ווי מען קלאָגט מיט אַזאַ ביטער געוויין, אַז איך קאָן דעם פחד נישט אַריבערטראָגן...

זענען מענטשן פון שטאָט געגאַנגען אויפן בית־עלמין, באַזוכט די קברים און געפונען אַ וויינענדיק קינד אויפן בעל־שמס קבר. דאָס איז געווען — דאָס קינד ישראל...

מען האָט דאָס קינד אָוועקגעטראָגן צו דער מוטער. דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן אַ צדיק נפלא. עס האָט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גע־רעדט, האָט קיין שום חוש נישט געהאַט פאַר מילי דעלמא, נאָר איז טעג און נעכט אַרומגעגאַנגען אין הייליקער פרישות, ווי עס וואָלט צו דער וועלט קיין שייכות נישט געהאַט.

ער האָט דעריבער געהייסן: „רבי ישראל מת" און אויף זיין מצבה אין מעזשיבוזש זענען אויסגעקריצט געווען די ווערטער: „פה נטמן רבי ישראל מת, שמת בחייו".

נאָך אַט דעם רבי ישראל מת האָט פייגע געבוירן ר׳ נחמנען, דעם צדיק חי, וואָס האָט מגלה געווען אַלע עצות און דרכים, וואָס פירן צו ביאַת המשיח.

***

אַט די אגדה גיט אונדז דעם שליסל צו אַלע, אין פלוג משונהדיקע געננ פון ר׳ נחמנען בעת זיין ארץ־ישראל־רייזע.

מיר זעען פון אַט דער מעשה, וואָס איז אַ סך מער ווי אַ מעשה, אַז ר׳ נחמן איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם מענטש, וואָס דאַרף דערפירן צו אַ גמר זיין עלטער־זיידנס, דעם בעל־שמס, גאולה־פּרואוו. אין ליכט פון דער מעשה פאַרשטייען מיר ערשט די „מסעות הים". בפרטיות דער־פון — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל טז.

וואָס ר׳ נחמן האָט געזוכט און וואָס ער האָט דערגרייכט מיט זיין נסיעה

די בעש״ט־נשמות, וואָס טרעטן אויס אַ וועג פאַרן מלך המשיח. — פאַרוואָס דער בעש״ט האָט זיך געמוזט אומקערן פון זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל. — ר׳ נחמן באַשליסט מנצח צו זיין די קיטרוגים. — דער קאַמף קעגן דעם באַהאַלטענעם שונא. — מ׳דאַרף דעם שונא אַפּנאַרן און כסדר בייטן די פּאָזיציעס. — מיט דעם ווערן דערקלערט ר׳ נחמנס „מעשי־קטנות“. — פאַר־וואָס האָט ר׳ נחמן זיך באַלד געוואָלט אומקערן אַהיים? — דעם צדיקס דער־אָבערונג פון הייליקן לאַנד. — דער סוד פון די כיבושים. — דער גאַנג צו דער אויסלייזונג פון דער בת־מלך. — דאָס פאַרשטעלן זיך פאַר אַ פּראָסטאַק. — דער אוצר איז געראַטעוועט.

מען וועט קיינמאָל נישט אַריינדרינגען אין דעם קודש־הקדשים פון די בעש״ט־נשמות, וואו מען וועט נישט דערזען אין זיי — משיח־פאַרגייער. באַמערקט: נישט משיח־טרוימער, ווי מען דריקט זיך ביי אונדז געוויינלעך אויס וועגן גרויסע משיח־זוכער, נאָר טאַקע מענטשן, וואָס טרעטן־אויס אַ וועג פאַרן מלך המשיח. מיט וואָס? אייניקע מיט אומאויפהערלעכער מסירות־נפש, אַנדערע — מיט איבערערדישער אהבה און דביקות, נאָך אַנדערע — מיט בירורים און העלאת ניצוצות, אַ טייל — מיט זוכן נייע וועגן, ווי צו באַקעמפן די פינצטערקייט פון דער וועלט, אַ טייל — מיט אמונה פשוטה און מיט אומאויפהערלעכער תפלה, וואָס קומט פון עמקי המעמקים און דערגייט ביז גבהי מרומים, אַ טייל ווידער — מיט קדושת ארץ־ישראל, מיטן אומקערן די בת־מלך צו איר היכל, מיט אומקערן די שכינה צו איר וואוינונג אויף דער ערד.

ר׳ נחמן האָט געהערט צו די משיח־זוכער, וואָס גייען אויף אַ סך וועגן אויף אַמאָל צום הויפּט־ציל — מקרב צו זיין די גאולה פון דער וועלט

דורך דער גאולה פון ישראל. ער האָט געוואָלט צעיאָגן די געדיכטע טומאה־וואָלקנס דורכן גרויסן ליכט פון דעת, נאַטירלעך — נישט די „דעת״ פון די משכילים, נאָר דעת דקדושה. ער איז געווען דער גרויסער בעל־תפלה, ווידער־אויפלעבער און באַנייער פונעם אַלטן תהלים־גייסט; דער גרויסער פשטן, דער ייד מיטן באמת־צעבראָכענעם האַרץ, דער „עני כי יעטוף״, און אין דער זעלבער צייט — דער הימל־שטורמער, דער מלאכים־ און נשמות־באַזיגער, דער, וואָס וויל אַנטדעקן די לעצטע סודות פון דער בריאה. דאָס אַלץ איז ביי אים פאַראייניקט געווען מיט ארץ־ישראל, און נישט נאָר ארץ־העליונה, נאָר אויך — ווי ער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט — „טאַקע דאָס ארץ־ישראל מיט די שטיבער, מיט די הייזער״...

די נסיעה פונעם בעש״ט קיין ארץ־ישראל, זיין צוריקקערן זיך קיין חוץ־לארץ, ווייל „דער קטרוג איז זייער שטאַרק״; ר׳ נחמן האָראָדענקערס נסיעה מיט דער אגדה, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן; די מחותנשאַפט פון „בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה״ מיט „מלכות בית־דוד״; די פיל אגדות, וואָס ר׳ נחמן האָט זיך נאָך אַלס קינד אָנגעהערט וועגן זיינע זיידעס; דער גאונישער מוח מיט דער גרויס־דיכטערישער פאַנטאַזיע און דאָס געוויין און ווייטאָק פון דורות איבער צער השכינה; די תעניתים מיט דער פרישות מיט דער התבודדות אין פעלדער און אין היילן, — דאָס אַלץ האָט אים געמוטשט ברענגען צום געדאַנק: קאָן איך נישט אַליין זיין דער משיח, מוז איך אים אַראָפּברענגען... און טאָן דאַרף איך דאָס, וואָס מיינע זיידעס האָבן געטאָן, ווען זיי האָבן געוואָלט אים אַראָפּברענגען. זיי זענען צוליב דעם געפאָרן קיין ארץ־ישראל, מוז איך אויך אַהין פאָרן. זיי האָבן נאָך דעם לעצטן תכלית נישט דערגרייכט, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט מנצח־זיין אין גאַנצן די מקטרגים, מוז איך זיך מיט אָט די בייזע מחנות ווי־עס־איז אָן עצה געבן... זיי זענען געגאַנגען דורך אומוועגן... מוז איך זיי איבערקליגן און איבערשפּיצן... יעקב איז געווען דער „איש־תם״ און דווקא ער האָט צוגענומען ביי עשון אי די בכורה, אי די ברכות...

ר׳ נחמנס נסיעה קיין ארץ־ישראל איז געווען די נסיעה פון אַ מענטשן, וואָס פירט אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט אַ באַהאַלטענעם שונא. די נעץ פונעם שונא איז פאַרשפּרייט איבער גאָר דער וועלט און ער האָט אָן אַ

שיעור אויסשפּירער און אויסקוקער. דו מוזסט שטענדיק שטיין אויף דער וואך, באוואפנט פון קאפּ ביז פיס, נישט פארגעסן קיין איין רגע, אז דער שונא לויערט און וואַרט נאר אָפּ די גינסטיקע מינוט. דו מוזסט דעריבער קענען אָפּנאַרן דעם שונא. דו מוזסט קענען פאַלן אויף דער ערד, כדי די קויל פונעם שונא זאָל דיך נישט טרעפן. דו דאַרפסט קענען אָפּט בייטן דיינע פּאָזיציעס, כדי ווען דער שונא וועט באַשיסן איין פּאָזיציע, זאָלסטו זיך גאַר געפינען אויף אַן אַנדערער. דו דאַרפסט קענען אַרומרינגלען דעם שונא און אַטאַקירן אים. דו דאַרפסט קענען אַמאָל אָפּטרעטן און צוריק־גיין אין בעסטער אָרדענונג. דו דאַרפסט קענען אַלע שוואַכע זייטן דעם שונאס, וויסן, וואו און ווען צו באַפאַלן אים. קיינמאָל דאַרף דער שונא נישט וויסן דיינע אמתע פּלענער און די מיטלען, וואָס דורך זיי מיינסטו דיינע פּלענער דורכצופירן...

דערמיט ווערן דערקלערט די משונהדיקע דרכים פון ר׳ נחמנען, סיי ביי זיין פאָרן קיין ארץ־ישראל, סיי בעת זיין פאַרברענגען אין ארץ־ישראל, סיי בעת זיין צוריקפאָרן. דורכדעם לאָזט זיך פאַרשטיין זיין אַריינפאַלן פיל מאָל בעת דער נסיעה, ווי ער אַליין און זיינע תלמידים נאָך אים דריקן זיך אויס, אין מוחין דקטנות; זיין רייצן זיך מיט מענטשן און נישט אויס־זאָגן ווער ער איז; זיין מאַכן זיך קינדיש אין טייל מאָמענטן און שפּילן אין מלחמה מיט יינגלעך אין סטאַמבול, און, איבערהויפּט, די פּחדים, וואָס פלעגן אים אָפּט באַפאַלן, און די העכסטע אָנגעשטרענגטקייט פון זיין געמיט כמעט ווי יעדע רגע פון זיינע אַרומוואַנדלונגען.

עס איז דורך דעם צו באַגרייפן אויך דאָס, וואָס זעט אויס אַזוי משונהדיק אין אונדזערע אויגן: אַ מענטש פאָרט קיין ארץ־ישראל מיט אַזאַ מסירת־נפש, לעבט־איבער אַזוי פיל, גאָרט, ווי ר׳ יהודה הלוי אין זיין צייט, צו זען דאָס געגלוסטע לאַנד, און אָט, ווען ער קומט אָן קיין חיפה — שוין השיבנו נאַזאַד! ער וויל שוין אָפּפאָרן פון ארץ־ישראל. ער הייסט שוין זיין מענטשן דינגען אַ שיף צו פאָרן אַהיים. ער וויל אַפילו קיין טבריה נישט פאָרן. ער בלייבט אין ארץ־ישראל נאָר צוליב דעם, וואָס זיין מענטש האָט בשום אופן קיין חשק נישט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד איידער ער האָט „אָנגעזעטיקט זיין אויג מיט די הייליקע ערטער פון ארץ־ישראל”. בלויז מחמת דער עקשנות פון זיין מענטשן איז ר׳ נחמן געבליבן אין ארץ־ישראל אַ לענגערע צייט. פון זיין זייט וואָלט קיין מניעה נישט

געוועזן אָפּצופּאָרן פון ארץ־ישראל באַלד ווי ער האָט דאָרט פאַרבראַכט איייניקע שעה און איז דורכגעגאַנגען אַ געוויסן שטח. עס האָט אים אין פלוג נישט געאַרט אפילו דאָס, וואָס ער וועט אַזוי־ אַרום נישט זיין אויף די קברי־הקדושים און אויך נישט אויפן קבר פון זיין זיידן ר׳ נחמן האָראָדענקער. נאָכמער: אינעם רעכטן צענטער פון יידישער קדושה, אין ירושלים, איז ר׳ נחמן טאַקע נישט געוועזן, אַפילו נאָך דער עקשנות פון זיין מענטשן און נאָכדעם ווי צוליב פאַרשידענע סיבות איז ער געצוואונגען געווען צו פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט אין ארץ־ישראל. דאָס אַלץ קאָן דערקלערט ווערן נאָר דורכדעם, וואָס ר׳ נחמן האָט נישט גע־ קוקט אויף זיין ארץ־ישראל־רייזע, ווי אויף אַ סתם־נסיעה לשם מצוה און אַפילו צוליב משיג־זיין פאַר זיך הויכע מדרגות, און אויך נישט צוליב סתם חבת הארץ, ווי מען וואָלט עס היינט געזאָגט, נאָר אויסשליסלעך — „לשם כבוש הארץ״, ווי איך וואָלט זיך אויסגעדריקט.

כבוש? היתכן? האָט שוין ר׳ נחמן אין זיין צייט געאָנט דעם פּאָ־ ליטישן ציוניזם? און אויב יאָ אַזוי — ווי אַזוי האָט ער געמיינט „כובש״ זיין דאָס לאַנד? שוין־זשע מיט ליידיקע הענט?

ווען מען גייט אַריין אין דער אינערלעכער וועלט פון ר׳ נחמנען, באַ־ נעמט מען עס. ארץ־ישראל של מטה, „דאָס ארץ־ישראל מיט די שטיבער, מיט די הייזער״, קען אַנדערש נישט אויסגעלייזט ווערן, — לויט ר׳ נחמנ׳ען, ווי לויט אַנדערע מקובלים, — סיידן נאָר ווען עס וועט אויסגעלייזט ווערן די „ארץ העליונה״. דורכדעם, וואָס עס זענען אָבער דאָ פיל חוחים (דערנער), וואָס רינגלען אַרום די שושנה העליונה (אויבערשטע רויז — שכינה), קען נישט די ארץ־העליונה, און מיט איר אויך די ארץ־התחתונה, אויסגעלייזט ווערן, וואו עס וועט נישט קומען דער בעל־הכּרם (וויינ־ גערטנער) און נישט אויסראָטן די דערנער. ווער איז דער בעל הכּרם, צי דער בעל השדה (ווי ר׳ נחמן רופט אים אָן) אויף דער ערד? — דאָס איז לויט אים נישט קיין אַנדערער, ווי דער צדיק האמת, וואָס ער איז בבחינת משה־משיח. צדיקים, אפילו גרויסע צדיקים, זענען דאָ אין אַלע דורות. דער צדיק האמת באַוויזט זיך, אָבער, נאָר אין זעלטענע תקופות. אויף זיך האָט ר׳ נחמן געקוקט, ווי אויפן לעצטן צדיק האמת, וואָס דאַרף אויסטרעטן אַ וועג פאַרן לעצטן גואל. ער מוז גיין דורך פינצטערע וועלדער; ער מוז אויסהאַקן טויזנט־יעריקעביימער. ער מוז זיך אַראָפּ־

לאָזן מיט גרויסע סכנות אין אַלע טיפע תהומות, און ווייל ער איז דער צדיק האמת, ווייל ער דאַרף געבן דער קליפה דעם שטאַרקסטן קלאַפּ, גורט זי, די קליפה, אָן קעגן אים אַלע אירע כוחות, שיקט אַרויס קעגן אים אַלע שטאַרקסטע און געטרייסטע חיילות, באַוואָפנט מיט פיילן און גרייט צו טרעפן איר דם־שונא, דעם צדיק־האמת, גלייך אין האַרצן. דער צדיק האמת מוז דעריבער אָנווענדן קעגן איר אַלערליי מעגלעכסטע תחבולות.

און וויל ער צוקומען צו דער גאָר לעצטער נקודה, טאַקע צו גאולת הארץ, צום אויסלייזן די בת־מלך, וואָס איז ביי נישט־גוטע געפאַנגען, שווימען אַרויס פון אַלע הימלען און אַלע תהומות אומציילקע משטינים און מקטרגים אויף צו לייגן שטייגער אויפן וועג זיינעם, וואו ער קערט זיך נאָר און ווענדט זיך.

מוז זיך דער צדיק האמת אָפט מסתיר זיין, מוז ער זיך מאַכן פאַר אַ פּראָסטאַק און אַמאָל טאַקע פאַר אַ גאָר גרויסן פּראָסטאַק, און ווען מען דאַרף זייער נייטיק, טאַקע דאַן, ווען ער גייט גלייך באַפרייען די בת־מלך — פאַר אַ שטיק נישט (׳אַ שטיק בלאָטע״, ווי ר׳ נחמן האָט געזאָגט אַמאָל אויף ר׳ נתנען). אָט בין איך מיר סתם אַ נישטיק מענטשל, איך וויל גאָר־נישט און דאַרף גאָרנישט... אָט מאַך איך גאָר מעשה חוזק... אָט שפּיל איך גאָר מיט יינגלעך...

און האָט שוין ר׳ נחמן דאָס זייניגע דערגרייכט, איז שוין באַטרעטן די ערד פון ארץ־ישראל, האָט עס ביי אים געהייסן, אַז „צדיק״ האָט זיך פאַר־אייניקט מיט „ארץ״, „יסוד״ מיט „מלכות״, דערביי האָט ער דאָס לאַנד, על פי ההלכה, קונה געווען דורך חזקה, — מוז מען שוין קיין לענגערע שהיות נישט מאַכן, מוז מען זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן, כדי נישט צו וואַרפן זיך דעם שונא אין די אויגן...

און איז ער אַזוי פיל צרות און אומגליקן אויסגעשטאַנען ביים צוריק־קערן: געפאַנגענשאַפט אויף אַ טערקישער קריגס־שיף, שטורעמס, פאַר־פלייצונגען, טויט־שרעק, האָט עס אַלץ געהייסן, אַז מען וויל ביי אים אָפּרויבן דעם גרויסן הייליקן אוצר, וואָס ער האָט אין ארץ־ישראל דער־וואָרבן: דעם אָנזאָג פון גאולה און דעם וועג צו גאולה. פון דאַנען — אַלע גרויסע פּחדים, פון דאַנען אויך — די פּלוצלונג אויפגעברויזטע שמחה אין געוויסע מאָמענטן: דער אוצר איז געראַטעוועט און ער ווערט צו די ברידער געטראָגן...

קאַפּיטל יז.

די ערשטע באַגעגענישן נאָכן צוריקקער

די באַגעגעניש מיטן שפּאָלער זיידן. — דער אַלטער פאָלקס־רבי און דער יונגער משיח־אַראָפּברענגער. — די פריינטשאַפט צווישן זיי האָט זיך לאַנג נישט געהאַלטן. — ר' נחמן טרעפט זיך מיטן באַרימטן מגיד פון טירהאָוויצע, ר' יקותיאל, דעם חבר פון ר' נחום טשערנאָבילער. — דער מגיד האַלט ר' נחמנען פאַר זיין רבין. — ר' נחום טשערנאָבילער וועגן ר' נחמנען. — דעם טירהאָוויצערס איידעם ווערט ר' נחמנס חסיד. — אַ מעשה, וואָס באַווייזט דעם טירהאָוויצערס איבערגעגעבנקייט צו ר' נחמנען. — תורות מיט נייע, נאָך־ארץ־ישראלדיקע השגות. — אַ תורה וועגן דעם מענטשלעכן איך.

נאָכ'ן אומקערן זיך פון דער וויטער נסיעה אין זיין וואוין־שטעטל מעדוועדיווקע איז ר' נחמן געהאַט פאַרפאָרן אינעם שטעטל שפּאָלע (קיעווער גוב.). ער איז דאָרט איינגעשטאַנען ביים שפּאָלער זיידן.

דער „זיידע" איז געווען אַ פאָלקס־רבי, אַ צעזונגענער, אַ טאַנצנדיקער, אַ תדוהדיקער. נאָך געקענט אַליין דעם בעש"ט און זיך באַמיט נאָכצו־מאַכן זיינע הנהגות. ס'איז שווער צו וויסן, צי ער האָט זיך אַליין אַ נאָמען געגעבן זיידע, צי אַנדערע האָבן אים אַזוי אַ נאָמען געגעבן. דער נאָמען האָט צו אים אויסגעצייכנט געפּאַסט. ער האָט געטרייסט, גע־מוטיקט, עצות און רפואות געגעבן, געמאַכט שלום צווישן מאַן און ווייב, עלטערן און קינדער, איינגעשטעלט זיך פאַר די שוואַכע, געדראָט מיט „עונשים" די שטאַרקע, אָנגענומען זיך פאַר די באַוולהטע יידישע אָרענ־דאַרן. געוואוסט צו האַלטן אין אימה די פּריצים, וואָס האָבן זיך דער־לויבט צו שמייסן זייערע „מאַשקעס", אַנרייצן אויף זיי הינט און אַריינ־וואַרפן זיי מיט זייערע פאַמיליעס אין פינצטערע קעלערס. ווי אַנדערע גוטע יידן פון זיין דור, פלעגט ער, דער שפּאָלער זיידע, אויך צעטיילן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, צווישן אָרעמע לייט.

ווי אַן עכטער פאָלקס־רבי, איז ער אויך שטענדיק געווען אַ מליץ־יושר פאַר יידן און פלעגט זיך שטענדיק אויסטענהן פאַרן רבונו־של־עולם: וואָס ווילסטו פון דיין פאָלק ישראל? אַן אַנדער פאָלק אויף זיין אָרט וואָלט אין אַזאַ ביטערן גלות אַפילו קיין איין מצווה נישט מקיים געווען, און דיין פאָלק ישראל איז דאָך מקיים מצוות און טוט אַזוי פיל מעשים טובים... עס ווערט אויף אים דערציילט, אַז אין אַ הונגער־יאָר האָט ער געגומען און געמאַכט אַ דין־תורה מיטן רבונו־של־עולם, אַוועק־געזעצט גרויסע צדיקים אַלס דיינים און פאַר זיי אָנגעקלאָגט דעם איי־בערשטן: ס׳טייטש! פאַרוואָס גיט ער קיין מזונות נישט זיינע יידן?

ווען דער שפּאָלער זיידע האָט דערזען פאַר זיך ר׳ נחמנען, האָט ער אים אויפגענומען מיט דער גאַנצער חדוה, געמאַכט פאַר אים אַ סעודה כּיד המלך און פאַרבעטן אַלע חשובי־העיר. ווען עמעצער פלעגט אַריינ־קומען אין שטוב, פלעגט דער אַלטער אויפשפּרינגען און זאָגן מיט התפּעלות: איר זעט? איר ווייסט דאָך, אַז איך עס ביינאַכט גאָרנישט, נאָר צוליב דעם טייערן גאַסט — עס איך.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען פאַרבראַכט אין תורה און אין רקודים. איינ־דערפרי האָט מען זיך געזעגנט איינער מיטן צווייטן מיט גרויס ליב־שאַפט.

די ליבשאַפט צווישן דעם אַלטן פאָלקס־רבי און דעם יונגן משיח־אַראָפּברענגער האָט זיך אָבער לאַנג נישט געהאַלטן. ווען ר׳ נחמן האָט זיך אין אַנדערטהאַלבן יאָר אַרום באַזעצט אינעם שטעטל זלאַטאָפּאָליע, נאָענט צו שפּאָלע, איז צווישן די צוויי רביים אויסגעבראָכן אַ פייערדיקע שנאה. דערפון וועט נאָך דערציילט ווערן שפּעטער.

דערווייל איז נאָך געווען שלום ושלוה. דער אַלטער פון שפּאָלע האָט נאָך נישט דערזען די אָדלער־פליגלען פונעם יונגן הימל־שטורמער.

אַ באַזונדערס גרויסע שמחה האָט ר׳ נחמן איבערגעלעבט בעת זיין צוזאַמענטרעפן זיך מיטן מגיד פון טירהאָוויצע. דער מגיד איז געווען אַ חבר פון ר׳ נחום טשערנאָבילער זצ״ל (דער מחבר פון „מאור עינים״, דער פאָטער פון דער טשערנאָבילער רבישער דינאַסטיע). אַמאָל פלעגט דער טירהאָוויצער מגיד (ר׳ יקותיאל האָט ער געהייסן) פאָרן צו ר׳ נחומען אויף שבת און אַמאָל פלעגט ר׳ נחום פאָרן צו אים אויף שבת. די גייסטיקע השפעה פונעם מגיד האָט זיך געלאָזט פילן, ווי די בראַסלאַווער

חסידים גיבן איבער, אין פיר און אַכציק שטעט, און די רביים פון זיין צייט האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ גרענעץ־וועכטער, ווייל ער דערלאָזט נישט, אַז דער אַפּיקורסישער גייסט פון כערסאָנער גובערניע זאָל אַריינדרינגען אין קיעווער גובערניע (דאָס שטעטל טירהאָוויצע האָט זיך געפונען אויף דער גרענעץ צווישן די ביידע גובערניעס).

בשעת ר׳ נחמן האָט אָנגעהייבן פירן רבישאַפט, איז דער טירהאָ־וויצער מגיד געווען אין טיפער עלטער. נישט קוקנדיק וואָס ער איז געווען זייער אַלט און שטאַרק פאַרהייליקט נישט נאָר ביים חסידישן המון, נאָר אויך ביי די גרעסטע רביים פון זיין צייט (עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אַליין דער שאַפער פון חב״ד — הרב מלאַדי — האָט ביי אים גענומען הסכמה אויף זיין סידור) און ר׳ נחמן איז נאָך געווען זייער יונג און ווייניק אָנגענומען, איז ער צו אים, צו ר׳ נחמנען, געפאָרן ווי אַ תלמיד צו אַ רבין.

איין מאָל איז דער טירהאָוויצער מגיד געפאָרן צו ר׳ נחמנען צו־זאַמען מיט ר׳ נחום טשערנאָבילער און ער האָט פאַר ר׳ נחומען אין די אויגן געזאָגט צו ר׳ נחמנען: איר זענט מיין רבי. דערנאָך האָט ער וועגן ר׳ נחמנען אַזוי געזאָגט: ער באַהאַלט זיך אויס פון גאַר דער וועלט, און פון מיר — נאָך מער. ער וועט זיך אָבער פון מיר נישט אויסבאַהאַלטן. איך ווייס, אַז איך וועל צוליב אים האָבן אויף מיר גרויס מחלוקת. מען וועט אין מיר שיסן פון אַלע זייטן און מען וועט מיר וואונדן מאַכן — צעשאָסן זאָל איך ווערן און פונעם אמת וועל איך נישט אָפּטרעטן!

ר׳ נחום טשערנאָבילער גופא האָט וועגן ר׳ נחמנען קורץ געזאָגט: ער איז אַ יפה־עינים.

דער טירהאָוויצער מגיד האָט געהאַט אַן איידעם, ר׳ יצחק אייזיק, אַ גרויסער יחסן, אַ גרויסער למדן און צדיק. רופט זיך אַמאָל אָן דער מגיד צו זיין איידעם: קינד מיינס, יעדער מענטש מוז האָבן אַ רבין. ענטפערט אים ר׳ יצחק אייזיק: איר זענט מיין רבי.

— ניין, — ענטפערט אים דער מגיד, — אַן אייגענעם קען מען נישט מאַכן פאַר קיין רבין.

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן?

— פאָר צו אַלע רביים און ביי מיין רבין זאָלסטו אויך זיין. קוק זיך

נאָר אײן אין יעדן אײנציקן פון זײ מיטן עין האמת און קליב דיר אויס פאַר אַ רבין דעם, װאָס װעט דיר געפעלן װערן באַזונדערס.

ר' יצחק אײזיק האָט אַזױ געטאָן און איז געװאָרן אַ תלמיד פון ר' נחמנען...

איצט, בײם צוריקקערן פון ארץ־ישראל אַהײם, איז ר' נחמן פאַרבײ־געפאָרן דעם מגידס שטאָט. װען ער איז דורכגעפאָרן די בריק, װאָס פירט צו דער שטאָט, האָט אים אײנער פונעם מגידס חסידים דערקענט און זיך שטאַרק דערשראָקן. ר' נחמן האָט דאָן צוגערופן צו זיך דעם חסיד און אים געהײסן זאָגן דעם מגיד בסוד, ער זאָל צו אים, ר' נחמנען, צופאָרן אין אַ דערפל, אַ האַלב מײל װײט פון שטאָט. דער חסיד איז געלאָפן מיט גרױס בהלה צום מגיד. דער מגיד איז געשטאַנען דרױסן אין דער בלױזער יאַרמלקע, אָן אײבערשטן הוט און אָן אַ גאַרטל, און גע־שמועסט מיט מענטשן. װען ער האָט דערהערט, אַז ר' נחמן איז געקומען, האָט ער פון גרױס פרײד און פון גרױס התפעלות נישט געװאוסט, װאָס מיט אים טוט זיך. דעם חסיד האָט ער געהײסן אײנשפאַנען די פערד אין זײן קאַרעטע און אַלײן איז ער געלאָפן גאַלאָפּ, אָן אײבערשטן הוט און אָן אַ גאַרטל, צו זײן רבין — רבי נחמנען. ער איז אַזױ האַסטיק געלאָפן, אַז ער איז צו זײן רבין אָנגעקומען נאָך אײדער די שנעל־לױפנדיקע פערד האָבן באַװיזן אָנצוקומען...

**
*

װען ר' נחמן האָט זיך אומגעקערט אין זײן שטעטל מעדװעדיװקע, האָט ער װידער געפירט רבישאַפט, װידער געזאָגט תורות, אָבער אין אַ נײעם גײסט, מיט נײע ארץ־ישראל־השגות.

בײ זײן אָנקומען אַהײם האָט ער שבת געזאָגט תורה אויפן פסוק: „עשה לך שרף ושים אותו על נס", און צו שלוש־סעודות — אויף דעם פסוק „כי תעבור במים אתך אני". דער תוכן פון דער לעצטער תורה איז, אַז דער אײבערשטער איז „סתים וגליא" (פאַרהוילן און אַנטפּלעקט) און די תורה איז אויך — „סתים וגליא". „סתים איז — די פנימיות — שטרעבן דאַרף דער מענטש נאָר צו פנימיות. װי אַזױ קען ער עס דערגרײכן? — דורך תפלה לשמה, דורכן פאַרבינדן די מחשבה צום דבור מיט אַ שטאַרקן און פעסטן בונד. דער אײבערשטער איז אַ חפץ חסד און ער איז גרײט

משפיע צו זיין אַלע גוטע השפעות און ברכות אויף יעדן איינציקן. כדי מקבל צו זיין אָט די השפעות און ברכות, מוז מען אָבער האָבן אַ כלי, וואָס פאַר אַ כלי? דאָס איז דער „אני" („איך") פונעם מענטשן. ווען דער „איך" איז בשלמות, ווען דער „אני" איז אונטערגעוואָרפן דעם רצון העליון, ווען ער איז אַזוי־אַרום בבחינת צדיק (און יעדער ייד קען עס זיין, ווי עס שטייט: „ועמך כולם צדיקים"), איז ער אַ כלי אויף צו מקבל זיין אַלדאָס גוטס און צו דערגרייכן צום רעכטן עיקר — פנימיות התורה. „כי תעבור במים" („אין מים אלא תורה") ווערסטו „אתך", מיטן אייבערשטן פאַר־איייניקט, דורך דער שלימות פון „אני".

קאַפּיטל יח.

צווישן הויכע בערג

ר׳ נחמן פאָרט איבער די גרויס־רבישע הויפן פון וואָלין און ווייס־רוסלאַנד. — דער תירוץ — און דער אמתער זין פון די נסיעות. — ווי האָלט עס מיט די אַנדערע רביים? — ר׳ נחמנס נסיעה צום רב מליאַדי. — נישטאָ קיין באַשטימטע פּרטים וועגן יענער נסיעה. — די באַגעגעניש מיטן נעסכיזשער מגיד. — ר׳ מרדכי נעסכיזשער און די מופתים, וואָס ער האָט געוויזן. — דער חוזה פון לובלין פאָרט צו מרדכי בן־גיטל. — דעם מגידס קול־קורא וועגן דעם מצב פון די ארץ־ישראל־יידן. — דער שמועס צווישן דעם אַלטן רבין און דעם יונגן. — מען רעדט וועגן זעאונגען און וועגן מטטרון שר־הפנים. — ר׳ נחמן טענהט, אַז — „נישט אַזוי זעט מען״ — די מרכבה־שמועסן צווישן די צוויי זעער קומען אָן צום אָליקער צדיק ר׳ הירש. — ר׳ הירש אָליקער און דער רבי ר׳ ברוכל. — פיר „חד בדראס״. — ר׳ נחמנס שמועס מיט ר׳ הירש אָליקער. — אַ מאמר אין מגילה. — ר׳ נחמנס שאַרפקייט רופט אַרויס די קעגנערשאַפט פון גרויסע רביים. — וואָס ר׳ נחמן האָט געזאָגט וועגן זיך. — ווער איז דער ערשטער בעטלער אין דער מעשה מיט די זיבן? — די ראשי־תיבות פון „ראש בית ישראל״. — ר׳ נחמנס אַ וואָרט צו ר׳ אהרן פון בראַסלאַוו. — פון מדרגה צו מדרגה.

נאָכדעם, ווי ר׳ נחמן האָט אָפּגערוט פון זיין לאַנגן שטורעם־וועג, האָט ער זיך ווידער געלאָזט וואַנדערן. דאָסמאָל שוין נישט אין מרחקים, נאָר איבער די גרויס־רבישע הויפן פון וואָלין און ווייס־רוסלאַנד.

דער אויסרייד איז געווען: ער דאַרף באַזאָרגן די פאַרהונגערטע חסידים אין ארץ־ישראל. ר׳ אברהם קאַליסקער האָט אים געבעטן, אַז באַלד ווי ער וועט קומען בשלום אַהיים, זאָל ער אַלאַרמירן אַלע גרויסע רביים אין פּוילן און רוסלאַנד וועגן די צרות, וואָס עס שטייען־אויס די „יושבים לפני ד׳״ אין ארץ־ישראל, זייער הונגער, זייער עלנט, זייער פּיין, די משונהדיקע שטייערן, וואָס זיי דאַרפן צאָלן, אַ חוץ וואָס זיי זענען אונטערגעוואָרפן דער ווילקיר פון די פּאַשאַס מיט זייערע סריסים, קנעכט און הויז־מוסרים, וואָס דערציילן זיי פון יעדן גראָשן, וואָס אַן ארץ־ישראל־ייד באַקומט פון

חוץ־לארץ. ער, ר׳ נחמן, האָט אויך באַדאַרפט מאַכן שלום צווישן ר׳ אברהמען און דעם רב מלאַדי, וואָס האָבן געפירט אַ שאַרפע מחלוקת איבער די ארץ־ישראל־געלטער.

אין תוך איז אָבער ר׳ נחמן מיט אָט די נסיעות גאָר עפּעס אַנדערש אויסן געווען. ר׳ נחמן האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז נאָר ער האָט דעם אמתן שליסל צום שער השמים; אַז נאָר ער ווייסט דעם איינציק־ריכטיקן וועג צום מלך המשיח; און אַז נאָר ער איז דער צדיק האמת, וואָס איז משיחס פאָרגייער.

אין זיינע יוגנט־יאָרן האָט ר׳ נחמן געהאַט נאָר אָנונגען פון דעם; אין זיינע רייפערע יאָרן איז ביי אים די פאָרשטעלונג וועגן זיין הויכער באַשטימונג פעסטער געוואָרן; די איבערלעבונגען זיינע בעת דער ארץ־ישראל־רייזע האָבן אין אים נאָך מער פאַרשטאַרקט די פלאַמענדיקע גדלות־המוחין־פאַרשטעלונגען.

אויב די זאַך איז אָבער אַזוי — פאַרוואָס זיצט ער אין עפּעס אַ פאַר־וואָרפן שטעטל פון פאָדאָליע? פאַרוואָס פאַרבעט מען אים נישט אַלס מגיד (אַמאָל האָבן די גרויסע רביים, באַזונדערס אין פאָדאָליען און וואָלין, געהייסן איינפאַך: „מגידים״) אין אַ וואָסער־עס־איז גרויסער שטאָט? און אויב ס׳איז אויף אים נגזר געוואָרן צו וואוינען דווקא אין אַ קליין שטעטל —פאַרוואָס קומען נישט אַלע גרויסע רביים צו אים? פאַרוואָס זענען זיי נישט „משכימים לפתחו״? און ווי האַלט עס בכלל מיט יענע רביים? זענען זיי טאַקע אַלע אַזוי גרויס, ווי מען זאָגט וועגן זיי, — טאָ פאַרוואָס באַלייכטן זיי נישט די גאַנצע וועלט? פאַרוואָס ברענגען זיי טאַקע משיחן נישט אַראָפּ? פאַרוואָס באָדן זיך מענטשן אין אַ ים פון בלוט? פאַרוואָס שיטן זיך שרעקלעכע גזירות אויף יידישע קעפּ? פאַרוואָס קען קיינער פון די גרויסע רביים נישט אָפּווענדן אָט די גזירות? און, ווידער, אויב ער, ר׳ נחמן, איז טאַקע דער איינציקער „צדיק האמת״, איז וואָס זענען יענע גרויסע רביים? צדיקים, חכמים, גרויסע גוטע יידן קענען זיין אין אַ גרעסערן מספּר; דער, וואָס איז אָבער דער משה פונעם דור (צי פון דורות), דער משיח־אַראָפּברענגער — ער קען דאָך נישט זיין מער ווי איינער...

זיין ערשטע רייזע איז געווען, קענטיק, צום רב מלאַדי. וואָס האָט ער דאָרט,ביים רב, געזען, געהערט, איבערגעלעבט, געשמועסט, — וועגן

דעם אַלעמען גיבן ר׳ נחמנס תלמידים נישט איבער קיין באַשטימטע זאַך. דערפאַר דערציילן זיי אין אַ זייער דערהויבענעם טאָן וועגן דעם גרויס־אַרטיקן קבלת־פּנים, וואָס ער האָט געהאַט ביים נעשכיזער מגיד און ביי ר׳ הירש אַליקער.

ווער איז געווען דער נעשכיזער מגיד?

דער נעשכיזער האָט זיך אַפילו צווישן די גרויסע רביים אויסגעצייכנט מיט זיינע מופתים. ווי ס׳איז באַקאַנט יעדערן, וואָס ווייסט מער אָדער ווייניקער די געשיכטע און די ליטעראַטור פון חסידות, האָבן די גרויסע רביים ניט געלייגט קיין באַזונדערע אַכט אויף מופתים. דער המון איז פון די מופתים שטאַרק נתפעל געוואָרן און האָט זיי דערציילט און נאָכדערציילט מיט גוזמאות און נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע איינצלהייטן. די רביים גופא, באַזונדערס די גרויסע צווישן זיי, האָבן געהאַלטן, אַז באַלויכטן און אויפהויבן אַפילו איין יידישע נשמה, ווי עס געהער צו זיין, האָט מער ווערט פון אַלע מופתים צוזאַמען. דער רב מלאַדי פלעגט זאָגן: „בשעת מיר זענען געווען ביים מגיד (געמיינט: דעם מעזעריטשער), פלעגן מיר שעפּן רוח־הקודש עמערוויז און מופתים האָבן זיך געוואַלגערט אונטער די בענקלעך און מיר האָבן זיי נישט געוואָלט אויפהויבן״. ענלעכע אויס־דרוקן ווערן איבערגעגעבן אין נאָמען פון אַנדערע רביים. ר׳ מענדל קאָצקער זאָל אַפילו האָבן געזאָגט: „אותות ומופתים באדמת בני חם — נאָכדערציילטע מופתים איז אַן ענין פאַר פויערן״... די מופתים פונעם נעשכיזער מגיד האָבן אָבער געהאַט אַזאַ פּרסום, אַז אַפילו די גרעסטע רביים פון זיין צייט זענען פון זיי אַריין אין געוואַלדיקער התפעלות.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, וואָס דער נעשכיזער מגיד (רבי מרדכי האָט ער געהייסן — אַ תלמיד פון ר׳ מיכל זלאָטשעווער) האָט גע־וואָלט נישט מער און נישט ווייניקער, ווי באַווייזן בחוש, סיי פאַר יידן, סיי פאַר נישט־יידן, אַז ס׳איז דאָ אַ פאַרבאָרגענער כח, וואָס שטייט איבער אַלע כוחות פון דעם, וואָס מען רופט־אָן נאַטור, אַז אָט דער פאַרבאָרגענער כוח איז דער „כוח כל הכוחות און שורש כל השרשים״, אַלץ קומט נאָר פון אים, אַלץ ווערט נאָר פון אים באַלעבט און אַלץ קערט זיך אום צו אים. אָט דער כוח טמיר ונפלא לינדערט און היילט אַלע צרות און קרענק, ווען מען איז דבוק צו אים מיט גרויס אמונה און תמימות און מען לעבט אין קדושה וטהרה.

דער מגיד האָט דעריבער, באַלד ביי זיין אָנקומען קיין נעשכיז, גע־לאָזט אַלעמען וויסן, אַז מיטן דבר ד׳ היילט ער קראַנקע און העלפט אַלע ליידנדיקע.

אַנדערע גרויסע רביים פון זיין דור פלעגן מיט די איינפאַכע, ריין־חומרדיקע ליידן פון יעדן יחיד גאָרנישט וועלן האָבן צו טאָן. דער רב פון לאַדי, למשל, האָט געענטפערט אַלע די, וואָס האָבן זיך געווענדט צו אים מיט געשרייען וועגן יחידישע, ריין־מאַטעריעלע אינטערעסן, מיטן: „התחת אלקים אָנכי?״ אַנדערע, די, וואָס פלעגן זיך אַמאָל יאָ אָפּגעבן מיט די גשמיותדיקע ענינים פון זייערע אָנהענגער, פלעגן עס מאַכן נאָר אין געוויסע שעהן, אָדער האַלבע שעהן, פון טאָג, און ערשט נאָך השתדלותן, בכיות און „פדיונות״ מצד די בעטער. דער נעשכיזער מגיד האָט אָבער ברייט געעפנט די שערי־רחמים פאַר אַלעמען: קומט און ווערט גע־האָלפן!

קראַנקע און צרותדיקע, פון לעבן מידע און באַליידיקטע מענטשן פעלן דאָך נישט. האָבן זיך טויזנטער אַ לאָז־געטאָן צו אים, יעדער מיט זיין פעקל צרות. לאַנגע שורות מענטשן פלעגן שטיין ביי זיין הויז און אויף גאַנצע וויאָרסטן פלעגן זיך ציען פויערישע פורלעך, וואו ס׳פלעגן ליגן קאַליקעס, בלינדע און קראַנקע, און ער פלעגט פאַר יעדן בעטן, געבן רפואות און באַרואיקן מיט גוטע רייד.

די וואונדער־אַרבעט פונעם נעשכיזער האָט זיך געצויגן אַ משך פון דריי יאָר. נאָך די דריי יאָר האָט ער געזאָגט: „גענוג! מער דאַרף איך שוין נישט. איך האָב שוין גענוג באַוויזן די נפלאות ד׳״. אָט דער איש־מופת פלעגט באַזוכט ווערן פון אַלע קדושי־עליון אין זיין צייט. זיי פלעגן האַלטן פאַר אַ גליק צו שליסן פריינטשאַפט מיט אים און מקבל־זיין פון אים אַ ברכה. וועגן חוזה פון לובלין, אַ שטייגער, ווערט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל דערהערט אַ הימלישן כרוז: „מרדכי בן גיטל — בלתי לד׳ לבדו״ (מרדכי בן גיטל איז אין גאַנצן נאָר דעם אייבערשטן איבער־געגעבן) און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער שטעט און שטעטלעך צו זוכן אָט דעם מרדכי בן גיטל, ביז ער האָט אים געפונען אין נעשכיז און האָט מיט אים געהאַט (לויט ווי עס דערציילט ר׳ מרדכיס זון, ר׳ יצחק נעשכיזער, וועלכער איז נאָך דאַן אַ יונג קינד געווען און איז נאָכגעגאַנגען זיין פאָטער מיטן חוזה אין פעלד) אַ פאַרבאָרגן־רבישן שמועס.

צו אַט דעם מגיד איז עס ר׳ נחמן געפֿאָרן, ווען ער האָט אָנגעהייבן דערפֿילן די הבטחה, וואָס ער האָט געגעבן ר׳ אברהמען אין ארץ־ישראל, און האָט צוגלייך באַשלאָסן זיך צו פֿאַרמעסטן אין כוחות מיט די גרעסטע רביים פֿון זיין צייט.

נאָך אין יאָר תקכ״ו האָט דער נעשכיזער מגיד אַרויסגעלאָזט אַ קול־קורא וועגן דעם פֿיינלעכן מצב פֿון די ארץ־ישראל־יידן, וועגן דער גרויסער מצווה צו שטיצן זיי און וועגן דעם, אַז עס ליגט אַ הייליקער חוב אויף יעדן יידן צו צאָלן וואָך ביי וואָך אַ סכום פֿאַר די „עניי ארץ הקדושה״.

אַ פֿאַר שטעלן פֿון יענעם קול־קורא זענען שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן מגיד:

„היתה לי ידיעה ברורה מגאוני זמננו היושבים בארץ הקדושה וגודל צער בת רבים וגודל הדחקות שלהם אשר אין להעלות על הכתב, ומעות הכולל מהמדינה איננו מגיע לכל אחד לפי הטף, נלאיתי נשוא וכו׳ — מאין יבוא עזרם, וכו׳. — אי לזאת נפשי בשאלתי לחלות על אלה אשר מארצם יצאו לשבת בארץ־הקדושה ת״ו להכינה, וכו׳, וכו׳.

„נא ונא, אהובי אחי ורעי, שימו נא ליתן תוקף ועוז ולהתאמץ בכל התאמצות בכל האפשר וכו׳, וכל שיתלהב לבו בקרבו בכל טצדקאות והתאמצות בכדי להביא נדבה לדבר מצוה זו, אני מוכן להתפלל בעדו ובעד כל אשר לו, ומעתה הנני טוען ברכה במקומו, שירום קרנם ומזלם מעלה מעלה, דרך סלולה, עד כי יבוא שילה״.

ער צאָלט, הייסט עס, במזומנים, באַלד אויפֿן אָרט: פֿאַר דיין גוט האַרץ, פֿאַר דיין התלהבות און אַרבעט פֿאַר די עניי ארץ־ישראל, האָסטו מיין תפילה און מיין ברכה, וואָס וועט דיך באַגלייטן ביז משיח וועט קומען.

צו וועמען־זשע זאָל ר׳ נחמן פֿאָרן מיט זיין אַלאַרם וועגן די יסורים, וואָס די ארץ־ישראל־יידן שטייען אויס, אויב נישט צו אַזאַ גייסטיקן באַשיצער זייערן ווי דער נעשכיזער מגיד? דערצו וועט ער זיך נענטער צוקוקן צו יענעם, וואָס די וועלט דערציילט זיך אָן וועגן אים אַזוי פֿיל אותות ומופתים, אפֿילו מעשיות וועגן תחית המתים...

אָנגעקומען איז ר׳ נחמן צום נעשכיזער אין די לעצטע טעג פֿון זייך, דעם מגידס, ערדישן לעבן. דער מגיד איז געלעגן שווער קראַנק אויף די פֿיס. פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון זיין קרענק זענען די פֿענצטער פֿון

זיין חדר געווען פאַרהאַנגען, ווייל ער האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די שטראַלן פון דער זון. ער האָט אויך נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם ריח פון געקעכץ. זיין איינציקע שפייז איז געווען אַביסל זופּ, וואָס מען פלעגט אים ווען־עס־איז צוטראָגן נאָכדעם, ווי מען האָט עס פיל מאָל איבערגעזייט.

ווען מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ר׳ נחמן איז געקומען, איז ער מלא־שמחה געוואָרן. ער האָט מיך ממש מחיה געווען, וואָס ער איז געקומען, — האָט ער זיך געפרייט.

ווען ר׳ נחמן איז אַריין צו אים אין חדר, האָט ער אים אויפגענומען מיט כבוד און מיט ליבשאַפט אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך. מען האָט זיך גלייך צעשמועסט וועגן אַלערליי מראות וחזיונות פון גרויסע צדיקים, וועגן די השגות, וואָס זיי זענען דאָן משיג און — מענין לענין — טאַקע וועגן דעם מלאך מט״ט (מטטרון שר־הפנים).

נאָך דעם שמועס האָט דער מגיד געהייסן גרייטן צום טיש ביי אים אין שטוב. כאָטש ער האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן דעם ריח פון געקעכץ, האָט ער זיך מחמת ליבשאַפט צום גאַסט אויפגעהויבן פון קראַנקן־בעט, אָנגעטאָן אַ כאַלאַט, מיט גאָלד געשטיקט, איז אַריין אין עס־חדר און זיך געזעצט צום טיש. ער האָט פאַרבעטן דעם גאַסט, ער זאָל ביי אים שבת האַלטן. ווי עס ווייזט אויס, האָט ר׳ נחמן אָנגענומען די פאַר־בעטונג. שפּעטער האָט דער מגיד צוגעשיקט ר׳ נחמנען צען רענדלעך אַ פדיון. ר׳ נחמן האָט געזען (ווי עס גייט איבער די בראַסלאַווער מסורה), אַז דער מגיד וואָלט נאָך געקענט לעבן בלייבן בתנאי, ווען ער וואָלט צע־טיילט זיין גאַנץ פאַרמעגן. אַזוי ווי מען קען אַזעלכעס אַ מענטשן נישט פאַרלייגן, האָלט עס שוין לאחר גזר דין.

ווען ר׳ נחמן איז אָפּגעפאָרן פון נעשכיז, איז דער מגיד געגאַנגען באַגלייטן אים, נישט געקוקט אויף זיין צושטאַנד פון ערב־גסיסה. ביים צוריקקערן זיך זאָל דער מגיד האָבן געזאָגט: „ווען איך זאָל מער נישט באַשאַפן ווערן, ווי נאָר, אַז ר׳ נחמן זאָל ביי מיר איבערטרעטן די שוועל, איז אויך גענוג״.

פון דעם, וואָס איז ביז איצט דערציילט געוואָרן לויט דער בראַסלאַווער מסורה, קען געשאַפן ווערן דער איינדרוק, אַז צווישן די צוויי וואונדער־מענטשן, דער נעשכיזער מגיד און ר׳ נחמן, איז געווען אַ פולע האַרמאָניע

און אַ פולע אחדות אין דעות. פון דעם, וואָס די זעלבע מסורה דערציילט אָבער לפּי תומה ווייטער, זעט מען גאָר עפּעס אַנדערש.

„ער, — ווערט ווייטער דערציילט, — האָט געהאַט גרויסע וכוחים מיט הרב הקדוש פון נעשכיז, וועלכער איז געווען שטאַרק מפורסם אין דעם ענין, און אונדזער רבי ז״ל האָט געזאָגט, אַז נישט אַזוי דאַרף מען זען חזיונות״.

„איינמאָל האָט ער (דער מגיד) געשיקט צו אים מענטשן און זיי באַפוילן: „זאָגט אים, אַז איידער ער איז אַריינגעקומען אין שטאָט, האָב איך געזען דעם מלאך מט״ט און אַזוי און אַזוי האָב איך אים געזען״. דער רבי ז״ל האָט אָבער געענטפערט: „נישט אַזוי זעט מען אים״.

לויט אַן אַנדער ווערסיע, זאָל דער נעשכיזער מגיד אַליין האָבן געזאָגט ר׳ נחמנען, אַז ער האָט געזען בפועל ממש דעם מלאך מט״ט און ר׳ נחמן זאָל אים האָבן געענטפערט, אַז נישט אַזוי זעט מען אים.

נאָך אַ נוסח. דער נעשכיזער זאָל האָבן געזאָגט: אַזוי און אַזוי האָב איך דעם מלאך מט״ט געזען, און ר׳ נחמן זאָל האָבן געענטפערט: איך האָב אים גאַנץ אַנדערש געזען און מיין זעאונג איז די ריכטיקע.

אַט די מרכבה־שמועסן צווישן די צוויי זעער זענען אָנגעקומען צום צדיק פון אַליק, ר׳ הירש, וואָס איז שטאַרק אַריינגעטאָן געווען אין איבערערדישע זעאונגען און האָט געהאַט וועגן זיך זייער אַ הויכע מיינונג, ווי עס איז צו זען פון זיין שמועס מיטן רבין ר׳ ברוך מעזשיבוזשער, וועלכער האָט געגלויבט, אַז נאָר ער, אַלס אייניקל פונעם בעש״ט, איז דער אייציקער רבי אין זיין דור. (דאָס מאַכט אים נישט קליין — שוואַכקייטן האָבן אויך די גרעסטע).

ר׳ ברוך האָט געהאַלטן, אַז יעדער איינציקער, וואָס קומט־אַריין צו אים אין הויז, מוז אים אָנערקענען אַלס רבי איבער זיך. קיין גלייכן צו זיך האָט ער בשום אופן נישט אָנערקענט. ווען דער רב מלאַדי איז צו אים אַריינגעקומען, בעת ער, דער רב, איז אַרויסגעפאָרן זאַמלען געלט לטובת די ווייס־רוסישע ישובניקעס, וואָס מען האָט אַרויסגעיאָגט פון די דערפער, האָט ער געהאַלטן אין איין טענות האָבן צום רב, הלמאי ער האַלט זיך פאַר אַ רבין, בעת דער אמתער רבי איז נאָר ער, ר׳ ברוך, ווייל ער איז דעם בעל־שמס אייניקל. דער רב האָט אים דערויף געענטפערט:

איר זענט דעם בעש״טס אייניקל אין גשמיות און איך בין זיין אייניקל אין רוחניות.

ווען ר׳ הירש אַליקער איז אַמאָל געקומען צו ר׳ ברוכן, האָט ער גע־וואָלט אַריין צו אים בפירוש נישט ווי אַ חסיד צו זיין רבין, נאָר ווי איין רבי צום צווייטן. האָט ר׳ ברוך באַפוילן, אַז ווען ר׳ הירש וועט אַריין אין צימער, זאָל זיך דאָרט קיין איין בענקל נישט געפינען צום זעצן זיך. ר׳ הירש האָט זיך אָבער פריער באַוואָרנט און געהייסן זיין שמש מיטצונעמען מיט זיך אַ בענקל און אַריינטראָגן עס אין ר׳ ברוכס חדר אַריין, באַלד נאָכדעם, ווי ער וועט מקבל שלום זיין פון ר׳ ברוכן.

ר׳ ברוך האָט ר׳ הירשן שלום געגעבן און אים געלאָזט שטיין אין מיטן שטוב. באַלד האָט זיך אָבער די טיר געעפנט און ר׳ הירש איז שוין געזעסן אויפן בענקל, וואָס זיין משמש האָט מיטגעבראַכט. איז ר׳ ברוך אַריין אין רוגזה: אַהאַ, וואָס איז דאָס? זעצן זיך גאָר אין מיין חדר אָן מיין רשות? ווייסט איר נישט, אַז איך בין אַ חד בדרא? ענטפערט אים ר׳ הירש: איך בין אויך אַ חד בדרא... ווערט ר׳ ברוך אָנגעצונדן: צוויי חד־בדראס? לאַכט ר׳ הירש: ווי עס קענען זיין צוויי חד־גדיאס, אַזוי קענען זיין צוויי חד־בדראס... איז שוין ר׳ ברוך רואיקער געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און דערנאָך אים אויפגעהייבן, זאָגנדיק: אין תוך זענען דאָ פיר חד־בדראס: איך — אין תורה, איר — אין חכמה, ר׳ מרדכי (נעשכיזער) — אין יראת־חטא, און ר׳ שלום פּראָבישטשער (דער פאָטער פון ר׳ ישראל רוזשינער) — אין אצילות...

ווען ר׳ הירש האָט זיך אַזוי־אַרום געוואָגט אָװעקשטעלן אויף איין אָרט מיט ר׳ ברוכן, וועלכער פלעגט טייטשן: „ליהוי אנא פקידא בגו צדיקיא״ — איך זאָל זיין אַ פקיד (אָן עלטסטער, אַ העכסטער) איבער אַלע צדיקים, האָט ער געוויס פאַרגעשטעלט זיך, אַז ווען דער יונגער ר׳ נחמן וועט צו אים קומען, וועט ער שטאַרק גערירט ווערן פון זיינע זעאונגען און הימל־עליות. ווען ר׳ נחמן איז צו אים פאַרפאָרן אויף זיין צוריק־רייזע פון נעשכיז און האָט ביי אים שבת געהאַלטן, האָט ער, ר׳ הירש, דעריבער כסדר געשמועסט וועגן מראות: אַזוי געזען, אַנדערש געזען, מלאכים ושרפים געזען. און מעשיות האָט ער ביי יעדן מאָלצייט דער־ציילט — אַלץ וועגן מרכבה־זאַכן. ר׳ נחמן האָט עס אַלץ אויסגעהערט און געשוויגן. מוצאי־שבת נאָך הבדלה איז ר׳ הירש אַריין אין ר׳ נחמנס

חדר און האָט ווידער אָנגעהייבן איינצוטענהן מיט אים וועגן מראות:
„אויב אירווילט, וועל איך אייך געבן אַ מופת־חותך, אַז מיינע מראות זענען ריכטיקע״, און האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ לאַנגן תורה־שמועס וועגן דעם. ר׳ נחמן האָט אים אָבער געענטפערט קורץ און שאַרף מיטן מאמר אין מגילה כ״ד ע״ב: „הרבה צפו לראות במרכבה ולא ראו אותה מימיהם״ — אַ סך האָבן געמיינט צו זען די מרכבה און זיי האָבן זי פאַר די אויגן נישט געזען...

אָט די שאַרפקייט ר׳ נחמנס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך קעגנער צווישן די גרויסע רביים פון זיין צייט, און אין דער מאָס, וואָס די קעגנערשאַפט האָט זיך געשטאַרקט, האָט זיך אויך מער געשטאַרקט ר׳ נחמנס פאַר־טיידיקונג, — אַ פאַרטיידיקונג, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען אין אַנגריף.

ווען דער אַנגריף האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן, באַזונדערס ווען עס האָבן זיך שוין געפונען (ווי עס געפינען זיך, צום אומגליק, אין יעדער צייט) ספּעציעלע קריג־צינדער, רכילות־טרייבער און לשון־הרע־זאָגער, וואָס פלעגן איבערגעבן ר׳ נחמנס שאַרפע ווערטער צו זיינע קעגנער (און די שאַרפע ווערטער פון זיינע קעגנער צו אים) גוזמאדיק, פאַרקרימט און פאַרדרייט, געפעפערט און געזאַלצן, צוגעריכט מיט בפירושע שקרים, — איז די פריערדיקע בלויזע קעגנערשאַפט צו ר׳ נחמנען מצד אייניקע גרויסע רביים אַריבער אין אַ שנאה.

וועגן אָט דער שנאה, וואָס האָט פאַרביטערט דאָס לעבן פון ר׳ נחמנען, וועט דערציילט ווערן אין די קומענדיקע קאַפּיטלען. דאָ וועלן מיר נאָר ברענגען אייניקע ווערטלעך פון ר׳ נחמנען וועגן זיין אייגענער גדלות, וואָס האָבן גאַנץ לייכט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ דערנידערונג פאַר אַנדערע רביים און ממילא אויך ווי אַן אַרויסרוף.

דער טירהאָוויצער מגיד האָט שבת געהאַלטן ביי ר׳ נחמנען אין מעד־ווערדיווקע באַלד נאָך יענעמס אָנקומען פון ארץ־ישראל. ר׳ נחמן האָט יענעם שבת געזאָגט תורה אויפן פסוק: „זה דור דורשיו״. וואָס ער האָט געזאָגט אין יענער תורה, — ווערט פון זיינע תלמידים נישט איבערגעגעבן. עס ווערט נאָר איבערגעגעבן דערביישפּיל, וואָס ער האָט געגעבן: „אָט, למשל, איר זענט דער דור און איך בין אייער דורש״...

ווען אַ יונגערמאַן רעדט מיט אַזאַ לשון צו אַן אַלטן רבין, וואָס האָט געהאַט, ווי די בראַסלאַווער מסורה דערציילט, דאָס מגידות איבער הונ־

דערטער שטעט, מוז ער אַרויסרופן פאַרביטערונג קעגן זיך. דער טיר־האָוויצער מגיד אַליין האָט אַזעלכע דבורים אָנגענומען פאַר ליב און טייער, ווייל ער האָט זיך באַטראַכט פשוט אַלס חסיד פון ר׳ נחמנען. ווען אַזעלכע רייד זענען אָבער געזאָגט געוואָרן אויפן חשבון פון אַנדערע רבּיים, וואָס האָבן זיך אַליין געהאַלטן פאַר חד־בדראס, האָט ר׳ נחמן געמוזט אויסזען אין זייערע אויגן ווי יוסף, ווען ער האָט דערציילט זיינע ברידער דעם חלום זיינעם, אַז די זון מיט עלף שטערן בוקן זיך צו אים.

אַן אַנדערש מאָל איז ר׳ נחמן געזעסן מיט דעם זעלבן טירהאָוויצער מגיד, האָט אים אָנגענומען פאַר דער באַרד בדרך־חבה און אים געזאָגט: „אַזאַ חידוש, ווי איך, איז נאָך גאָר אויף דער וועלט נישט געווען״...

אַמאָל ווידער האָט ער געזאָגט: „די וועלט דאַרף שטאַרק בעטן פאַר מיר, מחמת די וועלט דאַרף מיך זייער שטאַרק האָבן. זי קאָן לגמרי נישט אויסקומען אָן מיר״...

אַמאָל האָט ער געזאָגט צו זיינע חסידים: „די וועלט קאָן אָן מיר נישט אויסקומען. מכח אייך איז דאָך געוויס אָפּגערעדט. איר ווייסט דאָך אַליין, ווי נייטיק איך בין פאַר אייך, אָבער אויך אַלע צדיקים מוזן מיך זייער נייטיק האָבן, ווייל מען דאַרף זיי אַלעמען מחזיר למוטב זיין״...

אָדער ער האָט געזאָגט: „ווען איך וואָלט געוואָלט מגלה־זיין, ווער און וואָס איך בין, וואָלט די גאַנצע וועלט געלאָפן נאָך מיר. איך וויל אָבער נישט״.

ער האָט געזאָגט: „איך בין זייער אַ שיינער, וואונדערבאַרער בוים מיט וואונדערבאַרע צווייגן, כאָטש דאָ ליג איך אויף דער ערד ממש״.

ער האָט געזאָגט: „איך בין אַ טייך, וואָס רייניקט אַלע פלעקן״.

„איך האָב אַמאָל געמיינט, — האָט ער ווידער געזאָגט, — אַז נאָר דער יצר־הרע רעדט מיך איין, אַז קיינער קען נישט אָנפירן אַזוי ווי איך. היינט ווייס איך אָבער קלאָר, אַז איך בין טאַקע דער איינציקער מנהיג־הדור און עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ מנהיג ווי איך״.

אַן אַנדער זאָג: „אַלע טובות, וואָס משיח וועט טאָן מיט יידן, קאָן איך אויך טאָן; דער חילוק צווישן אונדז איז נאָר, וואָס ער וועט גוזר־זיין און עס וועט מקוים ווערן, און איך״... מער האָט ער נישט געזאָגט. לויט אַן אַנדער ווערסיע זאָל ער האָבן געזאָגט: „און איך קען נאָך נישט פאַרענדיקן״.

אַמאָל האָט ער אויף זיך געזאָגט: „איך בין דער סבא דסבין". אין זיינס אַ כתב־יד האָט ער פאַרצייכנט: „איך בין דער זקן דקדושה".

די שטעל אין דער „מעשה מיט זיבן בעטלער" וועגן דעם ערשטן בעטלער, וואָס איז בלינד און זעט בעסער פון אַלע זעעוודיקע און דער גרויסער אָדלער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז דער ייִנגסטער פון אַלעמען, ווייל ער האָט נאָך גאָר נישט אָנגעהייבן צו לעבן אויף דער וועלט, און אין דער זעלבער צייט איז ער טאַקע דער עלטסטער פון אַלעמען, גייט — לויט ר׳ נחמנס בעסטן תלמיד, ר׳ נתן שטערנהאַרץ — אויף ר׳ נחמנען גופא.

מיט גרויס פאַרביטערטקייט רעדט ר׳ נחמן וועגן די „מפורסמים של שקר" און ווי אַזעלכע האָט ער באַטראַכט אַ טייל פון די עלטסטע און אָנגעזעענסטע רביים פון זיין צייט. ר׳ נחמן האָט געגלויבט, נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז אַלע צרות אין דער וועלט און אַלע גזירות און פורעניות אויף יידן קומען נאָר צוליב אָט די „מפורסמים של שקר"...

צווישן חסידים ווערט נאָכדערציילט ר׳ נחמנס אַ שמועס, אַז אַן אמתער רבי איז ראשי־תיבות — „ראש בית ישראל", און אַ פאַלשער — „רע בעיני השם". אין דער אמתן האָט ר׳ נחמן געזאָגט אויף די, וואָס ער האָט אָנערקענט אַלס פאַלשע רביים (ווי עס ווערט בפירוש געבראַכט אין „לקוטי מוהר"ן") אַ פּיל שאַרפערן ראשי־תיבות: „רשעים בחושך ידמו"...

אַ טייל פון אָט די ווערטלעך געהערן געוויס צום שפּעטערדיקן פּעריאָד אין ר׳ נחמנס רבישאַפט און נישט צו דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטן איצט — די ערשטע צוויי־דריי יאָר נאָך זיין קומען פון ארץ־ישראל. אַנדערע פון די געבראַכטע ווערטלעך געהערן אָבער געוויס צו דער באַלד־נאָך־ארץ־ישראל־צייט.

דערציילן דאָך ר׳ נחמנס תלמידים, אַז נאָך איידער ער איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט ער אַמאָל געזאָגט צו איינעם אַ ר׳ אהרן, וואָס איז געווען רבי אין בראַסלאַוו: „דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיך זייער ליב, בענטש איך דיך, אַז אויף יענער וועלט זאָלסטו כאָטש זוכה זיין צו פאַרשטיין מיינע שיחות־חולין"...

ווען ער האָט אַזוינס געקענט זאָגן וועגן זיך נאָך פאַר ארץ־ישראל, איז שוין לייכט פאַרצושטעלן זיך, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן זיך נאָך ארץ־ישראל, ווען ער האָט געהאַלטן אין קלעטערן פון איין הימל־מדרגה צו דער אַנדערער, פון איין ליכטיקייט צו דער צווייטער.

קאַפּיטל יט.

דער אַלטער לייב און דער יונגער אָדלער

ר׳ נחמן באַזעצט זיך אין זלאַטאָפּאָליע. — אַ מעשה מיט אַ שווער און אַן איידעם, וואָס האָבן געדאַווענט יום־כּיפּור פאַרן עמוד. — דער שפּאָלער זיידע נעמט זיך אָן די קריוודע פון זיין חסיד. — די זלאַטאָפּאָליער קהילה ווערט אויפגעשטעלט קעגן ר׳ נחמנען. — רדיפות און בזיונות. — „איך האָב אין זלאַטאָפּאָליע געהאַט צוויי מאָל גיהנום״. — ר׳ ברוכל מעזשעבוזשער, ר׳ נחמנס פעטער, רופט צונויף אַן אסיפה פון רביים, כּדי אויסצוגלייכן די מחלוקת צווישן ר׳ נחמנען און דעם שפּאָלער. — דער סכסוך צווישן דעם שפּאָלער זיידן און ר׳ ברוכן. — די רביים פאָרן זיך פונאַנדער מיט גאָרנישט. — „רב נחמן יאָגט מיך״. — וואָס אברהם־בער גאָטלאָבער דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן אַ זאָג פון שפּאָלער זיידן. — „רבות מחשבות בלב איש״. — ר׳ נחמנס קאַלאַמבורן.

אין יאָר תק״ס האָט זיך ר׳ נחמן באַזעצט אין זלאַטאָפּאָליע (קיעווער גובערניע). געשען איז עס פּלוצלונג. ער האָט אין יענעם יאָר אַ שידוך געטאָן פאַר זיין טאָכטער מרים מיט אַ זון פונעם דעמאָלסטיקן וואָלאָטשיסקער רב ר׳ ליבוש. די חתונה איז געווען אין כמעלניק. צוריקפאָרנדיק פון דער חתונה, איז ער מיט זיין פאַמיליע דורכגעפאָרן זלאַטאָפּאָליע. נישט פרעגנדיק ביי קיינעם קיין עצות און קיין דעות, האָט ער גלייך געדונגען דאָרט אַ דירה און זיך אין איר באַזעצט מיט זיינע בני־בית. די זלאַטאָפּאָליער קהילה האָט אָנגענומען זיין רבישאַפט און אים פאָרגעלייגט צו זיין דעם איינציקער דעה־זאָגער ביים באַשטימען חזנים און בעלי־תקיעה און ביים איינפירן מנהגי בית־הכנסת לויט זיין פאַרלאַנג. באַזעצט האָט זיך ר׳ נחמן אין זלאַטאָפּאָליע צום סוף פון יאָר תק״ס, און באַלד האָט ר׳ נחמן, און צוזאַמען מיט אים ביי אַ הונדערט פון זיינע חסידים, „איינגענומען״ די שטאָט מיט איר שול. דער ראש־השנה פון תקס״א איז

אַריבער אָן באַזונדערע געשעעניש. די קהלה האָט באַזאָרגט ר׳ נחמנען און זיינע חסידים בכבוד גדול און אַלץ איז געגאַנגען כשורה. יום־כיפור איז שוין יאָ עפּעס געשען: איינער האָט געדאַוונט נעילה ביים עמוד. ר׳ נחמן איז פון זיין דאַוונען נישט צופרידן געווען. אין מיטן דאַוונען האָט זיך דער חזן פאַרהאַקט און קיין מויל נישט געקאַנט עפענען. אַ צווייטער האָט געמוזט פאַרנעמען זיין אָרט. דער ערשטער חזן האָט געמוזט דעם עמוד פאַרלאָזן מיט חרפּות און בושות. מוצאי יום־כיפור, ווען דער עולם חסידים האָט זיך שטאַרק משמח־געווען, האָט ר׳ נחמן אַזוי דערקלערט די געשיכטע: עס שטייט אין דער גמרא, אַז אויף דער מטבע פון אברהם אבינו איז געווען אויסגעקריצט „זקן וזקנה מכאן ובחור ובתולה מכאן״. דאָ איז עפּעס ענלעכס געשען. פריער האָט געדאַוונט ביים עמוד אַ שווער, און שפּעטער, צו נעילה — אַן איידעם. ביידע האָבן נאָר געוואָלט אויסשפּיינען זיך פאַר זייערע נשים: דער אַלטער פאַר זיין זקנה און דער יונגער פאַר זיין יונג ווייבל...

דער נעילה־דאַוונער איז געווען אַ חסיד פונעם שפּאָלער זיידן. נאָך יום־כפור איז ער געפאָרן צו זיין רבין און האָט אויסגערעדט אויף ר׳ נחמנען כל דבר אסור. דער שפּאָלער האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון זיין חסיד און איז אַרויס מיט גרויס ירגזון קעגן ר׳ נחמנען. דערמיט איז געגעבן געוואָרן דער ערשטער סיגנאַל צו דער מחלוקת, וואָס האָט זיך געצויגן כל־זמן די ביידע גרויסע רביים — דער שפּאָלער זיידע און ר׳ נחמן — האָבן געלעבט, און שיינע צענדליקער יאָרן אויך נאָך זייער ביידנס הסתלקות.

די ערשטע עובדא פונעם שפּאָלער זיידן איז געווען: אויפצושטעלן די זלאַטאָפּאָליער קהלה קעגן ר׳ נחמנען. ער איז געקומען צוליב דעם קיין זלאַטאָפּאָליע באַלד נאָך סוכות. היות ווי דער שפּאָלער זיידע איז געווען, איידער ער איז געוואָרן רבי, אַ פּשוטער שמש אין זלאַטאָפּאָליער שול (און גראָד דאָן, זייענדיק שמש, האָט ער זיך זייער באַליבט געמאַכט ביי די זלאַטאָפּאָליער און זיך אַפילו קונה־שם געווען אַלס גרויסער בעל־מופת), האָבן זיי איצט געפאָלגט און געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט זיי גע־הייסן.

די טענה איז געווען: ר׳ נחמן האָט מבטל געווען די מנהגים, וואָס דער שפּאָלער זיידע האָט איינגעפירט אין זלאַטאָפּאָליער שול. סטייטש!

ווי קומט אַ יונגערמאַן, מעג ער זיין אַ רבי, מבטל צו זיין דאָס, וואָס עס האָט איינגעפירט אַן אַלטער גרויסער צדיק?

ר׳ נחמן האָט דערויף געענטפערט, אַז בשעת ער, דער שפּאָלער, האָט איינגעפירט די מנהגים, איז ער נאָך גאָר קיין רבי נישט געווען, נאָר אַ פּשוטער לייבל שמש...

אָט דער ענטפער האָט נאָך מער אויפגערייצט די געמיטער פון די זלאַטאָפּאָליער, אַזוי אַז דאָס רוב פון זלאַטאָפּאָליער קהלה איז געווען קעגן ר׳ נחמנען און נאָר אַ מיעוט האָט אויף אים מלמד־זכות געווען.

צוויי יאָר איז ר׳ נחמן געזעסן אין זלאַטאָפּאָליע — ווי ר׳ נחמנס נאָכפאָלגער דריקן זיך אויס — צווישן דערנער. מען האָט אים אָנגעטאָן די גרעסטע בזיונות. נאָך צוויי יאָר איז ר׳ נחמן אַרויסגעפאָרן מיט זיין פאַמיליע פון זלאַטאָפּאָליע, זאָגנדיק: „איך האָב אין זלאַטאָפּאָליע געהאַט תּרתּי גיהנום (צוויי מאָל גיהנום), ווייל — משפּט רשעים בגיהנום י״ב חודש, און איך בין אין זלאַטאָפּאָליער גיהנום אָפּגעקומען פיער און צוואַנציק חדשים״...

מיט ר׳ נחמנס אָפּפאָרן איז די מחלוקת נישט איינגעשטילט געוואָרן. דער אַלטער פון שפּאָלע האָט פיל גרויסע רביים צוגעצויגן אויף זיין צד. ר׳ נחמנס צד האָט אויך נישט געשוויגן. ר׳ נחמן האָט געהאַט אויף זיין צד נישט קיין אַנדערן, ווי דעם פּאר הדור פון יענער צייט, אַליין דעם מליץ יושר — רבי לוי יצחק בערדיטשעווער. לויט דער בראַסלאַווער מסורה האָט געזאָלט פאַרקומען אין בערדיטשעוו אַן אסיפה פון גרויסע רביים מנדה צו זיין דעם שפּאָלער זיידען פאַר זיין רודפן ר׳ נחמנען. צו אַ נידוי איז אָבער נישט געקומען מחמת דעם, וואָס ר׳ לוי יצחק זאָל האָבן געזאָגט: „גערעכט זענט איר טאַקע, איך וויל אָבער נישט, אַז ביי מיר אין שטאָט זאָל מען מנדה זיין אַ רבין״.

איינמאָל האָט דער רבי ר׳ ברוך מעזשיבוזשער, ר׳ נחמנס פעטער, צו־נויפגערופן אַן אסיפה פון רביים, אַ סוף צו מאַכן צו דער מחלוקה צווישן דעם שפּאָלער און ר׳ נחמנען. דער שפּאָלער איז אויך געקומען אויף דער אסיפה. האָט זיך אָנגעהייבן אַ שאַרפער ויכוח צווישןביידע צדדים. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז מען האָט אָנגעהויבן צווישן זיך יחוס טיילן. „איך בין אַן אייניקל פון בעל־שם, — האָט ר׳ ברוך געזאָגט, — און ר׳ נחמן איז דעם בעל־שמס אַן אור־אייניקל״. האָט אים דער שפּאָלער זיידע

געענטפערט: „לאָז אָפּ דעם זיידן. דער זיידע נעמט אָזעלכע אייניקלעך אין זאַק אַריין״...

די רביים זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן מיט גאַרנישט. דער שפּאָלער זיידע האָט ביי זיין צוריקפאָרן פון דער אסיפה באַדאַרפט אַריבערפאָרן דעם דניעפּער. ווי נאָר ער האָט זיך אַריינגעזעצט אינעם פּאָראָם, וואָס האָט אים באַדאַרפט פירן צום צווייטן ברעג, האָט זיך דער פּאָראָם אָנגעשטויסן אָן אַ שטאַרקער אייז־קריע און איז צעקלאַפּט געוואָרן. דער זיידע איז אַריינגעפאַלן אין טייך און האָט זיך אָנגעהויבן טרינקען.

ער האָט באַוויזן אויסצושרייען צו זיינע אָנהענגער, וואָס זענען געקומען באַגלייטן אים און זענען נאָך געשטאַנען ביים ברעג: „רב נחמן יאָגט מיך. ווען איך זאָל אַפילו דערטרונקען ווערן, זאָלט איר וויסן, אַז מען דאַרף אים נישט פאָלגן״. דער אַלטער האָט געקענט שווימען און איז דערצו געווען אַ ייד אַ גבור, איז ער צוגעשוואומען צום צווייטן ברעג, און זיינע אָנהענגער האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו דערציילן נאָך אַ מופת פון זיידן...

ווי ווייט ס׳האָט דערגרייכט די פאַרביסנקייט פונעם אַלטן קעגן ר׳ נחמנען קען מען זען דערפון, וואָס אברהם בער גאָטלאָבער גיט איבער אין זיינע זכרונות. זיין פעטער איז געווען אַ חסיד פונעם שפּאָלער. האָט דער זיידע אַמאָל געזאָגט צו זיין פעטער: „איך בין דיר ערב, אַז דו וועסט האָבן אַ חלק לעולם הבא, אויב דו וועסט שילטן נחמנען״.

ר׳ נחמן האָט אויף דעם אַלעמען רעאַגירט נאָר מיט שאַרפע רייד קעגן „מפורסמים של שקר״, אָדער מיט אַפאָריזמען מכוח דעם, אַז יעדער נייער דרך אין עבודת ד׳ מוז אַרויסרופן שאַרפע קריגערייען. וועגן דעם שפּאָלער זיידן גופא האָט ער אַמאָל געזאָגט, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַ שאַרפן קאַלאַמבור: „רבות מחשבות בלב איש ועצת ד׳ היא תקום״ — רבות מחשבות בלייבוש (דער שפּאָלער האָט געהייסן לייב אָדער לייבוש), ער וועט אָבער גאָרנישט אויספירן...

ר׳ נחמן האָט זיך בכלל שטאַרק אויסגעצייכנט אין וואָרט־שפּיל. ווען דער רב מלאַדי האָט אים באַזוכט, זייענדיק אין פּאָדאָליע, האָט ר׳ נחמן אים אַזוי געזאָגט: פּעטער־בורג האָט איר שוין אָפּגעפּטרט; פּעטער־ברוך האָט איר אָבער נאָך נישט אָפּגעפּטרט (אַ וואונק אויף דער התנגדות פון ר׳ ברוכן צום רב).

ווען זיינער אַ חסיד איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן אום שבת־שירה אין טאָמאַשפּיל, האָט עס ר׳ נחמן באַצייכנט מיטן פּסוק: „ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים" (פּלשתים — טאָמאַשפּיל). בראָסלאָוו, אין העברעאישער טראַנסקריפּציע ברסלב, האָט ביי אים געהייסן: „לב־בשר" („ונתתי לכם לב בשר").

אַזוי איז ביי אים אויך „לב־איש" פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין לייבוש, און מיטן „רבות מחשבות בלב איש" האָט ער זיין קעגנער געגעבן אַן ענטפֿער, אַז קיין קראַפֿט, זי מעג אַפילו זיין אַ הויך־גייסטיקע, קען נישט אָפּווענדן דאָס, וואָס איז באַשטימט פֿון אויבן.

קאַפּיטל כ.

רדיפות אויף ר׳ נחמנען

דער הינטערגרונט פון די קריגערייען אויף ר׳ נחמנען. — פּערזענלעכער פּאַרדרוס פון גדולי־הדור. — מ׳קאָן זיין אַן אמת גרויסער און דאָך נישט אַלעמאָל באַהערשן פּאַרדראָס און קנאה. — ביישפּילן פון דער תורה. — בעסער הונדערט מיתות איידער איין קנאה. — מיט וואָס האָט מען מאָטיווירט די רדיפות אויף ר׳ נחמנען. — דער קאַמף איז געפירט געוואָרן יאָרנלאַנג אין גאַנץ פּאָדאָליע און אוקראַינע. — אַפילו דער למד־וואָווניק ר׳ לייב שרהס האָט זיך אין דעם קאַמף באַטייליקט. — וואָס האָט מען פון ר׳ נחמנען פאַרט געוואָלט ? — אַ סיפור אין „מדרש פנחס״. — נישט ר׳ פנחס קאָריצער, נאָר ר׳ רפאל בערשאַדער. — פאַרוואָס דער סיפור לייגט זיך נישט אויפן שכל. — וואָס מען קאָן פון יענעם סיפור יאָ לערנען. — די משונהדיקע פּלוידעריי וועגן דעם, אַז ר׳ נחמן איז געווען אַ „זורק אבן למרקוליס״. — פאַרוואָס דאָס איז אַן אומזין. — צי האָט ר׳ ישראל רוזשינער געזאָגט וועגן „ליקוטי מוהר״ן״ דאָס, וואָס מען שרייבט אים צו ?

דער פּסיכישער הינטערגרונט פון די קריגערייען אויף ר׳ נחמנען מצד אייניקע גרויסע רביים פון זיין צייט איז געווען, — ווי דער לעזער האָט זיך שוין געקאָנט איבערצייגן, — פּערזענלעכער פּאַרדרוס. עס האָט יעדן איינציקן פון זיי פאַרדראָסן הלמאַי ר׳ נחמן גרויסט זיך איבער אים, הלמאַי על האַלט זיך העכער פון אים, און, ערגער, הלמאַי ער איז גאָר מבטל אים מיט אַלע זיינע מדרגות צוזאַמען...

צום פּאַרדרוס איז צוגעקומען קנאה. יענע רביים, וואָס האָבן אויס־גערעדט אויף ר׳ נחמנען אַלדאָס בייז, האָבן טיף אין האַרצן געשפּירט, אַז ר׳ נחמן פאַרמאָגט אין זיך פאַרט עפּעס אַזוינס, וואָס זיי פאַרמאָגן נישט. אין וואָס אָט דער עפּעס באַשטייט, האָבן זיי נישט געוואוסט. פאַרלייקענען דעם עפּעס האָבן זיי אויך נישט געקאָנט. האָט עס זיי ווי געטאָן. זיי זענען מענטשן, וואָס האָבן אַ לעבן אָוועקגעגעבן אויף קדושה, אַרויפגעשטיגן

אויף די העכסטע מדרגות, זענען פֿאַרהייליקט פֿון טויזנטער חסידים, און דאָ קומט גאָר אַ יונגערמאַן, אמת טאַקע דעם בעל־שמס אַן אור־אייניקל, אָבער פֿאָרט אַ יונגערמאַן, און רעדט עפּעס אַזעלכע טיפֿע דבורים, וואָס מען דאַרף צו זיי צולייגן קאָפּ און הלוואי וואָלט מען כאָטש עפּעס משיג געווען פֿון דעם...

אויב עמעצער קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן, אַז גרויסע רביים, און טאַקע באמת הייליקע לייט, זאָלן נישט קאָנען גובר זיין אין זיך פֿאַרדרוס און קנאה, — זאָל ער נאָר דערמאָנען זיך אָן דעם ספּור פֿון יוספֿן מיט זיינע ברידער. „ויקנאו בו אחיו". און מי לנו גדול פֿון אהרן און מרים? — דערציילט אונדז די תורה איינפֿאַך און קלאָר: „ויאמרו הרק אַך במשה דבר ד׳, הלא גם בנו דבר". — און נאָר די דערשיינונג פֿון השם מיט דעם דבור: „שמעו נא דברי וגו׳ ומדוע לא יראתם לדבר בעבדי במשה" האָט ווי אַ בליץ אין אַ געדיכט־פֿינצטערער נאַכט פּלוצלונג באַוויזן די געוואַלדיקע דיסטאַנץ צווישן משהן און זיי...

און מי לנו גדול טאַקע פֿון אים אַליין, פֿון דעם אדון הנביאים, פֿון משה רבנו? האָלט זיך דאָך דער מדרש נישט אָפּ פֿון דערציילן אונדז, אַז ווען אין איינעם פֿון די לעצטע מאָמענטן פֿון זיין ערדישער שקיעה, האָט זיך דער „דבור" אַנטפּלעקט צו יהושען און נישט צו אים, האָט ער, משה, אויסגעשריען: „מאה מיתות — ולא קנאה אחת"!...

מיט וואָס האָבן אָבער אָט די רביים באַרעכטיקט זייערע אָנפֿאַלן אויף ר׳ נחמנען? מיט וואָס האָבן זיי מאָטיווירט זייערע רדיפות? וואָס פֿאַר אַ תירוץ האָבן זיי געהאַט פֿאַר זיך אַליין און וואָס פֿאַר אַ חטאים האָבן זיי געפֿונען ביי ר׳ נחמנען? האָבן זיי דאָך נישט געקענט קומען און זאָגן פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר דער וועלט: מיר פֿאַרפֿאָלגן ר׳ נחמנען, ווייל ער האָלט פֿון אונדז ווייניק און ווייל מיר זענען אים מקנא... מען האָט דאָך דאָ געמוזט כאָטש פֿון דער ערד אויסזוכן עפּעס חטאים אויף דעם „שונא". וואָס פֿאַר אַ חטאים האָט מען אָבער געקאָנט געפֿינען ביי דעם נזיר־אלקים, הפּסקות־פֿאַסטער און אייביקן דאַוונער און לערנער, ר׳ נחמן?

אויב פֿאַר אַזאַ שטעטל ווי זלאַטאָפּאָליע איז גענוג געווען דער אויס־רייד: ר׳ נחמן האָט פּוגע געווען אין דעם כבוד פֿונעם שפּאָלער זיידן; ר׳ נחמן האָט מבטל געווען דעם זיידנס שול־מנהגים, — האָט דאָך אַזאַ

אויסרייד נישט געקאַנט דינען ווי אַ מאָטיוו פאַר אַ גרויס־רבישען קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן אין גאַנץ פּאָדאָליע און אוקראַינע אין משך פון פיל יאָרן און אין וועלכן ס׳האָט אָנטייל גענומען אַפילו אַזאַ צדיק, וואָס איז פון אַלע רביים אָנערקענט געוואָרן אַלס גרויסער קדוש, ווי ר׳ וואָלף זשיטאָמירער (דער „אור המאיר״). עס האָט דאָך אין דעם קאַמף זיך באַ־טייליקט אַפילו דער למד־וואָוניק ר׳ ליב שרהס...

אומזיסט ווערט איר אין די באַקאַנטע ספורי החסידים, סיי פון די בראַסלאַווער, סיי פון אַנדערע, זוכן אַ ריכטיקן ענטפער אויף אָט דער איינפאַכער פראַגע. די בראַסלאַווער חסידים וועלן אייך דערציילן, אַז דער סמך־מם, דערזעענדיק, אַז אָט־אָט וועט ר׳ נחמן אומוואַרפן זיין גאַנצע ממשלה, האָט ער זיך מתלבש געווען אין דעם „זקן הידוע״ (שפּאָלער זיידע) אויפצורודערן אַ וועלט און נישט דערלאָזן דערצו, אַז ר׳ נחמן זאָל אים, דעם סמך־מם, געבן דעם לעצטן קלאַפּ. וואָס האָט אָבער דער „זקן הידוע״ פאַרט געזאָגט אויף ר׳ נחמנען? וועגן דעם שווייגט דער פסוק.

אין דער נישט־בראַסלאַווער, און אפילו קעגן־בראַסלאַווער, חסידישער ליטעראַטור געפינען מיר אויך נישט קיין איינפאַכן און קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע.

אין „מדרש פנחס״ (ווערטלעך און מעשהלעך פון ר׳ פנחס קאָריצער — וואַרשע, תרל״ו, אות י״ב) ווערט איבערגעגעבן: „פעם אחת אמרו על הבראסלובער, היה רוקק: פע, פע, פע, לא כאלה חלק יעקב״. דער „מדרש פנחס״ איז אויסערגעווינלעך שלעכט געשריבן און איר קאָנט די ערשט־געבראַכטע ווערטער אַזוי אויסטייטשן:

„אַמאָל האָט מען פאַר אים דערציילט וועגן דעם בראַסלאַווער, האָט ער אויסגעשפּיגן: פע, פע, פע, לא כאלה חלק יעקב (עס פּאַסט אַזעלכעס נישט פאַר אַ יידן)״.

מען קען עס אָבער אויך אויסטייטשן פאַרקערט: אַמאָל האָט מען פאַר אים גערעדט אויפן בראַסלאַווער, האָט ער אויסגעשפּיגן: פע, פע, פע, א. א. וו., ד״ה, אַז ער האָט געשפּיגן אויף די, וואָס ריידן שלעכטס אויפן בראַסלאַווער...

דער גאַנצער קורצער ספור איז שטאַרק פאַרדעכטיק. ר׳ פנחס קאָריצער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״א, — ווי אַזוי־זשע האָט ער

געקאַנט ריידן גוטס, צי שלעכטס אויף ר׳ נחמנען, וואָס האָט זיין גאַנצע רבישאַפט ערשט אָנגעהייבן פירן אין די יאָרן תקנ״ז־תקנ״ח?

עס איז קלאָר, אַז אָט דער ספור, ווי אַנדערע ענלעכע ספורים, באַציט זיך נישט אויף ר׳ פנחס קאָריצער, נאָר אויף זיין תלמיד ר׳ רפאל בערשאַדער. וואָס פאַר אַ צוטרוי קען מען אָבער האָבן צו אַזאַ פאַרנעפּלטן און פאַרדרייטן ספור?

מען דאַרף זיך פונדעסטוועגן אויף אָט דעם ספור יאָ אָפּשטעלן. ווייל אויב ער ווערט פאַלש צוגעשריבן סיי צו ר׳ פנחס קאָריצער און סיי צו ר׳ רפאל בערשאַדער (ווער עס האָט אַ באַגריף וועגן דעם בערשאַדערס גרויסער ליכטיקער פערזענלעכקייט — זע בערדיטשעווסקיס „ספר חסידים״ און זע „דור דעה״ פון הרב ר׳ יקותיאל קאַמעלהאַר — יענער ווייסט, ווי ווייט ער איז געווען פון באַרעדן עמעצן, אָדער אפילו צוצוהערן זיך צו דעם, ווי עמעצער באַרעדט אַ צווייטן) — איז ער אָבער, דער דאָזיקער סיפור, כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער ספּערע, וואו אַזעלכע ספורים זענען געשאַפן געוואָרן.

לויטן ספור, זאָל ר׳ פנחס קאָריצער, צי ר׳ רפאל בערשאַדער, האָבן געזאָגט ביים שמועס וועגן ר׳ נחמנען: „לא כאלה חלק יעקב״. דאָס איז אַ פסוק אין ירמיה ט״ו, וואָס שטעלט אַוועק דעם „חלק יעקב״, וואָס איז אַ „יוצר הכל״, קעגן אַלערליי מעגלעכסטע עובדי עבודה זרה. די לשון־הרע אויף ר׳ נחמנען האָט זיך, בכן, באַצויגן נישט מער און נישט ווייניקער ווי אויף — געצנדינעריי...

מיט אָט דער דערקלערונג שטימט אויך דאָס, וואָס עס ווערט דער־ציילט אין אַנדערע ספורי החסידים, אַז ר׳ נחמנס שונאים האָבן אויף אים אויסגעטראַכט, אַז בעת ער, ר׳ נחמן, איז געווען אין ארץ־ישראל, האָט ער אין אַ מינוט פון טירוף הדעת געוואָרפן „אבן למרקוליס״.

די פולע זינלאָזיקייט פון אַזעלכע שקר־בלבולים איז קלאָר פאַר יעדן איינעם. ווי קומט ר׳ נחמן צו „מרקוליס״? וואָס פאַר אַ מין „מרקוליס״ איז דען געווען אין ארץ־ישראל בעת ר׳ נחמן איז דאָרט געווען? „מרקוליס״ איז אַן אַלט־רוימישער אָפּגאָט (מערקוריוס), וואָס פלעגט אויפגעשטעלט ווערן אויף די שייד־וועגן מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם צו באַווייזן דעם וועג. ביים אָפּגאָט פלעגט אויפגעשטעלט ווערן אַ קליין בילד פון אים, וואָס איז געמאַכט געווען פון צוויי שטיינער, איינער קעגן צווייטן

און איין שטיין פון אויבן. צו דעם אָפּגאָט פלעגט מען דינען דורכדעם, וואָס מען פלעגט וואַרפן אַ שטיין לכבוד אים. צוזאַמען מיטן פאַלן פון אַלט־געצנדינערישן רוים איז אַ סוף געקומען אויך צו די אַלע אָפּגעטער. ווי אַזוי־זשע האָט זיך געקענט אָפּזוכן אַזאַ אָפּגאָט אין מוסולמאַניש־קריסט־לעכן ארץ־ישראל צום סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט, ד״ה קרוב צו טויזנט און פינף הונדערט יאָר, זינט פון אָט דער עבודה־זרה איז שוין קיין זכר נישט געווען?

צו מענטשלעכער בייזוויליקייט און טפשות איז אָבער קיין גרענעץ נישטאָ. ס׳איז געגנוג געווען, אַז פון די גרויסע רביים זאָלן אַרויסגעזאָגט ווערן אייניקע באַזונדערס שאַרפע ווערטער קעגן ר׳ נחמנען, אַז דער המון זאָל עס דערפירן צום גרעסטן אַבסורד, צום ווילדסטן שגעון.

אַ ווילדער שגעון איז אויך דאָס, וואָס עס ווערט איבערגעגעבן אינעם נאָמען פון ר׳ ישראל ריזשינער, אַז ער, ר׳ ישראל, זאָל האָבן געזאָגט בעת ס׳איז אַרויס פון דרוק דער „לקוטי מהר״ן״: „ווען עס דערשיינט עפּעס אין קדושה, מוז דערשיינען עפּעס ענלעכס אויך אין קליפּה. אַזוי ווי הייַנטיקס יאָר איז דערשינען דער „חסד לאברהם״ פון מיין הייליקן זיידן (ר׳ אברהם המלאך), האָט געמוזט אויך דערשיינען דער לעומת זה — דער לקוטי מהר״ן״.

מען מעג זיך וואונדערן, וואָס גראָד אַזאַ גרויסער חסידישער דענקער ווי ר׳ אהרן מאַרקוס זצ״ל (אין זיין „חסידיזם״) גלויבט אַז ר׳ ישראל האָט טאַקע געזאָגט אַזוינס, און טאָמער איז דאָס ווייניק, איז ער, מאַרקוס, נאָך זיכער, אַז דער ריזשינער איז גערעכט געווען...

קאַפּיטל כא.

שקרים, בלבולים - און דער מקור פון די רדיפות

פאַלשע באַהויפּטונגען וועגן ר׳ נחמנען אין דער ליטעראַטור וועגן אים. — מען מישט צונויף דריי ר׳ נחמנס. — דער שקר, אַז נישט ר׳ נחמן, נאָר זיינע תלמידים האָבן געשריבן די ספרים זיינע. — פאַרוואָס ר׳ נחמן בראַסלאַווערס מעשיות זענען נישט געווען — און האָבן נישט געקאָנט זיין — די מעשיות פון ר׳ נחמן האָראָדענקער. — אָפּענע טעותים פון אייניקע מאָנאָגראַפיע־שרייבער. — צי איז אמת, אַז דער שפּאָלער זיידע האָט גערודפט ר׳ נחמנען דערפאַר, ווייל ר׳ נחמן האָט געטייטשט דינים פון שולחן־ערוך לויט קבלה? — דער ספר „ליקוטי הלכות" איז גאָר נישט געשריבן געוואָרן פון ר׳ נחמנען. — דער בלבול, אַז ר׳ נחמן האָט זיך כלומרשט גינסטיק באַצויגן צו די פּלענער פון דער צאַרישער רעגירונג וועגן יידן. — דער אמת איז פּונקט פאַרקערט. — נאָך נישט־ריכטיקע באַהויפּטונגען. — ר׳ נחמן און די פראַנקיסטן פון זיין צייט. — אַ וויכטיקער דאָקומענט, וואָס דעקט אויף דעם אמתן מקור פון די רדיפות אויף ר׳ נחמנען.

אויסער די דערמאָנטע בייזוויליקע שקרים וועגן ר׳ נחמנען, זענען דאָ סיי אין ספּורי־חסידים און סיי אין מאָדערנע מאָנאָגראַפיעס אַנדערע משונהדיקע שקרים, וועלכע מען מוז אויך באַקעמפן און באַזייטיקן, ווייל זיי זענען שטויב, וואָס פאַלט אויפן הייליק־ליכטיקן אָנדענק פונעם גרויסן זעער. מען מוז אָט דעם שטויב מיט אַ בעזעם אויסקערן.

קודם כל מוז איך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז עס הערשט סיי אין ספּורי חסידים, סיי אין אייניקע היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, אַן ערוב־פּרשיות צווישן ר׳ נחמן האָראָדענקער, ר׳ נחמן בראַסלאַווער, ר׳ נתן נעמיראָווער (נתן שטערנהאַרץ) און ר׳ נחמן טשעהערינער. עס ווערן דערין איינגעמישט אויך אַנדערע תלמידים פון ר׳ נחמנען, ווי, צוםביישפּיל, ר׳

נפתלי און ר׳ יצחק אייזיק, און אויך שפּעטערדיקע בראָסלאָווער חסידים, וואָס זענען דעם ברייטערן עולם נישט באַקאַנט. אַלץ ווערט אויסגעמישט אין איין קאַשע און אַלץ ווערט צוגעשריבן אים, ר׳ נחמן בראָסלאָווער.

און אַמאָל געשעט גראָד פאַרקערט: מען זאָגט, אַז ר׳ נחמן בראָסלאָווער אַליין איז לגמרי נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלעם דעם, וואָס איז דאָ אין „לקוטי מוהר״ן״, „ספּורי מעשיות״ וכדומה, ווייל אַט די אַלע ספרים זענען געשריבן געוואָרן פון ר׳ נחמנס תלמידים, און זיי, אַט די תלמידים און חסידים, האָבן אין יענע ספרים אַריינגעשריבן אַלץ, וואָס עס האָט זיך זיי געגלוסט.

אויך אַט די באַהויפּטונג איז אַ פאַלשע דורך און דורך.

ר׳ נחמן האָראָדענקער, איינער פון די שענסטע תלמידים פון ר׳ ישראל בעש״ט, איז נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל. ר׳ נחמן בראָסלאָווער איז געוועזן זיינס אַן אייניקל. ר׳ נחמן האָראָדענקער האָט נישט געשריבן קיין ספרים און נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין מעשיות. עס זענען פון אים דאָ נאָר אייניקע ווערטלעך אין ספרים. ס׳איז דעריבער קאָמיש, ווען ע. נ. פרענק צערעדט זיך ברייט, אין זיין מאָנאָגראַפיע „היהודים בימי מלחמת נפוליון״, וועגן ר׳ נחמן האָראָדענקערס מעשיות און וועגן ר׳ נחמן האָראָדענקערס „מעשה בבן מלך ובן שפחה שנחלפו״. עס אַרט אים נישט וואָס ר׳ נחמן האָראָדענקער איז נפטר געוואָרן בעת די וועלט האָט נאָך פון נאַפּאָלעאָנען מיט זיינע מלחמות קיין אָנונג נישט געהאַט, און דאָס, וואָס די „מעשה בבן מלך וכו׳״ איז דערציילט געוואָרן דורך ר׳ נחמן האָראָדענקערס אייניקל — ר׳ נחמן בראָסלאָווער און נישט דורך ר׳ נחמן האָראָדענקער גופא.

אַזוי שרייבט אויך גאַנץ זיכער הרב ר׳ יקותיאל קאַמעלהאַר אין זיין „דור דעה״ (בילגורייי תרצ״ג, צד קפ״ג), אַז דער שפּעטער זיידע איז שטאַרק בייז געוועזן אויף ר׳ נחמנען פאַר דעם, וואָס ער, ר׳ נחמן, טייטשט־אויס אין „לקוטי הלכות״ דינים פון שולחן ערוך לויט קבלה, אין דער צייט, וואָס דער ספר „לקוטי הלכות״ איז גאָרנישט געשריבן געוואָרן פון ר׳ נחמנען, נאָר פון זיין תלמיד ר׳ נתן נעמיראָווער אַ היפּש ביסל יאָרן סיי נאָך דער פּטירה פונעם שפּאָלער זיידן, סיי נאָך דער פּטירה פון ר׳ נחמנען. (אגב: ר׳ נתן איז נישט געווען דער ערשטער אין אויסטייטשן דינים

פון שולחן ערוך לויט קבלה. דאָס האָט שוין לאַנג געטאָן דער תלמיד פון ר׳ חיים וויטאַל, ר׳ חיים הכהן, אין זיין „טור ברקת״, וכו׳ וכו׳ — זע „שם הגדולים״ פון רחיד״א, מערכת סופרים, ח׳ ל״ג).

הרב ר׳ יודל ראָזענבערג (מחבר פון פיל ספורי חסידים און איבער־זעצער פון געקליבענע שטעלן פון זוהר אויף לשון קודש) שרייבט זיך גאַנץ ברייט און זיכער, אַז דער שפּאָלער זיידע האָט געצאָרנט אויף ר׳ נחמנען פאַרוואָס ער, ר׳ נחמן, באַציט זיך גינסטיק צו די גזעצן, וואָס די דעמאָלסטיקע רוסישע רעגירונג האָט געפּלאַנט וועגן יידן. ר׳ נחמן זאָל, הייסט עס, האָבן געזאָגט: „ס׳שאַדט נישט, וואָס מען וועט נעמען יידן פאַר זעלנער. זיי וועלן דערפאַר אין אַ צייט, וואָס איז פריי פון סלוזשבע, דינען דעם אייבערשטן מיט מער אמת און מיט מער התלהבות און וועלן קענען דורכדעם מעלה זיין מער ניצוצי־קדושה. דורך דער סלוזשבע וועלן יידן אויך מוצא חן זיין ביי דער ממשלה״. דער שפּאָלער זיידע פון זיין זייט זאָל האָבן שטאַרק געבייזערט זיך דערויף: „ווער בעט אים זיך צו מישן אין אַזעלכע זאַכן און צו זאָגן דערין דעות? ווי קומט עס, אַ יונגערמאַן זאָל זיך אין דעם אַריינמישן״? דערנאָך זאָל דער שפּאָלער זיידע האָבן אָנגענומען זיין באָרד אין דער רעכטער האַנט און זאָל האָבן געזאָגט: „איך שווער בנקיטת חפץ, אַז כל זמן מיין ווייסע באָרד וועט זיין אויף דער וועלט, וועט מען יידן פאַר קיין זעלנער נישט נעמען״ (תפארת מהרא״ל, מ״ו ע״ב, פּעטריקוב, תרע״ב).

די גאַנצע זאַך הייבט זיך נישט אָן. גאַנץ „שבחי מוהר״ן״ און „חיי מוהר״ן״, ווי אויך פאַרשידענע שיחות, זענען פול מיט ספורים וועגן ר׳ נחמנס וויינען און קלאָגן אויף די „פּונקטן״, וואָס די רוסישע ממשלה גייט גוזר זיין אויף יידן. מער פון אַלץ האָט ר׳ נחמנען געאַרט גראָד דער פּונקט וועגן יידישער זעלנעריי. דער אַמאָליקער רוסישער סאָלדאַט איז געווען כמעט אויף זיין גאַנץ לעבן אָפּגעריסן פון משפּחה, פון סביבה, פון אַלעם דעם, וואָס אַ מענטשן איז ליב און טייער. ער איז געווען אין אייביקן פחד און אייביקער הכנעה, אייביק אַ צעביילטער, אַ געשמיסענער, אַ דערנידעריקטער, אַ פאַרשפּיגענער. דער יידישער סאָלדאַט איז דערצו נאָך געווען אַ געשלאָגענער, געשמיסענער און פאַרפייניקטער אין אַלערליי קאַרצערס און טורמעס בלויז פאַר דעם, וואָס ער האַלט זיך ביי זיין יידיש־קייט און וויל זיך נישט שמדן. קליינע יידישע קינדערלעך פלעגן פון דער

מוטערס העַנט אַרויסגעריסן און אַוועקגעשיקט ווערן צו אַלערליי „דיאַדקעס״ אין די ווייטע רוסישע גובערניעס, צו דערציען זיי און פאַרבערייטן צו דער אייגנטלעכער סלוזשבע, וואָס האָט געדויערט גאַנצע פיף און צוואַנציק יאָר. זייער פיל (אויב נישט די גרעסטע מערהייט) פון אָט די קינדערלעך פלעגן אָפּגעשמדט ווערן נאָך איידער זיי זענען רייף געוואָרן צו מיליטער־דינסט. פיל פון זיי פלעגן אָפּגעשמידט ווערן שפּעטער, שוין בעת דער מיליטער־דינסט, ווייל זיי האָבן נישט געקענט אַריבערטראָגן די שרעקלעכע ענויים, וואָס מען פלעגט זיי אָנטאָן פאַר זייער ניט־ווועלן אָננעמען פּראַוואָסלאַוויע.

אין ר׳ נחמנס יאָרן זענען די געזעצן, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געהאָט בדעה אַרויסצוגעבן וועגן יידן, געווען בלויז פּיינלעכע קלאַנגען. פון די פאַרשיידענע ספּורים, וואָס די בראַסלאַווער חסידים דערציילן לפי תומם (ווייל זיי דערציילן עס נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מחלוקת פונעם שפּאָלער אויף ר׳ נחמנען) זעט מען גראָד דעם היפּוך, וואָס עס ווערט דערציילט וועגן אים אינעם דערמאָנטן „תפארת מהרא״ל״. ר׳ נחמן איז גראָד געווען דער, וואָס האָט נישט געלאָזט צורו די רבּיים פון זיין צייט הלמאי זיי רייסן נישט איין קיין וועלטן וועגן די „פּונקטן״. ער האָט אָפּגעוואָרפן די טענה, אַז — „די גזירות וועלן בטל ווערן, וואָרעם היתכן, אַז דער אייבערשטער זאָל עפּעס אַזוינס אָפּטאָן זיינע יידן״? דאָס איז גאָר נישט אמת, — פלעגט ר׳ נחמן טענהן, — דער אייבערשטער האָט שוין פיל מאָל צוגעלאָזט גרויסע גזירות, צרות און אומגליקן אויף יידן (זע „שבחי מוהר״ן״ אות ל״ז און אויך אין אַנדערע ערטער). מ׳דאַרף דעריבער מתפלל זיין, ווייל — הקב״ה מתאווה לתפילתן של צדיקים...

אויפן גוט־יידישן שטייגער האָט ער געהאַלטן אין איין מתפלל זיין אויף די גזירות און אין איין ממתיק זיין זיי דורך תורות, אין וועלכע ער פלעגט איינוויקלען זיינע תפלות, יחודים און תקונים וועגן אָט די גזירות (זע וועגן „בחצצרות״ אין „לקוטי מוהר״ן״, ה׳, „חיי מוהר״ן״ אות א׳ און אין אַנדערע ערטער). די בראַסלאַווער חסידים גלייבן, אַז ר׳ נחמן האָט מיט זיין כוח „אָפּגעשטופּט די גזירה אויף עטלעכע און צוואַנציק יאָר״ (דאָרט און אין אַנדערע ערטער).

עס איז אַ וואונדער אויף הרב ר׳ יקותיאל קאַמעלהאַר, אַ ייד אַ גדול בתורה און אַ קענער פון חסידות, וואָס ער חזרט איבער דעם דערמאָנטן

נישט-געשטויגענעם און נישט-געפלויגענעם ספור (אין זיין „דור דעה", צד קפ"ב) און נאָך אַזעלכע נישט-קאָנטראָלירטע ספורים וועגן דעם שפּאָלער זיידן און זיין מחלוקת מיט ר' נחמנען.

ס'איז אויך נישט אמת דאָס, וואָס עס ווערט דערציילט אין „תפארת מהרא"ל", אַז דער שפּאָלער זיידע האָט געקריגט אויף ר' נחמנען צוליב די באַקאַנטע צען קאַפּיטלעך תהלים, וואָס ר' נחמן האָט זיי אָנגעצייכנט אַלס „תיקון כללי", ווייל דעם דערמאָנטן תיקון האָט ר' נחמן אַרויס-געגעבן ערשט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, בעת די מחלוקת קעגן אים מצד דעם שפּאָלער זיידן און אַנדערע איז שוין לאַנג געווען פונאַנדער-געפלאַקערט.

ר' אהרן וואַלדען אין זיין „שם הגדולים החדש" (ערך: ר' נחמן מברסלב) קריטיקירט די משכילים, וואָס פלעגן אַרויסכאַפּן פון ר' נחמנס ספרים איינצלנע שורות, וואָס קלינגען משונהדיק, און פלעגן זיי צעלייגן אויף טעלערלעך, כדי צו מאַכן חוזק פונעם גרויסן צדיק. דערביי גיט ער אַליין צו: „ומה גם כי רבים מתלמידיו לא ירדו לסוף דעתו וכתבו דברים אשר לא יצאו כך מפי אותו צדיק ככתבם וכלשונם, וחס ליה לזרעיה דרבנו אור ישראל וקדושו, הבעש"ט, לומר הכי" (דערצו האָבן נאָך פיל פון זיינע תלמידים נישט באַגריפן זיין עכטע דעה און האָבן געשריבן זאַכן, וואָס דער צדיק האָט נישט אַזוי אַרויסגעשריבן און נישט אַזוי אַרויסגערעדט זיי, דען חלילה, אַז דער, וואָס שטאַמט פון ישראלס ליכט און זיין הייליקן, פונעם בעש"ט, זאָל אַזוי זאָגן).

און ווייטער — נאָך בייזער און שאַרפער: „דבריו עמוקים מאד ואיש-תבונות ידלנה, כי ישרים דברי ר' נחמן, צדיקים ילכו בם"... (ר' נחמנס ווערטער זענען זייער טיף און נאָר אַ קלוגער קען זיי אָנ-שעפּן, דען גלייך זענען ר' נחמנס ווערטער, בלויז צדיקים גייען אין זיי...).

די פּינטעלעך באַדייטן דאָ די צווייטע העלפט פונעם פסוק: „ופושעים יכשלו בם"... נישט מער און נישט ווייניקער!

איז עס טאַקע אַזוי? האָבן טאַקע ר' נחמנס תלמידים געשריבן אין זיין נאָמען זאַכן, וואָס ער האָט גאָר נישט געזאָגט? לא מיט אַ גרויסן אַלף! אַלע ספרים ר' נחמנס זענען דורכגעגאַנגען דורך ר' נתנס האַנט. על פי רוב זענען ר' נחמנס תורות דיקטירט געוואָרן אויף יידיש פון ר' נחמנען און געשריבן געוואָרן אויף לשון-קודש דורך ר' נתנען. אַמאָל

האָט ר׳ נחמן אַליין געשריבן ראשי־פרקים און די הרצאה איז געווען פון ר׳ נתנען. ר׳ נחמן פלעגט עס שפּעטער שטרענג איבערקוקן און עס אַקצעפּטירן אָדער נישט אַקצעפּטירן. טיילמאָל פלעגט ער הייסן ענדערן דעם אָדער יענעם זאַץ און ר׳ נתן פלעגט תיכף אויספירן זיין באַפעל. איך וויל דאָ נישט פאַרלויפן דעם וועג און רעדן וועגן ר׳ נתנס פאַרגעטערן יעדן ריר, יעדן קער, יעדן וואונק מיטן אויג ר׳ נחמנס, און, אַפּשיטא שוין, יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל אָדער פעדער. ס׳איז געווען אַ פאַרהערלעכונג, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט. אַזאַ מענטש ווי ר׳ נתן האָט געוויס זיך נישט דערלויבט נישט צוצוגעבן און נישט אַראָפּצונעמען אַ קוצו של יוד פון דעם וואָס ר׳ נחמן האָט געזאָגט. היינט וואָס איז שייך דאָ צו רעדן וועגן „תלמידים אשר לא ירדו לסוף דעתו״, בפרט נאָך וועגן דעם סוף פסוק פון „צדיקים ילכו בם״?...

קיין אַנדערער, אויסער ר׳ נתנען, האָט נישט געשריבן נישט ר׳ נחמנס ספרים, נישט ר׳ נחמנס מעשיות און נישט ר׳ נחמנס שיחות. ר׳ נפתלי, ר׳ נתנס חבר, און אַנדערע תלמידים האָבן פאַר זיך געצייכנט ר׳ נחמנס תורות. געדרוקט איז אָבער נאָר ר׳ נתנס נוסח, און האַנדלען האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם, וואָס עס איז געדרוקט אין ר׳ נחמנס נאָמען.

די ספורים, ווידער, וואָס ווערן דערציילט וועגן ר׳ נחמנען אין פאַר־שיידענע ספרים און ספרימלעך, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך בראַסלאַווער חסידים אין פאַרשיידענע צייטן, דאַרף מען איינטיילן, לויט מיין איבערצייגונג, אין דריי קאַטעגאָריעס:

א) ספורים, וואָס זענען דערציילט געוואָרן פון ר׳ נתנען אַלס עד־ראיה; ב) ספורים, וואָס ר׳ נתן גיט זיי נישט איבער אַלס עד־ראיה, נאָר אַלס געהערטע פון חברים; ג) ספורים, וואָס זענען פאַרשריבן געוואָרן דורך בראַסלאַווער חסידים שוין נאָך ר׳ נתנס הסתלקות.

דאָס, וואָס ר׳ נתן דערציילט אַלס עד־ראיה, איז, לויט מיין איבער־צייגונג, דער אמת אַליין, ווייל די יראה פון ר׳ נתנען פאַר דער קדושה פון זיין רבין איז געווען אַזוי גוואַלדיק, אַז ער וואָלט זיך נישט דערלויבט מגזם צו זיין דאָס מינדסטע. אין טיטלען און לויב־געזאַנגען צו זיין רבין האָט ער אפשר געקאָנט מגזם־זיין (אייגנטלעך, הייסט עס אויך נישט „מגזם זיין״, ווייל ער האָט ווירקלעך געהאַלטן, אַז ר׳ נחמן שטייט העכער פון אַלץ און פון אַלעמען אין אַ משך פון פיל דורות, נאָר אין אונדזערע

אויערן קלינגען אָט די טיטלען אַמאָל אַלס גוזמא), אָבער נישט אין איבערגעבן מעשים שהיו, אָדער אין איבערגעבן די אומשטענדן, ווען עס זענען געזאָגט געוואָרן די אָדער יענע תורות, שיחות, אָדער ספורי־מעשיות. דאָרט איז ר׳ נתן דער גרעסטער דייקן און — דער רואיקער עפּיקער. ער דערציילט געשיכטע און עס איז טאַקע דורכאויס געשיכטע.

פאַראַן אָבער ספורים, וואָס ר׳ נתן דערציילט זיי טאַקע, נאָר ער זאָגט בפירוש, אַז ער האָט זיי נאָר געהערט פון חברים, ווייל ר׳ נתן האָט זיך מתקרב געווען צו ר׳ נחמנען ערשט אין אלול פון יאָר תקס״ב, ממילא האָט ער געמוזט שעפּן די ידיעות וועגן ר׳ נחמנס לעבן און מעשים ביז יענער צייט נאָר מפּי חברים, מיט עטלעכע אויסנאַמען פון אַזעלכע ספורים, וואָס ער האָט געהערט פון ר׳ נחמנען גופא. דאָס, וואָס ער האָט געהערט פון ר׳ נחמנס מויל, געהער געוויס צו דער ערשטער קאַטעגאָריע. דאָס, וואָס ער האָט אָבער געהערט מפּי חברים, טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַלע ספורי־חסידים, דאָס הייסט: אַ טייל פון זיי געהערן צו געשיכטע, אַ טייל — צו דברי־אגדה. המאמין יאמין. מען דאַרף אָבער נישט מבטל־זיין אָט די אַלע ספורים, ווי עס טוען אונדזערע היסטאָריקער, ווייל, ערשטנס, זענען פיל זאַכן, וואָס קלינגען אין אונדזערע אויערן ווי אומ־גלויבלעכע, מעשים שהיו. אַי, ווי אַזוי? דערויף איז שוין לאַנג דאָ דער ענטפער ביי שעקספּירן: „עס זענען דאָ, פריינט האָראַציאָ, אַזעלכע זאַכן אויף דער וועלט, וואָס אייערע געלערטע האָבן אַפילו אין חלום נישט גע־זען"; צווייטנס, גיבן אָט די ספורים איבער, אויב נישט דאָס, וואָס איז פאַקטיש געשען מיט דעם מסופר, איז, אַלנפאַלס, דאָס וואָס האָט מיט אים געקענט געשען לויט זיין גדלות, לויט זיין חכמה און לויט זיין קדושה, און, דריטנס, זענען אָט די ספורים כאַראַקטעריסטיש, אויב אַפילו נישט פאַר דעם, וואָס וועגן אים ווערט דערציילט, איז אַלנפאַלס פאַר די דער־ציילער און פאַר דער ספּעטער, אין וועלכער די ספורים זענען געבוירן געוואָרן.

מען דאַרף נאָר האָבן אַ שאַרפן חוש מבחין צו זיין אין אָט די ספורים צווישן דעם, וואָס טראָגט אויף זיך אַ הויכן און ריינעם חותם, דאָס, וואָס איז באמת אין גייסט פון דעם מענטש, וואָס פון אים ווערט דער־ציילט, און אין גייסט פון ריינער חסידות, און צווישן דעם, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פון המונישע באַגריפן און המונישע חפציות. אויב דער אבן־

עזרא האָט געקאָנט זאָגן אַפילו בנוגע געוויסע מאמרים פון אונדזערע קדמונים: „יש מהם כמשי דקים, ויש מהם עבים כשקים״, מעגן מיר עס געוויס זאָגן בנוגע געוויסע ספורי חסידים, וואָס ווערן פון קיינעם נישט קאָנטראָלירט און קיינער איז פאַר זיי נישט פאַראַנטוואָרטלעך, נאָר זיי ווערן איבערגעגעבן סתם: מען דערציילט, אַדער: דער האָט געהערט פון יענעם און יענער פון יענעם, און אַזוי כסדר, בעת קיינער ווייסט פאַקטיש נישט, ווער איז עס געווען דער „יענער״ און צי האָט „יענער״ טאַקע אַזוי דערציילט.

מיט נאָך מער פאָרזיכטיקייט מוז מען זיך באַציען צו די ספורים, וואָס זענען דערציילט געוואָרן שוין נאָך ר׳ נתנס הסתלקות, כאָטש אַפילו צווישן אָט די ספורים זענען זיכער פאַראַן אויך מעשים שהיו. מען מוז זיך געוויס שטאַרק רעכענען מיט די ספורים, וואָס זענען דערציילט געוואָרן פון ר׳ נחמן טשעהערינער (אין זיין „פרפראות לחכמה״ א. א.), ווייל ער איז אַליין געווען אַן אָדם גדול, מען קען אָבער זיינע ספורים נישט באַטראַכטן אַלס ריינע געשיכטע, ווייל ער האָט פּערזענלעך נישט געקענט נישט ר׳ נחמנען, נישט ר׳ נתנען. ער איז אויך נישט אַלע מאָל מבחין צווישן מעשים שהיו און דברי־אגדה. מען דאַרף זיך אויך שטאַרק רע־כענען מיט די ספורים פון ר׳ אברהמען (אַ זון פון ר׳ נחמן טולטשינער, וואָס איז געווען אַ נאָענטער פריינט און תלמיד פון ר׳ נתנען), ווייל ער גיט איבער דאָס, וואָס ער האָט געהערט פון זיין פאָטער, און זיין פאָטער האָט פיל געהערט פון ר׳ נתנען און אַ סך זאַכן אַליין איבערגעלעבט. מען קען אָבער נישט אַלע זיינע ספורים באַטראַכטן אַלס געשיכטע, ווייל אויך ער האָט נישט אַלע מאָל זיך פונאַנדערגעקליבן אין דעם געהערטן און עס איז אים מער געגאַנגען אין מפליא זיין זיינע רביים. עס מוז דערביי געזאָגט ווערן, אַז ר׳ אברהם (אַזוי האָט ער געהייסן צווישן די בראַסלאַווער חסידים; זיין פאַמיליע־נאָמען איז מיר נישט באַקאַנט) איז געווען אַן אייגנאַרטיקער דענקער, אַ טיפער, פלאַם־פייערדיקער חסיד און אַן אָריגינעלער מענטש אין אַ סך פּרטים. כדי אָבער מבחין צו זיין צווישן מעשים שהיו און אגדות מוז מען האָבן עפּעס אַזוינס, וואָס עס פעלט פיל חסידים, און דווקא די נלהבים צווישן זיי, דהיינו: אָביעקטיווי־טעט. ר׳ נתן האָט אָט די אָביעקטיוויטעט דערגרייכט אין יענע ספורים, וואָס ער דערציילט אַלס עד־ראיה, דורך זיין ממש איבערמענטשלעכער

יראה פאַר ר׳ נחמנען, אין דער צייט, וואָס די שפּעטערדיקע חסידים האָבן שוין נישט געקאָנט האָבן אָט די יראה אין דער מאָס, וואָס ר׳ נתן האָט זי געהאַט.

די ספּורים, וואָס ווערן דערציילט בעל־פּה אין די קרייזן פון די בראַסלאַווער חסידים, דערגרייכן נישט אַלע מאָל אַפילו צו דער מדרגה פון ר׳ אברהמס ספּורים, כאָטש עס איז אויך אין זיי דאָ אַ טייל מעשים שהיו, און אַ טייל — דיכטערישע שאַפונג, וואָס איז גראָד גוט צוגעפּאַסט צו ר׳ נחמנען און זיין לעבנס־ווערק.

אין דעם ענין, וואו מיר האַלטן איצט, אין דער פאָרשונג פון דעם, וואָס עס האָבן באמת געזאָגט די רביים, וואָס האָבן אָנגעצונדן דאָס פייער פון מחלוקת אויף ר׳ נחמנען, האָבן מיר, צום גליק, אַ דאָקומענט, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך ר׳ נתן שטערנהאַרץ גופא. אויב אין די „חיי מוהר״ן", „שבחי מוהר״ן" „שיחות מוהר״ן", „מגיד שיחות" וכדומה, וועט איר זיך אָנשטויסן נאָר אויף די סיבות פון דער מחלוקת, אָבער איר בלייבט ביים נישט וויסן, וואָס זיי, די שטאַרקע שונאים, האָבן, אייגנטלעך, געזאָגט אויף ר׳ נחמנען, — איז דאָ, אינעם דערמאָנטן דאָקומענט, קלאָר פאַראַן סיי דער שקר־בילבול, וואָס ר׳ נחמנס שונאים האָבן אויף אים געמאַכט, סיי דער ריכטיקער ענטפער אויף אים. מחמת דער דאָקומענט איז וויכטיק נישט נאָר פאַר דער לעבנס־געשיכטע פון ר׳ נחמנען, נאָר אויך פאַר דער געשיכטע פון חסידות בכלל, ברענג איך אים דאָ אין גאַנצן.

ר׳ נתן האָט, אויסער די אַלעמען באַקאַנטע ספרים זיינע, אָנגעשריבן אַמאָל אַ „מגילת חסידי ברסלב". די מגילה האָט זיך געפונען ביי זיין, ר׳ נתנס, ברודער, ר׳ יהודה ליב מושיקס אין וויניצא. ווען מנחם נחום ליטינסקי, דער מחבר פון „קורות פּאָדאָליע וקדמוניות היהודים שם" (אָדעסא תרנ״ה), איז געווען אין וויניצא, אין יאָר תרל״ה, האָט ער אָט די מגילה געזען ביי דעם דערמאָנטן ר׳ ליב מושיקס און ער האָט פון איר איבערגעשריבן אַזאַ מין שטעל:

„כנודע מקורא הדורות התאמר ש״צ לפודה את ישראל מכל צרותיו בשנת ת״ח, היא השנה שעשה חמיל טבח גדול ביהודי פּאָדאָליע, וביחוד בגליל ברסלב ובהערים אשר סביב סבלו שם ב״י מחמת המציק וחכו בכליון עינים על עת הפדות שהבטיח ש״ץ.

בשנת תקי״ב באה מגילה עפה מרבני פוילין להסיר לב ב״י ברסלב מאחרי תורת הבעש״ט זצ״ל ולבטל את כת החסידים שפשטה שם, לרגלי החירות שעשה הבעש״ט בדרך החסידות. בשנת תקי״ז נשא פראנק אשה מבנות יהודי עירנו, ואחרי התמהמהו שם להרבות לו נפשות נסע משם לקאמעניץ ונתרבו שם ר״ל רבים שהחזיקו בשטת ש״צ. ובשנת תקמ״ו, בעת שהגאון מווילנא החרים כת החסידים, נשלח העתק מן החרם לברסלב, שנתרבו שם חסידים מחסידים שונים. לזאת, בעת שנתפשטה שטתו של מורי ורבי, הקדוש, מקובל אלקי, פום ממלל וכו׳, ושננתי לחסידינו דרכי רבנו, שלא טוב לעפר ואפר להרבות בשמחה כמעשי חסידים אחרים, ויותר טוב לדקדק במעשיו, את השי״ת לעבוד בשמחה, אך בעצבון יאכל לחם התורה, האשימו אותו החסידים האחרים, ובראשם הזקן, לאוחז ח״ו בכת הנ״ל ובשטת ש״צ, אם כי חס רבנו מפשעם שטפלו על דרכו בקודש וכמוהו אני תלמידו״ („קורות פאָדאָליע וקדמוניות היהודים שם״, 62—63).

פונעם דאָקומענט ווערט קלאָר, אַז עס האָט זיך אין בראַסלאַוו געפונען אין ר׳ נחמנס צייטן אַ גרעסערע אָדער קלענערע צאָל פראַנקיסטן; אַז אין די ברייטערע יידישע קרייזן האָט מען זיך דאַן ווייניק אָריענטירט אינעם אמתן מהות פון חסידות און מען האָט עס צונויפגעמישט מיטן פראַנקיזם; אַז נאָכן חרם, וואָס דער ווילנער גאון האָט מחרים געווען די „כת״ (ווי מ׳האָט די חסידים גערופן), האָט מען נאָכמער אָנגעהויבן צונויפמישן דעם פראַנקיזם מיטן חסידות; אַז ר׳ נחמן איז שטאַרק נישט צופרידן געווען מיט פאַרשיידענע חסידים אין זיין געגנט, דערפאַר, וואָס זיי פלעגן זיך דערלויבן צופיל שמחה (סעודהלעך, טענץ אין די גאַסן, טרינקען „תיקון״ א. א. וו.), און אַז גראָד דאָס, וואָס ר׳ נחמן האָט געהייסן דינען דעם אויבערשטן, טאַקע בשמחה, אָבער שטאַרק דערביי האָרעווען אויף לערנען און לעבן אין פרישות, גראָד דאָס האָט געגעבן זיינע שונאים די מעג־לעכקייט אויסצוטראַכטן אויף אים, אַז ער גייט אָוועק פונעם בעש״טס חסידות און קומט־צו צו שבתאות, מחמת אַ טייל ערשטע שבתאים האָבן געפאַסט הפסקות און אָנגעטאָן זיך גרויסע סגופים. אין דער אמתן האָט ר׳ נחמן פיינט געהאַט די שבתאים, און אַפשיטא שוין די פראַנקיסטן, נאָך מער ווי אַלע אַנדערע רביים. ער האָט אָבער באמת געמאַכט אַן אָפּנויג פון דעם אָרומיקן חסידות, צוריקקערנדיק אין אייניקע פרטים צו דער אורשפּרינגלעכער קבלת האר״י, און איבערהויפּט — צו דער אַלט־יידישער נזירות און

פרישות, צוזאַמען מיט דער אמונה פשוטה, עכטקייט און ריינקייט פון הארץ און השתפכות הנפש פאַר דעם אויבערשטן, וואָס איז דאָ אין דער נבואה און אין תהלים.

אַזוי־אַרום דערוויסן מיר זיך, וואָס אייגנטלעך ר׳ נחמנס קעגנער האָבן געטענהט, און מיר הייבן אָן דערביי צו פאַרשטיין, אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער חילוק צווישן ר׳ נחמנס דרך און דעם דרך החסידות פון זיין סביבה. מיר דערגייען עס אַ דאַנק ר׳ נתנס „מגילת־חסידי־ברסלב״. מיר זיינען אַזוי־אַרום צוגעקומען צו ר׳ נתנען. ווער און וואָס איז ער געווען?

קאַפּיטל כב.

ווי אזוי דער מאור הגדול און דער מאור הקטן האָבן זיך געזוכט

ר׳ נתן נעמיראָווער. — זיין אָפּשטאַם און זיין כאַראַקטער. — ביאָגראַפישע דאַטן. — אַ געשיכטע פון ר׳ נתנס קינדער־יאָרן, וואָס דער בראַסלאַווער חסיד ר׳ בן־ציון האָט מיר דערציילט. — וואָס איז דער טייטש געשטאָרבן ? — ר׳ נתן לערנט אַ שטיקל צייט בחברותא מיט דעם שפּעטערדיקן ראש פון די משכילים אין רוסלאַנד, דעם ריב״ל. — ר׳ מרדכי קרעמעניצער. — נאָך אַ מסורה וועגן דעם, ווי אַזוי ר׳ נתן איז געוואָרן ר׳ נחמנס תלמיד. — וואָס ר׳ נחמן האָט געזוכט. — וואָס ער האָט געפונען אין ר׳ נתנען. — די כוונות אלול פונעם אר״י. — די באַציהונגען צווישן רבי און תלמיד. — ר׳ נתנס חלק אין „ליקוטי מוהר״ן". — וואָס ר׳ נחמן איז געווען פאַר ר׳ נתנען.

אין נעמיראָוו האָט געוואוינט אַ יונגערמאַן נתן. אַ יונגערמאַן ווי פיל אַנדערע חסידישע יונגעלייט אין דער ערשטער עפּאָכע פונעם חסידות: לעבעדיק, זינגענדיק־טאַנצנדיק, וויניק געלערנט, פיל געדאַוונט, נאָך מער פאַרבראַכט אין סעודות־רעים, אין נעמען אַ פיין ביסל משקה לכבוד דעם יאָרצייט פון דעם, אָדער יענעם צדיק, צי לכבוד דעם אָדער יענעם יומא דפגרא. אָפט אַ שטיף געטאָן מיט חברים, אָפּגעטאָן עפּעס אַ שפּיצל דעם, אָדער יענעם מתנגד, געמאַכט פון אים חוזק, „דערלאַנגט" אים מיט אַ שאַרף חסידיש ווערטל, דערציילט גדולות ונפלאות וועגן אייגענע גדולים און מבטל־געווען אַנדערע גדולים (בפרט נאָך די, וואָס זענען נישט קיין חסידים) בקליפּת השום. אינערלעך אָבער איז נתן געווען — אַ שטיק אומרו, אַ נשמה, וואָס האָט געזוכט דעם אמת פון לעבן מיט אַ ווייטיק, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט, מיט אַזאַ ערנסטקייט און מיט אַזאַ עכטקייט, וואָס נאָר יחידים אין אַ דור פאַרמאָגן זיי, דערצו — אַ מענטש מיט גאונישע

פּיאַיקייטן, כאָטש אַט די פּיאַיקייטן זענען נאָך דאַן געווען מער אין כוח, איידער אין פּועל, מער אין העלם, איידער אין גלוי. ביי דעם אַלע־מען — אַן אייזערנער כאַראַקטער, אַ גבר בגבורין, נישט אין פיזישן זין (כאָטש, ווי עס ווייזט־אויס, איז ער אויך אין ריין־פיזישן זין שטאַרק געווען), נאָר אין גייסטיקן. האָט ער געזוכט דעם אמת, — האָט ער אַלע זיינע רצונות, געדאַנקען, חושים און מעשים אַריינגעטאָן נאָר אין דעם זוכן. האָט ער דעם אמת געפונען, וועדליק ער האָט אים באַגריפן, איז שוין נישט שייך געווען, אַז וואָסער־עס־איז כוח אויף דער וועלט זאָל אים שטערן דורכצופירן אָט דעם אמת אין לעבן, אין מינדסטן פּרט, אין מינדסטן וואָרט, אין יעדער תנועה. עס איז שוין נישט שייך געווען, אַז די שטאַרקסטע מענטשן אויף דער וועלט זאָלן אים אויף איין האָר און אויף איין רגע אָפּנויגן פון דעם וועג, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דעם איינציקן דרך־הישר, אָדער אַז וואָסער־עס־איז מניעה, וואָס עמעצער קען זיך נאָר פאָרשטעלן, זאָל אים אָפּהאַלטן פון צו דערפילן, אַפילו אין דער ביטערסטער בויט און אין דער גרעסטער סכנה, דאָס, וואָס איז, לויט זיין השגה, דער רצון פון גאָט.

נתנס לעבן איז צו דער צייט, ביי וועלכער מיר טרעפן אים, ביי זיין צוויי־און־צוואַנציקסטן יאָר, געווען אָרעם אין געשעעניש. געבוירן געוואָרן אין יאָר תק״ס אין נעמיראָוו; תנאים געשריבן מיט אַ טאָכטער פונעם רב ר׳ דוד צבי, אַב־בית־דין פון שאַריגראַד, אין יאָר תקנ״ב; חתונה געהאַט אין יאָר תקנ״ג; געגעסן קעסט ביים שווער צוויי יאָר; געווען אַ פאַרברענטער מתנגד. זיין שווער, ר׳ דוד צבי, האָט פיינט געהאַט חסידים און דאָס צוועלף־יעריקע יונגערמאַנטשיקל האָט זיך געפונען אונ־טער זיין השפּעה. אין אָנהייב פון יאָר תקנ״ו גייט ער מיט זיין יונג ווייב אַריבער אויף קעסט צו זיין פאָטער אין נעמיראָוו. ער לערנט דאַן בחברותא מיט אַ חסידישן יונגנמאַן. יענער שטרענגט־אָן אַלע זיינע כוחות אָרויפ־צופירן אים, נתנען, אויפן וועג פון חסידות. ער לאָזט זיך אָבער נישט. „צוליב, — ווי ער שרייבט שפּעטער, — דעם גיפט פון די דבורים, וואָס חותני ז״ל האָט אין מיר אַריינגעבראַכט; כאָטש ער איז געווען אַ צדיק און אַ ירא־שמים, האָט ער אָבער נישט זוכה געווען צו קענען דאָס ליכט פון דער קדושה און די אמתדיקייט פון די צדיקים און גדולי החסידים״. דאָס מתנגדישע אייז האָט אָבער געפּלאַצט. נתן איז געוואָרן אַ חסיד, און

איז, ווי שוין אויבן געזאָגט, אויסערלעך מיט גאָר נישט געווען אויסגעטיילט פון אַנדערע חסידישע יונגעלייט.

אַזוי — אויסערלעך. דאָס אינערלעכע לעבן נתנס איז שוין אָבער אויך צו דער צייט, ווען מיר טרעפן אים אין נעמיראָוו, גענוג רייך געווען. אַ ווייניק־באַקאַנטע מסורה פון אַלט־אומאַנער חסידים*) דערציילט וועגן ר׳ נתנען:

אַז נתן איז געווען אַ קינד פון פיר יאָר, האָט ער געזען, ווי מען פירט דעם פּרנס פון דער קהלה אין שול אַריין שמיני עצרת פאַרנאַכט: איבער אים — אַ חופּה, באַצירט און באַקרוינט מיט בלומען און אַלערליי געמעלן; יונגעלייט טראָגן די שטאַנגען; עלטערע שיינע יידן טראָגן ליכט פאַראויס; מענער און פרויען זינגען און טאַנצן אויף די גאַסן; מחנות קינדער לויפן פאַר דער חופּה און הינטער איר און פאַרהילכן די גאַס מיט זייערע קולכלעך. דאָס קינד, נתן, לויפט אויך פאַר דער חופּה און קוקט אַריין דעם פּרנס אין פּנים־אַריין. דער פּרנס גייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און פעסטע טריט: די גאַנצע וועלט איז זיינע.

זענען אַריבער עטלעכע חדשים. ס׳איז ווינטער. אַ טריבער טאָג. מרה־שחורהדיק און קלאָגעדיק. שמשים פון חברא־קדישא טראָגן אַ מיטה. די מיטה איז פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך. פרויען, קינדער יאָמערן. תלמוד־תורה־ייִנגלעך גייען פאַראויס און רופן: „צדק לפניו יהלך״. די צדקה־פּושקע קלינגט. יידן וואַרפן אַריין מטבעות, ווישן די טרערן. די קראָמען זענען צוגעשלאָסן. קעפּ זענען אַראָפּגעלאָזט. דאָס קינד, נתן, לויפט ווידער פאַראויס. ער פרעגט: „וואָס איז עס״? און באַקומט אַן ענטפער: „דער פּרנס איז געשטאָרבן״. וואָס איז דאָס געשטאָרבן? — דערויף באַקומט ער קיין ענטפער נישט. ער הערט אָבער נישט אויף צו פרעגן די עלטערע: „וואָס איז עס געשטאָרבן״? ווען זיי קענען זיך נישט אָפּטשעפּען, ענטפערן זיי: „געשטאָרבן איז — געשטאָרבן״... פון אַזאַ ענטפער ווערט דאָס קינד נישט קליגער. עס הויבט אים אָן שטאַרק אַרן די מעשה: וואָס איז עס פּאַרט געשטאָרבן? דאָס קינד לויפט ווייטער, טרעט נישט אָפּ פון דער לויה, קומט־צו מיט דער לויה צום

---

*) געהערט פון דעם וואַנדערנדיקן בראַסלאַווער חסיד ר׳ בן־ציון, וואָס האָט אַ סך יאָרן פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין אומאַן און האָט פיל זאַכן געהערט פון די עלטסטע און באַגלויבטסטע חסידים.

בית־עולם, קוקט זיך צו, ווי מען נעמט אַראָפּ דעם מת. ווײ! אָט דאָס איז ער, דער פּרנס? — אָט נישט לאַנג האָט ער געשײנט און געלויכטן, איצט — געל. אַן אבן־דומם. געשטאָרבן! וואָס איז עס אָבער פּאָרט? צו וואָס לעבט מען און מען שטאַרבט דערנאָך? וואָס איז לעבן? וואָס איז טויט? אויב אַלע דאַרפן שטאַרבן — צו וואָס ווערט מען מתחילה געבוירן?

דאָס קינד איז גרעסער געוואָרן, איז געגאַנגען אין חדר, געלערנט, און האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו זוכן אַן ענטפער אויף דער קשיא, וואָס האָט אים נישט אויפגעהערט צו פּייניקן. פונעם קינד איז אַ בחור אויס־געוואַקסן, דער בחור האָט געלערנט ביי מופלגים, האָט געפרעגט און גע־פרעגט די קשיא און קיין ענטפער נישט באַקומען. ער האָט געזוכט אין ספרים און האָט אין זיי אויך נישט געפונען קיין קלאָרע תשובה. ער האָט געפרעגט דעם שווער, דעם אב־בית־דין, וואָס איז געווען אַ גרויסער גאון, און האָט פון אים אויך קיין ריכטיקן ענטפער נישט גע־קראָגן.

לערנענדיק בחברותא מיטן חסידישן יונגנמאַן, האָט ער זיך פעסט געהאַלטן ביי דער התנגדות צו חסידים, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין שווער. ער איז אין אַ שטיקל צייט אַרום אַפּגעפאָרן קיין קרעמעניץ. דאָרט האָט ער געלערנט אַ געוויסע צייט בחברותא מיטן שפּעטערדיקן ראש פון דער השכלה אין רוסלאַנד — ר׳ יצחק בער לעווינזאָן. איינמאָל איז ער, ר׳ נתן, פאַרבייגעגאַנגען אַ הויז און האָט פון דאָרט געהערט אַ תהלים־זאָגן, וואָס האָט אויפגעציטערט זיין גאַנצן מהות. ווער קאָן עס תהלים־זאָגן מיט אַזוי פיל האַרץ? מסתמא, אַ גרויסער צדיק. באַשליסט ביי זיך ר׳ נתן: איך מוז ווערן אַ תלמיד און באַדינער ביי אָט דעם ייד, ווער ער זאָל נישט זיין. גייט ער אַריין און דערוויסט זיך, אַז דאָרט וואוינט ר׳ מרדכי, אַ זון פון ר׳ מיכלע זלאָטשעווער. קען ער שוין נישט שיידן זיך פון דעם צדיק און ווערט זיינער אַ חסיד. אויך ביי אים, ביי ר׳ מרדכי קרעמעניצער, האָט ער אָבער נישט באַקומען קיין ענטפער אויף דער קשיא, וואָס האָט אים געפייניקט. ווערט ר׳ נתן שפּעטער אַ חסיד פונעם רבי ר׳ זושא אַניפּאָלער. ער קלייבט גרויס התפעלות פון אָט דעם צדיק, וואָס איז אַ שטיק מלאך־אלוקים. קיין ענטפער אויף זיין קשיא האָט ער אויך ביי אים נישט באַקומען. ווען ער האָט זיך אין אלול פון יאָר תקס״ב

אַרויסגעקליבן פון זלאַטאָפּאָליע און זיך באַזעצט אין בראַסלאַוו, נישט ווייט פון נעמיראָוו, וואו זיינע עלטערן האָבן געוואוינט, האָט זיך ר׳ נתן מיישב־געווען: לאָמיך דערקענען דעם מהות פון דעם רבין, וואָס בנוגע אים זענען דאָ אַזוי פיל מימינים און משמאילים... ביי ר׳ נחמנען איז ער שוין ס׳גאַנצע לעבן געבליבן, ווייל ביי אים האָט ער באַקומען תירוצים אויף אַלע קשיות — און אויך אויף זיין הויפּט־קשיא...

אַן אַנדער מסורה, וואָס ווערט דערציילט צווישן בראַסלאַווער חסידים, גיט אַזוי איבער די באַקערונג פון ר׳ נתנען פון אַ געוויינלעכן חסיד צו ר׳ נחמנס פייערדיקסטן און גרעסטן תלמיד:

ר׳ נתן האָט געלעבט צווישן אַ פריילעכער חברה חסידים. אַמאָל האָט מען זיך שטאַרק משמח געווען אויף אַ סעודהלע, און אים, ר׳ נתנען, געשיקט נאָך בייגל. ר׳ נתן האָט געבראַכט די בייגל און זיך ווייטער משמח געווען מיט דער יונגער חברה. נאָך דער סעודה, ווען ער איז געבליבן אַליין, האָט אים די זאַך שטאַרק וויי געטאָן: וואָס איז עס פאַר אַ תכלית? וואָס האָט עס פאַר אַ טעם? איז אַ מענטש באַשאַפן געוואָרן דורכצושטופּן זיין לעבן מיט טענצלעך, סעודהלעך, דברים של מה בכך? האָט ער זיך יאָמערלעך צעטענהט פאַרן ריבונו של עולם: „פיר מיך אויפן ריכטיקן וועג. דער וועג, אויף וועלכן איך גיי, איז נאָך נישט דער ריכטיקער״. ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט ביז ער איז איינגעשלאָפן. האָט זיך אים געחלומט, אַז פאַר אים שטייט אַ הויכע לייטער, אויף וועלכער מען גייט אַרויף ביז צום הימל. הייבט־אָן ר׳ נתן עולה צו זיין אויף דער לייטער. ער איז עולה פון מדרגה צו מדרגה, גייט העכער און העכער, ביז עס פאַר־שווינדלט אים פאַר די אויגן און ער וויל שוין אַראָפּנידערן. פּלוצלונג וואַקסט פאַר אים אויס אַ יונגערמאַן מיט אַ מלאך־געזיכט און מיט אויגן, ווי צוויי זונען. „האַלט! — האָט יענער צו אים אויסגעשריען, — שטאַרק זיך! גיי נישט אַראָפּ״!...

ר׳ נתן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און גלייך אָנגעהויבן זוכן: וואו געפינט זיך עס אַ יונגערמאַן מיט אַזאַ מלאך־פּנים, ווי ער האָט גע־זען אין חלום?

ווען ער איז געקומען צו ר׳ נחמנען, האָט ער אין אים, אין ר׳ נחמנען, דערקענט יענעם יונגנמאַן, וואָס האָט אים נישט געלאָזט אַראָפּגיין פון דער הימל־לייטער...

— אָט דאָס איז דער אמתער רבי! — האָט ר׳ נתן צו זיך געזאָגט, און ער האָט שוין אויף אייביק מקשר־געווען זיין נשמה מיטן רבי ר׳ נחמן.

***

פונקט ווי ר׳ נתן האָט כל ימיו געזוכט דעם אמתן רבין און ער האָט אים געפונען אין ר׳ נחמנען, אַזוי האָט אויך ר׳ נחמן פון זיין זייט געזוכט כל ימיו דעם אמתן תלמיד און ער האָט אים געפונען — אין ר׳ נתנען. צו וואָס האָט ר׳ נחמן באַדאַרפט האָבן דוקא אַן „אמתן תלמיד״, ד״ה נישט סתם אַ תלמיד מובהק, אַ גאון, אַ חריף, אַ גרויסן חסיד, אַ גרויסן ירא שמים, אַ מענטשן מיט אַן עילוישער תפיסה, הבנה און הסברה, נאָר דווקא אַ תלמיד, וואָס איז ממש איינס מיטן רבין, אַזוי איינס, אַז ער פאַרפעלט קיינמאָל נישט דאָס מינדסטע וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון רבינס מויל, קיין מינדסטע תנועה און קיין מינדסטן רמז און אַפילו נישט קיין רמז רמיזא פון דעם, וואָס קען ביי אַנדערע ווערן אויסגעטייטשט אַלס שיחת־חולין, אָדער גאָר אַלס דברים של מה בכך? צו וואָס האָט ר׳ נחמן באַדאַרפט האָבן דווקא אַ גאָר־אויסטערלישן תלמיד און ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט די פיל תלמידים און חסידים, וואָס ער האָט געהאַט ביז ר׳ נתנען?

ר׳ נחמן האָט ליידנשאַפטלעך געזוכט אַ נתנען צוליב דריי טעמים פשוטע און איין טעם — אַ טיפן.

די דריי פשוטע טעמים:

א) ער האָט געזוכט אַ מענטשן, וואָס זאָל געטריי, נישט פאַרפעלנדיק קיין אות און נישט פאַרגרייזנדיק קיין תג פון זיין כוונה, אויפשרייבן אַלץ, וואָס ער זאָגט.

דער רב מלאַדי האָט אַמאָל געזאָגט וועגן דריי, וואָס האָבן איבערגע־שריבן זיינע געזאָגטע תורות: „אחי רבי ליב (רבי ליב יאַנאָוויטשער, אַ ברודער און תלמיד מובהק פונעם רב) שרייבט ווי איך זאָג; בני רבי בער (דער מיטעלער רבי, דער ערשטער לובאַוויטשער) שרייבט ווי איך מיין; נכדי ר׳ מענדל (דער „צמח צדק״) שרייבט אי ווי איך זאָג, אי ווי איך מיין״.

ר׳ נחמן, אויף זיין שטייגער, האָט אויך געזוכט איינעם, וואָס זאָל אויפשרייבן זיינע געזאָגטע תורות, אי ווי ער זאָגט, אי ווי ער מיינט צו זאָגן. די אויפגאַבע פון ר׳ נתנען איז דערביי געווען אַ שלא בערך שווע־רערע, ווי די, וואָס די תלמידים פון הרב מלאַדי האָבן געהאַט, ווייל ער, ר׳

נתן, האָט באַדאַרפט איבערשרייבן פעדאַנטיש־פינקטלעך (און אין דער זעלבער צייט אויך לפי עומק הכוונה) נישט נאָר ר׳ נחמנס תורות, נאָר אויך אַלע זיינע שמועסן, צווישן זיי, אין פלוג, גאַנץ צופעליקע און אומ־באַדייטענדיקע, און נישט נאָר שמועסן, נאָר אויך מעשיות און מעשהלעך, וואָס פלעגן מוזן איבערגעגעבן ווערן אַזוי ווי זיי זענען געהערט געוואָרן פון אים, דעם גרויסן געטלעכן דיכטער, נישט פאַרפעלנדיק קיין איין בילד, קיין איין ניואַנס, נישט־אומבייטנדיק קיין איין פרט פונעם ספור־המעשה, און דערביי — לויט דער עמקי־המעמקימדיקער אידעע פון דער זאַך. מ׳האָט געדאַרפט שטיין און היטן און ציטערן איבער יעדן אות און דערביי זאָל דער ספור־המעשה אַרויסקומען פריי, פליסנדיק־לעבעדיק, גלייך ווי פון אַן אייביק־פרישן קוואַל, וואָס ווערט באַנייט יעדע רגע פון אַ געהיים־געטלעכער שפע.

ב) אין ר׳ נתנען האָט ר׳ נחמן געזען דעם „בריה״, דעם „תקיף־בדעתו״; דעם, וואָס וועט זיך קיינמאָל „נישט לאָזן שפייען אין קאַשע״; דעם, וואָס וועט זיך אָפּרעכענען — ווען מען וועט מוזן — מיט די שטאַרקסטע בעלי־מחלוקת; וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט דערלויבן צו טאָן דאָס מינדסטע קעגן דעם וואונטש פונעם רבין און וועט אויך קיינמאָל נישט דערלויבן זיך אויסטייטשן אָט דעם וואונטש פאַלש אָדער פאַרדרייט.

ג) ר׳ נחמן האָט געזען אין ר׳ נתנען דעם מענטש מיטן באמת־ליכטיקן קאָפּ סיי אין תורה, סיי אין מילי דעלמא, כאָטש אויסערלעך האָט מען אין אים נישט געזען קיין שום אויסערגעוויינלעכס. „אָט ווי דו קוקסט אים אָן, — האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו זיין טאָכטער האָדעל באַלד ווי ר׳ נתן האָט זיך צו אים מתדבק געווען, — איז ער אַן אויסערגעוויינלעכער חכם. ווען ער וועט, למשל, בלויז איין קוק טאָן אויף דער היגער שול, וועט ער גלייך זאָגן, וויפל איילן זי האַלט אין דער הויך״. אַמאָל האָט ר׳ נחמן וועגן אים געזאָגט: „אין דעם ענין פון תורה־זאָגן איז ער אַ חד בדרא״.

דער טיפערער טעם איז געווען:

אין ר׳ נתנען האָט ר׳ נחמן געזען זיין יהושע — דעם, וואָס וועט אויספירן זיין לעבנס־זאַך. כדאי דאָ איבערצוגעבן וואָרט ביי וואָרט, ווי אַזוי עס איז געזאָגט געוואָרן די תורה „קרא את יהושע״, וואָס שפילט געוויס אַן אויף דעם אמתן תלמיד, וואָס ער, ר׳ נחמן, האָט באַקומען, — אויף ר׳ נתנען.

אַזוי דערציילט וועגן דעם ר׳ נתן:

„די תורה: „קרא את יהושע״ (אין „לקוטי מוהר״ן״, סימן ואו) האָט ער געזאָגט שבת־שובה פון יאָר תקס״ג און ביים אָנהייב האָט ער דערמאָנט דעם פסוק: „ועל הכסא דמות כמראה אדם עליו מלמעלה״, און דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אָן די צוויי ווענטלעך פון דעם שטול, אויף וועלכן ער איז געזעסן, און ער האָט זיך באַוועגט צוזאַמען מיט דעם שטול, און האָט געזאָגט באימה וביראה און מיט שטאַרקער מסירת־נפש בזה הלשון: „אַז מען זיצט אויף דעם שטול, דעמאָלט איז מען אַ מענטש״*). און דערנאָך האָט ער געענדיקט די מוראדיקע תורה, וואָס איז דאָ אינעם ספר. בשעת ער האָט געזאָגט די תורה, האָט ער גאָר נישט גערעדט וועגן די כוונות פון אלול, נאָר נאָכדעם, ווי ער האָט שוין געענדיקט די תורה און האָט אָפּגעדאַוונט מעריב און אָפּגעמאַכט הבדלה, האָט ער ווידער גערעדט וועגן דער תורה, ווי זיין שטייגער איז תמיד געווען, און דאַן האָט ער אַזוי געזאָגט צו די אַלטע חשובע יידן, וואָס זענען אַלע אַרום אים געזעסן און האָבן געדאַוונט פון סידור האר״י ז״ל: „זאָגט מיר, וואו זענען אין דער געזאָגטער תורה אַלע כוונות אלול פונעם אר״י ז״ל?״. האָבן זיי אַלע געשוויגן, ווייל מען קען טאַקע נישט פון אייגענעם שכל פאַרשטיין, ווי אַזוי דער סוד פון כוונות אלול ווערט נרמז אין דער דערמאָנטער תורה. האָט ער געהייסן ברענגען אַ סידור האר״י ז״ל און האָט אים אויפגעעפנט און פאַר זיי באַוויזן די כוונות פון אלול. דערנאָך האָט ער געעפנט פיו הקדוש והנורא און האָט אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן וואונדער, ווי אַזוי אַלע כוונות פון אלול זענען מרומז אויף זייער אַ וואונדערבאַרן, פּירכטערלעכן אופן (ווי עס איז דערקלערט וועגן דעם אינעם ספר), אָבער מען קאָן נישט אויסמאָלן אין שריפט אַלץ, וואָס דאָס האַרץ האָט דאַן געפאָנט (השיעור שבלב), דאָס גליקזעליקע און דאָס וואונדערבאַרע, וואָס איך האָב דערפילט בעת איך האָב זוכה געווען צו דערהערן דאָס אַלץ. נאָך שבת האָט ער ווידער געשמועסט פון דער תורה, וואָס רעדט וועגן משה און יהושע און אוהל־מועד, אַז זיי זענען אין דער בחינה פון „נקודה העליונה״ און „נקודה התחתונה״ און „וואָוו״, און דאַן האָט ער צו מיר גע־

*) אַ רמז אויפן זוהר פרשת תזריע, דף מ״ח ע״א: „אימתי אתקרי שלימותא דלעילא, כד יתיב קב״ה בכורסיא, ועד לא יתיב בכורסיא לא אשתכח שלימותא, דכתיב: ועל הכסא דמות כמראה אדם, וגו׳.״

זאָגט בזה הלשון: „אומעטום, וואו עס קומען זיך צונויף דער רבי מיטן תלמיד, ווערט דאָרט די בחינה פון משה און יהושע און אוהל־מועד״. דאָס אַלץ איז געווען באַלד ביי מיין מתחבר זיין זיך צו אים. ווען איך האָב נאָך נישט זוכה געווען צו שרייבן פאַר אים גרויסע תורות און האָב נאָר פאַר זיך געשריבן קורצע מאמרים זיינע און האָב מיך דעריבער אַ לאַנגע צייט שטאַרק מתגעגע געווען צו מקבל זיין פון אים אָט די תורה בכתיבת ידו הקדושה. כ׳האָב נישט זוכה געווען צו דעם ביז נאָך פורים. ווען איך בין ביי אים געווען אין מעדוועדיווקע, און דאַן בין איך געזעסן פאַר אים און האָב פאַר אים איבערגעשריבן די תורה. ער האָט מיר מפיו פאַר־געלייענט פון זיין ספר בכת״י הקדושה און איך האָב געשריבן אויפן פאַפיר. דערנאָך, אין אַ שטיקל צייט אַרום, ביינאַכט, בין איך צוגעקומען צו אים, ווען ער איז שוין געזעסן אין בעט און האָט שוין געהאַלטן ביים שלאָפן־גיין, און האָב מיט אים פיל גערעדט, און דאַן האָט ער מיר מגלה געווען דעם ענין פון „ג׳ מצוות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ״, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אויפגעשריבענער תורה (ווי עס איז געדרוקט דאָרט אויפן אָרט), און דערנאָך האָט ער אַזוי מסיים געווען: „אָט די אַלע דריי מצוות זענען בבחינת תשובה״ (ווי ס׳איז דאָרט געדרוקט). האָב איך אים געפרעגט: ווי אַזוי זענען די אַלע דריי מצוות בבחינת תשובה? און ער האָט צו מיר געזאָגט: דאָ זאָג דו שוין! דערמיט בין איך אַוועק פון אים, ז״ל, און תיכף האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם, און, שוין גייענדיק צו זיך אויף דער אַכסניא, האָט מיר הש״י מזמין געווען שיינע חידושים. קומענדיק אויף מיין אכסניא, האָב איך אָנגעטראָפן, בעזרת הש״י, שרייב־געצייג און האָב באַלד אָנגעשריבן וואָס דער אויבערשטער האָט מיך גע־לייטזעליקט. דאָס אַלץ איז געווען באַלד ביי זיין אָנהויבן צו מחנך זיין מיך דורך זיין רחמים אין זיינע וואונדערבאַרע דרכים. צו־מאָרגנס האָב איך פאַר אים געבראַכט דאָס, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, און ס׳איז אים געפעלן געוואָרן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן פון פרייד און האָט געזאָגט: „דו וועסט קענען לערנען, אַז דו וועסט באַגערן״.

***

אַמאָל האָט ר׳ נחמן אַזוי געזאָגט צו ר׳ נתנען:

„אַ שטיק עול מלכות און דרך ארץ האָב איך שוין פון דיר אַראָפּ־גענומען״.

ער האָט צו אים געזאָגט:

„דיך האָב איך שוין אָוועקגענומען פון דער וועלט".

אַמאָל ווידער האָט ער געזאָגט צו אַלע זיינע תלמידים:

„איך האָב דאָך מיינע אויגן אויסגעקוקט אויף איטלעכן באַזונדער".

אַן אַנדערש מאָל האָט ער געזאָגט וועגן ר' נתנען און זיין חבר ר' נפתלי:

„זיי זענען דאָך דימענטן".

אַמאָל האָט איינער פון זיינע נאָענטע געזאָגט אויף ר' נתנען:

„ער וועט אַוודאי זיין אַ גוטער ייד".

האָט ר' נחמן געענטפערט:

„ער איז שוין אַ גוטער ייד".

אַן אַנדערש מאָל האָט ער געזאָגט צו ר' נתנען און צו ר' נפתלין, ווען זיי האָבן זיך מתקרב געווען צו אים:

„מיר קענען זיך שוין פון לאַנג; נאָר ס'איז פאַרביי אַ לאַנגע צייט, אַז מיר האָבן זיך נישט געזען, און היינט זעען מיר זיך".

ער האָט זיך אָנגערופן צו ר' נתנען, ווען עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דער ספר „לקוטי מוהר"ן" און ר' נתן איז געזעסן עפּעס פאַרטרויערט:

„צי קענסטו זיך דען נישט מחיה־זיין דערמיט, וואָס דו האָסט אַ גרויסן חלק אין ספר („לקוטי מוהר"ן")? דער גאַנצער ספר איז דאָך דיינער, ווייל ווען נישט דו, וואָלט דער ספר אויף דער וועלט נישט געווען".

דערנאָך האָט ער ר' נתנען מסביר געווען, ווי אַזוי דורך אים, ר' נתנען, איז דער ספר אויף דער וועלט געקומען, און ער האָט צוגעגעבן:

„דו ווייסט דאָך אַ ביסל וועגן דער מעלה און גדלות פונעם ספר און זיין קדושה; מער פון דעם דאַרפסטו אָבער גלייבן אין דער גדלות פון אָט דעם ספר".

הינטער די אויגן פלעגט ער אויך פיל רעדן פון ר' נתנען. ער פלעגט אָפּט זאָגן:

„נתן האָט אַ גרויסן חלק אינעם ספר".

ער פלעגט אויך זאָגן:

„איר דאַרפט אים אַלע מחזיק טובה זיין פאַרן ספר, ווייל ווען ער וואָלט אין דעם נישט עוסק געווען, וואָלט קיין איין בלעטל נישט געבליבן פון מיינע ספרים״.

אַמאָל האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים און חסידים אָט וואָס:

„יעדער איינציקער פון אייך האָט אַ חלק אינעם ספר, נאָר נתן האָט אַ גרעסערן חלק פון אייך אַלעמען״. און ער האָט צוגעגעבן: „ווען נישט ער, וואָלט איר נישט געהאַט אַפילו אַ בלעטל שמות״.

אַמאָל האָט ער געזאָגט צו ר׳ נתנען:

„דו זאָלסט נאָך זיין אין מרה שחורה? ביסט דאָך מחויב משונה פריילעך צו זיין״!

ווידער אַמאָל האָט ער אים געזאָגט:

„דו זאָלסט זיך לאָזן אַראָפּוואַרפן? ס׳וועט זיך נאָך טאָן, ברודער, — האַלט זיך״!

אין דער ערשטער תורה פון „לקוטי מוהר״ן״ רעדט זיך וועגן איין זון — חכמה — פון יעקבן, און וועגן אַ צווייטער זון — פאַלשע חכמה פון עשון; וועגן דער לבנה, מלכות — וואָס איז מקבל פון יעקבן און ווערט דאַן גרויס „כאור החמה״; וועגן די תפילות, וואָס ווערן אַנגענומען נאָר דאַן, ווען עס פאַראייניקט זיך חכמה (אות חית) מיט מלכות (אות נון — „לפני שמש ינון שמו״), און עס ווערט צוזאַמען — חן. חית מיט נון פאַראייניקן זיך און זיי באַקומען די פאָרם פון תיו — אַ צייכן, אַן איינדרוק, ווערט צוזאַמען: נחת. דערביי ווערט אין דער תורה געזאָגט, אַז די חכמה פון קליפּה האָט אויך איר מלכות (איר „נון״) און זי ווערט באַהערשט נאָר דורך דער ריינער חכמה דקדושה, און עס ווערט אַזוי־אַרום קאָמבינירט אויף פאַרשיידענע אופנים אויך דער אות מם (די התחלה פון וואָרט מלכות). די אותיות, וואָס ווערן אַזוי־אַרום ווידער־האָלט און קאָמבינירט, זענען: צוויי נונען, אין יעדן שם, אַ חית מיט אַ מם אין איין שם, אַ תיו — ווידער אין איין שם. אַלע אותיות, וואָס זענען דאָ אין די שמות: נחמן און נתן...

פאַר דעם, וואָס איז באַקאַנט נאָך אויבנאויפיק מיט ר׳ נחמנס תורות, קאָן עס קלינגען פרעמד און ווילד. דער, וואָס האָט זיך אָבער פאַרטיפט אין זיי, יענער ווייסט, אַז ר׳ נחמן פלעגט נישט נאָר דרשענען פסוקים, גמרות, מדרשים און מאמרים פון זוהר אותיותווייז, נאָר ער פלעגט

אין זיינע ווערטער אַריינלייגן פיל באַהאַלטענע צרופים פון אותיות.

אין דער חסידישער וועלט זענען שבחים און גרויסע טיטלען נישט פון די זעלטענע זאַכן. עס איז באַוואוסט דאָס אַלט־מתנגדישע ווערטל (שלמה מיימון אין זיין „אויטאָביאָגראַפיע" גיט עס אָן אַלס חסידיש ווערטל; דאָס איז אָבער אַ בפירושער אומזין: ווען דען חסידים פון זיך אַליין חוזק מאַכן?): „שירו לד' שיר חדש" — זוכט אויס פאַרן רבונו של עולם עפּעס גאָר נייע שבחים, ווייל „תהלתו בקהל חסידים". ווייל אַלע זיינע אַלטע שבחים, ווי: „המאיר לארץ ולדרים עליה", „רופא חולים", „מתיר אסורים", „מחיה מתים" א. א. וו., האָבן שוין די חסידים פאַר זייערע רביים צוגענומען...

ווען ר' נתן שרייבט אָבער טיטלען אויף ר' נחמנען, פילט זיך, אַז ער קען זיך גאָרנישט אָפּרייסן פונעם לויב־געזאַנג. אַזאַ מין פאַרהערלעכונג פון אַ תלמיד לגבי אַ רבין קאָן מען ביי קיין חסיד און ביי קיין תלמיד אין דער וועלט נישט געפינען.

נעמט, אַ שטייגער, אַזאַ מין טיטל אין אַ בריוו פון ר' נתן צו ר' נחמנען, געשריבן אין ח' ניסן פון יאָר תקס"ז:

„ישאו הרים שלום, לאוצר בלום, צדיק יסוד עולם, ה"ה כבוד אדונינו מורנו ורבנו, גאון עוזנו, עטרת תפארתנו ותפארת כל ישראל, ראש גלות אריאל, ה"ה הנשר הגדול בעל כנפים, בצלו נחסה ונתלונן, יחיינו מיומים, ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו, ויחי עוד לנצח עד בלתי שמים, הגאון הגדול, בוצינא קדישא, החסיד האמתי המתחסד עם קונו, מחיה חיים, לו דומיה תהלה, כלום סיימתי לכולהו שבחי — אי אפשר לסיים, אשרינו ואשרי חלקנו, שנפלנו בחלקו וגורלו, חבלים נפלו לו בנעימים, נחלת שפרה עלי, ומתוק האור וטוב לעינים, אשרינו, אשרי עין ראתה כל אלה, אור שבעת הימים, הגנוז והצפון, מאת ד' היתה זאת מן השמים, כבוד גדולת שמו, נורא ונשגב, מאד נעלה, מורנו ורבנו, הרב ר' נחמן נר"ו, יאמר בצלצת ויחי עוד לנצח".

טאָמער מיינט איר, אַז איר זענט מיט אָט דעם טיטל אַליין יוצא, — זענען דאָ אינעם בריוו גופא נייע און נייע שבחים. עס פילט זיך אין דעם אַלעמען, אַז פאַר ר' נתנען איז ר' נחמן געווען ממש די התגלות פון דער געטלעכקייט אויף דער ערד, דאָס העכסטע, צו וואָס אַ נשמה האָט ווען עס איז דערגרייכט.

קאַפּיטל כג.

די לעצטע יאָרן פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער

ר׳ נחמנס לעבן און תורות אין בראַסלאַוו. — ווי אַזוי ער פלעגט זאָגן זיינע תורות און ווי אַזוי זיינע תלמידים פלעגן גיין צו אים צו־פוס. — מ׳יאָגט אים נאָך און ער איז מגלה סודות. — ר׳ נחמנס נסיעות. — תיקונים און עליות פון נשמות. — דער סוד פון „העלאַת מ״ן״. — תיקונים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט קידוש השם. — „וואוהין איך זאָל נישט פאָרן — פאָר איך קיין ארץ־ישראל״. — שווערע איבערלעבונגען אין זאַסלאַוו. — פיזישע און מאָראַלישע יסורים. — צוויי לשון־קודשדיקע בריוו פון ר׳ נחמנען און איין בריוו אַ יידישער. — „דערמאָנט אייך איטלעכער, ווי אַזוי איך האָב אייך גע־פונען״. — „איך בעט אייך זייער צו בעטן בעד נפשי העלובה״. — ר׳ נחמנס קראַנקייט. — די נסיעה קיין לעמבערג. — רפואות, דאָקטוירים און וואָס עס זאָגט וועגן דעם ר׳ נתן נעמיראָווער. — ר׳ נחמן טראַכט וועגן זיין הסתלקות.

ר׳ נחמן האָט זיך אין בראַסלאַוו פעסט באַזעצט. דאָס מגידות אין שטאָט האָט ער באַקומען דורך דער השתדלות פון זיין פעטער, דעם רבין ר׳ ברוך. ר׳ ברוך איז אַמאָל אויך געווען מגיד אין בראַסלאַוו. ער האָט זיך דאָרט לאַנג נישט געהאַלטן: זיין אימה איז צו גרויס געווען. ר׳ נחמן אָבער האָט געזאָגט: „מיר האָבן איינגענומען בראַסלאַוו מיט טענץ״...

„צדיקים מבקשים לישב בשלוה, אומר הקב״ה: לא דין לצדיקים מה שמתוקן להם לעולם הבא, וכו׳״. געשען איז אינעם פאַל פון ר׳ נחמנען אַ גאָר אויסטערלישע זאַך: אויסער וואָס מען האָט אים נישט געלאָזט זיצן בשלוה, ווייל מען האָט אַרום בראַסלאַוו אָנגעצונדן פאַר אים מדורי־גיהנום פון קריגערייען (אין בראַסלאַוו גופא איז גראָד שטיל געווען; בראַס־לאַוו האָט ער „איינגענומען״), האָט ער אַליין אויך נישט געוואָלט זיצן קיין איין טאָג בשלוה. עפּעס האָט אים געיאָגט און געטריבן פון אָרט צו אָרט, ווי ער וואָלט שטענדיק פון זיין אייגענער פאַמיליע געלאָפן, ווי ער וואָלט פון זיינע בעסטע תלמידים געלאָפן, ווי ער וואָלט פון זיך אַליין געלאָפן...

אַ שטענדיק אַרומיאָגעניש. נאָר מיט גרויס מי און מאַטערניש, נאָכ־שפּירעניש און זוכעניש, געלינגט זיינע תלמידים מקבל צו זיין פון אים די אָדער יענע תורה. יעדע תורה אין „לקוטי מהר״ן״ האָט דעריבער אַ באַזונדער געשיכטע: ווען זי איז געזאָגט געוואָרן, ווער ס׳האָט זוכה געווען צו הערן זי, ווען און דורך וועמען זי איז צוערשט געשריבן געוואָרן, ווען און דורך וועמען זי איז אויסגעבעסערט געוואָרן און ווי זי איז דורך ר׳ נחמנען ענדגילטיק רעדאַגירט געוואָרן. ר׳ נתן באַנוצט זיך אָפט, רעדנדיק וועגן ר׳ נחמנס תורות, מיטן אויסדרוק: גלה (ער האָט אַנט־פּלעקט), אָדער „נתן לנו״ (ער האָט אונדז געגעבן), אָדער „מסר לנו״ (ער האָט אונדז איבערגעגעבן), ווייל יעדע אַרויסבאַקומענע תורה פון ר׳ נחמנען האָט אויף אַלע צוהערער, באַזונדערס אויף די נאָענטסטע תלמידים און חסידים, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נייער התגלות (בנוגע ר׳ נתנען ספּעציעל וועל איך נישט מגזם זיין, ווען איך וועל זאָגן: אַ מעין מעמד הר סיני...), צו וועלכער מען האָט זוכה געווען, אָדער דורך באַזונדערע זכות אָבות, אָדער דורך אַ ספּעציעלן חסד, אָדער דורך דורכגעלעבטע יסורים, אָדער דורך גובר זיין כלערליי שטערונגען און מניעות.

עס וואָלט צו וייט פאַרפירט, ווען מ׳זאָל דאָ איבערדערציילן אַלע איינצלהייטן פון אַט די וואַנדערונגען און אַרומיאָגענישן. וועל איך דעריבער איבערגעבן איינציקע קורצע עפּיזאָדן פון אַט די אויסטערלישע באַציאונגען צווישן דעם רבין און זיינע תלמידים.

„ווען איך בין געווען אין נעמיראָוו, — דערציילט ר׳ נתן, — פלעג איך פאָרן צו אים, ז״ל, קיין בראַסלאָוו. אַמאָל האָט מען מיר דערציילט פון זיינעטוועגן, אַז ער האָט מקפּיד געווען אויף די, וואָס פאָרן צו אים אויף פורן און גייען צו אים נישט צו פוס. האָב איך מיך איבער דעם שטאַרק פאַרטראַכט און האָב איינגעזען, אַז אַזוי דאַרף עס בוודאי צו זיין. מען מוז טאַקע גיין צו אים צו פוס. איך האָב געקראָגן שטאַרק חשקות צו דעם. האָט השי״ת שוין אַזוי געמאַכט, אַז איך האָב זוכה געווען גיין צו פוס צו אים דריי מאָל און איך האָב פיל מרויח געווען פון דעם, וואָס איך בין די דריי מאָל צו פוס געגאַנגען, וואָרעם ווען איך וואָלט אויף זיך נישט אָנ־געטאָן אַ כוח צו גיין צו פוס, וואָלט איך ביי אים יענע דריי מאָל אינגאַנצן נישט געווען. געלויבט איז דער, וואָס איז אַ טוב ומיטיב סיי פאַר גוטע, סיי פאַר בייזע, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו דעם. וואָס איך האָב אין

אַט די דריי מאָל באַזונדערס מרויח געווען — דאָס ווייס איך שוין אַביסל, ווייל איך געדענק נאָך, וואָס איך האָב דאַן געהערט, און דאָס איבעריקע וועל איך באַגרייפן לעתיד לבוא, ווען איך וועל צו דעם זוכה זיין. מיין חבר ר׳ נפתלי האָט אויך אָנגעהויבן גיין צו אים צופוס, מחמת ער האָט אויך געהערט די זעלבע רייד (וועגן דער גרויסקייט פון גיין צו פוס צום רבין — ה. צ.). צווישן די איבעריקע חברים זענען געווען אָרעמע־לייט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג צו פוס. וואויל איז צו זיי, וואויל איז זייער חלק. מיר האָבן, אַ דאַנק דעם אויבערשטן, יאָ געהאַט אויף הוצאות, ווייל מיר זענען דעמאָלט געווען רייכע קינדער, נאָר פון גרויס השתוקקות האָט אונדז השי״ת געהאָלפן, אַז מיר זאָלן צו אים אויך גיין אייניקע מאָל צו פוס״.

„בעת אונדזער רבי ז״ל, — שרייבט ר׳ נתן אויף אַ צווייט אָרט, — איז געפאָרן קיין לבוב נאָך סוכות תקס״ח, איז ער געפאָרן דורך קראָסנע און האָט דאָרט גענעכטיקט. אין דער פרי איז ער פּלוצלונג אָפּגעפאָרן און מיר האָבן אים נאָכגעיאָגט, ביז מיר האָבן זוכה געווען אָנצויאָגן אים ביי דער בריק. איינער פון אונדז האָט אים דאָרט מקדים געווען און אים פאַרהאַלטן. ווען איך מיט מיין חבר ר׳ נפתלי זענען אַהין אָנגעקומען, האָט ער אַביסל הנאה געהאַט פון דעם און געזאָגט: „וואָס ווילט איר? איך זאָל אייך בענטשן, צי איך זאָל אייך תורה זאָגן? קלייבט אויס. איר האָט די ברירה״. האָב איך אים אַזוי געענטפערט: „בענטשן וועט איר אונדז, ווען איר וועט קומען פון לעמבערג, און איצט זאָגט אונדז תורה״. ער האָט דאַן געענטפערט און אַזוי געזאָגט: „איך וועל אייך זאָגן די התחלה פון מיין נסיעה״. און ער האָט אונדז בשעת מעשה געזאָגט וועגן דעם משכן וואָס יעדער צדיק בויט, ווי עס שטייט אין סימן רפ״ב אין דער תורה פון „אזמרה לאלקי בעודי״, וואָרעם יענע תורה האָט ער געזאָגט אינעם פאַרגאַנגענעם שמיני עצרת, און איצט, אויפן וואָגן, האָט ער אָנגעהויבן פון אַן עניין, וואָס האָט אַ צוזאַמענהאַנג מיט יענער תורה, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ודע שמי שיכול לעשות נגונים״, ביז: „באמת אמרו החזן רואה היכן התינוקות קורין״. דערנאָך האָבן מיר געקושט זיין האַנט און תיכף האָט ער געהייסן דעם בעל־עגלה אָפּפאָרן. אַזוי איז ער אָפּגעפאָרן און מיר ווייסן עד היום נישט, ווי אַזוי ס׳איז אין יענער תורה מרומז זיין נסיעה קיין לעמבערג״.

„די תורה: חותם בתוך חותם („לקוטי מהר״ן״, סימן כ״ב), — שרייבט ר׳ נתן, — איז געזאָגט געוואָרן פלוצלונג, וואָרעם פריער איז ער געזעסן און האָט מיט אונדז געשמועסט, ווי זיין שטייגער איז געווען, און נאָך פריער האָט ער איינעם געהייסן ברענגען אייל מיט אַ קנייטל, מחמת ער פלעגט אָפט אָנצינדן אַ ליכט פון שמן זית, — ווי עס איז צו פאַרשטיין, כדי ממתיק־זיין דינים. באַלד האָט ער דאָס ליכט אָנגעצונדן, אַוועק־געשטעלט עס נאָענט צום טיש און אָנגעהויבןריידן מיט גרויס אימה. דער־ווייל האָט ער געהייסן זיך ברענגען אַ סליחה, אויפגעמישט עפּעס אַ יום־כיפּורדיקע סליחה און פון איר אָנגעהויבן זאָגן. ער איז געזעסן אויפן שטול און מיר זענען אַלע געשטאַנען אַרום אים. אינדעם האָט ער אָנגעהויבן צו שמועסן, אַז דער גן־עדן און דער גיהנום זענען דאָ אויף דער וועלט, וכו׳, און ער איז אַזוי־אַרום אַריבער פון ענין צו ענין, ביז ער האָט געענדיקט די גאַנצע תורה פון „חותם בתוך חותם״. דאָס זאָגן האָט געדויערט בערך פיר שעה. וואָס ס׳איז דאַן פאָרגעקומען — קען מען אין כתב נישט דער־ציילן. וואויל איז דער שעה און וואויל איז די רגעס, וואָס מיר האָבן אין זיי זוכה געווען צו שטיין פאַר אים״.

רעדנדיק וועגן דער „התגלות״ פון דער תורה „חיים נצחיים״, שרייבט ר׳ נתן אַזוי:

„די תורה „חיים נצחיים״, וואָס איז דאָ אין „לקוטי תנינא״, סימן ע״ב, איז געזאָגט געוואָרן בעת איינער אַ צדיק, אַ שטאַרקער מפורסם, האָט ביי אים שבת געהאַלטן, שבת יתרו (פון יאָר תק״ע — ה. צ.), און ער ז״ל האָט דאַן נישט געזאָגט קיין שום תורה, נישט אין דער נאַכט פון שבת קודש און נישט אין טאָג פון שבת קודש. ווען מיר האָבן געענדיקט די שבתדיקע סעודה, האָבן מיר אָפּגעבענטשט און געהאַלטן ביים אַרויסגיין פון טיש. ער אָבער איז געבליבן זיצן ביים טיש, זענען מיר אויך געבליבן זיצן. אויך דער דערמאָנטער צדיק איז געבליבן זיצן. דערווייל האָט ער אַזוי אַ זאָג געטאָן: „ווען מען זעט זיך מיטן צדיק, אַפילו ווען מען הערט פון אים קיין תורה נישט, איז אויך גוט, וואָרעם מען איז מקבל־גדולה דורך דעם״, און ער האָט דערביי אָנגעהויבן זאָגן די דערמאָנטע תורה. ווען ער איז אַריין טיפער אין דער תורה, האָט ער זיך אָפּגערופן: „דערווייל זאָג איך נאָך תורה״... אַזוי־אַרום איז די גאַנצע תורה פאַרענדיקט געוואָרן. הכלל: פיל תורות זענען געזאָגט געוואָרן בגס גדול, דען אָט־אָט האָט עס

געהאַלטן, אַז די וועלט זאָל גאָרנישט געניסן פון דעם אור הגנוז, און אַז אַט דעם אור הגנוז וואָלט דאָך די וועלט גאָר קיין קיום נישט געהאַט, נישט מער, וואָס השי״ת מיט זיינע וואונדערלעכע דרכים און זיינע שטאַרקע חסדים האָט שטענדיק מסבב געווען סיבות ביז מיר האָבן דאָך זוכה גע־ווען יעדעס מאָל צו שעפּן פון דעם נחל נובע וכו׳״.

נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף ר׳ נחמנס פיל נסיעות איבער די קליינע שטעטלעך פון פּאָדאָליע און אוקראַינע, ווייל מיט זיי זענען נישט פאַר־בונדן קיין באַזונדערס וויכטיקע געשעענישן אינעם לעבן פון ר׳ נחמנען און אין דער געשיכטע פון בראַסלאַווער חסידות, — וועל איך זיך יאָ אָפּשטעלן אויף ר׳ נחמנס נסיעות קיין נאַוואָראַוטש, זאַסלאַוו און לעמבערג.

אין ווינטער פון יאָר תקס״ז, פאַר פּורים, איז ער אָפּגעפאָרן פון בראַסלאַוו קיין נאַוואָראַוטש. קיינער האָט נישט געוואוסט צוליב וואָס און צוליב ווען. פאַר זיין אָפּפאָר האָט ער געזאָגט: „איך בין ווי אַ קליין יינגל, וואָס וויל נישט גיין אין חדר. ווען ער גייט שוין אָבער יאָ אין חדר — קאָן ער לערנען. ווען די וועלט זאָל וויסן צוליב וואָס איך פאָר, וואָלט מען געקושט יעדעס אָרט, וואו מיין פוס גייט־דורך. מיט יעדן טראָט מיינעם בין איך מכריע די גאַנצע וועלט לכף זכות״.

ווענגן וואָס פאַר אַ „חדר״ ווערט דאָ גערעדט? דאָס האָט צו טאָן מיט דעם „שדה״ (פעלד) און „בעל השדה״. מיט אַט דעם „חדר״ און דעם „שדה״ ווערן געמיינט תיקונים און עליות פון נשמות, סיי פון לע־בעדיקע, סיי פון טויטע, איבערהויפּט — פון טויטע. אַט די תיקונים און עליות זענען — לויטן אר״י און ר׳ נחמנען — פאַרבונדן מיט יחודים דורך „העלאת מ״ן״ (מיין נוקבין) פון ידן, וואָס שטאַרבן אויף קידוש־השם. וואָס מער און וואָס שטאַרקער אַזעלכע יחודים — אַלץ מער עליה און מער גאולה פאַר דער שכינה, ווייל מיט אַלץ מער קראַפט און אַלץ מער מוט פאָדערט זי דאָן די גאולה פון ישראל און די גאולה פון גאָר דער וועלט, קומענדיק מיט אַ טענה: „זע, וואָס פאַר אַ טייערע קינדער איך פאַר־מאָג״...

ר׳ נחמן האָט דעריבער אויך דאָס געזאָגט פאַר זיין אָפּפאָרן קיין נאָוו־ראַוטש: „מיין אָרט איז נאָר ארץ־ישראל. וואוהין איך פאָר — פאָר איך נאָר קיין ארץ־ישראל. דערווייל בין איך מיר אין בראַסלאַוו״... עליות

פון נשמות האָבן ביי אים געפירט צו עלית השכינה, און עלית השכינה — צו גאולה, ממילא — קיין ארץ־ישראל...

וואָס ער האָט געפועלט אין נאַווראַוטש — איז נישט באַקאַנט. די תקונים און די עליות, וואָס ער האָט געמאַכט אין זאַסלאַוו, וואוהין ער איז אַפּגעפאָרן פון נאַוראַוטש, — אויך נישט. די צרות און די שווערע איבערלעבונגען זיינע אין זאַסלאַוו זענען אָבער יאָ באַקאַנט.

ווען ער איז געזעסן אין נאַווראַוטש איז אים אָנגעקומען אַ טרויעריקע ידיעה, אַז זיין ווייב איז שטאַרק קראַנק. האָט ער באַפוילן זי זאָל פאָרן קיין אָסטראָה צום דאָרטיקן, אין יענער צייט באַרימטן, דאָקטאָר. אַליין איז ער אויך אָפּגעפאָרן קיין אָסטראָה. די פּרוי האָט אָבער נישט געוואָלט היילן זיך ביים דאָקטאָר פון אָסטראָהּ און האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז דער מאַן זאָל מיט איר פאָרן קיין זאַסלאַוו. די רפואות פון די זאַסלאַווער דאָקטוירים האָבן אָבער נישט געהאָלפן. אין זאַסלאַוו האָט ר׳ נחמן פאַרלוירן זיין אשת־נעורים *). ער אַליין איז אויך קראַנק געוואָרן. אין זאַסלאַוו און אין די אַרומיקע שטעט האָט ער איבערגעלעבט זייער שטאַרקע מאָראַלישע יסורים, ווי עס איז צו זען פון דריי בריוו, וואָס ער האָט דאַן געשיקט, איינעם — צו זיין ברודער ר׳ יחיאל, אַ צווייטן — צו זיינע שותפים **), אַ דריטן — צו זיינע חסידים. איך ברענג דאָ צוויי בריוו אין אַ פולער יידישער איבערזעצונג, ווייל זיי זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ נחמנען.

דער בריוו צו ר׳ יחיאלן קיין קרעמענטשוג:

„עס איז אָנגעקומען דיין בריוו דאָ אין זאַסלאַוו און איך האָב פון דעם גרויס צער געהאַט: ווי אַזוי האָבן די רשעים געוואַגט אַזוי שטאַרק זיך אַנטקעגנשטעלן דיר? און עס וואונדערט מיך זייער: ווי אַזוי האָט זיך גאָר נישט געפונען קיין גוטער, וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דעם בייזן און זאָל דאָס בייזע אויסראַמען? ליבער ברודער, נשמה מיינע, האַרץ מיינס, האָב קיין מורא נישט און ווער נישט געבראָכן פאַר זיי, נאָר שטאַרק זיך און קרעפטיק זיך אין תורה

*) ר׳ נתן דערציילט, שילדערנדיק ר׳ נחמנס צושטאַנד נאָך איר טויט, אַז ער האָט געהאַט „גרויס צער און בלבולים״, נאָר גאָט האָט אים געלייטזעליקט און ער האָט גובר געווען דאָס עצבות. ר׳ נחמן האָט דערנאָך חתונה־געהאַט מיט אַ פרוי פון בראָד.

**) שותפים האָט ר׳ נחמן געהאַט, ווייל ער האָט פון צייט צו צייט, אַרומוואַנדערנדיק, זיך באַטייליקט אין מסחרים.

און אין יראת ד׳, ווי מיר האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט, און דער זכות פון דיינע עלטערן וועט דיר ביישטיין, דען דאָס אַלץ קומט מיט דיר פאַר, כדי דיך גרויס מאַכן און מערן דיין כבוד און לאָזן וואַקסן דיין שכל. ווי עס איז אוממעגלעך פאַר אַלערליי געוויקסן צוצוקומען צום תכלית פון זייער וואוקס, נאָר ווען מען גיט אַריין דאָס קערנדל אין דער ערד און דערנאָך ווערט דאָס קערנדל צעפוילט און ערשט נאָך זיין צעפוילט ווערן בליט עס און שפּראָצט און ווערט אַ גרויסער בוים, אַזוי איז אויך אין דעם פאַל: דורך דעם, וואָס מען דער־נידעריקט דיך ביז צו דער ערד, דורך דעם וועסטו גרויס ווערן און וועסט אויסשפּראָצן און אויפבליען אויף דער וועלט. ווען די רשעים וואָלטן דאָס געוואוסט, וואָלטן זיי דיך געוויס נישט מבזה געווען, ווייל זייער כוונה איז דאָך נאָר שלעכטס צו טאָן״.

ווייטער גייען אינעם בריוו פאַמיליען־ענינים. ר׳ נחמן דערציילט דעם ברודער, אַז די הוצאות אין זאַסלאַוו זענען זייער גרויס, ווייל ער דאַרף היילן די קראַנקע פרוי, און ער פרעגט דעריבער דעם ברודער, צי קען ער אים נישט אַרויסשיקן עטלעכע רענדלעך. דערביי דערציילט ער, אַז דער פרוי זיינער איז מתחילת בעסער געוואָרן, איצט איז איר ערגער.

דער צווייטער בריוו — צו די חסידים:

„איך בין מודיע אַלע אונדזערע, אַז ס׳האָט מיר דערעסן צו זיצן אין בראַסלאַוו איבער די גרויסע צרות און אומגליקן, וואָס זענען אָנגעקומען אויף מיר, און פון איצט אָן וועל איך אַרומוואַנדערן פון געצעלט צו געצעלט, אין ערגעץ נישט צו בלייבן שטענדיק, נאָר צו זיין אַ גר אויף אַ צייט. דעריבער פאַרלאַנג איך און בעט פון אייך, עס זאָל נישט זיין אומזיסט די אַרבעט, וואָס איך האָב אָפּ־געאַרבעט מיט יעדן איינציקן פון אייך, איינשטעלנדיק דאָס לעבן צוליב אייער טובה. דער אויבערשטער איז גערעכט און איך האָב בייז געטאָן און מיינע מעשים האָבן מיר געבראַכט די יסורים און דעם טויט פון מיינע טייערע קינדער און די קריגערייען און די קטרוגים. פונדעסטוועגן ווייס איך פעסט און זיכער, אַז דערפאַר וואָס איך האָב מיך שטאַרק פאַרנומען מיט אייך, אַרויסצושלעפּן אייך פון די ציין פונעם ס״ם, האָט ער (דער ס״ם) זיינע אויגן אויס־געגלאָצט און מיט זיינע ציין געקריצט אויף מיר. דעריבער, מיינע געליבטע ברידער און פריינט, שטאַרקט אייך און פעסטיקט אייך אין יראת ד׳, יעדער איינציקער נאָך זיין כוח און נאָך זיין בחינה, און מיין מי זאָל נישט זיין אומזיסט, און היט־אָפּ די תורה פון משה,

דעם קנעכט פון השם, ווי איך האָב אייך געלערנט, און ווייסט, אַז כאָטש איך בין איצט ווייט פון אייך, איז עס נאָר די דערווייטערונג פון די קערפּערס, און אָט די דערווייטערונג האָט גאָר קיין אָרט נישט אין אונדזערע נשמות, דען מיר זענען נאָענט. ליבע ברידער און פריינט, איך בעט אייך זייער און זייער, אַז אָט די ווערטער מיינע זאָלן אייך נאָענט זיין טאָג און נאַכט. איך בין אייך אויך מודיע, אַז איצט בין איך אין זאַסלאַוו און דאָ וועל איך, אי״ה, פאַרברענגען לערך דריי חדשים. אַזוי זאָגט אייער ליבהאָבער, וואָס שרייבט מיט טרערן פון גרויס פרייד, וואָס הקב״ה האָט מיר געגעבן אייזערנעם כוח איבערצוטראָגן דעם יאָך פון אַזעלכע יסורים און אומוואַנדער־נישן. נחמן במו״ה שמחה יצ״ו. איך בין אייך אויך מודיע, אַז איך בין ב״ה געזונט, ניט פאַרנעמענדיק זיך מיט קיין גשמיותדיקע רפואות. נחמן הנ״ל״.

די צוויי לשון־קודשדיקע בריוו פון ר׳ נחמנען, וואָס מיר האָבן אי־בערגעגעבן אין יידישער איבערזעצונג, זענען דאָ אין „חיי מוהר״ן״. עס ווערט אָבער דאָרט געדעדט אויך וועגן אַ דריטן בריוו, וואָס ר׳ נחמן האָט געזאָלט שיקן פון זאַסלאַוו צו זיינע נאָענטע און מען „דאַרף אים ערשט אויפזוכן״. די לעצטע יאָרן איז אָט דער בריוו נתפרסם געוואָרן דורך ר׳ שמואל הורוויץ פון ירושלים, וואָס האָט אין אַ משך פון יאָרן ערנסט נאָכגעזוכט אַלע אַלטע כתבי־יד און בריוו פון ר׳ נחמנען, ר׳ נתנען, ר׳ נפתלין און אַנדערע ערשטע בראַסלאַווער.

מערקווירדיק איז דער דאָזיקער בריוו דערמיט, וואָס ער איז גע־שריבן אויף יידיש, אויף אַן עכט־רביאישן יידיש מיט אַ צומיש פון אַ סך לשון־קודש.

איך ברענג אים דאָ וועדליך ער איז איבערגעדרוקט אין די ערשטע בלעטער פון דער נייער אויסגאַבע פון ר׳ נתנס „עלים לתרופה״ (וואַרשע, תר״ץ), אין זיין אייגנאַרטיקער אָרטאָגראַפיע, נישט פאַרפעלנדיק אין נישט ענדערנדיק קיין אות (אַ חוץ אין פונקטואַציע).

„צו מיינע גוטע פריינד, מיינע ליבע פריינד, השותפים הנאהבים והנעימים.

איך בעט אייך זייער, אַז איר זאָלט געבין לזוגתי מאה אדומים, וואָרים איך בדאַרף פיל האָבין אויף הוצאות. די הוצאות זענין בכאַן זייער גרויס, כאשר יספר לכם מוכ״ז, ניט טאָפּיל, דווקא פיר מאָל אַזוי פיל. איך האָב ניט אָפילו פרוטה אַחת, בעט איך אייך זייער,

ר׳ משה בהרב, ר׳ ישראל עם ר׳ משה בן העני, צו שיקן מיר מעות כנ״ל. אי״ה, אַז איך וועל אַהיים קומען, וועל איך מיך אָפּרעכענין וויא איר וועט וועלין, הוכפל והושלש הדבר שלא לעשות באופן אַחר רק לשלוח מאה אדומים, גם לזרז את זוגתי, אַז זי זאָל פאָרין תיכף ומיד. גם להודיע לידידי מוה׳ ר׳ נתן מנעמרוב ולכל אנשי שלומינו, אַז זייא זאָלין פאַר מיר גאָט בעטין, אַז ער זאָל מיר שיקען אַ רפואה שלימה. מיין חולאת וויל איך אייך ניט שרייבין, כי היכי דלא ליתרע מזליה, רק איהר זאָלט מתפלל זיין פאַר מיר בכל תפלה ותפלה, און נישט צו פאַרגעסין די טובות, וואָס איך האָב אייך איטליכען גיטאָהן ביז אַהער, און אפשר אַז השי״ת וועט מיר געבין, קאָנט איהר נאָך מקבל טובות זיין פון מיר. אַהוביי, אחיי ורעיי, איך בעט זייער צו בעטין בעד נפשי העלובה, בכוונת הלב צו בעטין. דערמאָנט איך איטליכער ווי אַזוי איך האָב אייך געפונען, אַז איך בין גיקומען קיין ברסלב, און וויפיל כחות ברוחניות וגשמיות איך האָב אויסגעבראָכט אַרום אייך. איז דער יושר, אַז איר זאָלט היינט פאַר מיר אויך בעטין השי״ת, אַז השי״ת זאָל מיך היילין בהראות ה׳ לי נועם זיוו. גם מזרז צו זיין את זוגתי, זי זאָל פאָרין, וואָרין אשת נעורים איז ניט צו קריגען, ובפרט עס איז בלויז גרויסע הוצאות. גם איך בעט אייך, אַז עס זאָל קיינער פון אייך נישט דערוועגין צו קומען. איך וועל אי״ה בקרוב קומין צו פאָרין. הכ״ד אוהבכם באמת וכל אחד ואחד מכם יתיב כתוונא דלבאי. נחמן במו״ה יצ״ו. צו גריסען לכל אַנשי שלומינו לכל אחד ואחד לפי מעלתו הרמה. הוכפל הדבר מזרז צו זיין את זוגתי, זיא זאָל פאָרין גיך, און ניט צו זאָגין פאַר איר און ניט פאַר די קינדער פון דעם. נחמן במו״ה שמחה הנ״ל״.

אין די ערשטע בלעטער פון „עלים לתרופה״ איז אָנגעצייכנט, אַז דער דאָזיקער בריוו איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון אָסטראָה. לויט דעם אָבער, וואָס ר׳ נתן דערמאָנט אין „חיי מוהר״ן״ (צריך לחפש וכו׳), ווייזט־אויס, אַז ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון זאַסלאַוו. אָט דער יידישער בריוו איז געשריבן געוואָרן פאַר דעם לשון־קודשן בריוו צו די חסידים. בעת ר׳ נחמן האָט געשריבן זיין יידישן בריוו, איז ער שטאַרק קראַנק גע־ווען, איז דער בריוו פול מיט קלאָג און וויי; בעת ער האָט זיין לשון־קודשן בריוו געשריבן, איז זיין געזונט־צושטאַנד פאַרבעסערט געוואָרן און עס קלינגען דעריבער אין אים מער מונטערע טענער און מיר לייענען דאָרט אַפילו אַ ידיעה, אַז ער איז „ב״ה בקו הבריאה בלי עסק רפואות גשמיות״.

לאַנג האָט זיך נישט געצויגן אָט דער „קו הבריאה״. קומענדיק אַהיים פון דער נסיעה קיין נאַווראַטש, זאַסלאַוו און אַנדערע שטעט (אין זומער פון יאָר תקס״ז), האָט ר׳ נחמן אָנגעהייבן הוסטן. „באַלד ווי ער האָט אָנגעהייבן הוסטן, — דערציילן זיינע תלמידים, — האָט ער גלייך געוואוסט, אַז ער וועט נסתלק ווערן, דען באַלד האָט ער שוין אָנגעהייבן רעדן וועגן זיין הסתלקות, נאָר השי״ת מיט זיין גרויס חסד האָט מיט אונדז געטאָן גרויסע וואונדערבאַרע נסים דערמיט, וואָס ער האָט נאָכדעם געלעבט עפּעס מער ווי דריי יאָר״.

„באַלד ווי ער איז געקומען פון יענער נסיעה, — דערציילן זיינע תלמידים ווייטער, — האָט ער אָנגעהייבן רעדן וועגן זיין הסתלקות און געזאָגט, אַז ער האָט גרויסע פּחדים. ער האָט אויך געזאָגט, אַז ער וואָלט באַדאַרפט האָבן ששים גבורים אַרום זיך, ווי עס האָט געהאַט דער בעש״ט ז״ל״.

„איינמאָל האָט ער געוויינט אום שבת און ר׳ נפתלי איז לעבן אים געזעסן. דאַן האָט ער דערציילט די מעשה מיטן מלך, וואָס האָט געהאַט אויף זיך גרויסע מלחמות, און אויך וועגן דער פליג און דער שפּין. אין יענער צייט איז ער אַרומגעפאָרן איבער אוקראַינע און איז, ווי זיין שטייגער איז, געפאָרן קיין טשעהערין אויף שבת־נחמו. פאַרבייפאָרנדיק לאַדיזין, האָט ער גערעדט מיט אַנשי־שלומינו, וואָס זענען דאָרט געווען, וועגן דעם, אַז ער מוז נסתלק ווערן, אַז ער האָט באַדאַרפט האָבן ששים גבורים און אַז דער בעש״ט האָט יאָ געהאַט די ששים גבורים, נאָר ער האָט מענטשן, פון וועלכע עס וועלן אַמאָל אַרויסקומען ששים גבורים, ווען זיי וועלן רייפער ווערן. דערווייל זענען זיי נאָך יונג און שוואַך און ער מוז זיך נאָר פאַרלאָזן אויף אָבינו שבשמים״.

תקס״ח, באַלד נאָך סוכות, איז ר׳ נחמן אָפּגעפאָרן קיין לעמבערג. מיר, פּשוטע מענטשן, זעען די זאַך אַזוי: דער הוסט האָט דעם חולה געשטיקט, די לעבנס־זאַפטן זענען אויסגעטריקנט געוואָרן. ביי זיך אין בראַסלאַוו און אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך האָט ער קיין רעכטע דאָקטוירים נישט געפונען, איז ער געפאָרן פּרובירן מזל קיין לעמבערג. פאָרט אַ גרעסערע שטאָט. אפשר וועט אים דאָרט דער אויבערשטער צושיקן אַ גוטן דאָקטאָר, און דורך אים — אַ רפואה שלימה.

ר׳ נתן, וואָס האָט געקוקט מיט גאַנץ אַנדערע אויגן אויף ר׳ נחמנען

און זיך דערביי פעסט געהאַלטן ביים גלויבן, אַז מען דאַרף קיין מגע־ומשא נישט האָבן מיט דאָקטוירים און מיט מעדיקאַמענטן, ווייל ס׳איז דאָ נאָר איין גוטער דאָקטאָר אויף דער וועלט, דער „רופא רחמן״, דער אויבערשטער, וואָס נאָר ער קאָן היילן און נאָר צו אים דאַרף מען זיך ווענדן נאָך הילף (ר׳ נתן אַליין האָט זיך קיינמאָל נישט געהיילט ביי קיין דאָקטאָר און אויך נישט געלאָזט רופן קיין דאָקטאָר צו זיינע בני־בית) — ער, ר׳ נתן, זעט, קודם־כל, אין ר׳ נחמנס נסיעה קיין לעמבערג (ווי אין אַלע זיינע נסיעות), סודי־סודות. דערנאָך, נישט קענענדיק פאַרלייקענען פאַר זיך אַליין דעם פאַקט אַז ר׳ נחמן האָט זיך דאָך געהיילט אין לעמבערג ביי דאָקטוירים, זאָגט ער: „ווען ער איז געווען אין לעמבערג איז ער געווען אין גרויס סכנה, ווייל ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט רפואות״.

מיר, פשוטע מענטשן, וואָלטן געזאָגט: ר׳ נחמן איז אַזוי שטאַרק קראַנק געווען, אַז אַפילו די גוטע דאָקטוירים פון לעמבערג האָבן אים נישט געקאָנט העלפן. ר׳ נתנס געדאַנק איז אָבער געגאַנגען אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג. ווייל ר׳ נחמן האָט זיך באַשעפטיקט אין לעמבערג מיט רפואות, דערפאַר איז ער געווען אין גרויס סכנה...

ר׳ נתן דערציילט דערביי וועגן ר׳ נחמנען אַזאַ מין מעשה:

„אַ לאַנגע צייט איז ער געלעגן אויף איין זייט און האָט זיך נישט גע־קאָנט לייגן אויף דער צווייטער זייט; דערנאָך האָט השי״ת מיט אים גע־טאָן וואונדערלעכע פירכטערלעכע נסים און ער האָט אָנגעהייבן צו־זיך קומען. איין מאָל ביינאַכט האָט ער זיך פּלוצלונג איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט און איז אַזוי געלעגן ווייטער. ער האָט געזאָגט, אַז זיין רפואה איז אים געקומען נישט פון קיין דאָקטאָר, נאָר ביינאַכט איז צו אים איינער געקומען און געזאָגט: דאָס מלכות האָט געהייסן, אַז דו זאָלסט ליגן אויף דער רעכטער זייט, אויף דער זייט, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געקענט ליגן. און געזאָגט האָט ער: אָט דער איינער איז געווען ר׳ אהרן פון טיטייאָב ז״ל, אַן אייניקל פונעם בעש״ט״.

מילא, דאָקטוירים. האָט ר׳ נחמן מיט זיי עצות געהאַלטן און האָט געטאָן — פאַרקערט... ווייניקסטנס פאַרזיכערט אונדז אַזוי ר׳ נתן. צו וואָס האָט ער אָבער נאָך געדאַרפט נעמען די מיקסטורן, וואָס די דאָק־טוירים האָבן אים פאַרשריבן?

דערויף האָט ר׳ נתן אַ תירוץ, וואָס האָט זיך אפשר אים, ר׳ נתנען

אַליין, ווייניק געלייגט אויפן שכל. מען מוז דאָך אָבער פאַרענטפערן אַ „מדרש פּליאה״.

שטיצנדיק זיך אויף אַ וואָרט, וואָס ער האָט געהערט פון ר׳ נחמנען, אַז ער באַדויערט זייער, וואָס ער מוז איינגעמען רפואות, וואָס קומען פון לענדער, וואו ס׳איז שטאַרק פאַרשפּרייט די כפירה, האָט ר׳ נתן די זאַך אַזוי באַלויכטן: ר׳ נחמן האָט געמוזט נעמען כל המיני רפואות, כדי ממתיק זיין, צי מכניע און מבטל זיין, די כפירה, וואָס אין די לענדער, וואו יענע הייל־גראָזן וואַקסן...

אַזוי, צי אַזוי — די לעצטע שורה איז געווען זייער אַ טרויעריקע. ר׳ נחמן איז געקומען פון לעמבערג קראַנק און צעבראָכן ווי געווען און נאָך מער ווי געווען.

שווערמוטיק קלינגען די ווערטלעך פון ר׳ נחמנען נאָך זיין צוריקער פון לעמבערג:

„איך בין ווי חוני המעגל, וואָס האָט אָפּגעשלאָפן זיבעציק יאָר. איך האָב געמיינט, אַז אַלע האָבן מיך שוין פאַרגעסן. ווען איך בין געקומען קיין וואָרנאָוויצי און איינער פון אַנשי־שלומנו איז צו מיר צוגעשפּרונגען, האָט ער מיך ממש מחיה געווען״.

„איך בין היינט, — האָט ער געזאָגט, — ווי דער, וואָס די וועלט קען גאָר נישט אויסקומען אָן אים, און מען האָט אים געכאַפּט און איינגעשלאָסן אין אַ חדר: זיץ״!

אַמאָל האָט ער געזאָגט דאָס זעלבע אַביסל אַנדערש:

„מען האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף די העכסטע גאַרנס: גיי נישט אַראָפּ״!

„איך בין, — האָט ער אַן אַנדערש מאָל געזאָגט, — ווי יענער סוחר, וואָס האָט אַזוי פיל געשעפטן צו טאָן: ער מוז לויפן אין מאַרק, ער דאַרף זיך זען מיט דעם און מיט יענעם, און דאָ — זיץ און היט גאָר אָפּ, איבער דיין קרענק, די צייט פון עסן און טרינקען און שלאָפן״...

אַמאָל ווידער האָט ער געזאָגט: „איך האָב זייער געוואָלט שטאַרבן און מקובר ווערן אין לעמבערג, ווייל אַ סך צדיקים זענען דאָרט מקובר געוואָרן. ווער וואָלט דאָרט אָבער געקומען אויף מיין קבר״?

קאַפּיטל כד.

אומאַן, ר׳ נחמנס פּטירה און ר׳ נתנס מסירת־נפש*)

דאָס האַרץ ווערט מיד און באַגערט דעם שאָטן. — דאָס אַריבערציען זיך קיין אומאַן נאָך דער שרפה אין בראַסלאָוו. — ער דאַרף געבן אַ תיקון די הרוגי־גאָנטע. — דאָס פענצטער פון זיין הויז אין אומאַן גייט אַרויס צום בית־עולם. — „אַז מען וועט מיך רופן — וועל איך זיך אָפּרופן". — דער קולט פון השתטחות". — ר׳ נחמן זאָגט, אַז ער קאָן שוין מער נישט שטיין אויף איין מדרגה און מוז אויסטאָן פון זיך דעם גוף. — ר׳ נתן נעמיראָווער נעמט איבער זיין רבינס ירושה. — ר׳ נתן אַלס דרוקער און פאַרשפּרייטער פון ר׳ נחמנס ספרים. — דער סאַווראַנער רבי לייגט אין חרם די בראַסלאָווער חסידים. — ר׳ נתנס בריוו צום סאַווראַנער רבין. — ר׳ נתנס מסירת־נפשדיקע אַרבעט נאָך דעם רבינס פּטירה. — זיין לעבן, זיין התנהגות, זיין עבודת־הבורא. — די „ליקוטי תפילות".

דער שאָטן פון דעם גרויסן פויגל, וואָס קומט און פאַרשפּרייט זיינע פליגל איבערן האַרץ (זע די מעשה מיט די זיבן בעטלערס), האָט זיך דערנענטערט צו ר׳ נחמנען: דאָס האַרץ איז מיד געוואָרן און האָט באַגערט דעם שאָטן.

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון ר׳ נחמנס לעבן אויף דער ערד. לעמבערג האָט נישט געהאָלפן, די אויסלענדישע דאָקטוירים האָבן נישט געקאָנט ראַטעווען זיין געזונט, דער הוסט האָט נישט נאָכגעלאָזט.

די ביטערע רדיפות און מחלוקתן, דאָס אַרומפאָרן, דאָס נישט אָכטונג־געבן אויפן גוף צוליב דער אייביקער פאַרטראָגנקייט אין הויכע ענינים פון עבודה, — דאָס אַלץ האָט געפירט צו שווינדזוכט. כאָטש ר׳ נחמן איז נאָך יונג געווען, האָט ער געפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן

---

*) דאָס דאָזיקע קאַפּיטל און דאָס ווייטערדיקע („ר׳ נתן אין ליכט פון זיינע בריוו") זענען צוגעשריבן געוואָרן פון אהרן צייטלין.

אים פון טאָג צו טאָג, און ער האָט די תּלמידים — און דער עיקר זיך אַליין — כּסדר צוגעגרייט צו דער מינוט, ווען ער וועט דאַרפן פאַרלאָזן די ערד.

ער איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט פינף יאָר נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין בראַסלאַוו. קיין אומאַן, וואו ער איז נפטר געוואָרן, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין יאָר תּקע״א, נאָך דער שׂרפה אין בראַסלאַוו, ווען ס׳איז פאַרברענט געוואָרן אויך זיין, ר׳ נחמנס, הויז. עס האָט געהייסן, אַז דאָרט, אין אומאַן, דאַרף ער אַ תּיקון געבן די נשמות פון די הרוגים פון גזירת־גאָנטע. דאָס פענצטער פון זיין הויז איז טאַקע אַרויסגעגאַנגען צום אומאַנער בית־עולם. ביי אָט דעם פענצטער איז ער אָפט געשטאַנען און געטראַכט פון זיין נאָענטער הסתּלקות און פון זיין לעבן נאָכן טויט. די תּלמידים האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אַרויס פון שטוב און אַריין אין קבר פונקט ווי מען גייט אַרויס פון איין חדר אין אַ צווייטן. אַז מען וועט אים רופן — וועט ער זיך אָפּרופן, וועט העלפן און וועט אַרויסציען נשמות פון דער יאוש־בלאָטע. זיין תּיקון־אַרבעט וועט נישט אויפהערן. דערפון איז אויסגעוואַקסן דער גאָר באַזונדערער קולט פון „השתּטחות״ ביי די בראַסלאַווער חסידים. ר׳ נתן נעמיראָווער האָט אויפן קבר פון דעם רבין אין אומאַן אויפגעשטעלט דעם „ציון״, וואו מ׳איז זיך געקומען משתּטח זיין יאָר ביי יאָר, יעדן ראש־השנה, און אָט די השתּטחות אויפן קבר פון דעם רבי ר׳ נחמן איז אין דער בראַסלאַווער חסידות געוואָרן אַ מין טייל פון דער עבודה, צוזאַמען מיטן לערנען די סיפּורי־מעשׂיות און דעם זאָגן די באַזונדערע תּפילות, וואָס ר׳ נתן האָט דערצו פאַר־פאַסט.

ר׳ נחמן האָט פאַר דער הסתּלקות אָנגעזאָגט דעם געטרייען תּלמיד זיינעם, ר׳ נתנען, ער זאָל זען פאַרשפּרייטן זיין תּורה.

נאָך אין יאָר תּקס״ה, אין בראַסלאַוו, האָט ער באַפוילן ר׳ נתנען, ער זאָל אויסקלייבן פון זיינע תּורות די „עצות״, דאָס הייסט, דעם מאַי־קאַ־משמע־לן, די רעצעפּטן פון גייסטיקן תּיקון, וואָס געפינען זיך אין זיי, און זיי מסדר זיין באַזונדער, כּדי זיי זאָלן דינען וועגווייזעריש פאַר תּיקון־באַדערפטיקע נשמות.

ווינטער תּקס״ה, — דערציילט ר׳ נתן, — האָט ער מיר באַפוילן,

איך זאָל איבערשרייבן פונדאַסניי אַלע זיינע תורות, וואָס איך האָב פאַרשריבן אין באַזונדערע קונטרסים באַלד נאָכדעם ווי די תורות זענען געזאָגט געוואָרן. ער האָט געהייסן זיי איבערשרייבן מיט אַ סדר און אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין ראוי מ׳זאָל זיי איינבינדן. און אַזוי האָב איך געטאָן און איך האָב זיי איבערגעשריבן מיט אַ סדר, אויף גוט פּאַפּיר און מיט גוטן טינט. ר׳ נפתלי האָט פאַר מיר געלייענט וואָרט ביי וואָרט פון די קונטרסים אַרויס און איך האָב געשריבן. דאָס האָט געדויערט אַן ערך אַ פערטל יאָר, ביז נאָך פסח, אַרום שבועות.

ר׳ נתן דערציילט, אַז ווען מ׳האָט דעם כתב־יד געגעבן צום איינ־בינדן, האָט ר׳ נחמן געזאָגט, אַז אפילו אין דער בריכה אַליין, אין דעם איינבינדן די תורות זיינע אין אַ ספר, שטעקן וועלטן מיט סודות.

ר׳ נחמנס פרייד איבער די „ליקוטי מוהר״ן״ (זע קאַפּיטל כ״ב) איז געווען די פרייד פון איינעם, וואָס וויס, אַז ער לאָזט נאָך זיך איבער אַ „בנין עדי עד״.

דערווייל איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן די מחלה. אַלץ עפּטער האָט ר׳ נחמן אַרויסגעקוקט דורך זיין פענצטער צום אומאַנער בית־עולם, וואו ער האָט בקרוב אַליין געדאַרפט נטמן ווערן. עפּעס אַן אומגעדולד האָט אַרומגעכאַפּט זיין געמיט, אַן אומגעדולד מיט אַ נייגער צוזאַמען, ווי ער וואָלט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער פייערלעכער מינוט פון דער הסתלקות. ער האָט געזאָגט, אַז ער געפינט זיך איצט אויף אַזאַ מדרגה, וואָס קיין העכערע פאַר איר קאָן מען בשום אופן נישט דער־גרייכן אַזוי לאַנג ווי מען איז אָנגעטאָן אינעם גוף. אַזוי ווי ער, ר׳ נחמן, איז קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געשטאַנען אויף איין מדרגה, נאָר איז כסדר געגאַנגען פון איין מדרגה צו דער אַנדערער, קאָן ער נישט פאַרטראָגן, וואָס ער שטייט דאָס מאָל אויף איין אָרט און ער בענקט ממש נאָך דער מינוט, ווען ער וועט דעם גוף קענען אויסטאָן.

איך וואָלט שוין זייער געוואָלט, — האָט ער פאַר זיין הסתלקות געזאָגט, — אויסטאָן דאָס העמדל. שטיין אויף איין מדרגה קאָן איך נישט!

זיין באַגער וואָס שנעלער „אויסצוטאָן״ דעם גוף איז דערפילט געוואָרן. ד׳ סוכות, תקע״א (1810), האָט זיך אויסגעלאָשן אין אומאַן דאָס ערדישע לעבן פון דעם גרויסן זעער פון פּאָדאָליע, נחמן בן־פייגע.

דער גייסטיקער טאַטע פון דער פּאַריתומטער עדה איז געוואָרן ר׳ נתן. אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין. ר׳ נתן איז געווען דער פייער־דיקער פּראָפּאַגאַנדיסט און פאַרשפּרייטער פון ר׳ נחמנס תורה. ער האָט אויפגעשטעלט דעם ציון אויף ר׳ נחמנס קבר; ער האָט גע־זאַמלט געלט און האָט אויפגעבויט די קלויז פון די בראַסלאַווער חסידים אין אומאַן; ער האָט אַפילו געהאַט ביי זיך אין שטוב אַ טיפּאָגראַפיע ספּעציעל אויף צו דרוקן סיי דעם רבינס חיבורים, סיי זיינע, ר׳ נתנס, אייגענע חיבורים, וואָס זענען ס׳רוב געבויט אויף ר׳ נחמנס תורות. פונקט ווי ר׳ נחמן, איז אויך ר׳ נתן געפאָרן קיין ארץ־ישראל, און אַז ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרשפּרייטן אַ קליינע צאָל עקזעמפּלאַרן פון זיין רבינס ספרים צווישן ספרדישע יידן, איז ער געווען גליקלעך, מחמת פאַרשפּרייטן דעם רבינס תורה איז ביי אים געווען דאָס זעלבע, וואָס דערנענטערן משיחס קומען. פונקט ווי ר׳ נחמן, האָט ער אַ גאַנץ לעבן געליטן פון רדיפות. די רדיפות אויף די בראַסלאַווער האָבן זיך אַ פּאָר יאָר נאָך ר׳ נחמנס הסתלקות באַנייט מיט נאָך אַ גרעסערער קראַפט און אַ שאַרפערער פאַרביסנקייט ווי פריער. עס האָט געהייסן, אַז די בראַסלאַווער זיינען „טויטע חסידים״, מחמת זיי „דינען״ צו אַ רבין, וואָס איז נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. נאָך העכער דרייסיק יאָר מסירת־נפשדיקער אַרבעט צו פאַרשפּרייטן ר׳ נחמנס תורה האָט ר׳ נתן דער־לעבט צו זען, ווי דער סאַוראַנער רבי, אַ תלמיד פון ר׳ ברוכל מע־זשיבוזשער און פון ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער, לאָזט זיך פאַרפירן פון מחרחרי־ריב און לייגט אַריין (תקצ״ה) אין חרם די אָנהענגער פון דעם בראַסלאַווער. אין זיין בריוו צום סאַוראַנער, וואו איטלעך וואָרט איז אַ שטיק פייער פון אמונה, האָט ר׳ נתן געשריבן, אַז ער קען נישט קומען צום אים, כדי אים אויג אויף אויג צו איבערצייגן, ווי ווייט די בעלי־מחלוקת זיינען אומגערעכט, ווייל דאָס שמעקט מיט סכנת־נפשות: דמי הותר בעיניהם, — שרייבט ער.

„איך בין היינט, — זאָגט ער אין יענעם בריוו, — אַ סך עלטער פון פופציק און כ׳האָב שוין דורכגעלעבט וואָס איך האָב דורכגעלעבט (כל משבריך וגליך עלי עברו), און איך בין עוסק אין (דער פאַרשפּרייטונג פון) זיינע הייליקע ספרים שוין העכער צוויי און דרייסיק יאָר, און כ׳האָב שוין זוכה געווען זיי איבערצודרוקן נישט איינמאָל מיט הסכמות פון

גדולי ישראל, באַרימטע מחברים, וועלט־גאונים, און זיי זענען פאַר־שפּרייט געוואָרן צווישן יידן אומעטום, בפרט אין ליטע, רייסן און גרויס־פּוילן, און אין ארץ־ישראל אויך, און אַלע לויבן און זאָגן, אַז דאָס זענען זאַכן וואונדערלעכע און אמתדיקע, וואָס עפענען אַ טויער פאַר די, וואָס קלאַפּן אין די שערי־תשובה, און פירן אַרויף דעם מענטש אויפן ריכ־טיקן וועג. און נאָר ביי אונדז, אין אונדזער מדינה, איז גרויס דאָס מחלוקת, מחמת די דברי־הבל, וואָס זענען אַרויס פון דעם מויל פון דעם גרויסן חולק אויף אים (דער שפּאָלער רבי) — — — דאָס האָט ער פאַרשטאַרקט די מחלוקת אין ישראל אַזוי, אַז ווען אפילו דער גדול שבגדולים זאָל די מחלוקת וועלן מתקן־זיין, ווייס איך נישט, צי דאָס וואָלט אים געראָטן. וואָרעם מיר ווייסן, אַז ער (דער שפּאָלער) האָט קאַליע־געמאַכט אויף דורות אַרויס (קלקל לדורות), ביז עס וועט קומען אַ מורה־צדק און וועט אויפדעקן דעם אמת. ווי עס זאָל נישט זיין, נאָך מער פאַרגרעסערן די מחלוקת דאַרף מען נישט".

ווער איז עס דער מורה־צדק, וואָס וועט אַמאָל קומען און אויפדעקן דעם אמת וועגן ר׳ נחמנען און זיין לערע? ווען מען האָט אין זינען ר׳ נחמנס זאָג, אַז זיין פייערל וועט טליען ביז משיח וועט קומען, קומט אויס פון די דאָזיקע ווערטער ר׳ נתנס, אַז מיט דעם מורה־צדק, וואָס וועט אַנטפּלעקן דעם גאַנצן אמת וועגן ר׳ נחמנען, איז געמיינט משיח אַליין.

דער עיקר האָט ר׳ נתנען געאַרט אין די רדיפות דאָס, וואָס צוליב זיי ווערט פאַרהוילן פאַר אַ סך דאָרשטיקע נשמות דער לעבעדיקער קוואַל פון ר׳ נחמנס תורה. בעת זיין הייליק לעבן, — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, — האָבן אַ סך געקריגט אויף אים און דאָס איז געווען מחמת דער סמך־מם און זיינע חיילות האָבן געזען, אַז ער וויל די גאַנצע וועלט מחזיר־למוטב זיין. האָט ער (דער סמך־מם) געקריצט מיט די ציין אויף אים און ער האָט זיך מתלבש געווען אין עטלעכע גדולים און האָט אַריינגעבראַכט אין זייער האַרץ (דעם געדאַנק), אַז זיי זאָלן קריגן אויף אים, און פון דעם זיינען אַרויסגעוואַקסן אַ סך מענטשן מגושמדיקע אין תאוות און אַ סך בעלי־עבירה, וואָס האָבן געקראָגן אַ „מקום לטעות" און ס׳איז אַרויס בייז פון זייער מויל און זיי האָבן געמאַכט אויף אים בלבולים. און דורך דעם האָבן זיי אַ סך מענטשן אָפּגעווענדט פון דעם

אמתן לעבן און זיי (יענע מענטשן) האָבן נישט זוכה־געווען צו ווערן נהנה פון זיין גרויס און הייליק ליכט (ליהנות מאורו הגדול והקדוש)...

יעדער טאָג און יעדע שעה פון ר׳ נתנס לעבן איז געווען גע־ווידמעט ר׳ נחמנען. ער האָט געהאַלטן אין איין מסדר זיין און אין איין אַרויסגעבן נייע אויפלאַגעס פון ר׳ נחמנס חיבורים, וואָס ער אַליין האָט זיי געהאַט צענויפגעשטעלט לויט דעם רבינס אָנווייזונגען, און ער איז נישט מיד געוואָרן פון פאַרפאַסן תפילות, צו באַגלייטן מיט זיי דעם רבינס תורות (די „ליקוטי־תפילות״, וואָס אַנטפּלעקן ר׳ נתנען ווי איינעם פון די גרעסטע רעליגיעזע גייסטער ביי יידן).

ער האָט מחבר געווען — אין גייסט פון ר׳ נחמנס לערע — אייגענע חיבורים און מחדש געווען אַן אַ שיעור חידושי־תורה. ער האָט אין משך פון יאָרן כמעט טאָג ביי טאָג געשריבן בריוו נאָך בריוו צו „אנשי־שלומנו״, כדי זיי מחזק צו זיין אין דער אמונה. ער איז כסדר אַרומגעפאָרן אין די ענינים פון בראַסלאָוו, האָט געהאַלטן אין איין מקרב זיין יידן צו די קוואַלן פון זיין רבינס תורה, און האָט דערביי געמוזט פירן שווערע, אָפט געפערלעכע מלחמות מיט די קעגנער און בעלי־מחלוקת. און אַ חוץ דעם אַלעמען האָט ער געפונען צייט צו לערנען (ווי ס׳ווערט וועגן אים דערציילט אין דער הקדמה צו „עלים לתרופה״) „אַ סך און בפשיטות ש״ס און פוסקים און מדרשים און זוהר הקדוש און קבלה־ספרים און אַלע אַנדערע ספרי־קודש״. „אַ חוץ דעם — לייענען מיר דאָרט — האָט ער זייער אַ סך עוסק געווען אין עבודה, דאָס הייסט תפילה, און ער האָט געדאַוונט מיט גוואַלדיקער קראַפט, מיט גרויס התלהבות און וואונדערלעכער דבקות. ער האָט אויך עוסק געווען אין געבעטן און תחנונים מיט גרויס תמימות און פשטות און האָט געהאַט אַ רגילות יעדן טאָג צו זאָגן אַ סך קאַפּיטלעך תהלים מיט גרויס התעוררות — — — אַ סך, אַ סך יידן, אויך פון דעם המון־עם, וואָס זענען גאָרנישט געווען פון די מקורבים צו אים און האָבן אים כמעט נישט געקענט, זענען פון זיך אַליין נתעורר געוואָרן אַ גרויסע התעוררות־דקדושה דורך דעם, וואָס זיי האָבן געהערט זיין תפילה און זיין תהלים־זאָגן און זיין תיקון־חצות וכדומה... אויך האָט ער עוסק געווען אַ סך שעה אַ טאָג אין אויסריידן דאָס האַרץ פאַר גאָט אויפן שטייגער פון התבודדות״.

מענטשן האָבן זיך געוואונדערט — און ס׳איז באמת אַ וואונדער — פונוואַנען ר׳ נתן האָט גענומען צייט פאַר אַזויפיל גייסטיקער און אויך פיזישער מי. נישט אַנדערש, אַז דאָס האָט די גוואַלדיקע מסירות־נפש פון דער אמונה אים אויפגעהויבן „למעלה מן הזמן״ — איבער דער צייט און די געזעצן פון דער צייט.

בולט קוקט אַרויס צו אונדז דאָס פּנים פון ר׳ נחמנס תלמיד — פון די בריוו, וואָס ער האָט אין משך פון יאָרן געשריבן צום זון און צו חסידים, כדי זיי (און זיך אַליין) מחזק צו זיין.

ר׳ נתן איז געווען איינער פון די, וואָס זייער עפּיסטאָלאַרישער, בריוו־שרייבערישער כוח איז אַזוי שטאַרק, אַז אין די בריוו שפּיגלט זיך אָפּ צום בולטסטן זייער פּערזענלעכקייט, די דינאַמיק פון זייער נאַטור. ער איז געווען איינער פון די זעלטענע בריוו־מייסטער, באַשאָנקען מיט דער גאָב פון אויסדרוק, פון שפּעדיקן וואָרט.

אויף די בריוו פון ר׳ נתנען איז כדאי זיך אָפּצושטעלן באַזונדער.

קאַפּיטל כח.

ר׳ נתן אין ליכט פון זיינע בריוו

ר׳ נתנס „עלים לתרופה״. — דער רבי לעבט ווייטער. — התחזקות־בריוו צום זון און צו אנשי שלומנו. — דער קאַמף קעגן יאוש. — ווי אַזוי מ׳דאַרף „אָפּ־נאַרן די בלאָטע״. — די יסורים פון אַ מענטשן זענען פון זיין טובה וועגן. — אַ בריוול צו קליינוואַרג. — „אַריבערגעשפּרונגען״. — אַן עצה דעם זון: „זאָלסט זיך געוואוינען צו זיין אַ בן־חורין״. — די גרויסע צדיקים, וואָס זענען אויך נאָך דער פּטירה מתפּלל פאַר דער וועלט. — דער אָפּטימיזם פון דער אמונה, וואָס איז בנוגע דעם עולם־הזה פּעסימיסטיש. — מ׳איז זיך מייאש פון עולם הזה, אָבער מ׳איז זיך נישט מייאש פון גאָטס הילף. — ווי אַזוי ר׳ נתן נעמיראָווער האָט זיך געגרייט צו דער פּטירה. — „עזרא הסופר גייט אַוועק און טריף־פּסול איז זיך מתגבר״. — די לעצטע מינוטן פון ר׳ נתנען. — „און פאַרט, און פאַרט, און פאַרט״.

ווען מיר וואָלטן גאָרנישט געוואוסט פון ר׳ נחמנען, וואָלטן מיר מיט דער בלויזער גרויסקייט פון דעם חסיד געקאָנט מעסטן די גרויס־קייט פון דעם רבין. ר׳ נתן איז ר׳ נחמנס לעבעדיקער מופת.

ס׳איז געזאָגט געוואָרן, אַז קינדער זיינען דאָס אַנטפּלעקטע געהיימניש פון די עלטערן. אויב אַזוי, זענען חסידים ווי ר׳ נתן דאָס אַנטפּלעקטע געהיימניש פון זייערע רביים. ווען מיר באַקענען זיך מיט די „עלים לתרופה״, ר׳ נתנס געזאַמלטע בריוו צום זון און אויך צו אַנשי שלומנו, זעען מיר אַ ליכטיקע פּרי, וואָס זאָגט עדות וועגן דעם בוים.

ר׳ נתן — דאָס איז אַ תורה פון דעם רבי ר׳ נחמן, אַ תורה, וואָס האָט זיך אַנגעקליידט אין אַ לעבעדיקן ייד.

***

די אמונה, וואָס האָט געלעבט אין אָט דעם פּלאַדיקן מענטש, דעם

פאַרשרייבער און פאַרשפּרייטער פון ר׳ נחמנס תורות און סיפּורי־מעשיות, האָט נישט איר גלייכן. זיין בריוו־זאַמלונג ווערט ניט אומזיסט גערופן: עלים לתרופה. עס זענען בריוו, וואָס האָבן די הייל־קראַפט פון גלויבן.

ר׳ נחמן איז שוין אויפן עולם האמת. נאָר ר׳ נתן זעט אים אַרום זיך, זעט אים בפועל ממש אַ לעבעדיקן, זעט, ווי דער רבי מיט זיך פאַר זיין געררודפטער אָרעמער עדה, און ניט נאָר פאַר איר. ער זעט, ווי ר׳ נחמן הערט ניט אויף מתקן צו זיין תיקונים אויך לטובת די, וואָס וואַרפן אָפּ זיין תורה, וואָס קריגן אויף אים און אויף דער עדה זיינער. „ווי — זאָגט ער אין איינעם פון זיינע בריוו — ווי צו די אַלע, וואָס קריגן אויף דעם, וואָס איז עוסק יעדע רגע אין אַרויסבאַקומען אַ תיקון פאַר די נשמות זייערע, און וואָס כאָטש זיי קריגן אויף אים און טרייבן שפּאָס, פונדעסטוועגן איז ער עוסק אין זייער תיקון פון דער וויטנס. וואָרעם דער קוואַל טרינקט אָן די ערד אויך ווען ער שטראָמט אונטער דער ערד אין די טיפעניש... און ווי וואויל איז אונדזער טייל, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו זיין חסד און צו זיין וואונדער־הילף און מיר זיינען זוכה צו וויסן אויף אַן אמת וועגן אים, וואָס איז עוסק אין דעם תיקון פון אונדזערע נשמות אויף אייביק״.

אין יעדן בריוו און ביי יעדער געלעגנהייט ווערט דערמאָנט דער אייביק־אָנוועזנדיקער רבי. די וועלט מעג זיין קעגן דעם רבין, אָבער נאָר אין זיין זכות האָבן אַ קיום די נשמות פון דעם דור, אויך די נשמות פון די, וואָס לייקענען אין אים. האָט ניט דער רבי געזאָגט, אַז זיין פייער וועט טליען ביז משיח וועט קומען?

ר׳ נתן איז אַ ייד אַן אָרעמאַן, זיין זון ר׳ יצחק איז אַ ייד אַן אָרעמאַן, די גאַנצע עדה איז אַן אָרעמע, אַ פאַרפאָלגטע, אַ פאַרביטערטע. די קעגנער פון די אַזוי גערופענע טויטע חסידים, וואָס ר׳ נתן האַלט וואַך פאַר זיי דאָס געשטאַלט פון דעם אייביק לעבעדיקן רבין — די קעגנער רייסן ר׳ נחמנס ספרים און פאַראומערן דאָס לעבן פון זיינע נאָכפאָלגער. אָבער דער רבי האָט געהייסן ברעכן די קליפּה פון עצבות און זיך שטאַרקן אין שמחה, מחמת עצבות איז אומגלויבן און גלויבן איז פרייד. דער רבי האָט אָנגעזאָגט: אַלט טאָר מער ניט זיין! דער רבי האָט גערופן: גוואַלד, קינדער, זייט זיך ניט מייאש! דער רבי האָט געלאַכט

פון דער יאוש־בלאָטע, וואָס עס ליגט אין איר דער נאַרישער חכם, דער אפיקורס. ער האָט געזאָגט: מוטשע אָהער די בלאָטע, מוטשע אַהין די בלאָטע — בלאָטע בלייבט זי פאָרט. ער האָט געלערנט פריילעך זיין, פריילעך זיין... איך וועל אייך דערציילן ווי אַזוי מ׳איז געווען פריי־לעך — מיט אָט די ווערטער האָט ער אָנגעהויבן זיין טיפסטע מעשה.

איז ר׳ נתן נעמיראָווער, זיין תלמיד און צוגלייך זיין תורה, זיין לעבעדיקע תורה, געוואָרן דער ביישפּיל און מוסטער פון יונג זיין, פון קיינמאָל ניט מייאש זיין זיך, פון חסידישן אַריבערטאַנצן איבער אַלע בלאָטעס. זיין זון, יצחק׳ן, גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ, עס שפּראָצן צרות פון אַלע זייטן, אָבער ער, ר׳ נתן, יאָגט די צרות מיט דעם רבינס כוח, מאַכט פון זיי אויסצודרייען. דאָס האַרץ פּלאַצט פון ווייטיק און רחמנות, די לײדן זיינען גרויס, דער עולם השפל רייסט שטיקער, עס לויערן קראַנקהייטן, עס שטאַרקן זיך נסיונות, מיט פּרנסה איז ביטער, מען האָט צרות פון גוים, און, להבדיל, פון יידן אויך — ס׳איז אָבער אַלץ גאָרנישט מיט נישט אַנטקעגן יענער „רחמנות הגדולה מכל מיני רחמנות״, אַנטקעגן יענעם איבער־רחמנות, וואָס הייסט זיך דערהויבן איבער די קליינע רחמנותן און הייסט פרייען זיך צום מייסטן און צום טיפסטן גראַד דענסטמאָל, ווען ס׳ווילט זיך צום שטאַרקסטן וויינען. „לא יכולתי להתאפק — כ׳האָב ניט געקענט (דערציילט ער אין אַ בריוו) זיך איינהאַלטן: נשא לבי את רגלי — מיין האַרץ האָט אַ הויב געטאָן מיינע פיס, ורקדתי בשמחה בעזרת השם יתברך — און איך האָב, מיט גאָטס הילף, פריידיק געטאַנצט״. כמעט יעדער בריוו ר׳ נתנס דערציילט, ווי אַזוי מען איז פריילעך „בעזרת השם יתברך״, פריילעך אויף צעפּוקעניש דעם עולם־השפל, פריילעך מיטן כוח פון דעם רבין ר׳ נחמן, וואָס האָט שוין לאַנג מגלה געווען, אַז קיין יאוש איז גאָרנישט שייך. ס׳איז נאָר פאַראַן אַ יאוש־בלאָטע, וואָס וויפל דו זאָלסט זי ניט מוטשען — בלייבט זי אַ בלאָטע, און דערפאַר טאָקע דאַרף מען האָבן פיס און אַריבער־טאַנצן איבער איר גלייך צו אים, צום אייביק לעבעדיקן רבין.

אַלט טאָר מען ניט זיין! העיקר — חזרט ער איבער דעם רבינס אָנזאָג — דער עיקר איז ניט צו זיין אַלט־געבאַקן, ניט אַריינצופאַלן, חלילה, אין „זיקנה דסטרא אחרא״, אין מעשה־שטנ׳דיקער אַלטקייט, וואָרעם שוין די חכמים האָבן אונדז געוואָרנט: „דברי תורה אל יהיו

בעיניך כישנים, אלא כחדשים״. די תורה איז אייביק ניי, אייביק יונג איז ר׳ נחמן, איז אויך אייביק יונג זיין תלמיד ר׳ נתן.

די בריוו זיינען וואונדערלעך אין זייער כסדרדיקן אויסמישן פשוטע, קליין־טאָג־טעגלעכע ענינים מיט ר׳ נחמנשער תורה און ר׳ נתנשן בטחון. די תורה ווערט דורך דעם נאָך לעבעדיקער און די טאָג־טעגלעכקייט ווערט באַשטראַלט און געהייליקט. עס איז רירנדיק צו לייענען אין אַ בריוו, דאַטירט: יום א׳, א״ת שבועות תקצ״ד לפ״ק, אַז (אויף לשון־קודשדיקן יידיש אָדער יידישדיקן לשון־קודש) — „אין בידי הקערבל על הסטראַקע ושאר ההצטרכות על הקאַפטן״, אַזוי, אַז מען דאַרף נאָך אַ ביסל צוואוואַרטן אויפן שטיקל קאַפטן, וואָס אַנשי טעפּליק, די טעפּליקער חסידים, הייסט עס, האָבן צוגעזאָגט צו מאַכן, נאָר ווי עס זאָל ניט זיין, אויך אָן דעם קערבל, וואָס מ׳דאַרף האָבן אויף דער סטראַקע, און די איבעריקע שאַלאַמויזן, וועט דער רבונו של עולם אים, ר׳ נתנען, אָנ־טאָן „בגדי כבוד, בגדי ישע, מעיל צדקה יעטני״... דער עיקר, לייענען מיר אין דעם זעלבן בריוול צום „ליבן זון, דער פרייד פון מיין האַרצן״, דער עיקר איז, מען זאָל זוכה זיין צו האָבן „באַגערונגען און בענקשאַפטן און ווילנס גוטע און שטאַרקע און פרישע (טובים וחזקים וחדשים) יעדן טאָג — און זיי אַרויסברענגען מכוח אל הפועל״. זייער אָפט ווערט גע־נוצט אין די בריוו דער אויסדרוק: אַריינכאַפּן — „חטף״. מ׳דאַרף אַריינ־כאַפּן אין אַט דעם עולם השפל וואָס מער שמחה, וואָס מער תורה, וואָס מער תפילה. מען נאַרט אָפּ די בלאָטע און — מען כאַפּט אַריין. כאַפּ, מיין קינד, תורה און תפילה און לויף איבער אַלע קליפות צום רבין, וואָס וואַרט אויף דיר און מיט זיך פאַר דיר איטלעכע רגע. און איז דיר שלעכט וואָס שלעכט הייסט, טאַקע גאָר, גאָר שלעכט — ווער ניט נתפעל, שריי! שריי צום רבונו של עולם, רוף צום רבין, ער זאָל פאַרדאַפּלען די מי, און שריי, קינד ליבס, צו מיר, דיין טאַטן ר׳ נתן, וועל איך דיר וויזן, אַז דו שרייסט מחמת עס פעלט דיר. און וואָס פעלט דיר? פּרנסה? גע־זונט? ניין, מיין קינד, עס דאַכט זיך דיר נאָר. איין זאַך בלויז פעלט אַ ילוד־אשה: אמונה. ווי זאָגט דער רבי? שטאַרק זיך, ליב קינד, גאָט איז מיט דיר, אַרום דיר — קיין יאוש איז גאָרנישט פאַראַנען.

יצחק, דער זון, שרייט פון די צרות אַרויס, און ר׳ נתן, דער טאַטע, ענטפערט מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ, און מען זעט פון בריוו צו

בריוו ווי עס שלאָגן זיך אין דעם האַרץ ר׳ נתנס די צווייערליי רחמנותן: דאָס פשוטע טאַטעשע רחמנות אויף דעם זונס לײדן, און דאָס חסידישע, דאָס ר׳ נחמנדיקע איבער־רחמנות, וואָס הייסט זיך דערבאַרעמען איבער דער נשמה און זי ניט לאָזן פאַרזינקען אין עצבות און אין אַלטקייט. „געדענק, זון מיינער, פריינט מיינער, געדענק און פאַרגעס ניט, אַז מיר האָבן שוין אַ סך געשמועסט מכוח דעם ענין פון אדם־לעמל־יולד און אַז ס׳איז אַ מוז־זאַך, עס זאָלן איבער אַ מענטשן דורכגיין צרות אַ סך, וואָס מע קען זיי ניט פאַראויסזען, און די אַלע צרות דאַרף מען אָנ־נעמען מיט ליבשאַפט, און וויסן דאַרף מען, אַז אַלץ, וואָס טרעפט מיט אַ מענטשן, איז פון זיין טובה וועגן, און דורך דעם (וואָס מען ווייס עס) קומט אָן לייכטער צו בעטן השם יתברך, אַז ער זאָל פון אונדז אָפּ־טאָן די קרענק מיט די יסורים, וואָס כאָטש זיי זיינען פון אונדזער טובה־וועגן — האָבן מיר ניט גענוג כוח און שכל, אָט די טובה מקבל צו זיין״...

פון צייט צו צייט גייט ר׳ נחמן אַריבער פון זיין וואַרעם־חסידישן לשון־קודש צו יידיש — און מיר הערן ריידן סיי אים, סיי דעם רבין. גאָט איז גרויס, גאָט פירט תמיד אויס — ציטירט ר׳ נתן דעם רבינס אַ יידישן זאָג. וואָס האָבן מיר זיך צו שעמען? — האָט ר׳ נחמן געזאָגט זיין עדה — צוליב אונדז איז באַשאַפן די וועלט. סיי אין מיטן אַ בריוו, סיי צום סוף, האָט ר׳ נתן ליב אַריינצוּוואַרפן אויף יידיש דאָס בראַסלאַווער ווערטל: און טאַקע פאַרט — האָף! דער „טאַקע פאַרט האָף״ איז ביי אים אַ לעבנס־דעוויז, אַ זאָג, וואָס איז כולל די קווינט־עסענץ פון גייסטיקער שטאַרקונג, פון התחזקות, פון קעגנשטעלן זיך דער „בלאָטע״ פון דער וועלט.

„גאָט איז מיט דיר — גייט ער איבער אויף יידיש אין אַ האַרציקן בריוו צום זון — שרעק זיך ניט, מיין קינד. גלויב מיר, אַז מיינע רייד זיינען דורך (דורכאויס) אמת, אַז דער רבי, עליו השלום, מיינט טאַקע דיך. איך זאָג דיר פון זיינעטוועגן: גאָט איז מיט דיר. עס וועט אַלץ נתהפך לטובה ווערן״...

און אָט הערן מיר ווי ער רעדט צו קליינוואַרג: „איך בין אויף דיר, נחמן שיחי׳, אַביסל ברוגז, וואָס דו שרייבסט קיין בריוול ניט. זע, זאָלסט פאַרריכטן, זאָלסט מיר שיקן אַ בריוול תיכף ליד בני ר׳ איציק

שיחי׳. ער וועט מיר אָפּשיקן. און, למען השם, באַגער צו לערנען און דאַווענען. איך האָב, ברוך השם, געהערט על ידי בני ר׳ איציק שיחי׳, אַז דו האָסט אָנגעהויבן באַגערן צו לערנען, האָב איך בודאי גרויס נחת געהאַט, כי זה חלקי מכל עמלי... קיטאי על (אויף א) מלבוש וועל איך, אם ירצה השם, בודאי קויפן דיר, און וואָס דו וועסט נויטיק דאַרפן, און וואָס יוסף־יונה שיחי׳ וועט באַדאַרפן. נאָר איר זאָלט ניט אַרויס־קוקן אויף גרויסקייט, וואָס איבער מיין כוח, איר באַדאַרפט אויף מיר אויך רחמנות האָבן. און וואָס נויטיק וועל איך אייך, בעזרת השם, בוודאי מספיק זיין בחסדו הגדול יתברך, רק זייט ערלעכע קינדער — וועט אַזוי וואויל זיין אייך און מיר אויך״.

אַן אַנדערש מאָל דערמאָנט ער זיין זון דעם רבינס זאָג, אַז אַ מענטש גייט אין דעם דאָזיקן עולם ווי איבער אַ שמאָל ברעטל און דער עיקר איז ניט מורא צו האָבן, און ער ברענגט, וואָס דער רבי האָט דערציילט מכוח יענעם צדיק, וואָס איידער די נשמה זיינע האָט זיך געשיידט פון גוף, האָט ער אַ זאָג געטאָן איין סך הכלדיק וואָרט, אַ טריאומף־וואָרט: אַריבערגעשפּרונגען.

שפּרינג אַריבער, מענטש, שפּרינג אַריבער! מען דאַרף דער בלאָטע אויסשטעלן אַ פייג. מען דאַרף זיך פרייען בטחונדיק ווי יענער תם אין דעם רבינס מעשה — ווי יענער קלוגער תם. תרגיל עצמך להיות בן חורין — שרייבט ער צום זון, זאָלסט זיך איינגעוואוינען צו זיין אַ פרייער מענטש. און ווי אַזוי ווערט מען אַ פרייער מענטש? דורך דעם קלוגן תמס שמחה. אַזאַ שמחה קומט ניט פון דער לופט. מען דאַרף אַרבעטן אויף איר, מען דאַרף זיך אין איר איינגעוואוינען. און אַז מען געוואוינט זיך איין, פאַרשטייט מען ערשט וואָס דער רבי האָט געמיינט, ווען ער האָט „בצר הרחבת לי״ געטייטשט, אַז אין דער צרה גופא געפינט זיך די הרחבה, דער אויסלייז פון דער צרה. די אונטן־וועלט איז פול מיט די מוראדיקסטע יסורים און אַפילו דער רבי אַליין האָט געזאָגט, אַז ווען ניט דאָס, וואָס ער ווייסט תמיד פאַראויס וואָס פאַר אַ יסורים עס גייען אויף אים, אַזוי, אַז ער איז תמיד גרייט, וואָלט ער, אַפילו ער, ניט געקענט די יסורים אַריבערטראָגן... אָבער די גרויסע צדיקים זיינען ממשיך (ציען אַרונטער) וואונדערלעכע רחמים (רחמים נפלאים) און בפרט די נפטר־געוואָרענע, אייביק לעבעדיקע

צדיקים, און בפרט דער רבי ר׳ נחמן — זיי טוען תפילה פאַר דער וועלט (מתפללים על העולם), און ווען ניט די הילפן און די גנאָדן און די נסים און די וואונדער, וואָס ווערן טאָג ביי טאָג אַרונטערגעצויגן מיטן כוח פון זייער תפילה, וואָלט אַ מענטש אין אַט דער יסורים־וועלט גאָר קיין קיום ניט געהאַט. דאַרף מען זיך טאַקע מתקשר זיין אין זיי און — לאַכן פון דער בלאָטע דאָס גרויסע געלעכטער. אַז מען דאַרף, איז רעכט זיך אַפילו נאַריש צו מאַכן. אַפילו מאַכן בלויז דעם אָנשטעל פון פריילעכקייט — איז שוין אויך גוט. מחמת פון דעם אָנשטעל קומט מען צום תוך... אַזוי האָט דאָך דער רבי געלערנט: אַז מען קאָן בשום אופן ניט פרייען זיך, צווינגט מען זיך באַדאַי, מען מאַכט־נאָך די אמתע שמחה און — נישקשה! די אמתע שמחה קומט. זי ווערט פשוט אַרויסגעמאַניעט. אַלע עצות און אַלע תחבולות זיינען רעכט, אַבי ניט צו לאָזן זיך פון דער סטרא אחרא, וואָס אין עצבות שטעקט איר גאַנצער טרייפענער כוח. ניט איין נשמה איז שוין, רחמנא ליצלן, אונטערגעגאַנגען, מחמת זי האָט זיך איינגערעדט, אַז איר שאַנד איז די ערגסטע, אַז איר ירידה איז די טיפסטע, אַז ווער־ווער, נאָר זי וועט זיכער קיין תקומה ניט האָבן. נאַרישקייטן! סיטרא־אחראשע איינרעדענישן! אַפילו אַז מ׳קען שוין דעם אָנשטעל, דעם בלויזן אָנשטעל פון שמחה אויך ניט מאַכן, איז נאָך אַלץ דאָ אַן עצה. דער רבי האָט אויך דאָס פאַראויס־געזען. מען טאָר זיך ניט מייאש זיין פון שרייען — האָט ער געזאָגט. אויך פאַרן שרייען אַנטלויפט די עצבות. און וועגן דעם וואָס געווען אָדער וועט־זיין — זאָרג ניט! טאַקע די מינוט, די איצטיקע מינוט, קענסטו זיך אויפהויבן און אַנטלויפן פון דער סיטרא־אחראס טרויער — פשוט אַנט־לויפן. אַביסל רופט מען צו גאָט אין התבודדות, אַביסל שמועסט מען מיט מענטשן אין הימל־זאַכן און טאַקע אויך אין וועלט־זאַכן, און דאָ דאַרף מען דאָך דאַוועגען, און דאָ דאַרף מען לערנען, און אַזוי כאַפּט מען זיך אַרויס פון דער סיטרא־אחראס הענט. למען השם, ברודער, האַלט זיך! אַפילו צו אַ חולה־מסוכן — האָט דער רבי געזאָגט — וואָס קוים־קוים ער זשיפּעט נעבעך, זאָגט מען דאָך אויך: לאָז דיך ניט אָפּ, מאַך זיך פרישער...

ס׳איז יענער אָפּטימיזם פונעם גלויביקן, וואָס בנוגע עולם־הזה איז ער דווקא שטאַרק פּעסימיסטיש.

ר׳ נחמן, פונקט ווי ר׳ נתן, קומט צום גרויסן אָפּטימיזם פון דער אמונה, צו זיין „גוואַלד, קינדער, זייט זיך ניט מייאש״, גראַד דורך דעם, וואָס ער איז זיך פולשטענדיק מייאש פון עולם־הזה. מען טאָר זיך ניט מייאש זיין פון שרייען, מ׳טאָר זיך ניט מייאש זיין פון אמתער שמחה, מען טאָר זיך ניט מייאש זיין — מיט איין וואָרט — פון אמונה, אָבער דאָס, וואָס מענטשן רופן לעבן, איז קיין לעבן ניט, ס׳איז אַ גיהנום, וואָס מ׳מוז פון אים אַנטלויפן, וואָס מען מוז אים אַריבערשפּרינגען; וואָס מען מוז אים גובר זיין. אַי, ס׳איז שווער אַריבערצושפּרינגען? אויך דאָס איז גאָרניט. אַז מען וויל, קאָן מען. „און פאָרט — און פאָרט — און פאָרט״, ווי עס זאָגט דריי מאָל ר׳ נתן...

**
*

די פאַרפאָלגער פון די בראַסלאַווער האָבן חרב געמאַכט זייער קלויז, געהאַקט שויבן, געשלאָגן, געמסרט. ר׳ נתנען גופא האָט מען מחמת אַ מסירה אַריינגעפּאַקט אין געפענקעניש, געפּייניקט, אָנגעשטעלט פאַלשע עדות. אָבער דאָס אַלץ האָט ר׳ נתן אַריבערגעטראָגן מיטן כוח פון זיין התקשרות, פון זיין אייביקער גייסטיקער פאַרבונדנקייט מיט דעם רבין. ער האָט עס אַריבערגעטאַנצט און אַריבערגעשפּרונגען. ווען ער איז קראַנק געוואָרן און האָט דערשפּירט, אַז ער דאַרף אַוועק פון דער וועלט, האָט ער זיין תורה אָנגעהויבן בזה הלשון: „איר זאָלט וויסן, אַז מען וועט זיין אַ גוסס און אַ מת און מען וועט מוזן ליגן מיט די פיס צו דער טיר״... נאָך דער תורה האָט ער זיך געפרייט. אַ קליינינקייט, אַט־אַט און ער איז שוין אַן אַריבערגעשפּרונגענער, אַ געהאָלפענער. ער האָט דערציילט אַ חלום און האָט געזאָגט, אַז דער חלום איז געווען מכוח זיין נאָענטער הסתלקות. וועגן דעם ענין פון פאַרשפּרייטן דעם רבינס תורות, האָט ער געזאָגט: מען דאַרף זיך מקרב זיין צו אַ רבין, און אַז עס איז ניטאָ דער רבי — איז מען זיך מחבר צו דער פּען. ס׳איז געווען מוצאי־שבת און ער האָט געמאַכט הבדלה — דאָס מאָל מיט גרויס געוויין... אין מיטן דער נאַכט — די אַלע פּרטים זיינען דאָ אין דעם באַריכט־בריוו, וואָס בראַסלאַווער חסידים האָבן געשיקט קיין טשעהערין (געדרוקט צום סוף פון די בריוו) — אין מיטן דער נאַכט איז ער שטאַרק פאַרשוואַכט געוואָרן און פון טאָג צו טאָג איז זיין שלאַפקייט געוואַקסן. חסידים זענען געשטאַנען אַרום אים און צו איינעם פון זיי האָט ער זיך אָנגערופן: „פאַר־שטעל ניט וועלוולען — זאָל ער מיך כאַטש אָנקוקן. דער רבי האָט

אויך געזאָגט צו איינעם: קוק מיך אָן, עס וועט פאַר דיר זיין אַ טובה גדולה״. דערנאָך האָט ער געזאָגט: מען וועט זיך מוזן צונויפקומען. האָט אים ר׳ וועלוול געפרעגט: וואו? האָט ער געענטפערט: אויף יענער וועלט... נאָך חצות האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די פעדער און אָנ־געשריבן אַ תורה אויף דער משנה: משקין בית השלחין במועד. דער־נאָך איז צו אים געקומען ר׳ מאיר יהודה, האָט ער צו אים געזאָגט בזה הלשון: אַפילו מען זאָל זיין דער ערגסטער בעל־עבירה, אַבי מען האַלט זיך אָן רבין — וועט מען בודאי תשובה טאָן און מען וועט האָבן אַ תיקון... ער האָט געלערנט דעם עולם אַרום אים ווי אַזוי מען זאָל מתפלל זיין פאַר זיין נשמה און האָט געזאָגט, אַז דער גרויסער זכות זיינער איז, וואָס ער האָט פאַרשריבן דעם רבינס תורות און האָט זיי מסדר געווען... פאַרטאָג האָט ער געזאָגט צו די אַרומיקע: איר זענט כשרע יידן, נאָר איר זענט נעבעך שלימזלניקעס, האַלט אייך צוזאַמען... שפּעטער האָט ער אַזוי געזאָגט: עזרא הסופר גייט אַוועק און טריף־פּסול איז זיך מתגבר. ס׳איז היינט דאָ אלפים ורבבות טריף־פּסול! נאָר איך האָף, אַז איין בלעטל פון רבינס ספרים וועט זיין אַ תיקון אויף אַלצדינג...

דער באַריכט גייט ווייטער:

אין דער פרי האָט ער זיך געשטאַרקט, אָנגעטאָן טלית און תפילין, געדאַוונט מיט אַלע כוחות, געזאָגט סליחות... און דערנאָך האָט ער געלערנט און האָט מסיים געווען דעם ש״ק גדול... און ער האָט גע־זאָגט תהלים... און דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן און געזאָגט צו נחמן עוזרס: גיב מיר כל טוב. האָט יענער ניט געוואוסט, וואָס ער מיינט. האָט ער אים אויסגעטייטשט: גיב מיר דאָס תנ״כל!

***

ר׳ נתן איז אַוועק צום רבין פון די בראַסלאַווער, און די חסידים האָבן ניט אויפגעהערט צו לעבן מיטן רבינס תורה און מיט ר׳ נתנס התחזקות. דאָס טאַנצן איז ביי זיי געוואָרן אַ טייל פון זייער שטייגער לעבן, פּונקט ווי דאָס השתטחות אויפן רבינס קבר אין אומאַן. און דאָס פייער טליעט נאָך... עס זענען נאָך דאָ בראַסלאַווער — און זיי וואַרטן אויף דער גאולה שלמהביים ליכט פון רבינס פייער, וואָס טליעט נאָך, וואָס וועט טליען ביז משיח וועט קומען... און פאַרט — און פאַרט — און פאַרט!

קאַפּיטל כו.

די סיפּורי־מעשיות*)

סיפּורי מעשיות, וואָס זענען געוואָרן אַ טייל פון דער עבודה. — וואָס ר׳ נחמן האָט געזאָגט וועגן זיינע מעשיות. — „ווען אַ זאַך איז פאַרהוילן, קאָן מען מער אויפטאָן״. — סיפּורי־מעשיות וועקן אַ מענטשן פון שלאָף. — אַ משל מיט אַ בלינדן. — די עיקרדיקע נקודה פון דעם בראַסלאַווערס תורות און די הויפּט־נקודה פון זיינע סיפּורי מעשיות. — די אויסלייזונג פון מידת מלכות, וואָס איז אין געפאַנגענשאַפט ביי די חיצונים. — דער גילדערנער באַרג, וואו די בת־מלכה זיצט געפאַנגען אין דימענטענעם שלאָס. — דער צדיק, דער דערלייזער. — דער בעל־תפילה, זיין געראַנגל מיט די חיצונים און זיין „דיבור האמת״. — ווי ר׳ נחמן אַליין שפּיגלט זיך אָפּ אין די גלגולים און געשטאַלטן פון זיינע העלדן. — דער תיקון־מענטש און זיין וואונדער־קיך. — אַז משיח וועט קומען. — די מעשה מיט דעם האַרץ און דעם קוואַל. — דער זין פון דער מעשה. — עליות און ירידות אין דער געשיכטע. — אַ מעשה, וואָס סיי זי איז טיף־קבלהדיק, סיי זי איז אָנגעווענדט אויף אַ באַשטימטער היסטאָרישער פּערזענלעכקייט. — אַ שמועס וועגן נאַפּאָלעאָנען. — דער „עולם התמורות״. — די מעשה מיט דעם בן־מלך און דעם בן־העבד. — דער אמתער מלך און דער פאַלשער מלך.

„איך וועל שוין אָנהויבן דערציילן מעשיות״, — האָט אַמאָל ר׳ נחמן אַ זאָג געטאָן צו די תלמידים און פון דענסטמאָל אָן פלעגט ער דערציילן די סיפּורי־מעשיות זיינע, וואָס זענען פאַרהייליקט געוואָרן ביי די בראַס־לאַווער חסידים, געוואָרן ביי זיי אַ טייל פון דער עבודה, און זענען אַ קוואַל פון טיפקייט און תפארת ביז אויפן היינטיקן טאָג. דעם ענין פון

*) באַמערקונג פון אהרן צייטלין.

דעם ערשטן טייל פון דעמדאָזיקן קאַפּיטל האָב איך איבערגעזעצט פון אַ פּרק אין מיין פאָטערס העברעאיש ספרל: „אורו של משיח בתורת הברסלבי״ (זע דעם אַריינפיר). דער צווייטער טייל פונעם קאַפּיטל איז געשריבן געוואָרן פון מיין פאָטער אָריגינעל אין יידיש און איז אַרויסגענומען פון זיין בוך: „חסידות״.

די מעשיות האָט ר׳ נחמן אַזוי מסביר געווען: „ביז ר׳ שמעון בר יוחאי פלעגט מען נישט רעדן קיין קבלה־זאַכן אָפן, באתגליא; אין די דורות הראשונים, אָבער, גאָר פאַרצייטן, פלעגט מען שמועסן קבלה פאַרשטעלט, טאַקע מיט דעם לשון ווי איך דערצייל מיינע סיפורי מעשיות״.

„ס׳וואָלט גלייכער געווען, — האָט ער געזאָגט וועגן זיינע מעשיות, — מען זאָל נישט אויפדעקן קיין שום רמזים אין זיי, מחמת ווען אַ זאַך איז פאַרהוילן — קאָן מען מער אויפטאָן״.

דאָך האָבן די תלמידים געזוכט אויפצודעקן די סודות און רמזים פון זייער רבינס מעשיות. ר׳ נתן האָט עס געטאָן אין די ליקוטי־הלכות, און ר׳ נתנס נאָכפאָלגער, ר׳ נחמן טשעהרינער, האָט עס געטאָן אין זיינע „רמזי המעשיות״.

„די וועלט זאָגט, — ווערט אין ר׳ נחמנס נאָמען איבערגעגעבן אין „חיי־מוהר״ן״, — אַז מעשיות זענען אַ סגולה צום איינשלאָפן; און איך זאָג, אַז דורך סיפורי־מעשיות וועקט מען מענטשן פון שלאָף״.

פונקט ווי דער „צדיק הדורות״, דער דורות־און־וועלטן־צדיק, וואָס איז אין דער בחינה פון משה־משיח, גיט זיין ליכט צו די פעלקער און ציט אַרויס נשמות פון די אָפגרונט־טיפענישן, וויל ער פאַרמאָגט יענעם ניגון, וואָס לויט ר׳ נחמנען געבוירט ער און באַגלייט אַלע חכמות, אַלע אמונות און אַפילו אויך אַלע כפירות פון מענטשן, — אָט אַזוי גיט אויך דער צדיק־הדורות זיין ליכט צו אַלע נשמות, וואָס זענען פאַרזונקען אין שלאָף, דורך די סיפורי־מעשיות וואָס ער דערציילט.

די סיפורי־מעשיות זענען אַן אַנקליידונג פון דער געטלעכער ליכטיקייט.

„פונקט ווי אַז מ׳היילט דעם בלינדן — מוז מען אים אָפשליסן, ער זאָל נישט דערזען מיטאַמאָל די ליכטיקייט, און מען דאַרף אים דאָס ליכט מצמצם־זיין, כדי די פלוצימדיקייט זאָל אים נישט שאַטן, אַזוי איז אויך מיט דעם, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געשלאָפן אין דער פינצטער: ווען מען וויל אים אויפוועקן און אים ווייזן זיין פנים, דאַרף מען אים דאָס מלביש־זיין אין סיפורי־מעשיות, כדי עס זאָל אים נישט שאַטן די פלוצימדיקע העלקייט״.

אויב די עיקרדיקע נקודה פון דעם בראַסלאַווערס אַלע תורות איז דאָס זוכן וועגן צום מלך־המשיח, איז די צענטראַלע נקודה אין זיינע סיפורי־מעשיות: די אויסלייזונג פון דער מטרוניתא, די אויסלייזונג פון דער מידת

מלכות, וואָס איז איצט אין געפאַנגענשאַפט ביי די חיצונים („איצט — דאָס הייסט: כל זמן משיח איז נאָך נישט געקומען). דאָס איז די אַקס, וואָס אַרום איר דרייען זיך אַלע מעשיות: דער „שני־למלך" (דער צדיק דער דערלייזער, און אַמאָל — דער מלך־המשיח אַליין) זוכט וועגן און שטעגן, אַמאָל אויסטערליש־מאָדנע און אַפילו קרומע, וואָס זאָלן פירן און דערפירן צום גילדענעם באַרג, וואו די בת־מלכה זיצט געפאַנגען אין דימענטענעם שלאָס.

יענער צדיק, דער דערלייזער — אַמאָל איז ער אַזוי רייך, אַז קיין שום עשירות אין דער וועלט האָט ביי אים קיין חשיבות נישט, און אַמאָל, ווידער, איז ער אַ בעטלער, אַן אָרעמאַן, אַן אומגליקלעכער. אַמאָל איז ער אַ גבור־שבגבורים, אַן איינגעמער פון לענדער, און אַמאָל איז ער דער שוואַכסטער פון די שוואַכע, אַ שטיק הילפלאָזיקייט, אַ שטיק עלנט און דער־שלאָגנקייט. אַמאָל איז ער אַזאַ חכם, אַז אַלע חכמות און אַלע תורות אין דער וועלט זיינען גאָרניט מיט נישט אין זיינע אויגן. די געטלעכע חכמה אין זיין האַרצן דערהויבט אים ביז כתר שבאצילות, און מיט דעם „דעת אלקים" וואָס אין אים הערשט ער איבער אַלע באַהעלטענישן פון דער יצירה. און אַמאָל דערזעט ער גאָר, אַז ער ווייס גאָרנישט — „טאַקע ממש גאָרנישט", ווי ר׳ נחמן זאָגט, און איז נישט מער ווי אַ „פראָסטאַק שבפראָסטאַקעס". אָבער צו יעדער צייט, סיי בעת דער עליה און סיי בעת דער ירידה, סיי ווען ער זוכט און סיי ווען ער געפינט, אין אַלע פרצופים, וואָס ער נעמט אָן, אונטער אַלע מאַסקעס און פאַרשטעלענישן, אויף אַלע וועגן, וואָס ער גייט אויף זיי און וואָס צומאָל בלאָנדזשעט ער אויף זיי, — תמיד און אומעטום איז ער דער בעל־תפילה. תמיד און אומעטום באַגערט ער צום יופי של מעלה, צו דער בת־מלכה, וואָס אַז זי וועט אַרויס פון איר געפאַנגען־גרוב — וועט זי זיך אינעם אחרית־הימים אַנטפּלעקן פאַר די אויגן פון גאָר דער וועלט.

טויזנט מאָל פרואווט ער, דער בעל־תפילה, טויזנט מאָל שטרויכלט ער, און עס זעט שוין אויס, אַז ער האָט זיך מייאש געווען, וואָרעם ער קען נישט דורכפירן די עצות, וואָס זי, דעם מלכס טאָכטער אַליין, גיט אים, כדי ער זאָל זי געפינען. גראָד דענסטמאָל, ווען זי אַליין קומט אים וועקן, איז ער פאַרזונקען אין שלאָף נישט צום אויפכאַפּן זיך, ווייל ער האָט געטרונקען וויין דווקא אין יענער לעצטער שעה, ווען ס׳האָט שוין

געזאָלט קומען די גאולה, דער גמר פון דעם תיקון. און דאָך וועט ער נישט פאַרצווייפלט. ער וועט נישט אויפהערן פּרוּוון צו געפינען די „מטרוניתא קדישתא״; ער וועט זי נישט אויפהערן צו זוכן מיטן כוח פון זיינע בענק־שאַפטן און מיטן כוח פון די געווייגען זיינע, וואָס שפּאַלטן הימלען און שטירצן אין די טיפענישן פון תוהו די מעכטיקע פּאַלאַצן פון די חיצונים.

פעלקער שלאָגן זיך איינס מיטן צווייטן, אָבער דורך די אַלע מלחמות און איבער די אַלע מלחמות קומט כסדר פאַר די מלחמה, וואָס איז פאַר־באָרגן און פאַרהוילן אין די טיפענישן פון די וועלטן — די „מלחמה לד׳ בעמלק״. און וועט זיך ענדיקן יענע אויבערשטע מלחמה, וועלן זיך אַנטפּלעקן פאַר אַלע פעלקער: דער מלך אַליין אין דער פּראַכט און מאַכט פון זיין הייליקייט; די בת־מלכה; דער גבורהדיקער בעל־יועץ; און מיט זיי צוזאַמען — ער, דער בעל־תפילה, וואָס האָט אַלץ דעראָבערט מיטן כוח פון „בעטלעריי״, מיטן כוח פון זיין גייסטיקן דאָרשט, און וואָס מיט זיין „דיבור דקדושה״ האָט ער דערהויבן נשמות אַרויפצו און ממשיך געווען די מאַכטיקייטן פון דער תורה — אַרונטערצו. דער בעל־תפילה — דאָס איז דער צדיק האמת, דאָס איז דער פאַרבאַרייטער פון דער גאולה שלמה.

ר׳ נחמנס סיפורי־מעשיות זענען פון איין זייט — דער סיפור פון דעם באַשאַף, און פון דער צווייטער זייט — דער סיפור פון זיין אייגן לעבן, אָבער נישט פון דעם דרויסנדיקן לעבן זיינעם און אַפילו נישט פון דעם געוויינלעכן אינערלעכן לעבן, נאָר פון יענעם פאַרבאָרגן־אצילותדיקן לעבן פון אַ נשמה, וואָס האָט געענידערט כדי מתקן צו זיין תיקונים, כדי אויפצוהויבן געזונקענע, כדי צו פירן גאַטס גרויסע מלחמה און אָנצייכענען דעם וועג צו דער גאולה דער לעצטער, דער פולער און דער ענדגילטיקער.

אין אַ געוויסן זין איז דער בראַסלאַווער אַליין דער, וואָס איז סיי דער שני־למלך, וואָס זוכט די געפאַנגענע בת־מלכה, סיי דער „בערגער״, וואָס האָט דעם אָרעמאַנס ווייב (אין דער „מעשה מיט אַ בערגער און אַן אָרעמאַן״) געראַטעוועט פון דעם „גענעראַל״ און זיינע חיילות און זיך מיט איר אויסבאַהאַלטן אין גריבער און קוואַלן, טייכן און ימען. ער, ר׳ נחמן גופא, איז אויך דער זון פון יענעם „אָרעמאַן״, דעם „בחור״, וואָס האָט

אַזויפיל דורכגעליטן און דורכגעלעבט ביז ער האָט סוף־כל־סוף חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונעם בערגער, וואָס איז געוואָרן אַ מלך. דער בראָסלאָווער אַליין איז — סוביעקטיוו גענומען — יעדער איינער פון זיינע זיבן בעטלערס און זיי אַלע צוזאַמען. ער איז אויך — אין דעם זעלבן סוביעקטיוון זינען — דער בעל־תפילה פון זיין מעשה אונטער אַט דעם נאָמען.

אַז מיר קוקן זיך צו צו די גרויסקייטן און גרוילקייטן פון אונ־דזערע צייטן, ווערט אונדז קלאָר וואָס ר׳ נחמן דערציילט אין זיין מעשה מיטן בעל־תפילה מכוח די פאַרשיידענע עבודה זרהס, וואָס שליידערן גאַנצע פעלקער אין שאול־תחתיות. מיר לייענען דאָרט וועגן דער מדינה פון געלט־קולט. מיר לייענען וועגן אַ מדינה, וואָס איר קולט איז רציחה. מיר לייענען וועגן נאָך אַ מדינה, וואו מען הערט נישט אויף צו רעדן, — אַ פּאַרלאַמענט־מדינה, אַ רייד־מדינה. דו זעסט פּאַר זיך אונדזער וועלט מיט אַלע אירע גענג, מיט איר פּאָליטיק, אירע גליק־פּראָגראַמען, גליק־צילן און גוואַלט־מיטלען, וואָס פירן צום היפוך פון גליק — צום אונטערגאַנג. און קוקסטו זיך צו צו די גענג פון דעם בעל־תפילה, פון דעם, וואָס גרייט־צו דעם וועג פאַר משיחן, זעסטו מיט וואָס פאַר אַ מיטלען עס באַנוצט זיך ער, דער תיקון־מענטש, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען ער באַזיגט די בייזע אינסטינקטן פון די פעלקער, וואָס באַקעמפן איינס דאָס אַנדערע. איינער פון די העלדן פון דער מעשה איז דער גבור. אין תוך איז דער בעל־תפילה דער גבור אויך, כאָטש אין דער מעשה זיינען זיי צוויי געשטאַלטן. ווי אַזוי איז דער גבור מתקן די פעלקער? ער דערגרייכט עס דורך באַזאָרגן זיי מיט שפּיז פון יענער וואונדער־קיך, וואָס יעדער איינער, וואָס איז נאָר טועם פון אירע מאכלים, וואַרפט אָפּ פון זיך אַלע תאוות זיינע, אַלע בייזע לאָקונגען און אַלע פּוסטע ערדישע דמיונות.

ווען די פעלקער זיינען טועם פון די שפּייזן, וואָס דער גבור גיט זיי, הויבן זיי אָן תשובה צו טאָן און צו זוכן דעם אמתן גאָט.

דער זעער פאַרענדיקט זיין ספּור מיט דעם, וואָס דער גבור האָט זיי (די פעלקער) געפירט און זיי געבראַכט ביז צו דער קיך מיט די טייערע שפּייזן. צוערשט האָט ער זיי געפירט אַזוי, אַז זיי האָבן דער־

שפירט מיטן חוש־הריח דעם וואוילגערוך פון יענע מאכלים און האָבן זיך ביי אים שטאַרק געגומען בעטן, ער זאָל זיי געבן פון יענע שפייזן, און דערנאָך האָט ער זיי געפירט אַזוי, אַז זיי האָבן דערשפּירט דעם מיאוסן ריח פון די עבודה־זרהס, וואָס זיי האָבן געדינט צו זיי. האָבן די פעלקער געגומען שרייען, אַז דער עיפּוש איז זייער גרויס, און ער, דער גבור, האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, פון וואַנען די מיאוסע ריחות קומען: טאַקע פון זיי אַליין און פון די עבודות־זרות זייערע. דערנאָך, אַז ער האָט זיי געגעבן פון די אמתע מאכלים, האָבן זיי זיך מוראדיק פאַרשעמט און תיכף אַוועקגעוואָרפן די עיפּושדיקע געצן זייערע, די „אלילי כספם ואלילי זהבם", און דער בעל־תפילה האָט זיי געגעבן תשובות און תיקונים...

מען מיינט, — האָט ר' נחמן אַמאָל געזאָגט (און דאָס איז נייטיק צו וויסן, כדי צו פאַרשטיין דעם סוף פון דער מעשה מיטן בעל־תפילה), — מען מיינט, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן פאַרקומען עפּעס גוואַלדיקע דרויסנדיקע איבערקערענישן. ניין, איטלעך איינער וועט נאָר אַראָפּ־וואַרפן פון זיך זיין משא. ס'איז נישט ווי מען מיינט, אַז ווען משיח וועט קומען — וועט די וועלט זיין אַן אַנדערע ווי איצט, נאָר וואָס דען? יעדער איינער וועט זיך אָנהייבן שעמען מיט דעם שטות פון זיינע מעשים...

***

אין דער וואונדער־טיפער מעשה מיט די זיבן בעטלערס געפינען מיר די דיכטונג פון דעם האַרץ און דעם קוואַל.

„ס'איז פאַראַן — דערציילט ר' נחמן — אַ באַרג, און אויף דעם באַרג שטייט אַ שטיין, און פון דעם שטיין גייט אַ קוואַל, און איטלעכע זאַך האָט אַ האַרץ, און די וועלט אינגאַנצן האָט אויך אַ האַרץ — — —

און דער באַרג מיט דעם קוואַל שטייען אין איין עק פון דער וועלט און דאָס האַרץ פון דער וועלט שטייט אין דעם אַנדערן עק פון דער וועלט. און דאָס האַרץ שטייט קעגן דעם קוואַל און גלוסט און בענקט תמיד זייער, אַז עס זאָל קומען צו דעם קוואַל. דאָס בענקען און גלוסטן פונעם האַרץ צו דעם קוואַל איז גאָר ווילד"...

ווער איז „דאָס האַרץ פון דער וועלט"?

די, וואָס דאָס גאַנצע לעבן פון דער וועלט ווערט אין זיי קאָנצענט־

רירט; די, וואָס באַוועגן שטענדיק די וועלט, וואָס לאָזן זי נישט שטיין אויף איין אָרט; די, וואָס יאָגן זי און טרייבן זי אַלץ ווייטער און ווייטער און הייבן זי אַלץ העכער און העכער; די, וואָס גיבן אַ זין דעם לעבן, אַ ווערט, אַ ריכטונג...

און וואָס איז עס פאַר אַ קוואַל אויפן שפּיץ באַרג?

דאָס, וואָס מיר קאָנען מיט קיין וואָרט ניט באַשטימען; דאָס, וואָס מיר קאָנען מיט קיין איין נאָמען ניט אָנרופן, און דאָך פילן מיר, אַז אַהין און נאָר אַהין דאַרפן מיר שטרעבן — אָט דאָס איז דער קוואַל אויפן שפּיץ באַרג...

„און ס׳שרייט תמיד דאָס האַרץ, אַז ס׳זאָל קומען צום קוואַל און דער קוואַל גלוסט צום האַרץ אויך״...

„און וויבאַלד אַז דאָס האַרץ בענקט יאָ אַזוי צום קוואַל — פאַרוואָס גייט עס ניט צום קוואַל? — נאָר וויבאַלד דאָס האַרץ וויל צוגיין נאָענט צום באַרג, וואָס אויבן אויף אים איז דער קוואַל, אַזוי זעט עס שוין ניט אַרויס דעם שפּיץ פון באַרג (וואָרעם אַזוי איז דער שטייגער ביי אַ הויכן באַרג: פון ווייטן, אַז מען שטייט, זעט מען אַרויס דעם שפּיץ פון באַרג, און אַז מען גייט צו נאָענט זעט מען שוין ניט אַרויס דעם שפּיץ), און וויבאַלד, אַז עס זעט ניט דעם שפּיץ פון באַרג — קען עס ניט זען דעם קוואַל, און וויבאַלד, אַז עס קוקט ניט אויף דעם קוואַל גייט עס אויס —

און ווען דאָס האַרץ זאָל אויסגיין וואָלט גאָר די וועלט חרוב געוואָרן, וואָרעם דאָס האַרץ איז דאָס חיות פון איטלעכער זאַך, און ווי קען די וועלט אַ קיום האָבן אָן דעם האַרץ? איבער דעם קען דאָס האַרץ ניט צוגיין צום קוואַל, נאָר עס שטייט תמיד אַנטקעגן דעם קוואַל און עס בענקט און עס שרייט, אַז עס זאָל קומען צום קוואַל״...

דאָס „האַרץ פון דער וועלט״ מוז, בכן, אייביק נאָר שטרעבן צום קוואַל, בענקען נאָך אים, ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט נאָענט צוצוקומען צו אים. אין דערזעלבער צייט מוז, אָבער, דאָס „האַרץ פון דער וועלט״ שטענדיק זען דעם אייביקן קוואַל, וואָרעם — „אַז עס קוקט ניט אויפן קוואַל גייט עס אויס״. שטענדיק מוזן די אויסדערוויילטע פאַר זיך קלאָר זען דעם העכסטן אידעאַל. ווען זיי זעען ניט — גייט די וועלט צום גרונט...

און קראַנק איז אַמאָל „דאָס האַרץ פון דער וועלט" און שוואַך איז עס. ניט אַלע מאָל זעען די אויסדערוויילטע דעם זין פון וועלט און מעשים, ניט אַלע מאָל איז פאַר זיי קלאָר וואוהין זיי דאַרפן שטרעבן...

פאַרצווייפלט, פאַרפירט גייען זיי אַרום. און אַז עס בלאָנדזשען די פירער, צעזייען זיך די שעפעלעך אין אַלע זייטן און זוכן וואו אַ גראָז און וואו אַ בלעטל און וואו אַ קוואַל וואַסער; און די שטאַרקע שטויסן די שוואַכע, פרעסן אַלץ אויף, און דאָס קלאָרע וואַסער פאַרשמוצן זיי, און וועלף באַפאַלן זיי אַלעמען און עס ווערן געראַטעוועט איינצעלנע בלויז.

און די בעסטע זעען עס און קענען גאָרנישט העלפן. פאַרצווייפלט הייבן זיי די אויגן צום הימל אויף — דאַן טרעפט, אַז זיי דערזעען אַ הויכן שטערן, וואָס ווייזט זיי דעם וועג; עס טרעפט, אַז שניי־ווייסע מלאכים־פליגל באַשיצן זיי; גייסטער פון ווייטע געהיימע וועלטן קומען צו זיי; די געהיימע שטים רעדט צו זיי — ליכטיק ווערט זיי, לעבעדיק ווערן זיי און די גאַנצע וועלט באַלעבן זיי...

און אַזוי האָט די וועלט אירע עליות און ירידות, איר באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, זין און אומזין, וועג און אומוועג. זעט דאָס „האַרץ פון דער וועלט" דעם „קוואַל אויפן שפּיץ באַרג", — קלאַפּט דאָס האַרץ רואיק און אַלע גלידער באַקומען זייער נאַרונג; זעט דאָס האַרץ דעם קוואַל ניט, ווערט עס אָפּגעשוואַכט און דער וועלט־גוף האַלט ביים חלשן.

פאַראַן פעריאָדן אין דער געשיכטע, ווען די מענטשהייט — אין גע־שטאַלט פון אירע בעסטע פאָרשטייער — ווייסט וואוהין זי גייט. פאַראַן אָבער פעריאָדן, ווען זי — אין געשטאַלט פון אירע בעסטע פאָרשטייער — האַלט אין איין בלאָנדזשען, אין איין מאַכן געטער און צעברעכן זיי; ווען זי גלויבט אין אַלע נאַרישקייטן און אין גאָרנישט. און ווידער קומט אַ מאָמענט פון דורכלייכטונג: די מענטשהייט קומט צו אַ העכערער מדרגה ווי פריער. ווידער אַ פאַל — און ווידער העכער, נאָך העכער. אַזוי־אַרום שטייגט די מענטשהייט פאָרט אַלץ העכער — אין איר סך־הכל, אין לעצטן סכום. נאָענט צוגיין צום קוואַל קען זי נישט. זעען אים קען זי, אָבער, אַלץ קלאָרער און קלאָרער.

דאָס זיינען די עליות און ירידות פון דער געשיכטע. אָט גיסט זיך אויס גאָט־וויסן ווי אַ ים. אַמאָל, ווידער, ווערט דער ים אָפּגעפאַלן

און געשטילט. נאָך אַ גרויסער, גוואַלדיקער אָנשטרענגונג, נאָך אַ דראַנג צוצוקומען צום קוואַל פון דער וועלט מיט געוואַלט — מוז קומען די צייט פון מידקייט און אַראָפּפאַל. דאָס האַרץ רוט...

אויף דער שפּראַך פון אונדזער זעער הייסט עס:

„אַז דאָס האַרץ פון דער וועלט דאַרף זיך אַביסל אָפּרוען — אַזוי קומט אַ גרויסער פויגל און פאַרשפּרייט די פליגלען אויף אים און פאַר־שטעלט אים פון דער זון. דעמאָלט רוט זיך דאָס האַרץ אָפּ אַביסל... און אַפילו דעמאָלט, אַז ס׳רוט זיך אָפּ, קוקט עס אָנטקעגן און בענקט אַלץ צום קוואַל״.

*****

צווישן ר׳ נחמנס מעשיות איז אויך פאַראַן איינע, וואָס זייענדיק פון איין זייט אַ טיף־קבלהדיקע, ווי אַלץ וואָס ר׳ נחמן האָט דערציילט, איז זי פון דער צווייטער זייט אָנגעווענדט געוואָרן אויף אַ קאָנקרעטער היסטאָ־רישער פּערזאָן — אויף נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן.

ר׳ נחמנס תלמידים — ווערט דערציילט — זענען געזעסן און גע־רעדט וועגן נאַפּאָלעאָנען. זיי האָבן געשמועסט וועגן דעם, אַז ער איז נישט קיין געבוירענער קעניג, אַז ער איז געווען אַן איינפאַכער מענטש, וואָס איז נתגדל געוואָרן. דערויף האָט ר׳ נחמן געענטפערט: דאָס מאַכט גאָרנישט אויס. אַ נשמה קען ער האָבן גראַד אַ קעניגלעכע. עס טרעפט, אַז אין „עולם התמורות״ ווערן פאַרביטן די נשמות, וואָרעם עס איז שוין איינמאָל געווען אַזאַ מעשה.

און דאָ האָט ר׳ נחמן אָנגעהויבן צו דערציילן:

„עס איז אַמאָל געווען אַ מלך מיט אַ מלכה. די מלכה האָט געהאַט אַ דינערין, וואָס זי האָט זיך מיט איר קיינמאָל ניט געשיידט. ויהי היום, האָט די מלכה געבוירן אַ זון און די דינערין האָט אויך געבוירן אַ זון. געבוירן האָבן זיי אין איין טאָג. האָט די הייבאַם אַ טעות געהאַט און האָט פאַרביטן די קינדער: דעם בן־מלך האָט זי אַוועקגעלייגט לעבן דער דינערין און דעם בן־העבד — לעבן דער קעניגין. די קעניגין האָט פון גאָרנישט געוואוסט און די דינערין האָט אויך פון גאָרנישט געוואוסט. אַזוי אַרום איז דער בן־העבד דערצויגן געוואָרן קעניגלעך, און דער בן־המלך — געמיין. די טבע פון דעם בן־מלך האָט אים, אָבער, שטענדיק

געצויגן צו דעם נימוס פון אַ מלכות, און די טבע פון דעם בן־העבד — צו אַ גאַנץ אַנדער נימוס, כאָטש מען האָט אים געלערנט נימוסי־המלכות און ער האָט זיך געמוזט קעניגלעך אויפפירן.

די הייבאַם, וואָס האָט פאַרביטן די קינדער, האָט זיך באַקלערט, אַז זי האָט זיך טועה געווען, נאָר זי האָט מורא געהאַט צו דערציילן. אַזוי, אָבער, ווי ביי ווייבער איז אַ גרינגע דעה, איז זי געגאַנגען און האָט אויסגעזאָגט דעם סוד פאַר איין מענטשן, באשר זי האָט פאַרביטן די קינדער. און איטלעכער מענטש האָט אַ חבר און דער חבר האָט נאָך אַ חבר. האָט אַזוי איינער אויסגעזאָגט דעם אַנדערן, ביז דער סוד איז אַרויסגעקומען און דער עולם האָט דערפון געשמועסט שטילערהייט, אַז דער בן־מלך איז פאַרביטן געוואָרן. נאָר שמועסן שאַרף דערפון קען מען בודאי ניט, בכדי דער מלך זאָל דערפון ניט געוואויר ווערן. וואָרעם וואָס קאָן ער דאָ פאַרריכטן?... טאָמער איז עס אַ ליגן?...

ויהי היום, איז געגאַנגען איינער און האָט דערציילט דעם בן־מלך (דעם פאַלשן), אַז מען שמועסט וועגן אים, דאָס ער איז פאַרביטן געוואָרן, און אַז דער אמתער בן־מלך איז גאָר דער, וואָס ווערט דערצויגן ווי דער בן־העבד... איז געגאַנגען דער בן־מלך (דער פאַלשער) און האָט אָנגעהויבן צו טאָן שפּיצלעך יענעמס פאָטער (דעם עבד), וואָס צום אמת איז ער דאָך טאַקע געווען זיין פאָטער, און ער האָט זיך אַלץ געלייגט אים צו טאָן שלעכטס, כדי ער זאָל מוזן עוקר־זיין מיט זיין זון. כל־זמן דער מלך אַליין האָט נאָך געלעבט האָט ער נאָך פאַרט אַזוי אַ ממשלה ניט געהאַט, דערנאָך, אָבער, ווען דער מלך איז געשטאָרבן און ער (דער פאַלשער בן־מלך) האָט איבערגענומען די מלוכה, האָט ער נאָכמער שלעכטס געטאָן יענעם זונס פאָטער. און געטאָן האָט ער אים שלעכטס פאַרשטעלט, מען זאָל ניט וויסן, אַז עס איז פון אים, וואָרעם עס איז ניט שיין פאַר לייטן. האָט פאַרשטאַנען דער עבד, אַז ער (דער פאַלשער בן־מלך) טום אים שפּיצלעך מחמת די וועלט שמועסט, אַז די קינדער זענען פאַרביטן געוואָרן, האָט ער דערציילט זיין זון די גאַנצע מעשה, און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „איך האָב גרויס רחמנות אויף דיר, וואָרעם ממה־נפשך: ביסטו מיין קינד, האָב איך דאָך בוודאי גרויס רחמנות אויף דיר, ביסטו נישט מיין קינד, נאָר ביסט צום אמת דער בן־מלך, איז דאָך נאָכמער רחמנות אויף דיר, וואָרעם דער, וואָס האָט איבערגענומען די

מלוכה, ווייל דיך גאָר אויסרייסן חס ושלום. איבער דעם מוזסטו אַנט־לויפן פון דאַנען״. און דערוויייל האָט דער מלך דערלאַנגט דעם עבד שפּיצלעך איינס נאָך דעם אַנדערן. האָט זיך דער זון, דער אמתער בן־מלך, מיישב געווען, אַז ער מוז אַנטלויפן. האָט אים דער פאָטער גע־געבן אַ סך געלט און ער איז אַוועק. האָט אים זייער פאַרדראָסן, וואָס ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין מדינה אומזיסט, און ער האָט צו זיך אַזוי געזאָגט: „בין איך אַ בן־מלך קומט דאָך מיר בודאי ניט, אַז איך זאָל פאַרטריבן ווערן, און אַפילו, אַז איך בין ניט דער בן־מלך קומט מיר אויך ניט, אַז איך זאָל זיין אַ בורח אומזיסט, וואָרעם וואָס? וואָס בין איך דאָ שולדיק״?...

מחמת גרויס האַרצווייטיק און עגמת־נפש, האָט ער (דער אמתער בן־מלך) גענומען זיך צום טרונק. און ער האָט געוואָלט דערמיט פאַר־ברענגען זיינע יאָרן, ער זאָל שיכורן און זאָל נאָכגיין וואָס זיין האַרץ גלוסט, ווייל ער איז פאַרטריבן געוואָרן אומזיסט...

און דער פאַלשער בן־מלך האָט אָפּגענומען (איבערגענומען) די מלוכה שטאַרק, און אַז ער האָט געהערט, אַז מענטשן מורמלען און שמועסן עפּעס דערפון, אַז זיי זענען פאַרביטן געוואָרן, האָט ער זיי גע־שטראָפט און געפּייניקט און האָט זיך אָן זיי נוקם געווען און ער האָט געקעניגט בתוקף ועוז״.

ווייטער דערציילט ר׳ נחמן, ווי אַזוי דער אמתער בן־מלך האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן דאָס מיאוסע לעבן, וואָס ער האָט געפירט. נאָר ווי ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער גרויסער עוולה, וואָס איז אים גע־טאָן געוואָרן, איז אים זיין לעבן נישט ניחא־געווען און ער האָט זיך גע־מוזט ווידער פאַרטויבן און ווידער פאַרזינקען אין זינד, ביז עס האָבן אים, ענדלעך, אָנגעהויבן צו פּייניקן שרעקלעכע חלומות. ער האָט ניט געוואוסט וואו אַהין־צוטאָן זיך פון וויי און חרטה. איינמאָל האָט זיך אים געחלומט, אַז ער זאָל לאָזן אַלץ מיט אַנאַנדער און זאָל פאָרן אויף אַ יאַריד און זאָל זיך פאַרדינגען פאַר אַ משרת ביי דעם ערשטן בעסטן סוחר, וואָס ער וועט אָנטרעפן. ער האָט אַזוי געטאָן. ער האָט געלאָזן זיינע שיינע מלבושים, זיין געלט און אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט — אויף הפקר, האָט אָנגעטאָן אָן אָרעם פעלצל און אַוועק אויפן יאַריד. דאָרט האָט ער אָנגע־טראָפן אַ סוחר פון בהמות, וואָס זוכט אַ משרת. ער האָט זיך פאַר־

דונגען צום סוחר און האָט גענומען טרייבן זיינע בהמות. איינמאָל האָבן די בהמות פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. ער וויל זיי פאַרנעמען און זיי לויפן העגדום־פּעגדום. ער יאָגט זיך נאָך זיי — זיי לויפן אַלץ ווייטער. ער איז אָפּגעמאַטערט געוואָרן, ער איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט שווייס — זיי לויפן ווי די רוחות. דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ פינצטערע אימה האָט אים אַדורכגענומען. דאָס געהויל פון די חיות לאָזט זיך הערן פירכטערלעך. ער קלעטערט אַרויף, ווי עס איז, אויף אַ בוים און דער־וואַרט דעם טאָג אין גרויס אַנגסט. אינדערפרי זעט ער, אַז זיינע בהמות שטייען לעבן אים. נו, וויל ער זיי פאַרנעמען. ווי ער וויל זיי, אָבער, פאַרנעמען — לויפן זיי ווייטער. זיי לויפן און ער לויפט ווידער נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג, ביז עס פאַלט ווידער צו די נאַכט. ווידער הערט זיך דאָס שרעקלעכע געהויל פון די חיות און ווידער קלעטערט ער אַרויף אויף אַ בוים. אויפן בוים טאַפּט ער אָן עפּעס לעבעדיקס און ער ווערט פאַרציטערט און דערפרייט צוזאַמען, דערהערנדיק דאָס קול פון אַ מענטשן. „פון וואַנען ביסטו, ברודער, און ווי קומסטו אַהער״? ענטפערט יענער: „איך בין אויף אַ פערד געריטן און בין אַראָפּ אָפּצורוען. דערווייל האָט זיך מיין פערד צעטראָגן און איך בין געלאָפן זוכן עס. וואָס מער איך האָב עס געיאָגט אַלץ ווייטער איז עס געלאָפן, ביז עס האָט מיך אַהער געבראַכט. „לאָמיר חברשאַפט שליסן״ — האָבן די מענטשן איינער צום צווייטן געזאָגט. „מיר וועלן נישט שיידן זיך איינער פון צווייטן, אויך ווען מיר וועלן קומען אין ישוב״ — איז ביי זיי געבליבן. מיטן אָנקומען פון טאָג האָט ער (דער פאַרבלאָנדזשעטער, אמתער בן־מלך), גע־הערט זייער אַ גרויס געלעכטער: כאַ! כאַ! כאַ! דאָס קול פון דעם געלעכטער איז געגאַנגען איבער גאָר דעם וואַלד, ביז דער בוים האָט געציטערט פון דעם קול פון דעם געלעכטער און ער האָט גרויס פּחד געהאַט. האָט אים געזאָגט דער מענטש, וואָס האָט זיך געפונען דאָרט, אויפן בוים: איך האָב שוין גאָר קיין פּחד ניט דערפון, וואָרעם איך נעכטיק דאָ שוין כמה נעכט, און אַלע נעכט, ווען עס קומט נאָענט צום טאָג הערט מען דאָס געלעכטער, ביז אַלעביימער הייבן אָן צו ציטערן און צו טרייסלען זיך...

יאָגנדיק זיך אָן אויפהער נאָך די בהמות, וואָס זיינען געלאָפן אַלץ ווייטער און ווייטער און מ׳האָט זיי נישט געקאָנט דעריאָגן, מיד און פאַר־

שמאַכט, פאַרפייניקט און פאַרהונגערט, האָט דער בן־מלך, ענדלעך, גע־פונען אין ווילדן וואַלד אַ זאַק מיט ברויט. עס האָט אים זייער דערפרייט. האָט ער גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס און איז ווידער געלאָפן נאָך די בהמות...

האָט ער ווידער באַגעגנט אַ מענטשן. האָט ער זיך מתחילה דערשראָקן, פונדעסטוועגן האָט ער פאָרט אַביסל הנאה געהאַט פון דעם, וואָס ער האָט דאָ געפונען אַ מענטשן. האָט ער געפרעגט דער מענטש: „ווי קומסטו אַהער״? האָט אים יענער געענטפערט: „איך? מיינע על־טערן און מיינע עלטערנס־עלטערן זענען דאָ מגודל־געוואָרן, אָבער דו? ווי קומסטו אַהער, וואוהין עס קומט ניט קיין מענטש פון ישוב?״ האָט ער (דער בן־מלך) זיך זייער דערשראָקן, וואָרעם ער (דער נייער מענטש) זאָגט, אַז זיינע עלטערן און עלטער־עלטערן זענען דאָ מגודל־געוואָרן און קיין מענטש פון ישוב קומט אַהער נישט; משמעות, אַז דאָס איז גאָר קיין מענטש ניט...

פונדעסטוועגן האָט דער מענטש פון וואַלד אים (דעם בן־מלך) קיין שום שלעכטס ניט געטאָן, נאָר ער האָט צו אים ווידער געזאָגט: „וואָס טוסטו דאָ״? האָט ער (דער בן־מלך) אים געענטפערט: „איך יאָג זיך נאָך די בהמות״. האָט זיך דער מענטש צו אים אָפּגערופן: „הער זיך שוין אויף צו יאָגן נאָך דיינע זינד, וואָרעם דאָס זענען גאָר קיין בהמות ניט, נאָר דיינע זינד פירן עס דיך אַזוי אַרום... האָסט שוין אָפּגענומען דאָס דייניקע... דו האָסט שוין אָפּגענומען דיין שטראָף... הײַנט קום מיט מיר, וועסטו קומען צו דיין זאַך״...

גייען זיי ביידע און זיי באַגעגענען דעם מענטשן, וואָס האָט זיך גע־יאָגט נאָך זיין פערד. שעפּטשעט דער לעצטער דעם ערשטן (דעם בן־מלך) אויפן אויער: „היט זיך פון דעם, וואָס גייט מיט דיר, דען דאָס איז גאָר קיין מענטש ניט״...

דערווייל דערזעט דער פערד־מענטש, אַז דער בן־מלך טראָגט אַ זאַק מיט ברויט אויף די פּלייצעס, בעט ער ביי אים ברויט. ענטפערט אים דער בן־מלך: „חייך קודמין״... זאָגט דער פערד־מענטש צום בן־מלך: „איך וועל זיך דיר פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט״. האָט דער בן־מלך אויף דעם איינגעשטימט. גייען זיי אַלע דריי: דער וואַלד־מענטש, דער נייער האַר מיטן נייעם קנעכט. קומען זיי צו אַן אָרט פון שלאַנגען און

עקדעשן. טראָגט דער וואַלד־מענטש זיי אַריבער און פירט זיי אַריין אין אַ הויז, וואָס איז געבויט אין דער לופטן, גיט זיי עסן און לאָזט זיי פריי גיין. זיפצט דער פערד־מענטש: „צוליב אַ חיי־שעה בין איך געוואָרן אַן עבד־עולם... איך, וואָס איך בין פריער געווען אין אַזאַ גדולה"...

פרעגט אים זיין האַר: „אין וואָס פאַר אַ גדולה ביסטו פריער געווען"? דערציילט אים דער פערד־מענטש אַ גאַנצע מעשה: ער איז אַמאָל געווען אַ קעניג פון אַ מדינה, נאָר ער איז ניט געווען קיין אמתער מלך, דען די מלוכה האָט גאָר געהערט צו אַן אַנדערן, וועלכן ער האָט פאַרטריבן און פאַריאָגט. האָט אים, אָבער, אָנגעהויבן זיין געוויסן אַזוי צו פייניקן, אַז ער האָט געמוזט לאָזן זיין מלוכה מיט זיין גאַנץ עשירות און ער האָט זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין, ביז ער איז, ענדלעך, געוואָרן אַן עבד־עולם.

שוויגט דער האַר... ער זעט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט זיין פריער־דיקן רודף, דעם פאַלשן בן־מלך, וואָס איז איצט זיין קנעכט געוואָרן.

ביינאַכט קומט ווידער דער וואַלד־מענטש און גיט זיי צו עסן און צו טרינקען. דערהערן זיי נאָענט צום טאָג ווידער דאָס געלעכטער, פון וועלכן אַלעביימער ציטערן. פרעגן זיי דעם וואַלד־מענטש: „וואָס איז דאָס"? ענטפערט ער זיי: „דאָס לאַכט דער טאָג פון דער נאַכט"...

די נאַכט פרעגט ביי דעם טאָג: פאַרוואָס, אַז דו קומסט־אָן האָב איך קיין נאָמען ניט?... טוט דער טאָג אַ גרויס געלעכטער — און עס ווערט ליכטיק... און ווידער ווערט נאַכט און זיי הערן, אַז דער לייב שרייט און דער לעמפּערט ברומט אויף זיין שטייגער און אַזוי די איבעריקע חיות, יעדע ברומט מיט אַן אַנדער קול, און די פייגעלעך פייפן, און עס הערן זיך פון אַלע זייטן ווילד־משונהדיקע קולות. ווערן זיי מתחילת זייער דערשראָקן, דערנאָך נייגן זיי צו די אויערן און דערהערן, אַז דאָס איז נאָר אַ קול פון אַ ניגון און דווקא אַ ווילד־וואויליער ניגון, וואָס עס איז אַ ווילד־גרויסער תענוג צו הערן אים, וואָרעם אַלע תענוגים פון דער וועלט זענען גאָרנישט און באַטרעפן גאָרנישט קעגן דעם גרויסן תענוג, וואָס מען האָט, אַז מען הערט דעם ניגון. פרעגן זיי אויף מאָרגן אין דער פרי דעם וואַלד־מענטש: „וואָס איז דאָס פאַר אַ ניגון"? האָט ער זיי געענטפערט: „דאָס מאַכט די זון אַ נייעם מלבוש דער לבנה, זינגען אַלע איינוואויגער פון וואַלד אַ נייעם ניגון לכבוד דער הערשערן פון דער נאַכט"... וואונדערן זיי זיך זייער. ענטפערט זיי דער וואַלד־מענטש:

„וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? איך האָב אַ כּלי, וואָס איך האָב מקבל־געווען פון מיינע עלטערן און מיינע עלטערן פון זייערע עלטערנס־על־טערן, איז ווען מען לייגט עס אַרויף אויף אַ לעבעדיק באַשעפעניש, שפּילט עס דעם וואַלד־ניגון״...

בעטן זיי דעם וואַלד־מענטש, ער זאָל זיי אַרויספירן אין ישוב אַריין, פירט ער זיי אין ישוב אַריין, שענקט אַוועק יענע כּלי דעם בן־מלך און זאָגט צו אים: „גיי און זוך אַ מדינה, וואָס זי הייסט: דאָס נאַרישע לאַנד און דער קלוגער מלך, דאָרט וועסטו צו דיין גדולה קומען״. ווייזט ער זיי דעם וועג און זיי גייען אַהין. לאָזט מען זיי אַהין נים אַריין, דען דער קלוגער מלך פון יענער מדינה איז געשטאָרבן און דער בן־מלך איז גאָרנישט קיין קלוגער, אַזוי, אַז די מדינה הייסט איצט: די קלוגע מדינה און דער נאַרישער מלך. און דער געשטאָרבענער מלך האָט געלאָזן אַ צוואה, אַז מען זאָל קיינעם ניט אַריינלאָזן אין דער מדינה, סיידן יענער וועט זיך אונטערנעמען בפירוש, צוריקצוגעבן דער מדינה איר פריערדיקן נאָמען. דרייען זיי זיך אַזוי ווייט אַרום דעם טויער פון שטאָט ביז זיי באַגעגענען אַ מענטשן, מיט וועלכן זיי מאַכן אַ קונציקן חילוף: דער בן־מלך גיט יענעם מענטשן די כּלי, וואָס שפּילט דעם וואַלד־ניגון, און יענער גיט דעם בן־מלך אַ כּלי, פון וועלכער מען ווערט אַ מבין דבר מתוך דבר...

פאַרמאָגנדיק אַזאַ כּלי, גייט דער בן־מלך אַריין אין דער מדינה, וואָס ער נעמט זיך אונטער צו פאַרבליפן מיט זיין חכמה. באַווייזט מען אים אַ וואונדערגאָרטן, וואוהין נאָר דער אַלטער מלך האָט געקענט אַריין, און וואוהין קיין ילוד אשה קען נישט אַריינקומען. דורך דער קונסט פון דער „בינה״ גייט ער אין וואונדערגאָרטן אַריין. באַווייזט מען אים אַ וואונדער־שטול, וואָס דער אַלטער מלך האָט מיט אַ כּיוון פונאַנדערגעטיילט און פונאַנדערגעגלידערט, בכדי דער נייער מלך־חכם זאָל עס אויפשטעלן. מיט דעם כּוח פון זיין פאַרשטיין „דבר מתוך דבר״ געפינט ער די קונסט אויפצושטעלן צוריק דעם וואונדערשטול מיט אַלע זיינע וואונדערפאַרבן און וואונדער־געשטאַלטן. ער ווערט דערקענט ווי דער אמתער חכם און ער באַהערשט די מלוכה.

אַט די גאַנצע מעשה איז, ווי אַלע מעשיות פון ר׳ נחמן, פון אָנהויב ביזן סוף געבויט אויף סודות פון קבלה. אין דער זעלבער צייט איז זי פול מיט העכערן מוסר בנוגע דער נשמה אלקית, וואָס איז פון איר אָרט

פאַרטריבן געוואָרן אויף צו פיטערן בהמות — אַלערלייליידנשאַפטן, ביז זי קומט, נאָך אַלע אירע וואַנדערונגען, צו דער העכערער בינה, ווי עס שטייט: ולבבו יבין ושב ורפא לו.

אָבער די זעלבע מעשה האָט אויך איר פשט (וואָס איז, אמת, אויך סימבאָליש). די מעשה האָט ר׳ נחמן, ווי געזאָגט, אָנגעווענדט אויף נאַ־פּאָלעאָנען (זע „חיי מוהר״ן" ט״ו, ע״ב, דפוס פּראַמפּאָל; וועגן דעם מוסר — זע ליקוטי־הלכות, הלכות ברכת השחר). כאָטש נאַפּאָלעאָן האָט ניט געשטאַמט פון מלכים, האָט ער, לויט ר׳ נחמנען, געהאַט די נשמה פון אַ מלך: ער האָט געוואָלט איינפירן אַ רעכטלעכע אָרדנונג אין אַלע מדינות און אָפּגעבן יעדערן דאָס זייניקע...

קאַפּיטל כז.

די יסודות פון ר׳ נחמנס וועלט־באַנעם*)

ר׳ נחמנס קעגנערשאַפט צו חקירה. — „מצח הנחש״, אָדער: דער שורש פון חכמת־הטבע. — די וועלט־פראַגן. — פראַגן, וואָס שטאַמען פון שבירת־הכלים. — פראַגן, וואָס שטאַמען פון חלל הפנוי. — וואָס חב״ד לערנט און די קשיא, וואָס אַרט ר׳ נחמנען. — אויב שלעכטס איז אין תוך נישט בנמצא, איז אויך נשטאָ קיין בחירה. — ר׳ נחמנס ענטפער אויף דער קשיא. — דער באַזונדערער ניואַנס, וואָס ר׳ נחמן טראָגט אַריין אין דעם בעל־שמס שיטה וועגן אחיזת־עינים. — דער סוד פון שווייגן און דער סוד פון נגינה. — דער צדיק, וואָס איז אין דער בחינה פון משה־משיח, איז משיג דעם העכסטן ניגון. — דורך נגינה פלאַנטערט ער אויף אַלע פלאָנטערנישן פון דעם חלל הפנוי. — מוזיק ווי די אַנטפּלעקונג פון געטלעכן ווילן.

ווען דער זון פון ר׳ פנחס קאָרעצער האָט דערציילט זיין פאָטער, אַז ער האָט עמעצן געבאַרגט דעם „מורה נבוכים״, איז ר׳ פנחס געווען נישט צופרידן: ווי באָרגט מען עס אַוועק דעם „מורה־נבוכים?״ ווען די ספרים פון רמב״ם געפינען זיך אין אַ שטוב — ברענגען זיי אַריין יראת־הכבוד אין האַרצן.

אַזוי האָט זיך באַצויגן צום „מורה־נבוכים״ ר׳ פנחס קאָרעצער.

ר׳ נחמן האָט געהאַלטן פאַרקערט. ער האָט בפירוש און אויפן שטרענגסטן אופן פאַרווערט זיינע חסידים עוסק צו זיין אין רמב״ם און אויך אין ראב״ע, אין רלב״ג, אין דעם פירוש „מרגלית טובה״ אויפן אבן־עזרא. נאָר נישט חקירה!

אַז ר׳ נחמן אַליין האָט געלערנט חקירה־ספרים — דאָס זאָגן זיינע תלמידים גאַנץ אָפן, נאָר זיי האַלטן (און אַזוי האָט אויך געהאַלטן ר׳ נחמן),

---

*) אַ תמצית פון מיין פאָטערס העברעאישן ספר „ר׳ נחמן מברסלב״. — אהרן צייטלין.

אַז דער צדיק דאַרף און מעג. דער צדיק, — זאָגן זיי, — וואָס איז אין דער בחינה פון משה־משיח, מוז דווקא יאָ מעייך זיין אין די חכמות, כדי אַרויסצושלעפּן פון זומפּ פאַרבלאָנדזשעטע נשמות.

ר׳ נחמן גופא האָט טאַקע אויפמערקזאַם מעיין געווען נישט נאָר אין די חקירה־ספרים פונעם רמב״ם, פונעם רלב״ג, פונעם ראב״ע, נאָר אויך אין מאַטעמאַטישע און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ווערק — און אפשר נישט נאָר לשון־קודשדיקע. מ׳זעט, אַז ער האָט געקענט די לעצטע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע מסקנות פון זיין צייט. דאַרף מען זאָגן, אַז אָדער ער האָט אַליין אַריינגעקוקט אין די ספרי העמים, אין די ביכער פון די אומות העולם, אָדער אַז די „קלי־עולם״, ס׳הייסט די משכילים, וואָס ער פלעגט אַמאָל שמועסן מיט זיי (אַזוי איז צו זען פון דעם, וואָס ר׳ נתן דערציילט אין זיינע בריוו), האָבן אים איבערגעגעבן די און יענע ראשי־פּרקים, די און יענע מסקנות פון דער נאַטור־וויסנשאַפט.

מיט אָט די מסקנות האָט ר׳ נחמן געקעמפט. „עס טרעפט, — זאָגט ער, — אַז עס גייט אַריין אין דעם חכם פון דער קדושה די בחינה פון מצח־הנחש, וואָס דאָס איז דער שורש פון חכמת־הטבע, און אָט די חכמה פון דעם מצח־הנחש לאָזט זיך אַריין אין אַ חקירה מיט אים, גייט פון איין עיון צום צווייטן, ביז עס קומט צו אַ גאָר דינעם ענין, און די בחינת נחש וויל פּוגם זיין, חס ושלום, אין דעם שורש פונעם רצון און לייקענען, ווי ס׳וואָלט גאָר, חס ושלום, קיין רצון נישט געווען״.

וואָס זשע איז דער ענטפער?

צוזאַמען מיט גרויסער זעערישקייט האָט ר׳ נחמן פאַרמאָגט אויך אַ שאַרפן אַנאַליטישן שכל און ער האָט קלאָר באַנומען די גאַרע האַרבקייט פון די וועלט־פּראָבלעמען, זייער גרויסקייט און טיפקייט.

און אין דער צייט, וואָס דער פילאָזאָף מענדלסאָן, למשל, האָט געגלויבט, אַז מ׳קאָן אויפווייזן די עקזיסטענץ פון גאָט, השגחה וכדומה מיט ראיות פונעם שכל, האָט דער צדיק פון בראַסלאַוו געוואוסט, אַז די שכלדיק־חקירהדיקע ראיות זענען, אין תוך גענומען, גאָרנישט.

„ס׳איז דער דרך פון אָט די ספרים (די חקירה־ספרים), אַז זיי שטעלן קשיות, וואָס זענען אויס זייער האַרב, און דער תירוץ, וואָס זיי גיבן, איז זייער שוואַך, און ווער עס וויל חקרענען ווייטער און פרעגן קשיות

אויפן תירוץ — קאָן ער פרעגן און דער תירוץ וועט אים נישט העלפן״. (מגיד שיחות, כ״ב; חיי מוהר״ן, אות כ״ב).

נישט בלויז אויף די תירוצים פון די חקירה־ספרים — נאָר אַפילו אויף טייל ענטפערס, וואָס ווערן געגעבן אין די ספרים פון אמתע מקובלים, קאָן מען נאָך אַלץ פרעגן קשיות.

דאַרף מען זיך דעריבער פאַרלאָזן נאָר אויף דער אמונה, וואָרעם דער ענטפער אויף די וועלט־פראַגן איז אין די פראַגן גופא, נישט אין די תירוצים, וואָס מען גיט אויף זיי.

ר׳ נחמן גיט אַזאַ מין משל: „מע פרעגט אַ קינד: אַ שייבל איז אויסגעהאַקט געוואָרן אין אַ פענצטער. איז אין שטוב אַריינגעפלויגן אַ פייגעלע. האָט מען געוואָלט פאַרריכטן דאָס צעבראָכענע שייבל, אַז דאָס פייגעלע זאָל נישט אַרויספליען צוריק. טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט נעמען דאָס צווייטע שייבל און נישט אַריינשטעלן עס אויפן אָרט פון דעם צעבראָכענעם שייבל? ס׳טייטש, דאָס פייגעלע וועט דאָך אַרויספליען״?

ווען מען מישט אַזוי־אַרום צונויף די קשיא מיטן ענטפער, דאַכט זיך דעם קינד, אַז די קשיא איז אַ מוראדיק האַרבע, כאָטש אין דער אמתן איז די קשיא, אַז „דאָס פייגעלע וועט דאָך אַרויספליען״, נישט עפּעס אַנדערש ווי דער ענטפער, וואָרעם טאַקע דערפאַר שטעלט מען נישט אַריין דאָס צווייטע שייבל אויפן אָרט פון דעם ערשטן.

„פונקט אַזוי, זאָגט ר׳ נחמן, זענען דאָ מענטשן, וואָס עס כאַפּן זיך אַריין צו זיי אין האַרצן קשיות אויף השם־יתברך, און זיי אַליין, די קשיות טאַקע, זענען די תירוצים״...

אָבער אויף וואָס פאַר אַן אופן זענען די פראַגן גופא — די ענטפערס?

דאָס מאַכט אונדז קלאָר אַזאַ מין שטעל (ליקוטי תנינא, סי׳ ק״ב).

בנוגע די קשיות, וואָס מען האָט אויף השם יתברך, — דערציילט ר׳ נחמנס אַ תלמיד, — פלעגט ער זאָגן: „אדרבא, אַזוי דאַרף זיין, אַז עס זאָלן זיין קשיות אויף דעם רבונו של עולם, וואָרעם טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי גוואַלדיק גרויס און דערהויבן איבער אונדזערע השגות, איז נישט שייך, אַז מיר זאָלן מיט אונדזער מענטשלעכן שכל באַגרייפן זיין הנהגה און ממילא קען גאָר נישט זיין אַנדערש ווי אַז עס זאָלן זיין קשיות אויף אים. אָט אַזוי איז גוט און אַזוי דאַרף זיין. אויב

זיין הנהגה וואָלט געווען אַזוי, ווי אונדזער מענטשלעכער שכל איז עס מחייב, וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז זיין דעת איז אַזוי ווי אונדזער דעת״...

אויך דער רמב״ם ענטפערט אויף דער פראַגע פון ידיעה און בחירה מיטן פסוק: כי לא מחשבותי מחשבותיכם (וואָרעם מיינע געדאַנקען זענען נישט אייערע געדאַנקען) וכו׳.

ר׳ נחמן אָבער, וואָס זאָגט אין פלוג דאָס זעלביקע, גייט אַ סך טי־פער.

ער זאָגט צום מענטשן אַזוי:

דו קענסט נישט משיג זיין און דו ביסט פאַרביטערט; קומט דאָך אויס, אַז אויב דו וואָלסט יאָ משיג געווען (מיטן שכל), וואָלט אַלץ גע־ווען גוט און וואויל. זאָג איך: אַדרבא, פאַרקערט. ווען דו וואָלסט יאָ געקאָנט באַגרייפן (גאָטס הנהגה), וואָלסטו ערשט רעכט געדאַרפט זיין אומצופרידן, וואָרעם דענסטמאָל וואָלט דאָך פאַר דיר נישט געשטאַנען דאָס געהיימניש פון געטלעכן, הויך־דערהויבענעם דעת, נאָר דו וואָלסט געהאַט צו טאָן מיט אַ געוויינלעכן, פּראָסט־פּשוטן, מענטשלעכן פאַר־שטאַנד.

ר׳ נחמן האָט געהאַלטן, אַז די וועלט־פראַגען קאָנען נישט פאַר־ענטפערט ווערן מחמת זייער עצם מהות, אינהאַלט און טבע.

פאַראַן פראַגן און פראַגן. פאַראַן אַזעלכע פראַגן, וואָס דער מענטש־לעכער שכל קאָן נאָך אַ סך מי און מאַטערניש געפינען זייער באַשייד; פאַראַן אָבער פראַגן, וואָס קיין שום מענטש אין דער וועלט איז נישט בכוח צו פאַרענטפערן.

דער געלערנטער די־בואַ־רעימאָנד האָט אַמאָל אויסגערעכנט זיבן וועלט־קשיות, וואָס זענען נישט צום פאַרענטפערן.

דער זעער פון בראַסלאַוו האָט אויסגערעכנט פינף אַזעלכע קשיות.

דער עיקר טיילט ר׳ נחמן פונאַנדער צווישן פראַגן, וואָס שטאַמען, אָדער ווערן נמשך, פון דער בחינה פון שבירת־הכלים, און אַזעלכע, וואָס שטאַמען, אָדער ווערן נמשך, פון דער בחינה פון דעם חלל הפנוי. אויף די ערשטע איז דאָ אַ תירוץ, אויף די צווייטע — נישט.

חב״ד, צום ביישפּיל, איז ממשיך דעם בעל־שמס געדאַנק, אַז אַלץ, וואָס מיר זעען, איז נאָר אחיזת עינים, אַז דאָס פאַראַנענע זעט בלויז אויס

ווי עס וואָלט געווען פאַראַנען און אין דער אמתן איז אַלץ — ריינער אין, ריינע געטלעכקייט, אַזוי ווי פאַר דעם באַשאַף. חב״ד בויט עס אויף „אין עוד מלבדו״, אויף „אני ד׳ אל שניתי״, אויף „אתה הוא קודם שנברא העולם ואתה הוא לאחר שנברא העולם״.

ר׳ נחמנען האָט אָבער געאַרט אַזאַ מין קשיא: היות ווי אַלץ איז געטלעכקייט, קומט דאָך פאַר אין דער געטלעכקייט אַלץ, וואָס געשעט אינעם באַשאַף; אויב, ווידער, אַזוי, איז דאָך אין דער אלקות גופא פאַראַנען דאָס שלעכטע — היינט ווי איז דאָס מעגלעך? אלא זאָלן מיר זאָגן, אַז שלעכטס און טומאה זענען גאָר אין תוך נישט פאַראַנען — קען דאָך ממילא אויך קיין בחירה נישט זיין, קיין עונש נישט זיין, קיין תורה נישט זיין.

איז דעריבער דער אויספיר, וואָס צו אים קומט ר׳ נחמן, אַזאַ: אמת טאַקע, דער באַשאַף און די געטלעכקייט זענען איינס, דער באַשאַף איז, מיט אַנדערע ווערטער, דער עצם אלקות, אָבער אין איין און דערזעלבער צייט האָט גאָט געמאַכט אַזוי, אַז דעם באַשאַף זאָלן מיר אַנדערש נישט קענען אויפנעמען ווי אַ באַזונדערן יש, ווי אַ יש מחוץ דער געטלעכקייט.

אָט דעם באַזונדערן ניואַנס אין דעם בעל־שמס שיטה פון אחיזת־עינים טראָגט אַריין ר׳ נחמן דערפאַר, ווייל ער ווייס, אַז דאָס שלעכטס, די אומגליקן און די זינד פון דער וועלט ווערן פון אונדז אויפגענומען — און קענען אַנדערש נישט אויפגענומען ווערן — ווי די פולסטע רע־אַליטעט, ווי עפּעס, וואָס איז דורכאויס קאָנקרעט און ממשותדיק.

קומט ביי אים אויס, אַז כאָטש אין דער אמתן זענען גאָט און דער באַשאַף איינס — האָט גאָט פונדעסטוועגן געמאַכט אַזוי, אַז מיר זאָלן פון איין זייט אָננעמען דעם באַשאַף ווי אַ באַזונדערן יש און פון דער צווייטער זייט זאָל אונדז אַלץ, וואָס געשעט, פאָרקומען ווי אַ נויטווענדיקייט, ווי אַ מוז — לויט דעם פּרינציפּ פון „סיבה ומסובב״, פון אורזאַך און פאָלגונג, פון קויזאַליטעט.

און דאָס טאַקע איז דער סוד פון דעם צמצום, פון גאָטס באַגרענעצן, כביכול, זיין ליכט, זיין אור־אין־סוף, כדי דער באַשאַף זאָל קענען אויפ־קומען, און אויך דער סוד פון חלל (אָדער מקום) הפנוי, דעם ליידיקן אָרט, וואָס ער האָט, כביכול, איבערגעלאָזט צוליב דעם זעלבן טעם.

ערשט איצט וועלן מיר פאַרשטיין פאַרוואָס ר׳ נחמן גיט צו אַזאַ

גרויסע באַדייטונג דעם ענין פון חלל פנוי, וואָס ער קערט זיך שטענדיק אום צו אים, און ערשט איצט וועלן מיר פאַרשטיין זיינע ווערטער, אַז „די קשיות, וואָס קומען פון דער בחינה פון שבירת הכלים, האָבן תירוצים, אָבער די קשיות, וואָס קומען פון דעם מקום פנוי, האָבן קיין תירוץ נישט".

דאָס איז אַ גרויסער און טיפער רעיון און ער וויל אונדז זאָגן, אַז יענע אַלע פראַגן, וואָס קומען דערפון, וואָס מיר זעען, אַז אַלץ געשעט קויזאַל און על־פי־נויטווענדיקייט, האָבן קיין תשובה נישט.

אַט דאָס טאַקע איז דער אויבנדערמאָנטער „שורש פון חכמת הטבע", דאָס הייסט: די נויטווענדיקייט פון אַלע זאַכן און זייער חיוב דורך דעם צענויפקניפ פון אורזאַך און פאָלג — יענער „שורש פון חכמת הטבע", וואָס „דרינגט אַריין אויך אין דעם חכם דקדושה און לאָזט זיך אַריין אין טיפע עיונים, ביז ער וויל פוגם זיין אין דעם סאַמע וואָרצל פון (אויבערשטן) רצון".

אין דעם זעט דער בראַסלאַווער די סכנה פאַר דעם רעליגיעזן וועלט־באַנעם, וואָס ליגט אין יעדער חקירה. וואָרעם די חקירה, אויב זי איז אויסגעהאַלטן אין אירע אייגענע גרענעצן, מוז צום סוף דערפירן צו אַ דערקענטעניש פון אַבסאָלוטן „מוז", פון נויטווענדיקייט, אַזוי, אַז די נאַ־טור־געזעצן ווערן אויפגעפאַסט ווי עפּעס, וואָס קאָן זיך נישט ענדערן.

די פראַגן, וואָס שטאַמען פון דעם חלל הפנוי, וועלן קריגן זייער ענט־פער ערשט ווען ס'וועט זיך אַנטפּלעקן משיח און די וועלט וועט פול ווערן מיט גאָט־וויסן. אָבער ביז יענער צייט מעג זיך פאַרטיפן אין די חכמות־הטבע נאָר דער צדיק אַליין, דער צדיק, וואָס איז אין דער בחינה פון משה־משיח.

ר' נחמן פאַררופט זיך דאָ אויף גאָטס ענטפער צו משה רבנו (לויט דער אגדה): שתוק, כך עלה במחשבה (שווייג, אַזוי איז אויפגעקומען אין דער אור־מחשבה).

דער, וואָס איז אין דער בחינה פון משהן, דער, וואָס ווייס דעם סוד פון שתיקה, פון שווייגן, יענער זוכט נישט קיין קרומע תירוצים, נאָר ער שווייגט דאָרט, וואו מען מוז שווייגן. ער פאַרטיפט זיך שווייגנ־דיק אין יענע ענינים, וואָס מ'קען זיי נישט אויסדריקן, וואָס מען קען זיי בלויז פילן מיט אַ פאַרבאָרגענער געטלעכער שפּירונג...

און נישט נאָר מעג דער צדיק, וואָס איז אין דער בחינה פון משה־משיח, זיך פאַרנעמען מיט יענע פאַרפלאָנטערטע ענינים, וואָס קומען פון „חלל הפנוי״, נאָר ער דאַרף אויך און מוז זיך פאַרנעמען מיט זיי (אויף דעם ערשט־געבראַכטן אופן), כדי אַרויסצונעמען פון דאָרט די אפיקורסים.

און ווי נעמט ער זיי אַרויס פון דאָרט, פון דעם „חלל הפנוי״? אפשר דורך שכלדיקע רייד, דורך קלוגע ענטפערס? האָבן מיר דאָך גע־הערט, אַז ביז משיח וועט קומען זענען אויף די חלל־הפנוי־פראַגן קיין שום אמתע תירוצים נישט פאַראַנען.

אפשר דורך די השגות, וואָס ער אַליין, דער צדיק־האמת, איז משיג, ווען ער פאַרטיפט זיך אין יענע פראַגן דורך שטיל־שווייגן?

אויך דאָס איז נישט מעגלעך, וואָרעם יענע השגות פון דער שטיל־שוויַיגעוודיקייט לאָזן זיך גאָר מיט ווערטער נישט אויסדריקן און ממילא קאָן מען זיי נישט איבערגעבן אַ צווייטן. זיי זענען אין דער בחינה פון פאַרבאָרגענע אותיות...

פון די גרויסע חלל־הפנוי־פּלאָנטערנישן ציט זיי אַרויס דער צדיק־האמת דורך הייליקער מוזיק, דורך נגינה.

אַלץ אויף דער וועלט, לערנט ר׳ נחמן, האָט זיין ניגון. יעדע חכמה, יעדע קונסט האָט איר ניגון. אַפילו כפירה אַליין האָט דעם ניגון אירן, אַט ווי עס ווערט געזאָגט אויף אַחרן (אלישע בן־אבויה), אַז ער האָט כסדר געזונגען אַ גריכישן זמר.

והצדיק משיג את הזמר היותר עליון — און דער צדיק, וואָס איז אין דער בחינה פון משה־משיח, איז משיג דעם סאַמע העכסטן ניגון.

מיט אַט דעם ניגון מערט ער אמונה...

דער בראַסלאַווער רעדט וועגן נגינה ווי וועגן אַ יסוד היסודות, ווי וועגן דעם שורש פון זאָכן און מעשים.

די אמתע נגינה — דאָס איז דעם מנגנס נשמה אַליין, די בענקשאַפט זיינע, די האָפענונג זיינע, דאָס לעבן זיינס, דאָס גליק זיינס.

און דער אונטערשייד צווישן איין סאָרט נגינה און דעם צווייטן איז נישט קיין זייטיקער און קיין צופעליקער, נאָר אַן עיקרדיקער, אַזאַ, וואָס גרייכט ביז צום סאַמע תהום פון די געפילן און פאַרשטעלונגען, פון די טואונגען און מחשבות.

אויב שאָפּנהויער האָט געזען אין דער מוזיק די אַנטפּלעקונג פון דעם וועלט־ווילן, וואָס איז, לויט אים, אַ בלינדער און דאַרף צונישט ווערן, האָט, להבדיל, דער בראַסלאַווער געזען אין דער נגינה די אַנטפּלעקונג פון דעם געטלעכן רצון, די מאַניפעסטירונג פון די אינערלעך־געטלעכע כוחות, אַ לבוש פון „רעוא דרעוין״...

קאַפּיטל כח.

משיח און משיח־ליכט אין ר׳ נחמנס שיטה*)

דער צדיק האמת אָדער צדיק הדורות. — דער אונטערשייד צווישן אים און דעם סתם צדיק. — ר׳ נחמנס שיטה וועגן די גייסט־דעראָבערונגען פון דעם צדיק־האמת. — וואָס הייסט איינעמען ארץ־ישראל. — די תפילה־שווערד. — תפילה און משיח זיינען דאָסזעלבע. — ישראל איז איבער דער נאַטור. — די מלחמה, וואָס ברענט אין אַלע עולמות. — גאולה־סימבאָליק. — די תפילות, וואָס קענען זיך נישט אויפהויבן, און די נשמות, וואָס געפינען זיך אין יענע תפילות. — ווי אַזוי די נשמות ווערן אויפגעהויבן. — דאָס פעלד און דער בעל־השדה. — ניין הנהגות פון דעם צדיק האמת. — ווען דער צדיק האמת ווערט אַ „גבור תקיף״. — דער שייטער פון זיבעציק שטערן. — די דרייצן אופנים ווי אַזוי זיך צו דערנענטערן צום צדיק האמת און צו העלפן אים בויען דעם בנין פון דער גאולה. — דער „תניא״ און דער „קדושת לוי״ וועגן די צייטן פונעם קץ. — ר׳ נחמנס קאָנקרעטער צוגאַנג. — וואָס איז „דיבור ישראלי״? — דער סוד פון גרים און התגיירות. — דער „דיבור הישראלי״, וואָס איז פאַרהוילן צווישן די פעלקער. — דאָס געזעץ, וואָס ווירקט אין די טיפענישן.

א) דער צדיק־הדורות און זיינע כיבושים

ר׳ נחמנס זאָג: „מיין פייערל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען״ — וועט אפשר קלינגען אין אַ טייל אויערן ווי סתם אַ שיין ווערטל, ווי אַ מין חסידישע מליצה. מ׳קאָן זיך אויך משער זיין, אַז אַט די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן פון תפילה אַרויס, פון בקשת רחמים אַרויס, מחמת אַ דראַנג און אַ תשוקה אַרויפצולייגן אַ חותם פון אייביקייט אויף די תורות אין „ליקוטי מוהר״ן״. אָבער ר׳ נתן, ר׳ נחמנס גרעסטער תלמיד, האָט געזען אין אָט די ווערטער אַ בפירושן אָנזאָג אויף דער צוקונפט, עס הייסט: אַזוי וועט טאַקע זיין. ר׳ נחמן

*) פון העברעאישן אָריגינאַל („אורו של משיח בתורת הברסלבי״) מיט פאַר־קירצונגען איבערגעזעצט פון אהרן צייטלין.

איז — לויט זיין תלמיד ר׳ נתן נעמיראָווער — געווען דער לעצטער צווישן די וועג־פּאַרבאַרייטער און וועג־אויסגלייכער (מישרי־דרך) פאַרן מלך המשיח. נאָך אים וועט שוין קיין „מיישר" נישט זיין, ביז עס וועט זיך אַנטפּלעקן דער דערלייזער אַליין אין דער פולער פּראַכט פון זיין ליכטיקייט.

וועט מען פרעגן: גרויסע צדיקים זענען דאָך געווען אויך אין ר׳ נחמנס צייטן און נאָך אים, איז ווי שייך, אַז ס׳וועלן נישט זיין מער קיין הייליקע מענטשן ביז משיחס קומען? ווי איז געמאָלט צו גלויבן, אַז ר׳ נחמן איז, אַזוי צו זאָגן, די לעצטע סטאַנציע אין דער וועלטס נסיעה צו משיחס צייטן?

דער ענטפער איז: יאָ, עס זענען געווען און עס וועלן נאָך זיין צדיקים, און טאַקע גרויסע און גאַר גרויסע. ס׳איז אָבער אַן אונטער־שייד — לויט ר׳ נחמנען — צווישן אַ צדיק, אַפילו אַ גרויסן, און אַ צדיק־האמת אָדער אַ צדיק־הדורות.

ר׳ נחמן איז, וועדליג ר׳ נתן האָט עס פאַרשטאַנען, געווען דער גרעסטער צדיק־האמת פון די לעצטע דורות — און דערפאַר טאַקע וועט זיין פּייערל „טליען ביז משיח וועט קומען".

וואָס אָבער הייסט אַ צדיק־הדורות? דאָס איז דער, וואָס עפנט אין די אויבערשטע היכלות טויערן לחלוטין נייע, וואָס ציט אַרונטער השפעות פון ווייטע, העט־ווייטע וועלטן, אַזעלכע השפעות און אַזעלכע ליכטיקייטן, ווי קיינער נישט ביז אים; וואָס דעקט־אויף די פּראַכטן פון אַ הייליקייט, וואָס איז דורות־לאַנג געווען פאַרהילט און פאַרהוילן; אַ צדיק, וואָס אויף אים איז געזאָגט געוואָרן ווי אויף משה רבנו: בכל ביתי נאמן הוא (אומעטום אין מיין הויז איז ער טריי־באַגלויבט); אַ צדיק, וואָס אין זיין האַנט איז דער שליסל צו אַלע עולמות, פון ריש־כל־דרגין (אָנהויב פון אַלע מדרגות) ביז סוף־כל־דרגין (סוף פון אַלע מדרגות), וואָס אַז ער עפנט — קאָן מען נישט פאַרשליסן, און אַז ער פאַרשליסט — קאָן קיינער נישט עפענען.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער ויכוח גייט ווייטער. מען פרעגט ביי ר׳ נתנען:

— אויב יאָ אַזוי, — טאָ וואָס איז מיט אַזעלכע צדיקים יסודי־עולם, ווי ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, וואָס ר׳ נחמן אַליין האָט אויף אים גע־

זאָגט, אַז ער איז דער „פאר הדור", ער איז דער „פאַר פון אונדזער גאַנצער חבריא"? און וואָס איז מיט דעם חוזה פון לובלין, מיט ר׳ אלימלך און ר׳ זושא זיין ברודער, מיט דעם רב מליאַדי, דעם גרינדער פון חב"ד? וואָס איז מיט דעם קאָזשעניצער מגיד, דעם נעסכיזשער מגיד? וואָס איז מיט ר׳ אברהם המלאך, און נאָך, און נאָך? האָט דען די שכינה נישט גערוט אויף אָט די אַלע צדיקים, און נאָר ר׳ נחמנען דעם יונגנמאַן (ר׳ נחמן איז דאָך אַוועק פון דער וועלט יונגערהייט) — נאָר אים האָט זי אויסגעקליבן, ער זאָל זיין איר רעטער און אויסלייזער? האָבן דען יענע אַלע צדיקים נישט געעפנט קיין טויערן אין די אויבערשטע היכלות? האָבן זיי פון דאָרט נישט אַרונטערגעצויגן אַ שפע פון ברכה אויף דעם קאָפּ פון גוי קדוש? האָבן זיי נישט אָנגעפייערט יידישע הערצער ליב צו האָבן זייער פאָטער אין הימל? האָבן זיי נישט אַ סך מענטשן צוריקגעהאַלטן פון זינד און האָבן זיי נישט געפלייסט זיך מתקן צו זיין די וועלט אין גאָטס מלכות? זענען זיי נישט געווען פון די נשמות, וואָס מיט זיי האָט כביכול אַ ראָט געהאַלטן ביים שאַפן די וועלט? ווי עס שטייט אויף „נעשה אדם בצלמנו כדמותנו": במי נמלך? מיט וועמען האָט ער זיך באַראָטן? בנשמותיהם של צדיקים — מיט די נשמות פון די גערעכטע.

איז דען נישט געזאָגט געוואָרן אויף זיי און אויף די ענלעכע צו זיי: „המה היוצרים ויושבי נטעים וגדרה, עם המלך במלאכתו ישבו שם" (דברי הימים א׳, ד׳, כ"ג — לויט דער דרשה פון אונדזערע חכמים)? איז דען נישט יעדער איינער פון זיי געווען אין דער בחינה פון: הקב"ה גוזר וצדיק מבטל? פאַרוואָס זשע באַקרוינסטו מיט דער קרוין פון מלכות־שמים ר׳ נחמנען אַליין?

— אין דער סאַמע ערשטער־שבערשטער שורה, — וואָלט ר׳ נתן געענטפערט, — שטעלן מיר דאָך אויך די נביאים נישט אַוועק, אויך נישט די חכמים און די אמוראים, און דאָס איז, חלילה, קיין שום פחיתות־הכבוד נישט פאַר זייערע גוואַלדיקע מדרגות.

— וואָס איז עס פאַר אַן ערשט־שבערשטע שורה? ווער שטייט דאָרט, אין יענער ריי?

— די וועלט־דערלייזער.

— ווער זענען זיי?

— משה רבנו, ר׳ שמעון בר יוחאי, דער אר״י ז״ל, ר׳ ישראל בעל שם טוב, דער נחל נובע מקור חכמה (ראשי־תיבות: נחמן) און — דער מלך המשיח.

אויב דאָס לעצטע איז נישט געזאָגט געוואָרן אין ר׳ נתנס ספרים בפירוש, נאָר מען הערט עס אַרויס „מכלל דבריו״, פון זיינע ווערטער ווי אַ גאַנצקייט, קומען אָט די ווערטער ביים טשערינער רב (דעם צווייטן פאָרזעצער פון דער בראָסלאַווער טראַדיציע, דעם זון פון ר׳ נחמן טאָל־טשינער, וואָס איז געווען ר׳ נתנס אַ תלמיד און חבר) אָן שום משלים, רמזים און סימבאָלן, פשוט און אָפן און קלאָר, ווי אַן אַקסיאָמע (אין אַ באַמערקונג צו איינעם פון זיינע דרושים).

קומט אויס, אַז לויט דער בראָסלאַווער טראַדיציע איז דער וועג אַזאַ: פון תורת משה — צום ספר הזוהר, דערנאָך — צום „עץ החיים״ און צום „פרי עץ החיים״, פון דאָרט — צום בעל־שם־טוב, פון בעל־שם־טוב — צו די „ליקוטי־מוהר״ן״, און פון די „ליקוטי־מוהר״ן״ — צו מלכות־המשיח.

לאָמיר עפענען דעם „ליקוטי־מוהר״ן״, אָט דאָס וואונדערלעכע ספר, וואָס משכילים האָבן פון אים אַמאָל חוזק געמאַכט, און לאָמיר זען, אויף וואָס פאַר אַ וועגן עס וויל אונדז פירן צו משיחס מלכות. ס׳איז דאָך אַן אָנגענומענע זאַך צווישן די אַלע, וואָס האָבן צו טאָן מיט חסידישע ספרים, סיי די, וואָס חסידות איז אַ טייל פון זייער אייגן לעבן, סיי די, וואָס פאָרשן חסידות לשם געשיכטע, סיי אַזעלכע, וואָס רימען און הויבן חסידות, סיי די, וואָס זענען קעגנער אירע, — אַז די עיקרדיקע נקודה אין ר׳ נחמנס לערע איז דער צדיק. ביי דער זעלבער שיטה האָט זיך געהאַלטן אויך דער „ראש וראשון״ פון די בראָסלאַווער חסידים, ר׳ נתן שטערנהאַרץ אַליין, דער „יהושע״ פון ר׳ נחמנען, ווי דער בראָסלאַווער גופא האָט אויף דעם אָנגעוואונקען אין זיינער אַ תורה אויף דעם פסוק: קרא את יהושע (אין זיינע סיפורי מעשיות, אין דער מעשה מיט אַ רבין און אַ תלמיד, רופט ער אים אָן: דער מאור הקטן, וואָס דאַרף קריגן ליכט און שפע פון דעם מאור הגדול, און וואָס ביידע — דאָס גרויסע ליכט און דאָס קליינע — זענען צווישן זיך ענג פאַרבונדן).

אויך איך האָב אַזוי געטראַכט, אָבער נאָך אַ פאַרטיפן זיך און אַן אינטימען צוהערן זיך צו יעדן דרוש, יעדער שיחה און יעדער תורה

פון דעם בראַסלאַווער, דערוועג איך זיך איצט*) צו גלויבן, אַז נישט אַזוי דער צדיק איז די עיקרדיקע און תמציתדיקע נקודה אין ר׳ נחמנס וועלט־באַנעם, ווי משיח. אַוודאי פאַרנעמט דער צדיק אַ גרויס, זייער גרויס אָרט אין אַלע תורות, שמועסן און מעשיות פון דעם בראַסלאַווער, אָבער אויך דער צדיק אַליין, מיט גאָר זיין דערהויבנקייט, ווערט קולטיווירט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אַ בריק, אַן איבערגאַנג צום מלך־המשיח. ווער שמועסט, ווען ער, דער צדיק, איז אין דער בחינה פון צדיק האמת, אָדער צדיק־הדורות, איז ער שוין נישט בלויז אַן איבערגאַנג צום משיח, נאָר אַ פאָר־שפּיגלונג, ריכטיקער, אַ פאָר־אַנטפּלעקונג פון משיחן אַליין. משה רבנו, ר׳ שמעון בן יוחאי, ר׳ יצחק לוריא (דער אר״י), ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, ר׳ נחמן, — אַז איר ווילט, זענען זיי, לויט דער דאָזיקער שיטה, די וועג־ברעכער פאַר משיחן, אָבער איר קענט אויך זאָגן, אַז זיי זענען — אין זייערע צייטן — פאַרשידענע אַנטפּלעקונגען פון דער משיח־נשמה אַליין, וואָס פון תקופה צו תקופה ווייזט זי זיך, באַלייכט די ערד און אירע באַוואוינער, רייניקט און לייטערט, ברענט אויס און הייליקט ביז צום סוף, ביז עס ווערט פאַרענדיקט די לייטערונג.

באַלד די ערשטע תורה אין „ליקוטי מוהר״ן״ רעדט וועגן דעם „שכל אלקי״, דעם געטלעכן שכל, וואָס איז אין דער בחינה פון יעקבן („ויעקבני זה פעמים״ טייטשט אונקלוס: וחכמני), און וואָס ער איז עס, וואָס גיט חן און חשיבות און באַזונדערקייט דעם פאָלק ישראל. יענער „שכל אלקי״ איז אויך די זון, וואָס לייכט דעם יידישן פאָלק אין אַלע לענדער פון זיין וואָגל, אין אַלע זיינע צרות אין גלות. אין דער מאָס, וואָס דער ייד דרינגט איינערלעך אַריין אין אים, אין אָט דעם „שכל אלקי״, ווערט ער אין דער בחינה פון אַ לבנה, וואָס באַקומט איר ליכט פון יענער זון, און ער דערנענטערט זיך אַליין — און דערנענטערט אויך די אַנדערע פעלקער — צו דער גאולה. ער באַצווינגט די „חמה דקליפה״, די זון פון דער קליפה, די זון פון „לעומת זה״, ווי עס שטייט געשריבן: וחפרה הלבנה ובושה החמה, כי מלך ד׳ צבאות. עס הייסט: ווען

---

*) אין יאָר תרצ״ו (1936), ווען ס׳איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָס העפט: „אורו של משיח בתורת הברסלבי״, וואָס זיין תמצית ווערט דאָ איבערגעגעבן. — א. צ.

ס׳וועט זיך אַנטפּלעקן די אמתע מלכות שמים, וועט פאַרשעמט ווערן די זון פון די פאַלשע וויסנס און פון דעם פאַלשן גליק.

אין אַט דער תורה זענען קיין קלאָרע רייד וועגן משיחן נישטאָ, אָבער שוין דאָ, אין אַט דער סאַמע ערשטער תורה פון די „ליקוטי מוהר״ן״, ווערט אַ סך גערעדט וועגן דער ספירה פון מלכות, וואָס איצט איז זי אין תכלית השיפלות, אין גרעסטער געפאַלנקייט, אָבער דורך תורה און תפילה — נישט אויפן שטייגער פון „מצוות אנשים מלומדה״, נאָר דורך טיפן, קלאָרן און לויטערן אינערלעכן דעת, — וועט זי זיך אויפהויבן פון דער געפאַלנקייט אירער.

די צווייטע תורה רעדט שוין דער עיקר וועגן דעם מלך המשיח און די „כיבושים״, די דעראָבערונגען זיינע. מ׳דאַרף האָבן אין זינען, אַז ביים בראַסלאַוער איז דער מלך המשיח שטענדיק אַ קריגער און אַ דעראָבערער, נישט מער, וואָס זיין כלי־זיין, זיין שווערד און פיילנבויגן, איז — די תפילה („בחרבי ובקשתי״ טייטשט אונקלוס: בצלותי ובבעותי — מיט מיין געבעט און בקשה).

ר׳ נחמנס קוק איז, אַז דעראָבערונגען אין גשמיות קומען ערשט נאָך דעראָבערונגען גייסטיקע אין הויך־שבהויכע ערטער. די אונטערשטע דעראָבערונגען קומען אויף אַ לענגערער צייט אָדער אַ קירצערער, ווי אַ צוועק פאַר זיך אָדער ווי מיטלען צו העכערע צוועקן, פון גערעכטיקייט וועגן אָדער שטראָף („גם רשע ליום רע״), צו באַצאָלן פעלקער ווען די מאָס פון שלעכטס איז איבערגעפילט, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

און אַזוי ווי דעם מלך־המשיחס דעראָבערונגען זיינען די לעצטע, אַזוי ווי זיי זענען דער לעצטער חשבון, דער אַבסאָלוטער יושר, די ענדגילטיקע לייטערונג — דערפאַר זענען זיי אויך די שווערסטע און האַרבסטע. עס שטייען זיי קעגנאיבער די ריזיקע גרויליקע כוחות פון חוצפהדיקע, עזותדיקע פעלקער, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פיס, פול מיט גאוהדיקער ענערגיע, צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס פאַרמעסטן זיך צו ברענגען מענטשלעכע דערלייזונג אויף קרומע און בייזע וועגן, מיט דער הילף פון וויסנשאַפט און טעכניק. וואָס איז געווען ר׳ נחמנס נסיעה קיין ארץ־ישראל מיט אַלע אירע צרות, סכנות און וואַנדערונגען, מיט איר אויסערגעוויינלעכער מסירת־נפש, אין מיטן ברען פון נאַפּאָלעאָנס מלחמות אין די לענדער פון אָריענט, אָן שום קענטשאַפט פון לשונות און פון דער

וועלט, אָן שום שויך־מיטלען און מיט אַ סומע געלט וואָס איז קוים גענוג געווען אויף דער נסיעה פון אַ קליין פּאָדאָליער שטעטל צו דעם אָדעסער האַפן, אין דער באַגלייטונג פון אַ מענטשן, וואָס כאָטש ער איז גרייט געווען יעדע רגע זיך מקריב צו זיין פאַר זיין רבין, האָט ער אין אַ נויט נישט געקאָנט אים העלפן, — וואָס איז געווען דאָס אַלץ, אויב נישט אַ נסיעה צוליב דער גייסטיקער, גייסטיק־משיחישער, תפילהדיקער פאַר־דעראָבערונג פון דעם לאַנד?

לויט ר׳ נחמנען האָבן די פעלקער, וואָס האָבן פאַרנומען ארץ־ישראל, אַ שטאַרקע טענה צום רבונו של עולם: מה־דאָך, אַז אייגער האַלט אַ צווייטנס פעלד דריי יאָר בלויז, האָט ער שוין אויפן פעלד אַ חזקה, היינט ווי נאָך מיר, וואָס מיר פאַרנעמען שוין ארץ־ישראל קרוב צו צוויי טויזנט יאָר? — וואָס זשע ענטפערן מיר, יידן, אויף דעם? אונדזער ענטפער איז: ווער עס פאַרנעמט אַ צווייטנס פעלד דריי יאָר צייט האָט ער אַ דין־חזקה נאָר דאַמאָלסט, ווען דער געקריוודעטער פּראָטעסטירט נישט קעגן דעם. מיר אָבער, יידן, האָבן דאָך נישט אויפגעהערט אין אונדזערע תפילות אויף די פאַרשידנסטע אופנים צו פּראָטעסטירן קעגן דער גזלה פון זינט מיר זענען פאַרוואָגלט געוואָרן פון אונדזער לאַנד. מיר האָבן אָפילו אַ מינוט נישט מוותר געווען אויף דער ירושה פון די אָבות. די פעלקער פאַרנעמען, הייסט עס, אונדזער לאַנד נאָר מיט גזילה, און אַז די צייט וועט קומען — וועלן זיי באַצאָלן דעם גאַנצן קרן און וועלן אויך באַצאָלן פאַר די פּירות, וואָס זיי האָבן קרוב צו צוויי טויזנט יאָר געגעסן אָן שום רעכט.

אָבער דער פּראָטעסט דאַרף אויך זיין אַ לעבעדיק־קאָנקרעטער, נישט בלויז נוסח און זאָג. דער משפט, וואָס יידן האָבן מיט די פעלקער וועגן זייער לאַנד, איז אַ גרויסער, אַ לאַנגער און אַ פאַרפּלאָנטערטער צוליב ישראלס זינד קעגן זיין גאָט, קעגן דעם לאַנד און קעגן מלכות בית דוד, און צוליב די פיל קיטרוגים קעגן אים מצד אַ סך פעלקער אין משך פון לאַנגע דורות. זענען דעריבער תפילות אַליין נישט בכוח אַרויסצונעמען די גזילה פון דעם גוזלס האַנט, און בלויז ווען עס גייט אויף אַ גוואַלד־געשריי צו גאָט, ווען דער פּראָטעסט איז שטענדיק און שטאַרק און הימל־שפּאַלטנדיק, בלויז דאַן קאָן ער פועלן.

און אַז עס קומען די גרויסע צדיקים, און באַזונדערס יענע צדיקי־

הדורות, וואָס זענען אין דער בחינת משיח, דאַרפֿן זיי שוין נישט בלויז רופן און שרייען צו גאָט, נאָר אויך דורכפירן עפּעס אַ ממשותדיקן, קאָנקרעטן אַקט.

לויט דעם מצב, אין וועלכן ארץ ישראל האָט זיך געפונען אין ר׳ נחמנס צייטן, לויט זיין חינוך און לויט די השפעות, וואָס ער האָט געקראָגן פון דער בעש״טישער סביבה, וואָס אין איר האָט ער געלעבט, האָט ר׳ נחמן נישט געקאָנט דורכפירן קיין שום אַנדערן אַקט פון כיבוש, ווי נאָר צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און צו קומען אַהין מיט זיין פּראָטעסט, זיין פיילנבויגן פון בקשה און זיין שווערד פון תפילה.

און דאָך זענען פאַראַן סימנים, אַז פאַר די אויגן פון זיין גייסט האָבן אויך געשוועבט אַנדערע פאָרמען פון דעראָבערונג, מער ערדישע, מער פּאָליטיש־קאָנקרעטע. אויב מיר וועלן צונויפנעמען און צונויפרעכענען: ר׳ נחמנס באַוואונדערונג פאַר נאַפּאָלעאָנען, וואָס ער האָט אים געהאַלטן *) פאַר אַ מלך לויט זיין שורש־נשמה, פאַר אַ הערשער לויט גאָטס באַפעל; פאַרשידענע שטריכן וועגן דעם מלך און דעם גיבור אין דער מעשה מיטן בעל־תפילה; די רייד וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון „גבורת הלב״ (זע „ליקוטי מוהר״ן״, רמ״ט, און נאָך); אויב מיר וועלן דערביי געדענקען נאַפּאָלעאָנס הבטחה צוריקצוגעבן ארץ־ישראל צו יידן און וועלן האָבן אין זינען וואָס עס ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״ (אַ ספר, וואָס ר׳ נחמן האָט געגלויבט אין די מעשיות, וואָס ווערן אין אים געבראַכט, ווי ס׳איז צו זען פון ר׳ נתנס ווערטער אין זיינע „ליקוטי הלכות״, און האָט געמאָנט פאַר אים דרך־ארץ פון די שפּאָטער), דהיינו, אַז דער בעל־שם האָט געזען ר׳ עקיבאָן (בר־כוכבאס העלפער), אָנגעטאָן ווי אַ מיליטער־מאַן — אין דער הייל פון דוד המלך; אויב מיר וועלן דערצו נישט פאַרגעסן ר׳ נחמנס רייד אין דער וואונדערלעכער תורה זיינער: „תשעה תיקונין אתמסרו לדיקנא״ — וועגן דעם „בעל הדיקנא״, דעם צדיק דעם אויסלייזער, וואָס אַמאָל דאַרף ער קריגן פון אדומען די קראַפט פון שווערד (ילקוט מוהר״ן, כ׳); אויב מיר וועלן אַריינדרינגען אין דער אינערלעכער באַוועג־קראַפט פון אַט די

*) זע פריער: דאָס קאַפּיטל וועגן ר׳ נחמנס סיפורי מעשיות, די געשיכטע מיט דעם פאַרטריבענעם בן־מלך און איר אויסטייטש. — א. צ.

אַלע רייד און רמזים, — וועלן מיר זייער נאָענט זיין צום אמת, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז ר׳ נחמן האָט צייטנווייז געהאַט אויך אַזעלכע מחשבות, וואָס היינט וואָלטן מיר זיי גערופן פּאָליטיש־ציוניסטישע, צי אַפילו רע־וויזיאָניסטיש־מאַקסימאַליסטישע, כאָטש עס פאַרשטייט זיך, אַז אַפילו דאַן איז אים אויפן געדאַנק נישט אַרויף, אַז מלכות־ישראל זאָל געמאָלט זיין אַן מלכות־שדי. אויך דאַן, ווען ער האָט געהאַט אָט די מחשבות, האָט ער נישט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז דער עיקר פון דער גאולה וועט סוף־כל־סוף קומען נאָר דורך דער תפילה־שווערד פון דעם מלך המשיח — און דורך דער באַנייאונג פון דעם באַשאַף מיט אַ כוח, וואָס איז למעלה מן הטבע.

ב) אמונה, תפילה, ארץ־ישראל

משיחס הויפּט־כלי־זיין, — זאָגט ר׳ נחמן אין דער צוויטער תורה פון „ליקוטי מוהר״ן״, — זיין הויפּט־כלי־זיין, וואָס מיט זיין כוח וועט ער פירן אַלע מלחמות און דורכפירן אַלע כיבושים, איז — די תפילה.

פאַרוואָס — קען מען פרעגן — וועט ער נישט דורכפירן זיינע כיבושים מיטן כוח פון אַנדערע מצוות, אַ חוץ תפילה? אַן ענטפער גע־פינען מיר אין אַנדערע תורות פון „ליקוטי מוהר״ן״. ווען מען מאַכט זיך קלאָר דעם ענין פון תפילה לויט ר׳ נחמנען, ווען מען באַנעמט, אין וואָס די פעולה פון תפילה באַשטייט, קומט מען צו דער בראַסלאַווער דערקענטעניש, אַז דער מהות פון געבעט און דער משיח־מהות זענען געקניפּט און געבונדן אין אַ העכערן, אַלוועלטישן און איבערוועלטישן בונד. אָדער — אין אַ סגנון אַ מער מיסטישן: תפילה און משיח זענען דאָס זעלבע. תפילה איז שכינה, מטרוניתא, דיבור, מלכות...

„זיי וויסן, — לערנט אונדז דער בראַסלאַווער, — אַז דער עיקר גלות נעמט זיך פון מאַנגל אין אמונה, און אמונה איז אין דער בחינה פון תפילה, און תפילה איז אין דער בחינה פון ניסים... תפילה איז איבער דער נאַטור, ווייל די נאַטור איז מחייב אַזוי־און־אַזוי, קומט די תפילה און ענדערט די טבע, און דאָס איז בדרך נס און ס׳איז דערויף נויטיק אמונה, צו גלויבן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ מחדש, אַ באַשאַפער, וואָס קען אויפטאָן נייס לויט זיין ווילן און איינזען... און דער עיקר אמונה, אין דער בחינה

פון תפילה און אין דער בחינה פון ניסים, איז נאָר אין ארץ־ישראל, ווי עס שטייט: שכן ארץ ורעה אמונה. און דאָרט איז דער עיקר אַרויפ־גאַנג פון די תפילות, ווי עס שטייט: וזה שער השמים. — — —

דערפאַר, אַז אברהם האָט פּוגם געווען מיטן „במה אדע" און האָט דורך דעם (ממילא) פּוגם געווען אין דעם לאַנד, וואָס איז אין דער בחינה פון אמונה און תפילה, איז צוליב דעם געקומען צו גלות מצרים". — — —

„דורך תפילה, האַלט ר׳ נחמן, איז מען זוכה צו אַלגעמיינעם שלום און מען איז ממשיך גאָטס רחמים אויף אַלע באַשעפעניש און ס׳ווערט מקויים: וגר זאב עם כבש ונמר עם גדי ירבץ... דורך תפילה איז מען זוכה צו שלום אין אַלע וועלטן (שלום בכל העולמות), און אַז עס קומט דער אַלגעמיינער שלום (שלום הכללי) הערט אויף דער משא־ומתן פון דער וועלט... וואָרעם דער גאַנצער משא־ומתן ציט די יניקה פון בחינת מחלוקת, מחמת ס׳איז נישטאָ קיין שלום צווישן די ווילנס (אין שלום בין הרצונות)".

תפילה פאַרמאָגט אַזוי־אַרום אַלע משיחישע קוואַליטעטן.

ישראל — לערנען מיר ווייטער ביי ר׳ נחמנען — איז איבער דער נאַטור (למעלה מן הטבע), און נאָר ווען יידן זינדיקן פאַלן זיי אַרונטער אונטער דער טבע, פּונקט ווי די עכו"ם, וואָס זענען אונטער טבע און מזל. ווען גאָט איז זיך אויף זיי מרחם און וויל זיי אויסלייזן און וויל מאַכן אַ סוף צו זייערע אונטערדריקער — איז ער ממשיך אויף זיי השגחה און מאַכט צו־נישט נאַטור און מזל (פאַטום), וואָס זיי וואַלטן מצד דעם דין געדאַרפט זיין אונטער זייער רשות... דעם דאָזיקן סאָרט השגחה איז יענער צדיק, וואָס איז אין דער בחינה פון משה־משיח, ממשיך פון דער קץ־וועלט, וואָרעם דענסטמאָל, אין דער צייט פון קץ, וועט די נאַטור אין גאַנצן בטל ווערן און ס׳וועט מער נישט זיין אַ חוץ ריינע השגחה אַליין.

עד כאַן — ר׳ נחמנס קוק אויף תפילה קעגן טבע, תפילה אין דער בחינה פון נס און משיח.

דאָ קומט אָבער אויף אַ האַרבע פראַגע: טויזנטער יאָרן, אַז מענטשן בעטן, רופן, שפּאַלטן הימלען מיט זייערע וויי־געשרייען; דורות אויף דורות גיסט ישראל גאָר באַזונדערס די טרערן זיינע פאַר גאָט — פון די וואָגל־לענדער זיינע, פון זיין געפאַנגען־גרוב. דאָס פאָלק ישראל איז דאָך אין גאַנצן תפילה; עס טוט בעטן פרי און שפּעט, אויך אין די

טיפענישן פון נאַכט רוט זיין האַרץ נישט. עס שטייט אויף אין דער ערשטער אשמורה, טוט אַרויף אַש אויפן קאָפּ, וויינט — און ס׳וויינען מיט הימל און ערד, כוכבים ומזלות, ס׳וויינען מיט די מלאכי שלום, און כביכול אַליין וויינט אויך אין מסתרים, — היינט אויב ס׳איז אַזוי מעכטיק דער כוח פון געבעט — טאָ פאַרוואָס איז משיח נאָך אַלץ נישט געקומען? פאַרוואָס איז די וועלט נאָך נישט אויסגעלייזט געוואָרן פון איר קנעכטשאַפט און שיפלות, פאַרוואָס שטאַרקן זיך פון שעה צו שעה און פון טאָג צו טאָג די צרות, די קין־מאָרדן, די מלחמות צווישן פאָלק און פאָלק, שטאַנד און שטאַנד, פאַרטייען, שטאַמען, יחידים?

אָט די פראַגע האָט אויך געשוועבט פאַר ר׳ נחמנען און זיין ענטפער איז געווען: מלחמה לד׳ בעמלק. די אונטערשטע מלחמות נעמען זיך פון אַ מלחמה, וואָס ברענט אין אַלע עולמות. שטאַרק און פאַרביטערט און גוואַלדיק ביטרע זענען די לעגיאָנען פון דעם שונא, וואָס זיצט פאַרבאַהאַלטן אַפילו אין רשות פון דער קדושה אַליין, און יעדער דור טוט דאָס זייניקע אין קאַמף, אָבער צו קליין איז זיין כוח ער זאָל קאָנען אויפּאַמאָל פערענדיקן דעם געראַנגל און דערפירן צו אַ נצחון. אין יעדער תקופה מוזן מענטשן באַנייען דעם קאַמף מיט פרישע מיטלען און תחבולות, מחמת אויך דער שונא געפינט כסדר אויס נייע תחבולות, כדי צו פאַרוויסטן די הערשאַפט פון דער קדושה און צו פאַרטיליקן ירושלים קרתא קדישתא — ירושלים די הייליקע שטאָט.

דערפאַר נויטיקן זיך מענטשן אין אַן איינציקן הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער קדושה, וואָס זאָל שטיין בראש פון יענעם חיל, וואָס ראַנגלט זיך מיט עמלקן, און אַלע גענעראַלן, ווער שמועסט די סתם זעלנער, דאַרפן זיך אונטערוואַרפן אונטער אים. יענע דורות, וואָס אַזעלכע הויפּט־קאָמאַנדירן פעלן זיי, גייען פאַרלוירן. אויך דורות, וואָס אַזאַ קאָמאַנדיר האָבן זיי יאָ, נאָר די קלענערע אין ראַנג געהאָרכן אים נישט, האָבן אַ קנאַפּן כוח בייצושטיין אַן עת־צרה.

פונדעסטוועגן גייען נישט אין גאַנצן פאַרלוירן די באַמיאונגען און באַגערונגען אויך פון די שוואַכע דורות. איטלעכע „מלחמה לד׳ בעמלק" לאָזט אין לעצטן סך־הכל איבער אַ רושם, שוואַכט אָפּ אין וועלכן־עס־איז פּרט דעם שונאס קראַפט, שטאַרקט דעם כוח פון דער קדושה. „לית רעותא טבא דמתאבדא" (נישטאָ קיין גוטער ווילן וואָס גייט פאַרלוירן),

און קיין שום תפילה פון טיפן הארץ אַרויס גייט נישט לאיבוד אין אַ פוסטן חלל, נאָר אַלץ ווערט געזאַמלט ערגעץ אין דער פאַרהוילעניש, אַלץ ווערט צוזאַמענגערעכנט צו אַ גרויסן חשבון, פונקט ווי די טרערן פון די באגזלטע טוען דאָס זייעריקע ווען דער לאָגל ווערט פול.

און אַז עס קומט דער גרויסער דעראָבערער, דער צדיק־גואל, וואָס איז אין דער בחינה פון משה־משיח, ווערט ער אַרויסגעהאָלפן נישט בלויז דורך זיינע אייגענע כוחות און די כוחות פון די, וואָס געהערן צו זיין דור און שטייען ביי זיין זייט, נאָר אויך דורך אַלעם דעם, וואָס לאַנגע דורות פאַר אים האָבן אָנגעקליבן און צונויפגעזאַמלט.

דעם דאָזיקן רעיון גיט אַריין ר׳ נחמן אין איינער פון די אגדות פון רבה־בר־בר־חנא. ער צענעמט איטלעך וואָרט פון דער אגדה און זעט אין יעדן אויסדרוק אַן אַנדער רמז. ער בויט אַריין דעם געדאַנק זיינעם אין דער אגדה, וואָס דערציילט: זימנא חדא הוה קא אזלינן בספינתא — איינמאָל זענען מיר געפאָרן אויף אַ שיף, האָבן מיר דערזען אַ פיש, וואָס זאַמד האָט זיך אָנגעקליבן אויף זיין רוקן, האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס איז אַ יבשה, האָבן מיר אויף זיין רוקן געקאָכט און געבאַקן, איז אים דער רוקן געוואָרן אָנגעוואַרעמט, האָט ער זיך איבערגעקערט, און ווען נישט דאָס וואָס מיר זענען נאָענט געווען צו דער שיף — וואָלטן מיר געוואָרן דערטרונקען.

ר׳ נחמן לאָזט זיך דאָ אַריין אין אַ טיפן דרוש, וואָס זיין תמצית איז, אַז דער פיש איז דער סימבאָל פון דעם צדיק־גואל, וואָס איז אין דער בחינה פון משה־משיח, און דאָס קאָכן און באַקן אויף דעם פישס רוקן איז אַ סימבאָל פון די תפילות, וואָס די נשמות קומען מיט זיי צו יענעם צדיק, אַז ער זאָל זיי, די תפילות, מעלה זיין און מיט זייער כוח גאַנץ־מאַכן דאָס געשטאַלט (קומה) פון דער שכינה. דורך דעם, וואָס דער צדיק טוט דאָס, ווערט „דער רוקן איבערגעקערט״, ווערט נתהפך די מידה פון דין אין דער מידה פון רחמים און ס׳ווערן געראַטעוועט די נשמות פון דערטרונקען ווערן אין גלות.

דער צדיק־גואל איז, ווערליק דער דאָזיקער סימבאָליק, ווי דער לויתן אין דעם ים פון אין־סוף, און אַלע תפילות, וואָס האָבן פריער קיין עליה, קיין אויפהויב נישט געהאַט, זאַמלען זיך אַרום אים און וואַקסן אים אַרום ווי גליענדיק זאַמד, און ס׳קומען צו אים צופליען די נשמות,

וואָס געפינען זיך אין יענע תפילות, און דאָרט, אין יענעם זאַמד אַרום דעם צדיק־גואל, וואַקסן זיי אין די טויזנט־טויזנטער ווי דאָס גראָז אין פעלד, און ער. דער צדיק־הדורות, איז מתקן סיי די תפילות, סיי די נשמות. אין דער בחינה פון „יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה״ (דער צונויפבאַ־העפט פון גאָט און זיין שכינה). דער צדיק־הדורות ברענגט איטלעכע תפילה און איטלעכע נשמה אויפן ריכטיקן אָרט, און אָט אַזוי בויט ער אויף דאָס געשטאַלט, די פולע קומה פון דער שכינה, ביז ער שטעלט אויף דעם הייליקן משכן פון אַלע וועלטן, און דענסטמאָל קומט די גרויסע דערבאַרעמונג און אַלץ ווערט איבערפולט מיט אָפּענע, מיט אַנטפּלעקט־געוואָרענע גנאָדן.

אַפילו דענסטמאָל, שוין נאָך אַלע תיקונים פון דעם צדיק הדורות, דאַרף מען אַלץ נאָך אָנקומען צו גאָר באַזונדערע חסדים און איינזעעניש און מען מוז פון די טיפענישן זיך ראַטעווען אויף דער שיף פון געטלעכן חסד.

***

די נשמות פליען צום צדיק־האמת און ער הויבט זיי אויף, גיט אַ לבוש די „נשמות ערטילאות״, וואָס וואַנדערן נאַקעט, און ברענגט אַרויף צום ריכטיקן אָרט די תפילות, וואָס בלאָנדזשען אין חלל פון די וועלטן.

ווי אַזוי אָבער קאָן מען וויסן דעם אונטערשייד צווישן דעם צדיק־האמת אָדער צדיק־הדורות (ד. ה. דעם צדיק, וואָס איז דער וועג־פאַר־באַרייטער פאַר משיחן און נאָר איינמאָל אין דורות ווייזט ער זיך) און אַנדערע צדיקים, וואָס זענען דאָך אויך גרויס אין תורה, קדושה און טהרה? וואָס זענען די צייכנס, וואָס מען קאָן לויט זיי דערקענען יענעם גאָר באַזונדערן צדיק? און אין וואָס אייגנטלעך באַשטייען די גאָר באַ־זונדערע אייגנשאַפטן פון דעם צדיק דעם דערלייזער? וואָס איז דער עיקר מהות פון דער נשמה, וואָס לעבט אין זיין גוף, און וואָס איז דער שטייגער פון זיין עבודה, און וואָס איז יענע אויבערשטע חכמה, וואָס דורך איר נויגט ער הערצער צו זיין הייליקן ווילן און ציט־צו ריזן מיט זיין מאַכט?

ס׳וועלן אונדז ענטפערן אויף דעם פאַרשיידענע ערטער אין ר׳ נחמנס תורות.

וועגן דעם, וואָס די נשמות פאַרלאַנגען פון דעם צדיק־האמת, דער־ציילט אַ תורה אין „ליקוטי־ מוהר״ן״, ס״ה.

„זיי וויסן, — זאָגט דער בראַסלאַווער, — אַז ס׳איז פאַראַנען אַ פעלד וואו עס וואַקסן וואונדערשיינע ביימער און גראָזן. די פראַכט פונעם פעלד און זיינע געוויקסן לאָזט זיך נישט אויסדערציילן. וואויל צו דעם אויג וואָס האָט עס געזען! די ביימער און גראָזן זענען אין דער בחינה פון הייליקע נשמות, וואָס וואַקסן דאָרטן. און פאַראַן אַ סך נאַקעטע נשמות, וואָס זענען נע־ונד דרויסן, מחוץ דעם פעלד, און זיי וואַרטן און קוקן־אויס זייער תיקון, כדי זיי זאָלן קענען אַראָפּקומען צוריק און פאַרנעמען זייערע ערטער. און אַפילו אַ גרויסע נשמה, וואָס אַ סך אַנדערע נשמות זענען אָפּהענגיק פון איר, איז איר אַמאָל שווער זיך אומצוקערן אַהין, ווען זי גייט פון דאָרט צייטנווייז אַרויס. און זיי אַלע — די נשמות — בעטן און וואַרטן אויף דעם פעלד־האַר, דעם בעל־השדה, אַז ער זאָל קענען עוסק־זיין אין דעם תיקון, וואָס זיי באַדאַרפן, און ס׳איז פאַראַן אַ נשמה, וואָס איר תיקון קומט דורך עמעצנס טויט אָדער דורך עמעצנס מצוה און עבודה.

„און ווער עס וויל אונטערנעמען די לענדן און זיך אַריינטאָן אין דעם, צו זיין דער בעל־השדה, יענער באַדאַרף צו זיין אַ מענטש אַ פעסטער און אַ גבורהדיקער, אַ חכם און אַ צדיק זייער אַ גרויסער. און ס׳איז פאַראַן אַזאַ איינער, וואָס קען נישט פאַרענדיקן דעם ענין סיידן נאָר מיט זיין טויט, און אַפילו צו דעם באַדאַרף מען צו זיין זייער אַ גרויסער, ווייל עס זענען דאָ אַ סך גדולים, וואָס אַפילו דער טויט זייערער העלפט נישט, און נאָר ווען ס׳איז פאַראַן אַ מענטש אַ גוואַלדיק גרויסער — קען אַזאַ איינער נאָך ביים לעבן פאַרענדיקן דאָס וואָס מען דאַרף. אַ סך יסורים און האַרבקייטן מוז ער דורכליידן, נאָר מחמת זיין גרויסקייט און דער־הויבנקייט טוט ער זיי בייקומען און ער פירט דורך די אַרבעט פונעם פעלד (פעולת השדה) אַזוי ווי עס געהער צו זיין״.

**
*

דערקענען דערקענט מען דעם צדיק־האמת, אָדער דעם בעל־השדה, דורך זיין גוואַלדיקער הכנעה פאַר גאָט, אַ הכנעה, וואָס קיין גרעסערע פאַר איר איז נישט שייך, טאַקע אין דער בחינה פון אַין־מוחלט, אָט אַזוי

ווי משה רבנו איז געווען און ווי עס שטייט: והחכמה מאַין תמצא. דורך אַט דעם אַין ווערט מען נכלל אין דעם אין־סוף. דאָס איז די אמתע התפשטות הגשמיות, ווארעם דער מענטש איז מבטל זיין אייגענעם יש, ווערט אַ טייל פון דעם אין־סופס רצון, יענעם רצון, וואָס אַלע ווילנס קריגן זייער חיות פון אים. און דאָס איז, וואָס עס שטייט אין זוהר, אַז משה־רבנוס הסתלקות איז געווען שבת מנחה־צייט, וואָס דענסטמאָל איז די אַנטפּלעקונג פון רעוא דרעוין, פון דעם העכסטן ווילן, און זוכה געווען דערצו האָט ער דערפאַר, וואָס ער האָט זיין אייגענעם ווילן און דעם גאַנצן יש זיינעם מבטל געווען, ווי עס שטייט: ונחנו מה (ליקוטי מוהר״ן, אין דער תורה אויף „אנכי ד׳ אלקיך״).

דער צדיק־האמת, וואָס איז דער בעל השדה, משה־משיח וכדומה, טיילט זיך אויס אויך מיט דער גבורה פונעם האַרצן. דער עיקר גבורה, — זאָגט דער בראַסלאַווער, — איז אין האַרצן, ווייל דער, וואָס זיין האַרץ איז גיבורדיק, האָט קיין מורא נישט פאַר קיין שום מענטש און פאַר קיין שום זאַך. ער קאָן מיט אַט דעם כוח פון זיין האַרץ ווייזן גוואַלדיקע גבורות און געווינען מלחמות. און דאָס איז אין דער בחינה פון: איזהו גבור? הכובש את יצרו. און דאָס איז אויך אין דער בחינה פון שמשונס גבורה, וואָס אויף דעם שטייט: ותחל רוח ד׳ לפעמו, וכו׳. (ליקוטי־מוהר״ן, רמ״ט).

אין דער תורה „תיקונין אתמסרו לדיקנא״ (ליקוטי־מוהר״ן, כ׳) גע־פינען מיר ווייטערדיקע הנהגות און אייגנשאַפטן פון דעם צדיק־האמת, אָדער דעם בעל־השדה. זייער צאָל איז ניין. דער „סבא דסבין״, משה־משיח, דער געטרייער פאַסטעך, האָט באַקומען ניין אָנווייזונגען. ערשטנס: קח את המטה — נעם דעם שטעקן. דאָס איז דער טייטש: דער שטעקן פון מאַכט, וואָס האָט זיך באַקומען פון די מצוות און די גוטע טואונגען, וואָס ער (דער געטרייער פאַסטעך) האָט געטאָן. צווייטנס: והקהל את העדה — מיט אַט דעם שטעקן פון מאַכט זאָלסטו הערשן איבער דיין עדה, דהיינו, דערנענטערן די גוטע אין דער עדה און מכניע־זיין די בייזע.

דריי: ודברת אל הסלע — די רשעים דאַרף מען באַצווינגען מיט דעם מטה־עוז, מיט דעם מאַכט־שטעקן, אָבער פאַר גאָט דאַרף דער פאַסטעך שטיין ווי אַן עני־ואביון און ער דאַרף בעטן רחמים און נישט אָנהענגען

זיך אַן קיין שום זכות, און אַט דאָס מיינט: ואתחנן אל ד׳ בעת ההיא, לאמר, דהיינו, אַז מען דאַרף רעדן תחנונים בשעת עס קומט צו „לאמר״, צום האַלטן דעם דרוש פאַר דער עדה (דער צדיק, וואָס איז אין דער בחינה פון משה משיח, — דאַרף פאַר זיין תורה־זאָגן בעטן רחמים ביים קוואַל פון רחמים).

פיר: לעיניהם — ער דאַרף זיך פאַרבינדן מיט די נשמות פון די, וואָס פאַרזאַמלען זיך אים צו הערן.

פינף: דער צדיק האמת איז ממשיך דיבורים פון פייער. וואָרעם — ס׳איז פאַראַן אויף דער וועלט אַ נשמה, וואָס דורך איר ווערן אַנטפּלעקט די ריכטיקע פירושים אויף דער תורה און זי איז פול מיט יסורים, ווי עס שטייט אין אָבות: פּת במלח תאכל, וכו׳. און אַלע אויסטייטשער פון דער תורה זענען מקבל פון יענער נשמה, און יענע נשמה — אַלע רייד אירע זענען ווי פייערדיקע קוילן, מחמת מען קאָן נישט מקבל זיין און שעפּן תורה נייערט פון יענעם וואָס זיינע רייד זענען ווי פייער־קוילן, אין דער בחינה פון „הלא כה דברי כאש״ (ירמיה, כ״ג).

זעקס: דער צדיק האמת איז — אַ חוץ דעם — ממשיך תורה דורך תפילה און בקשה, און ער איז עס ממשיך פון דעם אויבערשטן האַרץ (לב העליון), וואָס אַלע תורה־טייטשן זענען אין אים פאַרשריבן.

זיבן: „וישלח משה מלאכים״. די גייסטיקע כוחות, וואָס ווערן באַשאַפן פון די אותיות פון דער תורה, זענען מלאכים ממש. און יענע גייסטיקע כוחות, די מלאכים, זענען ווערליק די חידושים אין דער תורה... לויט דעם וויפל קדושה ס׳ווערט געמערט אויבן — ווערן געמערט די חידושים אונטן, און לויט דעם ווי ס׳ווערן געמערט די חידושים — מערט זיך די צאָל מלאכים. און דאָס זעלבע פאַרקערט: אַמאָל איז די קדושה אַזוי ווייניק, אַז די מלאכים, וואָס ווערן באַשאַפן פון די חידושי־תורה, זענען אָפּגעשוואַכטע און זיי קענען נישט מקבל זיין דעם כוח צו באַשטראָפן די רשעים מיט שווערד און קריג. זיי קענען בלויז אַריינברענגען אַ שרעק אין האַרץ פון רשעים, און אַמאָל האָבן זיי אַפילו אַזאַ כוח אויך נישט, וכו׳, וכו׳.

אַכט: צו וועמען האָט משה געשיקט די מלאכים? „אל מלך אדום״. יענע קראַפט צו באַשטראָפן די רשעים קען מען קריגן נאָר פון אדומען, ווייל דער דאָזיקער כוח איז אין דער בחינה פון „ועל חרבך תחיה״...

ניין: דער צדיק־האמת ווערט אַ „גבור תקיף" ערשט נאָכדעם ווי ער קומט צו דער בחינה פון ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז איינע פון די דריי זאַכן, וואָס ווערן דערוואָרבן דורך יסורים, און דער צדיק־האמת ווערט גערופן „איש מלחמה" ערשט נאָכדעם ווי ער שטאַרקט זיך איבער זיי, און אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך צו דער בחינת ארץ־ישראל נישט גע־קומען, קען מען אויף אים זאָגן: אַל יתהלל חוגר כמפתח.

און מיט נאָך אַ זאַך לאָזט זיך דערקענען דער צדיק האמת, אָדער צדיק הדורות, וואָס גרייט צו דעם וועג פאַר משיחן.

מען דערקענט אים לויט זיין „שלימות לשון הקודש". דערמיט ווערן געמיינט צוויי זאַכן: סיי לשון־קודש גופא, דאָס לשון פון דער תורה און די נביאים און פון אַלע הייליקע ספרים, די שפּראַך, וואָס אויף איר איז, לויט אונדזער מסורה, באַשאַפן געוואָרן די וועלט און וואָס ממילא טוען די אותיות אירע באַלעבן דעם גאַנצן באַשאַף פון די העכסטע הויכענישן ביז צו די טיפסטע אָפּגרונטן, וואוהין זיי נידערן לויט דעם סוד פון גלות־השכינה, זענען מתקן און קערן זיך אום צוריק צום הימליש־אצילותדיקן מקור. צווייטנס, מיינט דערמיט ר׳ נחמן דאָס הייליקע לשון פון דעם צדיק־האמת אַליין, זיין ריינעם הייליקן דיבור, וואָס ווערט דער־וואָרבן — ערשטנס: דורך אָפּהיטן די אייגענע צונג נישט נאָר פון איט־לעכן ניבול־פה, לשון הרע און רכילות, נאָר אויך פון סתם איבעריקע רייד, פון אַלע — ווי דער „תניא" דריקט זיך אויס — רייד וואָס זענען נישט „לד׳ ולתורתו", נישט פון גאָט און פון זיין תורה וועגן; צווייטנס: דורך איבונג אין לויטערע דיבורים, געגליכן צו פייערדיקע קוילן. אַזאַ „שלימות לשון הקודש", אַזאַ דיבור, וואָס אין אים איז אַריינגעטאָן אַ דערהויבענע גייסטיקע מאַכט, קאָן אויפטאָן און משפיע זיין אָן אַ שיעור.

„איינער קאָן זיין אַזאַ גדול, אַז ער זאָל וויסן די אותיות פון לשון־קודש, וואָס געפינען זיך אין יעדער זאַך און באַלעבן זי, און פונדעסט־וועגן זאָלן זיין עסן און זיין טרינקען און דער תענוג דערפון קומען נישט פון דער התנוצצות האותיות, נישט פון דעם, וואָס די אותיות שיינען אַריין אין אים. זוכה זיין דערצו, אַז אַלע זיינע פאַרגעניגנס זאָלן קומען נאָר פון די אותיות, וואָס געפינען זיך אין יעדער זאַך — דאָס קען אַ מענטש ערשט נאָכדעם, ווי ער איז זוכה צו דער פולקומנקייט פון לשון־הקודש, דהיינו, ווען ער איז זוכה אין גאַנצן צו צעברעכן די גע־

שלעכטלעכע תאוה און אריינצוברענגען אַ נייע התנוצצות אין דעם לשון... בלויז דער צדיק, וואָס דערגרייכט צו דער ערשטער זאַך, דערגרייכט צו דער צווייטער, און ער האָט נישט קיין שום הנאה פון עסן און טרינקען און פון די אַנדערע פאַרגעניגנס, נייערט פון די אותיות אין זיי. וואויל איז צו אים!״ (פון דער תורה „תפילה לחבקוק״ אין „ליקוטי מוהר״ן״, י״ט).

ג) דרייַצן אופנים פון דערנענטערונג

פון דעם ביז־איצט געזאָגטן האָבן מיר געלערנט, אין וואָס עס באַשטייט, מער אָדער ווייניקער, דער מהות פון דעם משה־משיחדיקן צדיק־האמת און וואָס עס זענען די סמנים, וואָס לויט זיי לאָזט ער זיך דער־קענען און אויסטיילן פון אַנדערע גרויסע צדיקים. אָבער וואָס זענען די וועגן און אופנים, וואָס דורך זיי דערנענטערט מענטשן צו גאָט דער צדיק־האמת, — אָדער, אָפּן גערעדט, טאַקע ער גופא, דער בראַסלאַווער? ווי אַזוי לייטערט ער זיי? וואָס זענען די עצות און די הדרכות, וואָס מיט זיי און דורך זיי ראַטעוועט ער זיי פון דעם „אויב הכללי״ (דעם אַלגעמיינעם שונא, דעם הויפּט־פיינד), פון דעם „נחש הקדמוני״ (דער אור־שלאַנג) און דער „מדורה של שבעים כוכבים״ (דעם שייטער פון זיבעציק שטערן — די קאָנצענטרירונג פון די דינים, פון די כוחות פון בייז)?

פיל און פאַרשיידן זענען דעם בראַסלאַווערס עצות און אָנווייזן, אָבער מען קאָן זיי מער־ווייניקער צופירן צו דרייצן פונקטן:

א) אמונה פשוטה — פשוטע אמונה. אַ סך קראַנקהייטן, סיי גייסטיקע, סיי פיזישע, נעמען זיך דערפון, וואָס עס פעלט אָט די אמונה, וואָס מען פאַרקריכט אין חכמות און מען הערט אויף צו דינען גאָט בפשטות. אָן חכמות — נישט בלויז די נאַרישע חכמות (חכמות של שטות) פון סתם מענטשן, נאָר אַפילו בפירושע חכמות... אַפילו דער, וואָס האָט אַן אמתדיק גרויסן מוח, ווען ער קומט צו יענער פשטותדיקער עבודה, מוז ער אַלע חכמות אַוועקוואַרפן און דינען גאָט אין איינפאַכקייט („תקעו אמונה״ — „ליקוטי מוהר״ן״ תנינא, ה׳).

ב) התקשרות, ד. ה. פאַרבונדנקייט מיטן צדיק־האמת. אַ מענטש דאַרף פאָרן צום צדיק כדי צוריקצוקריגן זיין אבידה, וואָרעם איידער אַ מענטש קומט אַרויס אויף דער וועלט לערנט מען אים און מען ווייזט

אים אַלץ, וואָס ער דאַרף טאָן אויף דער וועלט און וואָס ער דאַרף משיג זיין, אָבער ווי נאָר ער ווערט געבוירן פאַרגעסט ער דאָס, און אָט דאָס פאַרגעסן איז אין דער בחינה פון אַן אבידה, און די אבידה זיינע איז ביים צדיק, ווייל דער צדיק זוכט זי פאַר אים ביז ער געפינט זי. און אַזוי זוכט דער צדיק און געפינט אויך די אבידות פון אַנדערע מענטשן, ביז ער געפינט אַלע אבידות פון גאַר דער וועלט.

דער ענין, פאַרוואָס מ׳קען נישט יוצא זיין מיט מוסר־ספרים און מען מוז אַליין פאָרן צום צדיק, ווערט אַנגעוויזן אין דער תורה. עס שטייט: „ויאמר ד׳ אל משה כתוב זאת זכרון בספר ושים באזני יהושע״. עס איז ווייניק, וואָס משה דאַרף פאַרשרייבן, יהושע דאַרף אויך הערן וואָס משה זאָגט אים: ושים באָזני יהושע. ער דאַרף מיט אים ריידן פה אל פה. דער עיקר איז דאָס, וואָס מען הערט פון דעם צדיקס מויל.

און דריי בחינות זענען דאָ אין דער התקרבות צו צדיקים. די ערשטע בחינה איז צו זען דעם צדיק, ווי עס שטייט: והיו עיניך רואות את מוריך (ישעיה ל׳). דאָס נעמט אַוועק די שלעכטע מידות, וואָס קומען פון די צוויי יסודות (עלעמענטן) — צומח און דומם, דהיינו: עצבות מיט אירע נאָכגעוויקסן און די בייזע תאוות. די צווייטע בחינה איז — די צדקה, וואָס מען גיט דעם תלמיד־חכם. דורך דעם ווערט מען געראַטעוועט פון די שלעכטע חיה־רעהדיקע מידות, וואָס קומען פון די אַנדערע צוויי יסודות — חי און מדבר, וואָס דאָס זענען: דברים בטלים און גאוה און זייערע נאָכשפּראָצונגען. די דריטע בחינה איז — ווען אַ מענטש איז זיך מתוודה פאַרן תלמיד־חכם, וואָס דורך דעם ווייזט אים אָן דער תלמיד־חכם דעם ריכטיקן וועג לויט זיין שורש־נשמה נאָך (פון דער תורה „אנכי ד׳״, אין ליקוטי מוהר״ן, ד׳).

איטלעכער מענטש דאַרף פאַרבינדן זיין תפילה מיטן צדיק הדור, און דער צדיק ווייס שוין ווי צוצופּאַסן די טויערן און אַרויפצוהויבן איטלעכע תפילה צום שייכותדיקן טויער (פון דער תורה „תהומות יכסיומו״ — דאָרט, ט׳).

ג) אמונה אין זיך און שטענדיקע התחזקות.

אַ גרויסע שטרויכלונג אויפן וועג צו שלימות איז דאָס נישט האָבן קיין גלויבן אין זיך. עס הויבט זיך אָן מיט ספקות אין דעם כוח פון גלויבן און תפילה, דערנאָך קומט עצבות און צום סוף — יאוש. גראָד

מענטשן שאַרף־שכלדיקע און דין־פּילעוודיקע זענען עלול אין דעם אַריינ־צופאַלן, מחמת אַזעלכע מענטשן קוקן זיך שטאַרק צו צו זיך און צו זייער אויפפיר, האַלטן קאָפּ און גיבן אַכטונג און זעען אַלע זייערע חטאים, שוואַכקייטן און פעלערן. זיי פאַרגלייכן די גרויסע כוחות פון דער רוי־שיקער וועלט אַרום זיי מיט דער שוואַכקייט פון דעם קול דממה דקה אין זיי; זיי פילן און באַנעמען ווי פיל עס זענען די פּגימות, וואָס אַ מענטש איז פּוגם מיט די נישט־גוטע מעשים און געדאַנקען זיינע, און ווי שוואַך ער איז דאָס אַלץ צו פאַרריכטן, ווער שמועסט — זיך צו הייליקן, און זיי זאָגן צו זיך: אויף וואָס האָרעווען מיר? סיי מיר וועלן דינען גאָט, סיי נישט, סיי מיר וועלן מערן תפילות, סיי נישט, — אַזוי צי אַזוי זענען מיר פאַרלוירענע... וואָס זשע קומט אַרויס וואָס מיר מאַטערן זיך? לאָמיר גיין און הנאה האָבן פון דער וועלט, פונקט ווי דאָס טוען אַלע ערד־קינדער, און אויב אויך דאָס באַפרידיקט אונדז נישט, אויב מיר זעען אויך אין דעם קיין שום אינהאַלט נישט — איז לאָמיר אונטערגיין גלאַט, אָן שום דעת און אָן אַ חשבון.

אַט פאַרוואָס דער בראַסלאַווער האָט געפירט אַזאַ מלחמה קעגן ספיקות און חולשת־דעתן פון אַלע מינים. ער פאַרטיפט זיך ביז צום סאַמע גרונט אין די געמיט־צושטאַנדן פון דעם מענטש, וואָס שטרעבט צו געטלעכער שלימות, און ער דעקט קודם־כל אויף, אַז צושטאַנדן פון צווייפל, פון ירידה און אַרונטערפאַל זענען אוממפאַרמיידלעך: עס מוז זיי דורכ־מאַכן איטלעכער מענטש, וואָס באַנוגנט זיך נישט מיט אַנגענומענע גע־וואוינהייטן און מיט דער ווירקונג פון דער סביבה, נאָר ער גייט צו גאָט מיט זיין אייגענעם, פערזענלעכן וועג, זוכט די נקודה פון זיין אייגענער נשמה און וויל זי זאָל באַלויכטן ווערן מיט יענעם ליכט פון אויבן, וואָס איז שייך צו איר, לויט איר באַזונדערן שורש נאָך.

דערפאַר הערט ר׳ נחמן נישט אויף צו וואָרענען, אַז מען דאַרף זיך „גריילעך שטאַרקן און גלויבן אין זיך, גלויבן, אַז ער האָט כוח צו פועלן איטלעכע זאַך דורך תפילה און שמועס מיטן באַשעפער" (ר׳ נתן, אין נאָ־מען פון זיין רבין, אין ליקוטי־הלכות, חו"מ הלכות נחלות, הלכה ד׳).

„אַמאָל, — זאָגט ר׳ נתן לויט זיין רבינס שיטה, — קאָן דער בעל־דבר אָפּשוואַכן דעם מענטשנס געדאַנק: אונדזערע אָבות און אונדזערע וועגווייזער האָבן טאַקע מיט די תפילות זייערע אַ סך געפועלט, אָבער וואָס,

מ׳שטיינס געזאָגט, קאָן שוין פועלן מיט זיין תפילה אַ נישטיקער מענטש ווי דו? אין דער אמתן איז עס נישט אַזוי, מחמת דער אויבערשטער איז אַ „שומע תפילת כל פה״, ער פאַרנעמט איטלעכנס געבעט, און יעדער ייד איז בכוח פועל צו זיין ביי גאָט, אויב ער טוט צו אים תפילה אויף אַן אמת.

ד) תפילה מיטן גאַנצן כוח, מיט דביקות און מיט דער נקודת־האמת אין האַרצן.

„דעם עיקר חיות באַקומט אַ מענטש פון דער תפילה, ווי עס שטייט: תפילה לאל חי. דערפאַר דאַרף מען תפילה טאָן מיט דער גאַנצער קראַפט, ווייל אַזוי־אַרום ברענגט אַריין דער מענטש גאָר די קראַפט זיינע אין די אותיות פון דער תפילה און דורך דעם טאָקע ווערט זיין כוח באַנייט אין דער בחינה פון: חדשים לבקרים רבה אמונתך״ (ליקוטי־מוהר״ן, אין אנהויב פון דער תורה: „תהומות יכסיומו״).

„איטלעכער דיבור איז אַ גאַנצע וועלט, און ווען אַ מענטש דאַוונט און רעדט אַרויס די דיבורים פון דער תפילה איז ער ווי איינער וואָס גייט איבערן פעלד און קלייבט בלומען און בינדט זיי צונויף — — און אָט אַזוי גייט דער מענטש און האַלט אין איין קלייבן בלומען און אין איין צונויפבינדן זיי — — — און ער גייט און זאַמלט אַלץ מער, גייט פון אָבות צו גבורות, און פון גבורות צו קדושות, און אַזוי כסדר און אַזוי אַלץ ווייטער. ווער קאָן אויסמאָלן די גאָרע פּראַכט פון די זאַמלונגען און באַ־העפטונגען, וואָס אַ מענטש זאַמלט צונויף און באַהעפט דורך די רייד פון דער תפילה? — — —

„מ׳דאַרף מאַכן אחד פון דער גאַנצער תפילה — אַז אַלע דיבורים פון דער תפילה זאָלן זיך געפינען אין יעדן דיבור באַזונדער (די תורה „ויאמר בועז אל רות״, ליקוטי מוהר״ן, ס״ה).

ה) ווײַ־געשריי און געוואַלד־רוף.

„אַ מענטש דאַרף שרייען צו גאָט, ווי ער וואָלט זיך געפונען אויפן מיטן ים אויף אַ דין הערל און דער שטורעם בושעוועט עד לב־השמים און ס׳איז כמעט שוין קיין צייט נישטאָ צו שרייען אפילו — — — וואָרעם דער מענטש איז אין אַ גרויסער סכנה אין אָט דער וועלט, ווי דאָס ווייס איטלעכער איינער פון זיך („שיחות הר״ן״ און „ליקוטי עצות״).

איינמאָל, — דערציילט ר׳ נתן, — בין איך געשטאַנען פאַר אים און

ער איז געבליבן אויף זיין געלעגער און פון זיין הייליק מויל זענען געפאַלן אַזעלכע דיבורים: דער עיקר איז נאָר — מבטן שאול שוועתי (שיחות הר״ן).

ו) התבודדות.

מען דאַרף פון צייט צו צייט פאַרברענגען אין איינזאַמקייט אויג אויף אויג מיט דער נאַטור: „ס׳איז זייער גוט פרום צו זיין צווישן זיי״ — צווישן די גראָזן און געוויקסן. פאַראַן ביים בראַסלאַווער אַ טייטש זייער אַ מאָדנער וועדליק דעם דקדוק, נאָר זייער אַ שיינער לויט דעם פאָעטישן תוכן זיינעם. ער זאָגט, אַז משיח ווערט אַזוי גערופן דערפאַר, וואָס ער ציט יניקה און איז מקבל זיין כוח „משיח־השדה״ — פון די פעלד־געוויקסן...

ז) שמחה, וואָס שליסט נישט אויס צעבראָכנקייט.

„אַ צעבראָכן האַרץ און עצבות זענען פאַרט נישט די זעלבע זאַך, וואָרעם עצבות איז פון סיטרא אחרא און גאָט האָט זי פיינט; ווידער אַ צעבראָכן האַרץ איז ליב פאַר גאָט און זייער טייער ביי אים. וואָלט כדאי געווען מ׳זאָל האָבן דעם גאַנצן טאָג אַ צעבראָכן האַרץ, אָבער מענטשן ווי איר (ס׳הייסט: מענטשן כשרע, אָבער נישט קיין אויסנאַמען, נישט קיין יחידים שבדור) זענען עס נישט בכוח מקיים צו זיין, מחמת מ׳קען נאָך פון דעם צעבראָכענעם האַרץ, פון דעם לב־נשבר, קומען צו עצבות, וואָס דאָס איז פאַרווערט אינגאַנצן. דעריבער דאַרף אַ מענטש געפינען כאָטש איין שעה אין טאָג, ווען ער זאָל שרייען צו גאָט אין דער מחשבה אַליין, קיינער זאָל נישט הערן — און די רעשט פון טאָג זאָל ער זיין בשמחה״.

„נאָך אַ צעבראָכן האַרץ קומט פרייד, און דאָס — די פרייד — איז דער סימן, צי ער האָט טאַקע געהאַט אַ לב־נשבר (נישט קיין עצבות)״.

ח) אינטימער שמועס („שיחה בינו לבין קונו״).

„אַ מענטש דאַרף זיך געוויינען זיך דורכצושמועסן מיט גאָט ווי מיט זיין רבין און חבר, ווייל ס׳איז מלא כל הארץ כבודו — השם־יתברך געפינט זיך אומעטום״ (פון דעם בראַסלאַווערס שמועסן צום סוף פון ליקוטי מוהר״ן).

„ס׳איז זייער גוט, ווען אַ מענטש קען אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר גאָט ווי אַ זון פאַרן פאָטער, וואָרעם השם יתברך האָט דאָך אונדז אָנגערופן קינדער, ווי עס שטייט: בנים אתם לה׳ אלקיכם. איז גוט פאַר אַ מענטשן אויסצולייגן זיינע רייד און זיין צער פאַר אים, יתברך — — —

ווען אַ ייד וויל שמועסן מיט השם יתברך, אויסלייגן זיינע רייד פאַר אים

און בעטן וועגן דערנענטערונג צו ריכטיקער עבודה, נעמט דער אויבערשטער און וואַרפט כביכול אַוועק אַלע זיינע ענינים און אַלע גזירות, וואָס ער וויל, חס ושלום, גוזר זיין און אַלע עסקים, וואָס ער איז עוסק אין זיי, — אַלץ כביכול וואַרפט ער אַוועק און ווענדט זיך נאָר צו יענעם מענטשן, וואָס וויל ריידן צו אים״ (דאָרט).

ט) דאָס פאַרבינדן תורה מיט תפילה.

ס׳איז גוט צו מאַכן פון דער תורה — אַ תפילה, דהיינו, אַז ער הערט עפּעס אַ תורה־מאמר פון דעם צדיק האמת, זאָל ער מאַכן אַ תפילה דערפון, עס הייסט, ער זאָל בעטן ביי גאָט, אַז דאָס אַלץ, וואָס ווערט אין יענער תורה געזאָגט, זאָל אויך ער זוכה זיין דערצו, און ער איז דאָך נאָך אַזוי וויית דערפון — — ווען פון דער תורה ווערט אַ תפילה, ווערן דערפון זייער גרויסע פריידן דאָרט אויבן (ליקוטי מוהר״ן תנינא, כ״ה).

י) קדושת הברית (הייליקונג אינעם געשלעכטס־לעבן).

צו אַבסאָלוטער הייליקונג אינעם געשלעכט־לעבן איז זוכה נאָר דער צדיק־האמת, וואָס דערגרייכט (זע פריער) דאָס „שלימות פון לשון־הקודש״. בלויז ער איז זוכה צו פולער און דורכאויסיקער באַפרייאונג פון דעם „רע הכולל״ פון אַלע פעלקער, דעם שייטער פון זיבעציק שטערן, דער גרעסטער פון תאוות — דער געשלעכטס־תאוה. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז יעדער מענטש, וואָס וויל אויף אַן אמת דינען גאָט, איז פּטור פון היטן „קדושת הברית״ אויף ווי וויט דאָס איז מעגלעך. וואָס מער ער הייליקט זיך אין אָט דעם פּרט, וואָס מער ער דערגרייכט דאָ — אַלץ מער איז ער מסוגל אויפצונעמען דאָס ליכטיקייט פון דעם צדיק־האמת, ברענגען צו אים, צום צדיק האמת, זיינע תפילות און אים צושטעלן ווערטיקן מאַטעריאַל פאַרן בנין פון דעם משכן, פאַר דעם אויפשטעל פון דער שכינהס קומה־שלימה.

„דאָס איז אַ כלל גדול, אַז קיין שום מענטש איז נישט ביכולת משיג צו זיין דעם צדיקס דיבור, אויב ער האָט פריער נישט מתקן געווען ווי ס׳געהער צו זיין דעם אות ברית קודש״.

„דער עיקר לייטערונג, וואָס מ׳לייטערט אַ מענטשן, און דער עיקר נסיון, וואָס פאַר אים ווערט אַ מענטש געשטעלט, איז אין ניאוף, מחמת דאָס איז די תאווה, וואָס איז כלול פון די אומות, לויטן סוד פון אל אחר (ליקוטי מוהר״ן, י״ט).

יא) דאָס ברעכן די געלט־תאווה און דאָס צדקה־טאָן.

„ממשיך צו זיין פולע השגחה אויף דער וועלט איז נישט מעגלעך, סיידן מ׳צעברעכט פריער די תאווה צו געלט (תאוות הממון), און צעברעכן קען מען זי דורך צדקה״.

„אָט די בחינה, — זאָגט ר׳ נחמן, — איז די בחינה פון משיח־אַנטפּלעקונג, ווייל אַז משיח וועט קומען וועט אָפּגעשאַפט ווערן די תאווה פון געלט, ווי עס שטייט: אין יענעם טאָג וועט דער מענטש אַוועקוואַרפן זיינע זילבער־געצן און זיינע גאָלד־געצן... אַזוי לאַנג ווי ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אָט די געלט־עבודה־זרה — הערשט אויף דער וועלט צאָרן, און ווען דאָס קומט ווי די עבודה זרה ווערט בטל, ווערט אויך בטל דער חרון־אַף — אין דער בחינה פון „רוח אַפּנו משיח ד׳״ (איכה, ד׳). ס׳ווערט אַרונטערגעצויגן חסד אויף דער וועלט, אין דער בחינה פון „ועושה חסד למשיחו״ (תהלים, י״ח). און אַז יענער חסד וועט אַנטפּלעקט ווערן, וועט נמשך ווערן דעת, וואָס דאָס איז דער אויפבוי פון בית־מקדש, אין דער בחינה פון: „ואני ברוב טובך אבוא ביתך״ (דאָרט, ה׳) און ווי עס שטייט אין זוהר: „וימינא דאָ זמין למבני בי מקדשא״, מחמת דאָס איז אין דער בחינה פון דעת, ווי די חז״ל האָבן געזאָגט (ברכות, ל״ג): מי שיש לו דעה — כאילו נבנה בית־המקדש בימיו, — און דאָס איז אויך די בחינה פון דער צוקונפט־תורה (תורה שלעתיד לבוא), ווי עס ווערט געבראַכט אין זוהר, אַז אין די צוקונפטיקע צייטן וועט אַנטפּלעקט ווערן די תורה פון עתיקא סתימאה״ — — — (זע די תורה „אשרי העם״ — ליקוטי מוהר״ן, י״ט).

יב) אומאויפהערלעכע תשובה.

אַפילו אַז אַ מענטש זאָגט: חטאתי, עויתי, פשעתי — קאָן ער עס נישט זאָגן אינגאַנצן אָן אַ פּניה. קומט דאָך אויס, אַז ער דאַרף תשובה טאָן אויף זיין תשובה גופא, אויף דעם חטאתי, עויתי, פשעתי... און אַפילו אַז אַ מענטש ווייס אויף זיכער, אַז ער האָט זיך שוין אומגעקערט בתשובה שלמה, דאַרף ער נאָך אַלץ תשובה טאָן אויף זיין ערשטער תשובה, וואָרעם פריער האָט ער דאָך תשובה געטאָן לויט זיין דאַמאָלסטיקער השגה, דער נישט־פולער, נישט גאַנצער. איצט, אַז ער האָט געטאָן פולע תשובה, האָט ער דאָך דערקענט גאָט מער ווי פריער, קומט דאָך אויס, אַז לויט זיין איצטיקער השגה איז די פריערדיקע השגה זיינע געווען אין דער בחינה פון

גשמיות. און דאָס איז וואָס די חז״ל האָבן געזאָגט: כל הזובח יצרו ומתודה עליו — כאילו כיבדו להקב״ה בשני עולמות (סנהדרין, מ״ג ע״ב). כל הזובח יצרו — דאָס מיינט מען תשובה, ומתוודה עליו — דאָס מיינט מען אַז ער טוט תשובה אויף דער ערשטער תשובה, אויף דער ערשטער השגה זיינער, איז עס פּונקט ווי ער וואָלט געאָכפּערט גאָט אין ביידע וועלטן. פאַרוואָס? ווייל די ערשטע תשובה איז אין דער בחינה פון עולם־הזה, און ערשט נאָך דער תשובה־שלימה, ווען ער איז זוכה צו אַ העכערער השגה און דערקענט גריילעך גוט די גרויסקייט פון זיין געטלעכקייט און טוט תשובה אויף דער ערשטער, נישט־גאַנצער, נישט־פולער תשובה זיינער, — דענסטמאָל איז שוין זיין תשובה אין דער בחינה פון כבוד עולם־הבא (ליקוטי־מוהר״ן, אין דער תורה אויף „קרא את יהושע״).

יג) דאָס אַנהויבן תמיד פון דאָסניי.

אַ גרויסער כלל אין דער עבודה איז — „היום אם בקולי תשמעו״. דאָס הייסט: ער דאַרף אין זינען האָבן נאָר דעם לויפנדיקן טאָג — סיי אין פּרנסה־זאַכן, דהיינו, ער זאָל נישט איבערקלערן וואָס עס וועט זיין מאָרגן, סיי אין דער עבודה. אויך אין דער עבודה דאַרף ער נישט קלערן סיידן נאָר וועגן איין טאָג — דעם טאָג, וואו ער האַלט. אַז ער וויל אַריין אין דער עבודה, דאַכט זיך אַ מענטשן אויס, אַז די לאַסט איז אַ שווערע אַז ער קאָן אַזאַ משא נישט טראָגן. ווען ער טראַכט אָבער, אַז ער האָט נישט מער ווי אָט דעם באַשטימטן טאָג אַליין — וועט עס אים כלל נישט שווער זיין, און ער וועט אויך נישט אָפּשטופּן זיך אַליין פון איין טאָג אויפן צווייטן: מאָרגן וועל איך אַנהויבן, מאָרגן וועל איך מתפלל זיין מיט כוונה און מיט כוח, ווי ס׳געהער צו זיין... דער מענטש האָט נישט פאַר זיך נייערט דעם היינטיקן טאָג. דער מאָרגנדיקער טאָג איז שוין גאָר אַן אַנדער וועלט (יום המחרת הוא עולם אחר לגמרי). „היום אם בקולי״ — גראָד און דווקא היום, היינט, איצט. (ליקוטי־מוהר״ן, רע״ב).

„יעדער שטיקל בר־דעת קאָן פאַרשטיין, אַז צייט איז גאָרנישט, ווייל דער עבר איז שוין נישטאָ, דער עתיד איז נאָך נישטאָ און דער הוה איז ווי אַן אויגנבליק; קומט דאָך אויס, אַז דער עיקר צייט פון דעם מענטשן איז נאָר יענע מינוט, וואו ער האַלט, און אויף דעם דרך קאָן איטלעך איינער זיך באַהעפטן מיטן אויבערשטן איטלעכע מינוט און פון איטלעכן אָרט, אַפילו פון שאול תחתית ממש״.

**
*

די אַלע אויסגערעכנטע וועגן און הנהגות זענען, לויט ר׳ נחמנען, יענע מדרגות, וואָס דערנענטערן אַ מענטשן צום צדק־האמת און וואָס העלפן דעם צדיק האמת צו בויען פאַר אים און פאַרן גאַנצן פאָלק דעם בנין פון אויסלייזונג — אין דער בחינה פון משה־משיח.

משיח־אַנטפּלעקונג וועט קומען נאָר דורך דעם צדיק האמת, אָדער דעם צדיק הדורות, וואָס ער איז כלול פון אַלע נשמות און וואָס ער באַלייכט זיי, די נשמות, מיט זיינע תפילות, עצות און הדרכות. ווען איז דאָס געדעדט געוואָרן? ווען די נשמות דערקענען טאַקע זייער גייסטיקן פאָטער און וועג־ווייזער, זייער לייטערער און רייניקער; ווען זיי געהאָרכן אים און גייען אין די וועגן פון זיין אָנווייז.

וואָס איז אָבער מיט יענע נשמות, וואָס קענען אים גאָרנישט אָדער זיי זיינען אים נישט מקבל — און נישט מחמת שלעכטס, מחמת שאַלק־האַפטיקייט, נאָר מחמת ווייניק פאַרשטיין און קנאַפּ פילן? ווער וועט אָט די נשמות אַ תיקון געבן? ווי אַזוי וועט די הילף פון דער לעצטער גאולה קומען צו דעם גרויסן המון, וואָס ווייסט נישט פון דאַנען אַהין, „פון זיין רעכטער האַנט ביז דער לינקער״?

און דער עיקר: ישראל ווי ישראל, אָבער די אַנדערע אומות — וואָס וועט זיין מיט זיי? ווי אַזוי וועט די גאַנצע וועלט ווערן אויסגעלייזט?

די נביאים ריידן אויף דעם אָפנסטן און קלאָרסטן אופן, וואָס דערלאָזט נישט קיין שום פאַרקרימונג און פאַרקריפּלונג, וועגן דעם, אַז צו אַלע פעלקער וועט לייכטן דאָס ליכט פון משיחן (זע ישעיה, ב׳: והלכו עמים רבים, וכו׳; ישפוט בין הגויים והוכיח לעמים רבים, וכו. — דאָרט, מ״ט, ו׳: ונתתיך לאור גוים, להיות ישועתי עד קצה הארץ. — צפניה ג׳, ט׳: כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה, לקרוא כולם בשם ד׳, לעבדו שכם אחד. — מלאכי, א׳, ב׳: כי ממזרח שמש עד מבואו גדול שמי בגויים, ובכל מקום מקטר מוגש לשמי, וכו׳).

פרעגט זיך: פונוואַנען וועט קומען און ווי אַזוי וועט זיך אַנטפּלעקן צו די ווייטע און פרעמדע די תורה פון אמת און ווער וועט די שווערע פינצטערע כמאָרעס, וואָס פאַרהוילן דעם אמת פאַר זיי, פונאַנדער־טרייבן? ווער וועט איינעמען די אַלע פעסטונגען, וואָס די פינצטערניש האָט

אויפגעשטעלט אַרום פעלקער, פעסטונגען, וואָס דערלאָזן נישט, אַז דאָס אמתע ליכט פון ישראלס תורה (נישט דאָס, וואָס איז אָנגעקומען צו זיי דורך פאַרקריפּלונגען און פעלשונגען) זאָל צו זיי, צו די פעלקער, דערגרייכן? דער רמב״ם פאַרשטייט דעם ענין פון משיחס כיבושים איינפאַך, על־פי־פשט: ער, דער מלך המשיח, וועט איינעמען פעלקער מיט די חיילות זיינע און וועט זיי צווינגען אָנצונעמען דעם עול־מלכות־שמים, דערהויפּט מקיים צו זיין די זיבן מצוות פון די בני־נח.

די קבלה אָבער לאָזט זיך דאָ אַריין אין אומגעהייערע טיפקייטן.

דער רבּ מליאַדי („תניא״, פל״ו) זאָגט, אַז אין די צייטן פון קץ וועט געלייטערט ווערן די גשמיותדיקייט פון דעם גוף און פון דער וועלט, און פון דעם איבערפלוס פון ליכט, וואָס וועט לייכטן צו ישראל, וועט אויך אויפהעלן דער חושך פון די פעלקער.

אָבער פאַרט — ווי אַזוי וועט קומען דערצו, ווי אַזוי וועט עס געשען? ווי אַזוי וועט דאָס משיח־ליכט — מעג עס ווי גרויס זיין אין דעם פאָלק ישראל — אָנקומען צו די אומות־העולם, וויבאַלד יענע ווילן גאָר נישט מקבל זיין דאָס ליכט? עס זעט דאָך אויס, ווי זיי וואָלטן מיט גוואַלד צוגעמאַכט די אויגן, נישט צו זען דעם אמת.

דער מלך־המשיח וועט ווייזן וואונדער. אָבער דער מענטש, ווייסן מיר דאָך, איז אַ בעל בחירה, און די פרייקייט פון דער בחירה נעמט גאָט ביי מענטשן נישט צו, סיידן נאָר אין אַ גאָר באַזונדערער נויט־צייט און אויך דאָס נאָר אויף אַ קורצער וויַיל — היינט ווי אַזוי וועט גאָט פּלוצלונג „אַוועקנעמען״ דאָס שטיינערנע האַרץ פון פעלקער, וואָס האָבן אויסגעקליבן דאָס שלעכטע? ווי וועט ער נויגן דאָס האַרץ זייערס, אים צו דינען?

פאַראַן אַסך און פאַרשידענע וועגן, וואָס פירן צום פאַרענטפער פון אָט דער פראַגע. זיי געפינען זיך אין די עיקרדיקע חסידישע ווערק, באַזונדערס — אין די ספרים פון חב״ד (זע, דער עיקר, דעם ספר החינוך פון דעם וואונדערלעכן מעמיק אין דער פאָרשונג פון געטלעכקייט, ר׳ דובער, דעם זון פון הרבּ מליאַדי).

אַן איינציקאַרטיקער דרך ווי צו פאַרענטפערן אָט די פראַגע — און די ענלעכע פראַגן — געפינט זיך אויך אין אַ טיף־שבטיפן מאמר וועגן „כללות הנסים״, צום סוף פון דעם בערדיטשעווערס „קדושת לוי״.

אָבער צווישן אַלע זוכער און וועג־פאַרבאַרייטער פון משיחן איז דער

בראַסלאַווער דער איינציקער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף וועגן כמעט אָפּענע און באַשײנפּערלעכע, וואָס דורך זיי קענען מיר משיג־זיין, ווי אַזוי גאָט וועט אַוועקנעמען „דאָס האַרץ פון שטיין" ביי די מינדערווערטיקע צווישן יידן גופא; ווי אַזוי ער וועט — דורך משיחן — באַשענקען די פעלקער מיט אַ קלאָרער שפּראַך, אַז זיי זאָלן אַלע רופן זיין נאָמען; ווי אַזוי משיח וועט משפיע זיין דאָס ליכט זיינס אויף די וואָס זיינען לחלוטין ווייט פון אים און פון זיין פאָלק — ווייט סיי אין אָפּשטאַם, סיי אין אָרט, סיי אין דעת, סיי אין אויפפיר און געוואוינהייט, סיי אין אמונה און לעבנס־שטייגער.

אין דעם בראַסלאַווערס ספרים קומט דאָס אַלץ צעוואָרפן און צעשפּרייט, נאָר אַז מען בינדט עס צונויף איינס מיט אַנאַנדער — באַקומט זיך אַ גאָר באַזונדערע שיטה מכוח די געזעצן פון גייסטיקער השפעה, מכוח די שרשים פון נשמות און זייערע גלגולים, מכוח די נשמות פון ישראל, ווי זיי ווערן אָפּן אַנטפּלעקט, און יענע ישראל־נשמות, וואָס זיינען געפאַנגען, פאַרהוילן און פאַרבאָרגן — אָפּט אַליין דערפון נישט וויסנ־דיק — צווישן די פיל און פאַרשידענע אומות פון דער וועלט. יענע נשמות ליידן און קומען אָפּ, אָפּט נישט וויסנדיק פאַר וואָס און פאַר ווען, ביז ס׳וועט סוף־כל־סוף אויפגיין איבער זיי דאָס גאולה־ליכט פון ישראל, באַזונדערס — דאָס ליכט פון דעם צדיק האמת, און שפּעטער, צום סוף פון די טעג — אויך דאָס ליכט פון דעם לעצטן צדיק־האמת: דעם מלך המשיח.

אין דער תורה אויף „ויהי הם מריקים שקיהם" (אין ליקוטי מוהר״ן, י״ז) ווערט וועגן דעם ענין אַ סך גערעדט. דאָס גוטע און ליכטיקע, וואָס איז געפאַנגען אין די ספרים און אמונות פון די פעלקער אין דער בחינה פון יידישע נשמות און פון דעם „דיבור ישראלי", בענקט צום קוואַל; די פאַרבאָרגענע טיילן פון די נשמות־ישראל טוען דאָס זייעריקע אין באַ־העלטעניש, און עס קומט די צייט, ווען אָט דאָס ליכטיק־גוטע הויבט אָן שטאַרק זיך צו רייסן צום קוואַל, פון וואַנען עס קומט. אַזוי ווי דאָס פאַר־בלאָנדזשעט־ישראלדיקע האָט זיך שוין זייער שטאַרק איינגעוואָרצלט און איינגעפעסטיקט בעת דער געפאַנגענשאַפט, איז ווען אָט דאָס גוטע הויבט זיך אָן אומצוקערן צו זיין שטאַם־אָרט — שלעפּט עס מיט מיט זיך

און רייסט אַרויס שטיקער פון שלעכטס; און דאָס איז די בחינה פון גרים.

ווער עס וועט זיך אין אָט די ווערטער אַריינלייענען מיט ריכטיקן אַריינהאָרך און קלאָרער פאַרטיפונג און דערביי וועט ער זיך באַפרייען פון מתנגדישער אָדער משכילישער באַציאונג צו די שאַפער פון חסידות בכלל און צום אָריגינעלסטן און וואונדערלעכסטן צווישן זיי — דעם בראַסלאַווער — בפרט, יענער וועט אין אָט די ווערטער געפינען אַ פּתרון, אַ תהומותדיקן און אַ הימלישן צוגלייך, צו די גרויסע פלוצלונגע התגיירות־באַוועגונגען, וואָס זיינען כסדר אויפגעקומען — און קומען אויף — צווישן די פעלקער פון דער וועלט, פון דער התגיירות־באַוועגונג צום סוף פון בית־שני ביז צו דער התגיירות־באַוועגונג פון די סובאָטניקעס אין רוסלאַנד און איצט, שוין אין אונדזערע צייטן, אין ווייטע דערפער פון וואָלין און פאָדאָליע *) — אָן שום דירעקטער השפעה מצד יידן, פאַרקערט גאָר, ביי אַ דערווייטערונג מצד אַ סך יידישע קרייזן, וואָס האָבן זיך ליב צו פאַררופן אויפן מאמר: קשים גרים לישראל כספחת, און פאַרגעסן דערביי אַ צווייטן מאמר: „לא גלו ישראל אלא בכדי שיתווספו עליהם גרים".

די התגיירות־באַוועגונגען צווישן פאַרשיידענע אומות און אין עפּאָכן, וואָס זיינען ווייט און אַנדערש איינע פון דער אַנדערער, וואַקסן תמיד אויס פון זיך אַליין, קומען אויף און פאַרשפּרייטן זיך אָן שום הילף מצד וועמען עס איז — און ווערן פאַרהאַלטן אין זייער גאַנג בלויז דערפאַר, וואָס די שונאים פון אָט די באַוועגונגען זעען אין זיי אַ סכנה פאַר זייער פּאָליטיק און זייערע אויסרעכענונגען. עס האָט אָבער נישט זעלטן פּאַסירט, אַז זיי האָבן זיך אַרויסבאַקומען פונעם באַהעלטעניש און אַרויסגעפּלייצט מיט נאָך אַ גרעסערער גבורה ווי פריער.

אַ געזעץ ווירקט אין די טיפענישן פונעם גוטס, פון יענעם גוטס, וואָס איז דורות־לאַנג אין געפאַנגענשאַפט און דערנאָך גייט עס אַרויס — אונטער אַ ווייטער השפעה פון דער אויבערשטער קדושה — סיי אויף אַן אָפן־ניכרדיקן אופן, סיי אויף אַן אופן אַ פאַרשטעלטן (דהיינו, דורך דעם, וואָס דאָס

*) באַמערקונג פון א. צ. — מיין פאָטער ז״ל האָט געקענט אַזעלכע גרים און האָט געפירט מיט זיי שמועסן. זיי זענען געקומען קיין וואַרשע און ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיי (זע דעם אַריינפיר.)

גוטע ווירקט ווי אַ גוואַלדיקע אַנטי־שלעכטס־רעאַקציע אויך אין דער מחשבה פון דעם שלעכטס־טוער גופא, אַזוי, אַז פון יענער אינערלעכער, פאַרבאָרגענער רעאַקציע קומען — דורך געבורט — גרים אין פּאָטענץ אָדער אין פאַקט). דאָס זעלבע געזעץ, וואָס ווירקט אינעם גוטס, ווירקט אויך אינעם שלעכטס. מיר זעען עס היינטיקע צייטן: דאָס געצנדינסט, וואָס איז דורות־לאַנג געווען אונטערדריקט דורך דעם ביסל גוטס, וואָס איז אָנגעקומען צו די פעלקער דורך אַ שאָטן־פון־אַ־שאָטן יידישקייט, האָט זיך איצט מיט גוואַלדיקער קראַפט אַרויסאַנטפּלעקט, אַרויסגעריסן פון באַהעלטעניש מיטן כוח פון דעם „עומק הרע", מיט אַ מוראדיקער ווילנס־קראַפט, פול מיט חשק צו צעשטערן און אויסצעוואָרצלען. פון זיין זייט טוט דאָס גוטע דאָס זייניקע אין די נשמה־טיפענישן פון די פעלקער און עס וועבט זיך ווייטער דער „דיבור הישראלי", און אָט דאָס גוטע וואָלט דווקא איצט אָנגעמאַכט דעם גרעסטן חורבן אין קעניגרייך פון געצנדינסט, נאָר ס'איז נאָך אַצינד נישטאָ יענער לעצטער צדיק האמת, יענער לעצטער דערלייזער פון ר׳ נחמנס וויזיע, וואָס זאָל זאַמלען פאַרשטויסענע, צונויפנעמען די פאַרוואָגלטע פונקען פון קדושה, זיי צונויפבאַהעפטן און אויפשטעלן פון זיי אַ קאָסמישע קראַפט, אַזאַ הייליקייט שבהייליקייט און אַזאַ גבורה שבגבורה, וואָס זאָל דעם גייסט פון טומאה פאַריאָגן און פאַרטיליקן פון דער ערד...

קאַפּיטל כט.

פון „ליקוטי מוהר״ן״*)

(עצות, הנהגות, ווענן צו גאָט)

ווער עס האָט מיט עפּעס פאַראומרייניקט זיין געשלעכט־לעבן, פון יענעם ווערט אָפּגענומען די גאָב פון תפילה.

דער יצר־הרע איז דער עיקר אָפּגעלייגט אויף צו פאַרפלעקן אונדזער געשלעכט־לעבן: אין דעם לייגט ער אריין זיין גאַנצע טומאה.

דורכן אָנקוקן דאָס געזיכט פונעם צדיק ווערן בטל אַלע שלעכטע מדות, וואָס שטאַמען פון דעם ערדישן, בהמהשן און חיהשן, — שווער־געמיט, פוילקייט, בייזקייט און אַלץ, וואָס שטאַמט פון זיי.

ווען דו קומסט צום תלמיד־חכם מוזסטו פאַר אים אויסרעדן דיין גאַנץ האַרץ, דען דורכדעם ווערסטו פאַראייניקט מיט דעם אין־סוף.

דורכדעם, וואָס אַ מענטש האָט אַן אַנדער ווילן, אויסער דעם ווילן פון דעם אויבערשטן, באַקומט די אויסערלעכע מאַכט אַ שליטה. דער מענטש זאָל קיין אַנדער ווילן ניט האָבן, אויסער דעם ווילן פון השי״ת: יאָ געלט, ניט געלט, יאָ קינדער, ניט קינדער — אַלץ נאָר ווי גאָט באַ־גערט.

---

*) איבערגעזעצט פון מיין פאָטער; גענומען פון זיין בוך „חסידות״ („נייער פאַר־לאַג״, וואַרשע, 1922). — א. צ.

דער מענטש ברויך צו זאָגן: די וועלט איז נאָר צוליב מיר באַשאַפן געוואָרן (באַשטייט נאָר אין מיר), און דעריבער ברויך איך אויסצובעסערן די וועלט און אין געבעט אויפהויבן זי.

דער מענטש ברויך צו טאָן מצוות מיט אַזאַ שמחה, אַז ער זאָל גאָרניט באַגערן קיין שכר פאַר זיי, ניט אויף דער וועלט, ניט אויף יענער, אויסער דעם איין און איינציקן שכר, אַז דער אויבערשטער זאָל אים פאַר איין געטאָנענער מצוה צושיקן נאָך אַ מצוה.

אַ מענטש דאַרף וואָס ווייניקער זאָרגן פאַר דעם אייגענעם כבוד און וואָס מער פאַר דעם אויבערשטנס כבוד. ער זאָל גאָרנישט יאָגן זיך נאָך כבוד, נאָר אַנטלויפן זאָל ער פון כבוד, ערשט דעמאָלט וועט ער זוכה זיין צו אַ געטלעכן כבוד און דאַן וועלן מענטשן אויפהערן חוקר־ודורש זיין צי קומט אים כבוד, צי ניין. אַנדערש איז ווען דער מענטש יאָגט זיך נאָך כבוד, וואָרעם דאַן איז ער צו אַ געטלעכן כבוד ניט זוכה, און דעריבער — ווען ער האָט אַפילו כבוד — הערן מענטשן ניט אויף צו חוקר־ודורש זיין וועגן אים: ווער איז ער און וואָס איז ער, וואָס מען אַכט אים אַזוי? צי האָט ער טאָקע פאַרדינט כבוד?...

דער ענין פון תשובה באַשטייט דערין: ווען ער (דער בעל־תשובה) הערט, ווי מען איז אים מבזה, זאָל ער שווייגן און ליידן אַלערליי בזיונות און שפיכות־דמים, דען דורכדעם ווערט ווייניקער זיין בלוט וואָס פליסט אין לינקן חלל פון זיין האַרצן. דורכדעם איז ער מבזה זיין אייגענעם יצר־הרע און דורכדעם איז ער זוכה צו געטלעכן כבוד.

תשובה איז אין דער בחינה פון אהיה *) (איך וועל זיין), דען פאַר דער תשובה האָט ער גאָר קיין זיין ניט געהאַט, גלייך ווי ער איז גאָר אויף דער וועלט ניט געווען, וואָרעם עס וואָלט פאַר אים פיל בעסער געווען, אַז ער זאָל גאָרנישט באַשאַפן־ווערן. נאָך דער תשובה איז ער אָבער אין

*) לויט דער קבלה דערגייט תשובה ביז דער ספירה פון בינה און בינה ווערט באַצייכנט מיטן הייליקן שם אהיה.

דער מדרגה פון אהיה — פון היינט אָן וועל איך שוין עפּעס באַדייטן אויף דער וועלט *).

תשובה איז אין דער בחינה פון כתר, דען כתר הייסט אויך וואַרטן (כתר לי זעיר) און צו דעם בעל־תשובה זאָגט מען: „וואַרט אַ ווײַלע, מיר וועלן דיר אַלע העלפן"... דער בעל־תשובה דאַרף אַפּילו, וואָס אַן אמת, אַנטלויפן וואָס גיכער פון זינד, דערביי מוז ער אָבער (ביים אַריינגיין אין קדושה) געלאַסן זיין און גיין מדרגותווייז, לויט ווי דער אמתער צדיק לערנט אים, דען עס איז נישט מעגלעך אַריינצוקומען מיט אַמאָל אין דער קדושה.

אַ מענטש דאַרף אייביק תשובה־טאָן, ווייל אַפילו בעת ער זאָגט: חטאתי, עויתי, פשעתי, זאָגט ער עס ניט אָן אַ כונה. מוז דעריבער דער מענטש שטענדיק תשובה טאָן ניט נאָר אויף זיינע זינד, נאָר אויך אויף זיין פריערדיקער תשובה.

ווען אַ מענטש וויל גיין אין די וועגן פון תשובה, מוז ער האָבן צוויי־ערליי קענטענישן: קענטעניש אין אַרויפלויפן (אַרויפשטרעבן — „רצוא") און קענטעניש אין צוריקקערן (צוריקגיין, אָפּשטעלן זיך — „שוב"); קענטעניש אין אַריינגיין און קענטעניש אין אַרויסגיין. „פלי איך אין הימל — ביסטו דאָרט, נידער איך אין שאול אַריין — ביסטו דאָרטן אויך". אַ מענטש קען אַנדערש ניט טאָן קיין תשובה, ווי ער באַשליסט ניט פעסט אין זיין דעה, אַז סיי ער וועט פליען הימל־הויך און סיי ער וועט אַראָפּ־פאַלן פון זיין מדרגה און וועט זינקען אין שאול־תחתיה, וועט ער זיך דאָך ניט מיאש זיין און וועט זיך באַפעסטיקן און שטאַרקן אין עבודת השי"ת, דען אויך אין שאול־תחתיה געפינט זיך דער אויבערשטער, אויך דאָרט איז ער גרייט צו העלפן און אויך דאָרט קען מען צו אים נאָענט זיין. ווען דער מענטש פאַרמאָגט בײדע סאָרטן קענטעניש, גייט ער אין די ריכטיקע וועגן פון תשובה און איז זוכה צו גאָטס כבוד.

---

*) דער הייליקער שם „אהיה" איז מרמז, לויט דער קבלה אויף בינה און אויך, נאָך העכער, אויף כתר.

דער גאַנצער גלות קומט נאָר דערפון, וואָס עס פעלט גלויבן.

פאַראַן מענטשן, וואָס טוען אַן אַלע נסים אין אַ דרך־הטבע; אַז עס וועט אַ סוף נעמען צו די אַלע אַפּיקורסים, וואָס גלויבן ניט אין קיין נסים און די אמונה וועט פאַרשפּרייט ווערן, וועט משיח קומען, דען די גאַנצע גאולה איז נאָר פון דעם אָפּהענגיק: פונעם גלויבן.

דער מענטש קען אַנדערש ניט קומען צום אמת, ווי נאָר דורכדעם וואָס ער ווערט (אין גייסט) נאָענט צו צדיקים און פאָלגט זייער ראָט און קערט פון זייערע ווערטער ניט אָפּ רעכטס אָדער לינקס. דורכדעם ווערט די וואָרהייט איינגעקריצט אין זיין האַרצן און ער איז זוכה צו גלויבן, צו תפילה, צו ארץ־ישראל, צו נסים; און דורכדעם וועט די גאולה קומען.

ווען דער מענטש נעמט אויף אין זיך די געדאַנקען פון צדיקים, ווערט דערפון אַ מין הייליקע חתונה און אַ הייליק צוזאַמענלעבן, דען דורך אָט די געדאַנקען נעמט דער מענטש אויף אין זיך די הייליקע זוימען פונעם צדיקס גייסט. הייסט עס, אַז דעם מענטשנס געשלעכט־לעבן ווערט דורכדעם פאַרפיינערט. פאַרקערט, ווען מען נעמט אויף געדאַנקען פון רשעים, הייסט עס: חתונה־געהאַט מיט דער קליפה, און די עצות זייערע (פון די רשעים) זענען ווי די עצות פונעם שלאַנג מיט זיין אומריינקייט (זוהמה), און דאָס געשלעכט־לעבן פונעם מענטשן ווערט דורכדעם פאַר־ערגערט.

דאַוונען, וואָס דאָס איז איינס מיט גלויבן, שטאַרקט דאָס געדעכעניש. מען ווערט ניצול דורכן דאַוונען פון פאַרגעסן, וואָס דאָס איז דאָס זעלבע, וואָס מאַנגל אין גלויבן.

איידער דער מענטש ווערט מקורב צום צדיק האמת איז ער נאָך פון די, וואָס אויף זיי שטייט: „השמן לב העם הזה ואזניו הכבד ועיניו השע״, דען זיין האַרץ איז פאַרשטאָפּט און זיינע אויערן זענען פאַרמאַכט און זיינע אויגן זענען בלינד פון צו זען דעם אמת און דערוועקט צו ווערן צו תשובה; ווען ער ווערט אָבער נאָענט צו צדיקים און פאַרנעמט זייער עצה, ווערן

ביי אים האַרץ און אויערן און אויגן אויפגעעפנט און ער זעט און ער הערט און פאַרשטייט דעם אמת און איז זוכה צו תשובה.

פון דעם צדיק הדור אָדער פונעם רב הדור באַקומט מען דעם אָטעם פון לעבן: און דורכדעם באַקומט מען די מעגלעכקייט אויסצובעסערן יעדן חסרון דורך אַ זיפץ.

ווען דער מענטש שיידט אָפּ און טיילט אָפּ און טרייבט אָפּ און ראַט אויס אַלדאָס בייז אין זיך, אַזוי, אַז עס בלייבט אים פון קיין שום מידה קיין שום שלעכטס ניט און ער איז זיכער, אַז ער וועט שוין אין קיין זינד ניט געשטרויכלט ווערן, דאַן איז ער אין דער בחינה פון אַ צדיק גמור און קען פאַרפירן אַ קאַמף קעגן די רשעים. דאָס נעמלעכע איז אויך, ווער עס איז מקורב צו אַזאַ צדיק גמור, קען ער אויך פאַרפירן אַ קאַמף מיט די רשעים. אָבער דער וואָס האָט דאָס בייזע ניט אָפּגעשיידט פון זיך אין גאַנצן און עס ליגט נאָך אין אים די מעגלעכקייט צו זינדיקן, כאָטש בעצם זינדיגט ער נישט, הייסט ער נישט קיין צדיק גמור און ער ברויך ניט צו פאַרפירן קיין קאַמף קעגן די רשעים.

ווען מען טוט תפילה אויף אַ זאַך, כאָטש דורך דער תפילה ווערט די בקשה דערפילט, פונדעסטוועגן — איז עס נאָך אַלץ נאָר אין דער מעג־לעכקייט. בלויז דורך דער תורה ווערט פון דער מעגלעכקייט — ווירק־לעכקייט, נאָר דורך איר ווערט דעם מענטשנס פאַרלאַנג דערפילט.

די רשעים, וואָס זענען ניט צוגעבונדן צו צדיקים, זענען לעבעדיקע מתים, דען זיי האָבן ניט פון וועמען צו באַקומען דעם אמתן לעבענס־אָטעם.

דער צדיק הערט אַלע זיפצן פון די, וואָס זענען צוגעבונדן צו אים, דען פון אים שטאַמט דאָס לעבן פון יעדן איינציקן פון זיי.

דאָס גאַנצע לעבעדיקייט באַקומט מען נאָר פון תפילה. מוז מען

דאַוונען מיטן גאַנצן כוח, כדי אַריינצולייגן דעם גאַנצן כוח אין די אותיות פונעם דאַוונען.

ווען אַ מענטש שטעלט זיך דאַוונען קומען אַלערליי ווילדע געדאַנקען און אַלערליי קליפות און רינגלען אים אַרום, ביז ער בלייבט אין דער פינצטער און קען ניט דאַוונען. וואָס־זשע טוט מען דערצו? זע, אַז אַלע דבורים, וואָס דו רעדסט אַרויס, זאָלן אַרויסגעזאָגט ווערן מיט אַ רעכטן אמת, וואָרעם דאַן וועט יעדעס וואָרט דיינס זיין אַ טויער, וואָס וועט דיך אַרויספירן פונעם חושך אין וועלכן דו ביסט געפאַנגען און וועסט זוכה זיין תפילה צו טאָן ווי עס געהער צו זיין.

פאַרשטיי זשע עס וואויל, דען דאָס איז אַ גרויסער כלל און אַ גרויסער יסוד אין עבודת השם פון וועלכן אַלץ איז אָפּהענגיק, אַז ווען דער מענטש איז איינגעזונקען, חס ושלום, אין פינצטערניש און ער איז דאָרט פאַר־שפאַרט און איינגעשלאָסן דורך פאַרקריפּלטקייטן, וואָס רינגלען אים אַרום פון אַלע זייטן און לאָזן אים ניט צוטרעטן צו דער קדושה, זאָל ער ציען נאָר צום אמת און זאָל אויסקוקן און זוכן נאָר דעם אמת. און אַזוי איז אויך אין דאַוונען. כאָטש דער מענטש קען אַמאָל גאָרנישט דאַוונען, מחמת דעם גרויסן חושך (וואָס רינגלט אים אַרום), פונדעסטוועגן זאָל ער זיך באַמיען אויסצורעדן איטלעך וואָרט מיט אַן אמת, אין וואָס פאַר אַ ני־דעריקער מדרגה ער זאָל ניט זיין; און ווען דער מענטש זוכט די וואָרהייט מיטן פולן האַרצן, איז גאָר נישטאָ קיין פינצטערניש, וואָס זאָל זי אים פאַרשטעלן, דען די וואָרהייט, דאָס איז דאָס ליכט פון דעם אויבערשטן אַליין. לויט דער גרויסקייט פון דער וואָרהייט, אַזוי רוט דער אויבערשטער ביים מענטשן און באַלויכט אים און באַווייזט אים ווי אַזוי אַרויסצוגיין פונעם חושך און פון דער קליפּה, וואָס שטערט זיין דאַוונען און זיין עבודה. און דורכדעם איז ער (ד. ה. דער דאַוונער) מתקן אַלע עולמות.

דורכדעם וואָס דער מענטש (דער זינדיקער) ווערט דערוועקט צו גאָט מיט אַן אמת, איז ער זוכה אויפצואוועקן אַנדערע רשעים, וואָס זענען פאַרזונקען אין חושך, און זיי מחזיר בתשובה צו זיין.

אַ מענטש מוז זיך באַמיען צו קומען צו אַזאַ מדרגה, אַז זיין האַרץ זאָל אויסגעגאָסן ווערן ווי וואַסער פאַר גאָט, און דאַן קומט משיח.

דורכדעם, וואָס מענטשן לייקענען אין וואונדער און מיינען, אַז אַלץ קומט פאַר נאָר בדרך הטבע, פאַלן זיי אַריין אין גלות.

מבטל זיין די גאוה, וואָס דאָס איז די אמתע עבודה־זרה, קען מען נאָר דורכן נאָענט זיין צו צדיקים.

דורכדעם, וואָס מען איז מבטל די גאוה, איז מען זיך מתגבר איבער די דינים.

דורכדעם, וואָס מען ווערט נאָענט צום צדיק, איז מען זוכה צום גלויבן און די כפירות ווערן בטל.

תשובה האָט דעם זעלבן זין, וואָס ראש־חודש *). דעריבער, ווען עס קומט ראש־חודש, נידערט אַראָפּ דער תשובה־געדאַנק אין אַלע באַשעפענישן. אַפילו די רשעים באַקומען אַ וואָסער ניט איז חרטה. ווען עס קומט ראש־חודש: עפּעס פאַרדריסט זיי דאַן, זענען זיך מודה (אין זייערע זינד) און שעמען זיך.

די גאַנצע גרויסקייט פונעם אויבערשטן ווייזט זיך אַרויס דאַן, ווען די גאָר־וויטע ווערן נאָענט צו זיין עבודה; דערמיט ווערט טייער און דערהויבן זיין נאָמען יתברך. דעריבער האָט דער מענטש ניט וואָס צו מיאש זיין זיך און ער דאַרף נישט מורא האָבן נאָענט צוצוגיין צום אויבערשטנס דינסט דערפאַר, וואָס ער האָט זייער פיל שלעכטס געטאָן ח״ו; דען דווקא פון איר (פון זיין תשובה) ווערט דעם אויבערשטנס כבוד דערהויבן. אָבער דער ווייטער קען אַנדערש ניט נאָענט ווערן צו השי״ת, ווי נאָר דורך די צדיקי־הדור.

---

*) יעדע באַנייאונג פון דער לבנה איז, לויט דער מיסטיק, אויך אַ באַנייאונג פון לעבן.

דורכדעם וואָס דער מענטש רעדט דבורים אין דער תורה, לייכט אים יעדער דבור אין אַלע ערטער וואו ער ברויך צו טאָן תשובה און דורכדעם איז זיין תשובה אָן עכטע תשובת־המשקל.

דורכדעם, וואָס דער מענטש האַלט זיך קליין און נידעריק און קוקט גאָרנישט אויף זיין אייגענעם כבוד, איז דעם אויבערשטנס כבוד בשלימות און ער (דער מענטש) איז זוכה צו אַזעלכע דבורים, וואָס לייכטן אים אין דער תשובה, און ער איז זוכה צו קומען צום ריכטיקן און טיפן אַריינ־טראַכטן זיך אין דער תורה.

גאוה איז עבודה זרה, דורך איר קען ער (דער מענטש) אַ מויל ניט עפענען און האָט גאָר קיין כלי ניט אויף אַרויסצורעדן ליכטיקע דבורים, און ווען די תורה קומט שוין יאָ אַריין אין זיין מויל, איז לאַ די, וואָס די דבורים פון דער תורה לייכטן אים ניט, נאָר אויך די תורה גופא ווערט אין זיין מויל מגושמדיק און פאַרפינצטערט.

גאוה און ניאוף האָבן אַ נאָענטע שייכות. ווען דער מענטש פירט אַ ריין געשלעכט־לעבן און ווערט אָפּגעהיט פון גאוה, איז ער זוכה צום ליכט, וואָס לייכט אים אַריין אין זיין תשובה.

ווער עס פירט אַ ריין געשלעכט־לעבן, איז כאָטש ער אַרבעט און האַנדלט זענען אַלע אַרבעטן און מלאכות זיינע אַזוי ווי די מלאכות המשכן, וועלכע זענען (אין דער זעלבער צייט) ל״ט אורות. פאַרקערט, ווער עס פאַרפלעקט זיין געשלעכט־לעבן, לויפט נאָך אים נאָך דער דלות און ער שלעפּט אַרויף אויף זיך דעם עול הפּרנסה, וואָס איז איינס מיט ל״ט מלאכות און ל״ט מלקות.

דורכן ריינעם געשלעכט־לעבן איז דער מענטש זוכה צו הלכה און צו קבלה און צו די העכסטע געהיימנישן („רזין דרזין״).

אַ מענטש דאַרף זיך דערווייטערן פון גרויסהאַלטן־זיך ביז צום לעצטן, און ניט אַז ער זאָל זיין אַן עניו צוליב גדלות, דאָס הייסט: ווייל ער

ווייסט, אַז לייט פאַראַכטן גאווה, דערפאַר וויל ער זיין אַן עניו, כדי זיי זאָלן אים טייער־האַלטן און אַכטן. אַט די עניוות איז ערשט די ערגסטע גאווה.

גרויס־האַלטן־זיך איז — זיבן בתי־עבודה־זרה צוזאַמענגענומען.

ווען אַ מענטש לערנט בקדושה ובטהרה אַ וואָסער ניט איז דין אָדער אַ פסק, וואָס אַ תנא אָדער צדיק האָט אויפגעטאָן, ווערט דערפון נשיקין, און דאָס איז התדבקות רוחא ברוחא (גייסט מיט גייסט באַהעפט), דען דער גייסט פונעם תנא ווערט באַהעפט מיט דעם גייסט פון דעם, וואָס לערנט, און עס איז ווי ער קושט זיך מיטן תנא און פאַרשאַפט אים תענוג.

ווען דו זעסט, אַז אַ למדן קריגט אויף אַ צדיק און פון גרויס גאווה רעדט ער אויף אים אויס אַלדאָס בייז, ווייס זשע, אַז מיט זיין קריגן און רעדן שלעכטס אויפן צדיק דאָ אונטן — האָסט ער און פאַרפאַלגט אויך דעם הימלישן צדיק, יענעם צדיק, וואָס האָט אויפגעטאָן די תורה, וואָס דער היגער צדיק לערנט. די גאַנצע קראַפט, וואָס דער למדן האָט צו קענען רעדן שלעכטס אויפן צדיק, נעמט ער פון תורה שבעל־פה, דען די הויפט־למדנות איז אין גמרא און פוסקים, וואָס דאָס איז תורה שבעל־פה, דאָס הייסט, אַז די תורה שבעל־פה גיט אים פתחון־פה צו ריידן אויף צדיקים. דען אין דער תורה זענען תמיד פאַראַן צווייערליי משמעותן: אַ משמעות צום גוטן און אַ משמעות פאַרקערט און — צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם (צדיקים גייען און פושעים ווערן געשטרויכלט). דער למדן, וואָס רעדט אויף צדיקים, לערנט נאָר פון גרויסקייט וועגן, כדי מיט זיין למדנות אַנדערע צו דערנידעריקן, פון דער תורה נעמט ער נאָר שמד־שטיק אַרויס און זעט אין איר די ניט גוטע משמעות. דעריבער זענען מיר, אַז דער למדן (וואָס רעדט אויף צדיקים) טוט קיין תשובה ניט, כאָטש בעצם האָט דאָך די תורה, וואָס ער לערנט, געדאַרפט ברענגען אים צו תשובה; אָבער מחמת דעם, וואָס ער זעט אין דער תורה נאָר די פאַרקערטע משמעות, וויל ער קיין תשובה ניט טאָן און „פושעים יכשלו בם".

דער מענטש, וואָס לערנט תורה לשמה, פאַרבינדט זיך אין גייסט מיט דעם תנא, וועלכער האָט געזאָגט דעם אויפטו, וואָס ער לערנט, און דורכדעם טוט ער תשובה און באַנייט זיינע טעג, וואָס ער האָט אין חושך פאַרבראַכט, דען ער זעט אין דער תורה נאָר די גוטע משמעות. אַזאַ תלמיד־חכם דאַרף וויסן, אַז ווען ער זעצט זיך לערנען, הערט דער צדיק אין גן־עדן זיין קול.

דורכדעם, וואָס מענטשן פרייען זיך מיט יסורים און טוען גוטס מחמת ליבשאַפט, הויבן זיי אויף די שכינה צו דער מדרגה פון חבוק (אַרומנעמונג).

ווען דער ערלעכער למדן לערנט די תורה פון אַ תנא, קערט ער אום די נשמה פונעם תנא אין זיין (דעם תנאס) קערפּער אַריין.

דורכדעם וואָס מען צעברעכט די תאוה צו געלט, איז מען ממשיך השגחה.

כל־זמן עס איז נאָך דאָ אויף דער וועלט יענע עבודה־זרה, וואָס הייסט יאָגן זיך נאָך געלט, איז נאָך דאָ צאָרן אויף דער וועלט. אין דער מאָס אָבער, וואָס אָט די עבודה־זרה ווערט בטל, ווערט בטל דער צאָרן אויף דער וועלט און עס ווערט נמשך חסד. קומט אויס, אַז דורכדעם וואָס מען צעברעכט די תאווה צו געלט, איז מען גובר אַלע דינים און מען ווערט געראַטעוועט.

דורכדעם, וואָס מען איז מבטל די תאוה צו געלט, ווערט אַנטפּלעקט משיח און דער בית־המקדש ווערט געבויט.

דורכדעם, וואָס מען איז מבטל די תאוה צו געלט, ווערט נמשך וויסן, און דער, וואָס איז גובר אין זיך אין גאַנצן די תאוה, ווערט אָנגערופן חכם.

דער, וואָס צעברעכט די תאוה צו געלט, קען אויך מעלה־זיין יידישע

נפשות און באַנייען זיי און ער איז זוכה אַראָפּצוברענגען תורה אויף דער וועלט. אויך ווערט דורכדעם — יחוד קוב״ה ושכינתיה, און ער איז זוכה דורכדעם, אַז עס זאָל אַנטדעקט ווערן די תורה פון דער צוקונפט, די תורה פון עתיקא סתימא.

דורכדעם ווערט אויך דער תקון פון מרכבה עלאה און מרכבה תתאה.

דורך צדקה צעברעכט מען די תאוה צו געלט, דען דורך צדקה קילט מען אָפּ די היץ פון האַרצן, אויף וויפיל דאָס האַרץ ברענט פון דער געלט־תאוה; דורך איר (דורך דער צדקה) ווערט אָפּגעשוואַכט די תאוה צו עשירות און ער איז זוכה צו האַנדלען ערלעך און פרייען זיך (באַגנוגענען זיך) מיט דעם, וואָס ער האָט; און ער האָט נחת פון דעם, וואָס גאָט האָט אים געגעבן, און ער וויל גאָר ניט רייך ווערן און ווערט ניצול פון דער קללה: „בזעת אפיך תאכל לחם״, וועלכע ווערט מקוים בנוגע דעם, וואָס די געלט־תאווה מאַכט אים משוגע, מחמת אַזאַ איינער הערט נישט אויף צו האָרעווען אויף זיין עשירות און האָט קיין שום הנאה נישט.

דורך צדקה צעברעכט מען די תאוה צו געלט, און דאָס איז גלייך ווי מען איז מקטיר קטורת.

דורכדעם, וואָס מען איז ממשיך תורה אויף דער וועלט, איז מען ממשיך השגחה אויף דער וועלט און יעדער מענטש, לויט זיין נאָענטקייט צו דער תורה, אַזוי נאָענט איז דעם אויבערשטנס השגחה אויף אים.

ווען אַ מענטש גלוסט שטאַרק צו עפּעס, הייסט עס, אַז דעם נפש זיינעם פעלט עפּעס און ער איז אין דער בחינה פון חנה, וואָס איז געווען אַ מרת־נפש. דער מענטש איז דאַן צעזייט און די נשמה לייכט אין אים ניט. בכדי עס מתקן צו זיין, מוז ער גיין צום חכם־הדור און יענער וועט שוין מתקן זיין און מעלה זיין אַלע רעיונות זיינע צוזאַמען מיט זיינע גוטע רצונות. דורך אַט דעם תיקון וועט מקוים ווערן — „ונפש רעבה מלא טוב״ (די הונגעריקע נשמה האָט ער מיט גוטס געזעטיקט), און אויך: „והשביע בצחצחות נפשך״ (ער וועט אין וויסטעניש דיין נשמה זעטיקן),

און דעם מענטשנס יוגנט וועט ווי אַן אָדלער באַנייט ווערן, דען זיינע יונגע יאָרן, וואָס זענען אין פינצטערניש אַוועק, וועלן דורכגעליכטן ווערן און דאַן וועט ער ערשט רעכט הייסן „אדם״; און אויך זיין קערפּער וועט דערהויבן ווערן און באַנייט ווערן דורכדעם, וואָס ער איז געקומען צום חכם.

אַט די אַלע, וואָס קומען צום חכם־הדור, האָט דאָך יעדער איינציקער פון זיי זיין רצון הטוב; דער צדיק הויבט אויף די אַלע רצונות און דערמיט באַנייט ער די נשמות פון די, וואָס קומען צו אים, און ברענגט אַראָפּ די תורה, וואָס ער זאָגט זיי. קומט ממילא אויס, אַז יעדער איינציקער פון זיי האָט אַ חלק אין יענער תורה לויט דעם גוטן ווילן וואָס ער האָט צו עבודת הבורא, און אויך זיין נשמה ווערט באַנייט נאָך דעם ערך (פון זיין גוטן ווילן). דעריבער מוז זיך דער מענטש שטאַרקן צו קומען (צום צדיק האמת) מיט גוטע פאַרלאַנגען און מיט גוטע, שטאַרקע גלוסטונגען צו השם יתברך, כדי זיין נשמה זאָל וואָס שטאַרקער באַנייט ווערן. מיר האָבן אויך אַט וואָס געהערט: ווען דער חכם איז זיך מכין צו זאָגן תורה, דאַרף יעדער (פון די צוהערער) נאָכדענקען וועגן זיינע מעשים און זוכן (אין זיך) גוטע רצונות צו השם יתברך און תפלה־טאָן דערויף, כדי דער חכם זאָל קענען האַלטן אים ביי דער האַנט, אויפהויבן אים פון דעם אָרט, וואו ער געפינט זיך, און באַנייען אים צום גוטן נאָך זיין גוטן פאַר־לאַנג נאָך.

אַ מענטש דאַרף שטאַרק זוכן און נאָכפרעגן אויף אַ חכם, וואָס זאָל קענען אויפהויבן זיין נשמה און מתקן זיין זי. מען דאַרף שטאַרק גאָט בעטן, אַז מען זאָל זוכה זיין צו געפינען אַזאַ חכם.

צווישן די, וואָס פאָרן און קומען צום חכם הדור, מוז געמערט ווערן ליבשאַפט און זיי ברויכן מעורר זיין איינע די צווייטע און דערמאָנען איינע די צווייטע וועגן עבודת הבורא. דאָס גופאַ איז דער בעסטער באַווייז, אַז בעת זיי זענען געווען ביים חכם, איז זייער כוונה גוט געווען און זיי האָבן אָנגעהויבן באַנייט צו ווערן צום גוטן.

ווען מענטשן, וואָס זענען געווען אויסער דער קדושה, קומען אַריין אין דער קדושה, סיי גרים און סיי בעלי־תשובה (דען זיי זענען דאָך אויך פריער געווען אינדרויסן), און מען איז זיי מקרב און מען ברענגט זיי אַריין אינעווייניק, איז אין דעם דער עיקר כבוד פונעם אויבערשטן. דורכדעם ווערט הויך און טייער דער נאָמען פון גאָט ברוך הוא אויבן און אונטן. דורכדעם ווערט דער כבוד אומגעקערט צו זיין שורש און דורכדעם איז מען ממשיך שלום אויף דער וועלט.

מען קען אַנדערש ניט מעורר זיין צו תשובה, סיי רשעים און סיי גרים, סיידן דורכדעם, וואָס מען שיינט אַריין תורה אין דעם אָרט, וואו זיי זענען. דורך דער תורה קאָן מען מעורר־בתשובה זיין אַפילו מענטשן, וואָס זענען שטאַרק דערווייטערט געוואָרן. אַפילו אַ פושע־ישראל, כל זמן ער טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „ישראל״, כאָטש ער האָט געזינדיקט, איז ער דאָך אַ ישראל, קאָן מען דאָרום אַריינשיינען דורך דער תורה אין דעם אָרט, וואו ער געפינט זיך, אַ האָר פון זיין שורש נשמה און דורכדעם איז ער חוזר בתשובה.

יעדער מענטש, באַזונדערס אַ תלמיד־חכם, ברויך צו זען, דאָס ער זאָל קענען אַריינשיינען, דורך זיין לערנען, אין דעם שורש הנשמות, און דורך דעם קען ער מקרב זיין און דערוועקן צו תשובה אַפילו אַזעלכע רשעים און גרים, וואָס זענען זייער ווייט פון אים, און דורכדעם וועט ער זוכה זיין, אַז אויך זיין זון זאָל זיין אַ תלמיד־חכם. אָבער ווען ער לערנט ניט אין אַזאַ בחינה, וועט זיין זון ניט זיין קיין תלמיד־חכם.

אַ מענטש קען אַנדערש ניט זוכה זיין צו תורה ווי נאָר דורך שפלות, דאָס הייסט, ער זאָל צעברעכן זיין גאווה אין פירערליי שפלות, דען דער מענטש דאַרף זיך קליין האַלטן: א) פאַר גרעסערע פון אים. ב) פאַר מענטשן וואָס זענען גלייך צו אים. ג) פאַר מענטשן וואָס זענען קלענער פון אים. ד) פאַר זיך אַליין. דער מענטש מעג זיין אין גרונט אַ קטן שבקטנים, מוז ער זיך נאָך קלענער האַלטן, ווי ער איז אין אמתן, און מוז זיך שטענדיק זען נידעריקער פון זיין אייגענער מדרגה.

אַ מענטש דאַרף זיך היטן פון אַלע זאַכן, וואָס מענטשן האַלטן זיך מייסטנס גרויס מיט זיי, נעמלעך: חכמה, גבורה און עשירות. דער מענטש מוז ברעכן די גאווה וואָס ער האָט פון די דריי זאַכן און זיין באַשיידן און קליין־געהאַלטן אין אָט די אַלע זאַכן.

עס שטייט: „אין שלום בעצמי מפני חטאתי״. דאָס הייסט: עס איז קיין שלום ניטאָ צווישן דעם גוף און דער נשמה; נאָר דורך יראה איז דער מענטש זוכה צו אינערלעכן שלום. צוקומען צו אָט דער יראה, קען מען אָבער נאָר דורך קליין־האַלטן זיך און דורך תורה.

צום הויפּט־זין פון תפילה קומט מען אויך נאָר דורך יראה, דען אָן יראה איז אינעם מענטשן דער אינערלעכער שלום צעשטערט און ווען אָט דער אינערלעכער שלום איז ניטאָ, איז דער מענטש אַ בעל־מום, און אַזוי ווי תפילה איז אַ קרבן, קען ער צו תפילה ניט זוכה זיין, ווייל אַ בעל מום טאָר קיין קרבן ניט מקריב זיין.

די תאווה פון ניאוף איז — דאָס אַלגעמיין שלעכטע, וואָרעם אַלע בייזקייטן פון אַלע אומות־העולם גייען אַריין אין אָט דער תאווה. יעדעס פאָלק האָט אַן אָנהאַלט אין אַ וואָסער ניט איז באַזונדער בייזקייט, דאָס הייסט, אין אַ וואָסער ניט איז שלעכטער מדה אָדער שלעכטער תאווה און איז פאַרזונקען דאָרט. די תאווה פון ניאוף האָט אין זיך אָבער עפּעס, וואָס איז אַלגעמיין. אין אָט דער תאווה זענען אויפגעזאַמלט און קאָנצענטרירט אַלע בייזקייטן פון אַלע פעלקער און די אַלע בייזקייטן ברענען צוזאַמען און עס ווערט פון זיי אַ מוראדיק פייער.

די תאווה צו ניאוף, וואָס איז כולל אַלדאָס בייזע אינעם מענטש, איז דער נחש, וואָס האָט אָנגערעדט חוהן און זי פאַראומרייניקט. ס׳איז דער רוח־שטות אינעם מענטשן און די אשת־כסילות, וואָס וויל איבעררייִדן דעם רוח הקודש, וואָס איז אויך לשון הקודש *). דאָס איז דער טייטש פון: לפתח

---

*) אונטער „לשון הקודש״ פאַרשטייט ר׳ נחמן די שפּראַך, וואָס האָט קיין אומ־ריין וואָרט נישט.

חטאת רובץ, דער חטאת, דער נחש, ליגט ביים סאַמע טויער פון מענטשנס הארץ און פלייסט זיך גאַר באַזונדערס צו פאַרפלעקן זיין געשלעכט־לעבן.

דער מענטש דאַרף אָפּקילן זיין חמימות דורך לשון הקודש, אַזוי ווי עס שטייט: „חם לבי בקרבי — בהגיגי תבער אש — דברתי בלשוני", וואָס דאָס הייסט: ווען עס ברענט אַ פייער אין מיר — שטיל איך אים דורך מיין רעדן הייליקע רייד. דער אָבער, וואָס שטילט ניט זיין פייער דורך הייליקע רייד, שטילט אים דער בייזער שטורעם־גייסט זיינער דורך אומריינע נאַכט־זעאונגען.

דורכדעם, וואָס מען פאַרריכט אַלע זינד, וואָס מען האָט אומגערן געזינדיקט, איז מען זוכה צו דער פולקומענהייט פון לשון־הקודש.

דער פירוש פון פשוטן לשון־הקודש איז: דער מענטש זאָל אָפּהיטן זיין צונג און זאָל זי לייטערן מיט הייליקע ווערטער פון תורה און תפילה; אויך דאָן, ווען אַ ייד גיסט אויס זיין האַרץ פאַר גאָט אין פשוטן יידיש, בכדי זיין האַרץ זאָל מער דערוועקט ווערן, הייסט עס אויך „שלימות לשון הקודש".

ווער עס באַנוצט די שלימות פון „לשון הקודש" און היט אָפּ די פולע ריינקייט פון זיין געשלעכטלעכן לעבן, קען ער אַרויסרופן דעם הייליקן שיין פון די אותיות, וואָס זענען דאָ אין יעדער זאַך. דענסטמאָל זענען אויך זיין עסן, זיין טרינקען, אַלע זיינע פאַרגעניגנס דורכגענומען פון יענעם הייליקן שיין פון די אותיות.

אַ מענטש דאַרף אויסאַיידלען זיין געזיכט, עס זאָל אַזוי העל לייכטן און שיינען, דאָס יעדער איינציקער זאָל קענען אַריינקוקן אין אים, ווי אין אַ שפּיגל, און זאָל דאָרט זיך דערזען, און דורכדעם זאָל ער (דער אויסגעאיידלטער, דורכגעלויכטענער מענטש) קענען מחזיר בתשובה זיין אָן מוסר — בלויז דורכדעם, וואָס יענער, אַריינקוקנדיק אין זיין פּנים, וועט זיך דערזען פאַרזונקען אין פינצטערניש.

דער עולם פרעגט: צו וואָס דאַרף מען פאָרן צום צדיק הערן תורה פון אים, ווען מען קען ביי זיך אין דערהיים לערנען מוסר־ספרים? אין דער אמתן איז אָבער דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן דעם, וואָס הערט אַליין פונעם צדיק, און צווישן דעם, וואָס הערט די זעלבע תורה פון אַן אַנדערן, וואָס יענער האָט געהערט פונעם צדיק, און אַ פשיטא שוין — ווען מען הערט עס פון אַ דריטן, דען פון מויל צו מויל גייט דער דבור אַראָפּ מיט אַ מדרגה נידעריקער. דער, וואָס הערט פון צדיק, איז מקבל דעם „דבור לשון הקודש״ אינגאַנצן, דאָס הייסט מיט פולער יראה, אָבער דער, וואָס הערט פון אַ צווייטן, איז שוין ווייט פון אָט דער שלימות, דען דאָס וואָרט איז שוין אַראָפּ פון זיין פריערדיקער מדרגה. צווישן הערן און לייענען אין ספר איז אָבער נאָך אַ גרעסערער חילוק.

ווער עס וויל אַראָפּברענגען באורים צו דער תורה, דאַרף ער פריער אַראָפּברענגען פאַר זיך אַליין קויל־פייערדיקע דיבורים און מיט אָט די דיבורים דאַרף ער תפילה טאָן פאַר השי״ת, דאַן קומט גרויס רחמנות אַראָפּ און דער לב העליון ווערט געעפנט און הייסע ווערטער קומען פון דאָרטן אַראָפּ; און אין זיי — באורי התורה.

אַז דער צדיק האמת דרשנט פאַר פיל מענטשן, פאַרבינדט ער זיך מיט זייערע נשמות, און פאַרבינדנדיק זיך מיט די נשמות, גיסט ער אויס זיינע רייד און געבעט פאַר השי״ת. אַזוי אַרום ווערט זיין תפילה אַ תפילת רבים און זי ווערט געוויס אָנגענומען, אַזוי ווי עס שטייט: „הן אל כביר ולא ימאס״. די תפילה פאַרמערט די קדושה אויבן און זי דערוועקט דעם לב העליון און דורכדעם ברענגט ער (דער צדיק) אַראָפּ די באורי התורה וואָס ער זאָגט; קומט דאָך אויס אַז יעדער פון די, וואָס געפינען זיך בשעתן דרוש, האָט אַ חלק אין דער תורה וואָס ער (דער צדיק) אַנטפּלעקט. וואָס מער מענטשן עס זענען דאָרט, אַלץ מער נשמות גיבן דאָס זייעריקע אַריין אין דער תפילה פונעם צדיק און אַלץ מער קדושה קומט צו און אַלץ מער ווערט דערוועקט דער לב העליון און אַלץ מער ווערט די תורה אַנטפּלעקט.

אָט דאָס איז אויך דער חילוק צווישן דעם, וואָס לערנט פון ספר און דעם, וואָס הערט פון חכם. דען דער וואָס הערט פונעם חכם אַליין ווערט זיין נשמה, ווי שוין געזאָגט, פאַרבונדן מיט דער נשמה פונעם חכם, בשעת

זיין תפילה, האָט ער דורכדעם אַ חלק אין דעם ביאור. אויך דאָ: אָט די אַלע וואָס שטייען דאָרט בשעתן דרוש, ווערט זייער בייזקייט נכנע, דורך דעם גוטן וואָס איז דאָ אינעם חכם וואָס דרשנט. און וואָס שטאַרקער עס איז די הכנעה, אַלץ מער ווערן די פיינט, די קליפות, נכנע און אַלץ מער ווערן זיי אַרויסגעצויגן פון דער סטרא־אחראס רשות און אַריינגעצויגן אין רשות פון דער הייליקייט.

צווישן בראַסלאַווער חסידים

(פון אַ באַזוך אין בערדיטשעוו אין יאָר 1911)

וויל עמעצער, וואָס קומט צו־גאַסט קיין בערדיטשעוו, הערן געוויינלעכע נגינה, זאָל ער גיין הערן ניסן בעלזערס תלמיד; וויל ער הערן בערדיטשעווער חסידישע נגינה — זאָל ער גיין אין קאַרליבער שטיבל אַריין. ווען דער הייליקער שבת גייט אַוועק און די בערדיטשעווער וואָך קומט אָן מיט איר וויסטקייט, פינצטערקייט און אָרעמקייט, זיינען די קאַרליבער חסידים נאָך אין רעכטן ברען, זיי קומען ערשט אַריין „בגילופין" און עס חלומט זיך זיי נאָך גאָרנישט וועגן זעגענען זיך מיט דער מלכה־שבת. זייער געזאַנג מוצאי־שבת האָב איך פון וויטן דערהערט און איך האָב אין אים אַפילו אַ זכר פון זאָרג ניט געפילט. אין דעם פּאַלאַץ פון דער שכינה זיצן זיי — וואָס גייט זיי אָן הונגער און פּיין, חושך און דלות ?...

געוויס האָט יעדער פון זיי אַ היפּש ביסל פּעקלעך אינדערהיים, געוויס זיינען די פּעקלעך זייער שווער צו טראָגן, געוויס האָבן פיל פון זיי אי דערוואַקסענע טעכטער אינדערהיים ביי אַ פּוסטער קאַסע, אי וועקסעלעך צו צאָלן, אי דירה־געלט צו צאָלן, אי שכר־לימוד צו צאָלן, און אַז גאָט גיט, מוז מען היילן ווייב און קינד, און אַליין איז מען אויך אַ קצת חולה, און די עלטער רוקט זיך אָן, און עס איז שוין קיין כוח ניטאָ צו האָרעווען, און די וועלט איז געשלאָגן און קיין פּרנסה איז ניטאָ כאָטש צערייס זיך — וואָס מאַכט עס, אָבער, אויס? מען זיצט ביים מלך אַרום טיש. וואו גאָט ברוך הוא איז דאָ, דאָרט איז פאַר דאגות קיין אָרט ניטאָ. יידן האָבן אַ גאָט וואָס לעבט אייביק. דער זכות פון שבת וועט געוויס ביישטיין. דער אַלטער קאַרליבער איז דאָרט געוויס אַ גוטער בעטער. און בכלל: וואָס איז דאָ צו זאָרגן, ווען מיר האָבן אַלע

אַזאַ גוטן פּאַטער? — „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי״...

וויל, אָבער, עמעצער הערן גאָר אַן אַנדער מין נגינה; וויל עמעצער הערן אַ נגינה, וואָס קומט נאָכן טיפסטן און שווערסטן טרויער; וויל עמעצער זען באמת אַ געטלעכע שמחה; וויל עמעצער זען עקסטאַז, וואָס קומט ניט פון התלהבות און התפּעלות, נאָר פון טיפסטן און קלאָרסטן דעת; וויל עמעצער זען בחוש, ווי אַזוי מענטשן קאָנען אַרומגיין אויף דער ערד און דאָך זיין ניט דאָ, — זאָל ער מוחל זיין אַדורכמעסטן בערדי־טשעוו בלאָטעס, זאָל ער זיך קערעווען אין אַלערליי קרומע געסלעך; זאָל ער דורכגיין פאַרביי דעם אַלטן בית־עלמין, דעם גרויסן, וויסטן פעלד, וואו די נאַכט־שאָטנס לייגן זיך אויף די יתומדיקע בערגלעך, און וואו דער איינציקער, וויסטער, עלנטער בוים, וועלכן איר דערזעט אין עק פעלד, רופט טרערן אַרויס; זאָל ער דערנאָך דורכגיין די „לעבעדיקע שול״ (די שול אַרום אַלטן בית־החיים); זאָל ער פאַרביגיין נאָך אַזעלכע שולן, זאָל ער איינזאַפּן אין זיך די גאַנצע יידישע עלנטקייט און דאָס גאַנצע שווערגעמיט וועלכע לאָזן זיך באַזונדערס פילן אין יידישע שטעט, ווען די שבתדיקע שכינה האַלט זיך ביי געזעגענען מיט אירע קינדער און די פינצטערעווירקלעכקייט קוקט־אַרויס מיט אירע שטאַרע אויגן. זאָל ער נאָכער אַ קער־טאָן זיך צום שטיבל פון בראַסלאַווער חסידים, זאָל ער מיט זיך אַהין זיין גאַנצע צעבראָכנקייט ברענגען, זאָל ער זיך שטעלן אין אַ פינצטער ווינקעלע און הערן אַ קרעכץ נאָך אַ קרעכץ פון די עט־לעכע בראַסלאַווער חסידים וואָס זיצן אַרום טיש און הערן תורה, זאָל ער דערשפּירן אין זייער קרעכצן, ווי זייער זאָגער דריקט זיך אויס, „אַזאַ בענקעניש נאָך גאָט, אַז עס איז ניט אויסצוהאַלטן״, זאָל ער זיך גוט איינ־הערן, וואָס עס ווערט געזאָגט, זאָל אים ווייניק־וואָס אַרן, וואָס דער אָדער יענער פּסוק קומט ניט אַרויס אַזוי גלאַט און אַזוי גרינג, וואָס דאָ און דאָרט לאָזט זיך זייער פיל אָפּווענדן... זאָל ער דעם עיקר הערן, זאָל ער דעם טאָן הערן: די גרעסטע תמימות, וועלכע איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם גרעסטן דעת, די געוואַלטיקסטע געדאַנקען, וועלכע ווערן אַרויסגעזאָגט פאַרבייגייענדיק, אָן צו באַמערקן אַז דאָ ווערן גאַנצע עולמות אַנטדעקט, דאָס איבערטראָגן ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אַלץ פון דער ערד און דאָס אויפהויבן עס צו די העכסטע הימלען. זאָל ער דערפילן דאָ דעם וועלט־

טרויער, וועלכער מוז נאָך דער אינערלעכער גאולה איבערגיין אין וועלט־פרייד. זאָל ער דערשפּירן, אַז דאָ שוועבט דער גייסט פונעם גרויסן רבי נחמנען, וועלכער הייבט אויף מענטשן פון טיפסטן און פינצטערסטן גיהינום צום העכסטן אייביקן ליכט, זאָל ער נאָכער זען, ווי די חסידים גייען איינציקווייז און שטילערהייט אַרויס פון טיש, גיבן זיך די הענט איינער דעם צווייטן, מאַכן אַ ראָד, גייען אַ טאַנץ און עס איז ניט צו באַמערקן אין טאַנץ קיין איין גראָבע באַוועגונג, ווייל יעדער קער, יעדער ריר, יעדער בייג איז אויסגעפּיינט, אויסגעאיידלט און אויסגעהייליקט ביז צו דער העכסטער מדרגה. דו קוקסט און גלויבסט דיינע אויגן נישט. מענטשן, דוכט זיך, גאַנץ אייניפאַכע. יידן גאַנץ קליינע למדנים, אפשר גאָר ניט קיין למדנים. גוטער יאָר ווייסט זיי, נאָכן אויסזען בעלי־מלאכות און טרעגער, דערביי אַזאַ אינערלעכקייט, אַזאַ טיפקייט פון געפיל, אַזאַ קלאָרקייט פון געדאַנק, אַזאַ רוחניות אין יעדער תנועה, אין יעדן שטעל פון פוס, אין יעדן קלאַנג פון געזאַנג, וואָס עפּעס אַזוינס איז אוממעגלעך ערגעץ אַנדערש צו געפינען.

כל ימי גדלתי בין החסידים, מיר האָט זיך אויף מיין לעבן פאַר־שיידענע אַרטן ניגונים און טענץ געמאַכט הערן און זען — און אויסער איייניקע ניגונים פון אַלטע (ניט פון היינטיקע) חב״ד־חסידים, האָט זיך מיר ניט געמאַכט צו הערן און זען עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען און צו הערן דאָרט, אין דעם פינצטערן, פאַרוואָרפענעם שטיבל פון די בראַסלאַווער חסידים אין בערדיטשעוו. זייער שמחה איז אַן אמתע שמחה, זייער ניגונים איז געזאַנג פון גאולה. פרייע מענטשן זיינען דאָס. זאָגט אייך וואָס איר ווילט, די מענטשן, בפרט ווען זיי זיינען ביי זיך, זיינען ניט אין גלות. זיי זיינען אייביק אין זייער אייגענער היים — אין דער גאָטהייט. אויסערלעך וועט איר עס אויף זיי פיל ווייניקער באַ־מערקן ווי אויף אַלע אַנדערע חסידים. דער וואָס האָט, אָבער, אַן אויג צו זען אַמאָל וואָס אין אַ מענטשן טוט זיך, יענער מוז נשתומם־ווערן זעענדיק די אמתע, די פולקאָמע שמחה פון די מענטשן, ווען דורך זייער רקוד רעדן זיי צו גאָט.

צוגעקומען נאָענט צום בראַסלאַווער שטיבל, זאָגט מיר מיין באַ־גלייטער, אַ ייד אַ מתנגד: דאָ דאַרף מען גיין שטילער. זייער ריכטיק האָט ער באַמערקט. אַ באַזונדערס שטילע קדושה רוט אין אָט דעם שטיבל.

שטיל איז דער קרעכץ און דאַך איז ער בוקע רקיעים. שטיל איז די תורה און דאַך איז זי בוקב עד התהום. שטיל איז דער טאַנץ און איר ווערט, ניט ווילנדיקערהייט, געטראַגן דורך אים אין אַנדערע עולמות. שטיל איז דער ניגון און ער נעמט אייך דורך אינגאַנצן. שטיל איז אַלץ אַרום. אויסער די חסידים קומט דאָ אַ היפּש ביסל יידן פון גאַס. זיי קומען אַריין אָדער צופעליק אָדער אויס נייגעריקייט, נישט אָן אַ כוונה אָפּצולאַכן און חוזק צו מאַכן — און פאַרט איז דאָ אַלץ שטיל. אַלץ מוז הערן. ווילנדיק ניט ווילנדק ווערט דער לץ אויס לץ. ער מוז ערנסט ווערן. דאָס איז שוין דער כוח פון גייסט. דער העכערער און שטאַרקערער גייסט מוז דעם נידעריקערן און שוואַכערן גייסט מנצח־זיין.

דער זאָגער האָט אין זיין תורה געזאָגט:

— יידן מוזן אַלע פעלקער לערנען, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

גייט צו מיר צו איינער פון די לצים און מורמלט: ער מיינט אַפּנים, אַז גוים זאָלן קומען הערן זיין תורה...

שפּעטער אַביסל האָב איך געזען דעם זעלבן לץ און ער האָט אומ־געוויינלעך ערנסט געקוקט אויף אַלץ, וואָס קומט־פאָר אַרום אים. עס איז אים געווען גאָרנישט צום לאַכן.

באַמערקט האָב איך דאָרט אַ ייִנגל פון אַ יאָר פערצן, איינער פון די נייגעריקע. בשעת דער טאַנץ איז באַזונדערס שיין און פריילעך געוואָרן, הער איך, ווי דאָס ייִנגל זאָגט צו זיין חבר: „ווען אַלע יידן וואָלטן זיך אַזוי געפרייט מיט זייער אמונה וואָלט געווען אַזוי גוט!״

עס וואָלט טאַקע אַזוי גוט געווען, מיין קינד, אַזוי גוט...

.1911

זוך־צעטל

1) פּערזאָנען

א

ר׳ אהרן פון טיטייטאָב 206.

ר׳ אפרים פון סודילקאָוו 52.

ר׳ אברהם (בראַסלאַווער חסיד) 180, 181.

ר׳ אברהם קאַליסקער 92, 93, 94, 96, 108, 109, 114, 118, 119, 152, 153.

ר׳ אברהם מלאך 93, 172, 250.

ר׳ אלימלך מליזענסק 113, 250.

ר׳ אהרון וואַלדען 177.

אברהם־בער גאָטלאָבער 166.

ר׳ אהרון מאַרקוס 172.

ר׳ אהרון 162.

אר״י הקדוש 251, 252.

ב

ר׳ ברוך מעזשיבוזשער 52, 95, 152, 158, 159, 163, 165, 196, 211.

בעל שם טוב (בעש״ט) 51, 52, 54, 56, 66, 83, 84, 98, 100, 108, 114, 127, 132, 136, 137, 138, 140, 141, 142, 132, 136, 137, 138, 140, 141, 142, 147, 158, 159, 174, 177, 182, 205, 251, 255.

ר׳ בן־ציון (בראַסלאַווער חסיד) 184, 186 (באַמערקונג).

ר׳ ברוך קאָסאָווער 92.

ד

ר׳ דובער (דער מיטעלער רבי) 274.

ר׳ דוד צבי 185.

ה

האָדל (דעם בעש״טס טאָכטער) 52, 127, 140.

וו

ר׳ וואָלף זשיטאָמירער 170.

ווילנער גאון 182.

ז

ר׳ זאב־וואָלף פון טשאַרנע־אוסטראָ 98, 99, 107.

ר׳ זושא אניפּאָלער 113, 187, 250.

ח

ר׳ חיים־יוסף דוד אזולאי 101.

דער חוזה מלובלין 113, 152, 155, 250.

ר׳ חיים וויטאַל 175.

ר׳ חיים הכהן 175.

ט

טירהאָוויצער מגיד (ר׳ יקותיאל) 147, 148, 149, 160, 161.

י

ר׳ ישראל מת 130, 141.

ר׳ יצחק אייזיק 149, 150, 174.

ר׳ יקותיאל קאַמעלהאַר 171, 174, 176.

ר׳ יהודה (אַ בראַסלאַווער חסיד) 66.

ר׳ ישעיה (זון פון קאַמאַרנער) 96.

ר׳ יעקב־שמשון פון שעפּעטאָווקע 112, 114, 118.

ר׳ יעקב־יוסף מפולנאה 132.

ר׳ ישראל רוזשינער 159, 168, 172.

ר׳ יודל ראָזענבערג 175.

ר׳ יהודה ליב מושיקס 181.

יצחק בער לעווינזאָן 187.

ר׳ יחיאל (ר׳ נחמן בראַסלאַווערס ברודער) 291.

ר׳ יהודה הלוי 144.

ר׳ יצחק נעשכיזער 155.

כ

רבי כרוספדאי 113.

ל

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער 113, 165, 211, 249.
ר' לייבוש וואָלאָטשיסקער 163.
ר' לייב שרהס 168, 170.
ר' לייב יאנאוויטשער 189.

מ

ר' מרדכי קרעמעניצער 184, 187.
ר' מענדל וויטעבסקער 92, 93, 116.
מעזריטשער מגיד 93.
ר' משה וויטעבסקער 112, 116.
ר' מרדכי נעסכיזשער 152, 154, 155, 156, 157, 158, 159, 250.
ר' מענדל קאָצקער 154.
ר' מיכל זלאָטשעווער 154, 187.
מענדעלסאָן 241.

נ

ר' נחמן האָראָדענקער 51, 98, 100, 112, 127, 130, 132, 138, 140, 173, 174.
ר' נתן שטערנהאַרץ 61, 70, 146, 162, 173, 174, 177, 178, 179, 180, 181, 183, 184, 185, 186, 187, 188, 189, 190, 192, 193, 194, 195, 197, 199, 203, 204, 205, 206, 206, 207, 208, 210, 211, 212, 213 ביז 225, 248, 249, 250, 251, 267, 268.
ר' נחמן טשעהערינער 173, 180, 225.
ר' נפתלי 174, 178, 193, 198, 203, 205, 210.
ר' נחמן טולטשינער 180.
ר' נחמן טשערנאָבילער 147, 148, 149.
נאַפּאָלעאָן 239, 255.

ס

סאַוואַרנער רבי 211.

ע

ר' עמרם חסידא 56.

פ

פּייגע (די נביאה) 52, 56, 83, 140.
ר' פּנחס קאָריצער 113, 114, 168, 170, 171 240.
דער פּולנאהער (זע אויבן: ר' יעקב־יוסף מפּולנאה).

צ

ר' צבי הארקער 108, 130, 131, 132.

ק

קאָמאַרנער מגיד 96.
קאָזשעניצער מגיד 250.

ר

ר' רפאל בערשאַדער 168, 171.
רמב"ם 240, 241, 243, 274.
ראב"ע 240, 241.
רלב"ג 240, 241.
רבה־בר־בר־חנא 250.

ש

ר' שמחה 52, 82, 139, 139, 140.
ר' שמעון ב"ר בער 59, 62, 63, 66, 82, 83.
שלמה מיימון 195.
ר' שמואל אייזיק 66.
ר' שניאור־זלמן (הרב מלאַדי) 92, 93, 94, 149, 152, 153, 154, 155, 158, 166, 189, 250, 274.
שפּאָלער זיידע 147, 163, 164, 165, 166, 169, 173, 174, 175, 176, 177, 219.
ר' שלום פּראָבישטשער 95, 159.
ר' שמואל הורוויץ 203.
רבי שמעון בן־יוחאי 112, 251, 252.

2) חיבורים

אר״י הקדוש (ר׳ יצחק לוריא) — — — כתבי האר״י

ר׳ ברוך מעזשיבודער — — — — — „בוצינא דנהורא״

ר׳ אפרים סודילקאָווער — — — — — דגל מחנה אפרים

ר׳ נחמן בראָסלאַווער (זע אויך ר׳ נתן) — ליקוטי מוהר״ן

„ „ „ — — — — — — — סיפורי מעשיות

„ „ „ — — — — — — — ספר המידות (ספר הא״ב)

„ „ „ — — — — — — — שיחות הר״ן ; ליקוטי עצות

ר׳ שניאור זלמן (הרב מליאַדי) — — תניא (ליקוטי־אמרים)

ר׳ נחום טשערנאָבילער — — — — — מאור עינים

ר׳ וואָלף זשיטאָמירער — — — — — אור המאיר

ר׳ פנחס קאָריצער — — — — — — מדרש פנחס

בערדיטשעווסקי, מ. י. — — — — — ספר החסידים

ר׳ יקותיאל קאַמעלהאַר — — — — — דור דעה

ר׳ אהרון מאַרקוס — — — — — — חסידיזם

ר׳ אברהם מלאך — — — — — — חסד לאברהם

ר׳ חיים הכהן — — — — — — — טור ברקת

ע. נ. פרענק — — — — — — — היהודים בימי מלחמת נפוליון

הרב ר׳ יודל ראָזענבערג — — — — — תפארת מהרא״ל

ר׳ נתן — — — — — — — — — ליקוטי הלכות

„ „ — — — — — — — — — שבחי מוהר״ן

„ „ — — — — — — — — — חיי מוהר״ן

„ „ — — — — — — — — — מגיד שיחות

„ „ — — — — — — — — — מגילת חסידי ברסלב

„ „ — — — — — — — — — עלים לתרופה

„ „ — — — — — — — — — ליקוטי תפילה

„ „ — — — — — — — — — ליקוטי תנינא

ר׳ נחמן טשעהערינער — — — — — פרפראות לחכמה

„ „ „ — — — — — — — רמזי המעשות

חיד״א (ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי) — — שם הגדולים

ר׳ אהרון וואַלדען — — — — — — שם הגדולים החדש

מנחם נחום ליטינסקי — — — — — — קורות פאָדאָליע וקדמוניות היהודים שם
ר׳ מענדל ליובאַוויטשער — — — — — צמח צדק
שלמה מיימון — — — — — — אויטאָביאגראפיע
הלל צייטלין — — — — — — — אורו של משיח בתורת הברסלבי
״ ״ — — — — — — — חסידות
ר׳ נתן נטע האַנאָווער — — — — — שערי ציון
רמב״ם — — — — — — — — מורה נבוכים
ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער — — — — קדושת לוי

***

שבחי הבעש״ט